STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10615

YIDISHER KOLONIST

Mordecai Spector

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. ספעקטאָר

יידישער קאָלאָניסט

ראָמאַן

אין צוויי טייל

פארלאג „אחיספר",
ביי געז. „צענטראל",
ווארשע, נאוואליפקי 7.

מ. ספעקטאָר

יידישער קאָלאָניסט

JEWISH PUBLIC LIBRARY
60774
MONTREAL
מאנטרעאל
יידישע פאלקס ביבליאטעק

די שטאָט קאָכט זיך.

אין דער שטאָט נעזווינק איז פאָרגעקומען אַזוינס, וואָס זינט די וועלט שטייט האָט זיך נאָך אַזאַ מעשה נישט פאַרלאָפן.

ר׳ שלום רויטמאַן, איינער פון די שענסטע שטאָט-באַלעבאַטים, האָט פלוצלונג פאַרקויפט זיין שניטקראָם, די שטוב מיט דעם מעבל און דאָס גאַנצע איבעריקע באַלעבאַטישקייט און איז אַרויסגעפאָרן פון שטאָט אין דאָרף סטעפּקיוקע, און ווו מען איז נאָר געגאַנגען, ווו מען איז געקומען, האָט מען נאָר גערעדט פון ר׳ שלומען:

— סטייטש, ר׳ שלום! ווער האָט זיך געקענט ריכטן אויף אים, ער זאָל אַזוינס טאָן! אונדזער שענסטער באַלעבאָס איז ער געווען, אויף דער שענסטער מזרח-שטאָט איז ער געזעסן, מיט דער ערשטער הקפה איז ער שמחת-תורה געגאַנגען, די גרעסטע עליה צו דער תורה האָט מען אים געגעבן, און פאַרוואָס נישט?

ר׳ שלום איז געווען אַן ערלעכער ייד. ער האָט געקענט לערנען. אַ נדבה האָט ער ליב געהאַט צו געבן דער ערשטער. פאַר זיין שטילקייט און פיינקייט האָט אים יעדער ליב געהאַט. קיין פליג אויף דער וואַנט האָט ער נישט געטשעפּעט. היינט, ווער האָט זיך דאָס אויף אים געקענט ריכטן, ער זאָל אַזאַ זאַך אָפּטאָן?

— עס איז טאַקע אַ גרויס ווונדער, — האָט זיך אַ צווייטער אָפּגערופן, — און קיינער קען דאָס גאָרנישט פאַרשטיין, וואָס איז מיט ר׳ שלומען אַזוינס געוואָרן—אַ מענטש, פלוצלונג פון דער העלער הויט, פאַרקויפט די שטוב, די שניטקראָם, אַלץ, פון קליין ביז גרויס, און איז אַרויסגעפאָרן אין דאָרף אַריין, ווערן אַ דאָרפסמענטש — אַ יידישער מוזשיק! דאָס פּאַסט פאַר אַ גראָבן יונגאַטש, פאַר אַן אָרעמאַן,

אָדער פּאָר אַן אָרענדאר, — אַ קרעטשמאַר. זיי פּאַסט צו אַקערן און גראָבן גלייך מיט די פּויערים. אַזוינע זענען פריער געווען וואַסער-פירערס, טרעגערס, בעלי-עגלות, מעגן זיי גראָבן ערד, אָבער ווי קומט דאָס גאָר צו אַזאַ איידעלן יידן, ווי ר׳ שלום רויטמאַן, אַזאַ שיינער באַלעבאָס, צו ווערן אַ דאָרפסמענטש? מען קען דאָס גאָרנישט פאַר-שטיין. אים האָט זיך, מיינע שונאים, גאָר דער קאָפּ איבערגעקערט און דער שכל אָפּגענומען!

— הערסטו!? — איז איינער צווישן עולם אויפגעשפּרונגען. — איך שריי שוין לאַנג דאָס!

— הערט נאָר, יידן! — האָט אַ גרויער ברייטלעכער ייד זיך אַריינגעשטופּט אינמיטן רעדל. — איך מוז אייך זאָגן דעם אמת, אַז איך האָב ביז אַהער אין דעם נישט געגלויבט, איך האָב זיך אַלץ גע-טראַכט: עס, וואָס עס קען זיך מאַכן מיט אַ מענטשן! ווער קען עס פאַרשטיין? נאָר אַז איך האָב אים היינטיקן זונטיק, ווען עס האָט זיך ביי אונדז אין שטאָט געשטעלט דער יריד, געזען אויפן מארק פאָרן אויף זיין פּויערשן וואָגן און האָט פאַרקויפט פּראָסע מיט קאַרטאָפליעס, גלייך ווי אַלע מוזשיקעס, גלויב איך שוין אויך, אַז ר׳ שלום איז משוגע געוואָרן! איך האָב געמיינט, אַז ער וועט זיך כאָטש שעמען צו קומען אין שטאָט אַריין! נאָר גלויבט מיר, יידן, אַז איך בין דערציטערט געוואָרן, ווען איך האָב דערזען, ווי ער גייט אַרום צווישן די קראָמען גלייך מיט אַלע מוזשיקעס און קויפט איין אויף דער גאַנצער וואָך פּאָדעם, נאָדלען, טרוקענע פיש, בוימל און נאָך אַזעלכע זאַכן, וואָס אַ פּויער דאַרף האָבן אין דאָרף. איך האָב זיך געשעמט אים צו קוקן גלייך אין די אויגן, אַזוי ווי איך וואָלט עפּעס ביי אים געגנבעט. ר׳ שלום האָט אַפילו מיר געזאָגט אַ „גוט מאָרגן״ און גע-וואָלט מיט מיר אָנהייבן צו רעדן, נאָר איך ווייס נישט פאַרוואָס, איך האָב מיך עפּעס געשעמט און בין אַוועק מיין גאַנג און אים אַ וואָרט נישט געענטפערט.

איינער האָט זיך צעלאַכט:

— עס איז ביי אים אַ נייס ר׳ שלומען צו זען זונטיק אויפן מאַרק מיט זיינע פּאָר אָקסן, איינגעשפּאַנט אין גרויסן וואָגן מיט שטרוי. וואָס פאַר אַ לייטישער מענטש באַגעגנט זיך היינט מיט אים און רעדט מיט דעם יידישן מוזשיק אַ האַלב וואָרט? וואָרים, ווי הייסט דאָס? אַ ייד, ווייסט נישט פון קיין קלויז, פון

דאַוונען מיט אַ מנין, פון עולה-תורה זיין און פון נאָך אַנדערע יידישקייטן. ווען אַזוי זאָל זיך אויפפירן אַן עם-הארץ — אַ גראָבער יונגאַטש, אַרט עס מיך נישט, אָבער אַזאַ ייד, ווי ר' שלום, וואָס האָט פריער פון אַלע יידישע זאַכן געוווסט און האָט זיי מקיים געווען, און איצט פּלוצלונג האָט ער זיך איבערגעקערט — איך קען זאָגן, אַז דאָס איז גלייך ווי געשמדט, היינט וועלכער לייטישער ייד קען זיך מיט אים באַגעגענען?

— ווי אַזאַ לייטישער ייד מאַכט פון זיך אַ תל, אויף לייטיש געלעכטער!... — האָבן אַלע געזיפצט.

אַ צייט לאַנג האָבן די נעזווינקער יידן געקאָכט, געפּילדערט און גערעדט וועגן ר' שלום רויטמאַן, וועלכן מען האָט אָנגעהייבן רופן אין דער גאַנצער געגנט: „דער יידישער מוזשיק", „פּויער".

ר' שלום רויטמאַן.

ער איז איינער פון אַ סך יידן אין אוקראַינע און אין פּאָדאָליע. זיי זיצן זייער גאַנץ לעבן ביי זייערע קראָמען, האַנדלען און וואַנדלען, באַר זיי טראַכטן גאָר וועגן עפּעס אַנדערש. זייער זעלטן, ווען זיי ווייזן זיך אַרויס, ווער זיי זענען באמת... זיי לעבן אָפּ זייערע יאָרן און שטאַרבן אַזוי אַוועק און מען ווייס נישט, ווער זיי זענען געווען.

ר' שלום רויטמאַן האָט נישט געוואָלט אַזוי ווי זיי אָפּלעבן זיין וועלט און זיינע טיף באַהאַלטענע געדאַנקען מיטנעמען אין קבר אין נישט פאַרווירקלעכן זיי אין לעבן, און האָט, אויף אַלע נעזווינקער יידנס וווּנדער, זיך אַרויסגעוויזן, ווער ער איז באמת.

ר' שלום איז געווען אַ ייד פון לערנען און האָט זייער ליב געהאַט אַ ספר, מיט וועלכן ער האָט זיך קיינמאָל נישט געשיידט. ער האָט ליב געהאַט יידן און נאָכמער די יידן, וואָס האָבן געלעבט

צוריק מיט טויזנטער יאָרן אויף זייער אייגענער ערד — אין ארץ-ישראל, ווו יעדער ייד האָט געהאַט זיין ווייגשטאָק, שאָף און קעמלען.

זיצנדיק ביי זיין שניטקראָם, האָט מען געמיינט, אַז ר׳ שלום קוקט אַרויס אויף קונים, נאָר באמת איז ער געווען פאַרטראַכט וועגן די אַמאָליקע יידן, וועלכע זענען געווען שטילע ערדאַרבעטער. זיי האָבן געגעסן זייער ברויט, וואָס זייערע הענט האָבן זייערע פעלדער פאַראַקערט און פאַרזייט. טראַכטנדיק וועגן דעם, האָט זיך זיין האַרץ דערוואַרעמט פאַר פרייד און ער איז שטאָלץ געווען, וואָס די אַמאָליקע יידן זענען זיינע זיידעס.

נאָר ווען ער פלעגט וועגן דעם אויפהערן טראַכטן און זיך אַרומקוקן, וואָס עס טוט זיך איצט אַרום אים, פלעגט ער אַ דערציטערט ווערן, זעענדיק, ווי אין זיין שטעטל נעזווינק זענען די יידן שענקערס, פראַצענטניקעס, פאַקטוירים, קרעמער, ווינט-קאַפערס, וואָס מאַכן זיך פאַר פאַיאַצן ביי דעם פוילישן פריץ, הנפהנען דעם „שליאַכטיץ״, אַבי נאָר כאַפּן אַ קערבל און נעמען וואָס מער פראַצענט פאַר מעקלעריי אָדער פאַר לייען געלט.

ווען שלום רויטמאַן פלעגט וועגן דעם טראַכטן און פאַרגלייכן אַמאָליקע יידן צו היינטיקע, פלעגט ער זיך אָנכאַפּן ביים קאָפּ און זיך פרעגן:

— ווי קומט דאָס צו יידן? ווי קומט שאַכער-מאַכער און ווינט-פרנסות צו די אייניקלעך פון די אַמאָליקע יידן, וועלכע זענען געווען שטילע ערדאַרבעטער?

ר׳ שלום, זייענדיק אַ ייד, וואָס האָט שטענדיק ליב געהאַט אַריינצוקוקן אין אַ ספר, האָט זייער גוט געוווּסט די פילע סיבות דערפון. ער איז גוט געווען באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון זיין פאָלק און נישט איינמאָל אין די לאַנגע ווינטערנעכט האָט ער ליב געהאַט דערציילן זיין ווייב פריידע וועגן דער געשיכטע פון יידישן פאָלק, ווייל פריידע, זיצנדיק מיט אַ זאָק לעבן דער וואַרעמער הרובע, האָט זייער ליב געהאַט, ווען איר שלום האָט דערציילט און גערעדט מיט איר.

אויך איצט האָט ער איר דערציילט וועגן אַמאָליקע יידן און זי האָט אים געפרעגט:

— דו ביזט טאַקע גערעכט, שלום... ווי קומט עס, וואָס די יידן

וועלכע זענען געווען אַ פּאָלק פון פּאַשען שאָף און אַקערן ערד, זאָלן זיך איצט פאַרנעמען מיט ווינט-פּרנסות?

— און נאָך וואָס פאַר אַ ווינט-פּרנסות! עס איז מיר אַ בזיון גאָר אויף דעם מויל אַרויסצוּברענגען. די יידישע שונאים הערן אונדז נישט אויף צו שטעכן די אויגן מיט אונזערע פּרנסות און באַשולדיקן אונדז אין אַלדאָס בייז. נאָר שולדיק אין דעם זענען טאַקע די יידישע שונאים אַליין מיט זייערע זיידעס און עלטערזיידעס, ווייל זינט מען האָט די יידן אַרויסגעטריבן פון זייער לאַנד ארץ-ישראל און זיי זענען צעשפּרייט געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט, צווישן פרעמדע פעלקער, וועלכע האָבן אויף זיי געקוקט מיט שלעכטע אויגן, ווי אויף שפּינען, האָט מען יידן צו קיין אָרנטלעכער אַרבעט נישט געוואָלט צולאָזן, נאָר יידן האָבן דאָך אויך מיילער און ווילן אויך לעבן גלייך מיט אַלע באַשעפעניש, האָט מען זיי נאָר געלאָזט האַנד-לען מיט אַלטע שמאַטעס.

פריידע האָט אָנגעהייבן זיפצן איבער דער שרעקלעכער עוולה, וואָס די גוייִשע פעלקער האָבן געטאָן דעם יידישן אויסדערוויילטן פאָלק, און האָט פון גרויס יסורים פאַרלוירן צוויי „אייגלעך" אין איר געשטריקטן זאָק.

— שאַ, זיפץ נישט, יום-כיפּור איז שוין אַוועק. צו תשעה-בעב איז נאָך ווייט און באלד וועט זיין שמחת-תורה. איך האָב פיינט, אַז מען זיפצט! שוין באַלד צוויי טויזנט יאָר, אַז מיר, יידן, האַלטן אין זיפצן. איך האַלט נישט פון תשעה-בעב! איך האָב ליב, אַז מען טוט. פון טאָן קען עפּעס אַרויסקומען. פון זיפצן גאָרנישט! געדענק, פריי-דע, עס וועט אַמאָל קומען אַ טאָג, וואָס איך וועל ווערן אויס שניט-קרעמער! איך וויל עס נישט זיין און קען עס נישט זיין! דו הערסט!?

— שאַ, שטילער אַ ביסל, דו האָסט שוין ווידער דיינס אָנגעהייבן, — דערצייל בעסער ווייטער, — איר וועל שוין מער נישט זיפצן...

עס זענען אַריינגעקומען זייערע צוויי קינדער, חיימל און חוהלע. זיי זענען צוגעגאַנגען צו די עלטערן זאָגן „אַ גוטע נאַכט" און גע-וואָלט גיין שלאָפן, נאָר ר' שלום האָט זיי אָפּגעהאַלטן, און אָן ווער-טער האָט ער זיי ביידע אַרויפגעזעצט אויף זיינע קני, לאַנג געדריקט זיי צום האַרצן, דערנאָך האָט ער זיי אָפּגעלאָזט.

— גייט, קינדערלעך, שלאָפן געזונטערהייט. זייט רויִק. כל זמן

איך לעב, וועל איך נישט דערלאָזן, אַז איד זאָלט זיין קרעמער, ווי אייער טאַטע־מאַמע... שלאָפט רויק.

די קינדער האָבן נאָכאַמאָל געזאָגט אַ „גוטע נאַכט", און נישט פאַרשטייענדיק, וואָס דער טאַטע האָט געזאָגט, זענען זיי אַרויסגעגאַנגען פון צימער מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, זייענדיק בּיי זיך זיכער, אַז דער טאַטע האָט זיי געוויס צוגעזאָגט מאָרגן זיי עפּעס געבן אַ גוטע שיינע זאַך.

די קינדער האָבן זיך פריילעך איבערגעקוקט, און שפּרינגענדיק זענען זיי אַרויס פון צימער.

ווען די קינדער האָבן הינטער זיך פאַרמאַכט די טיר, האָט ר' שלום ווייטער אָנגעהייבן דערציילן:

— הייסט עס, אַז יידן האָבן געמוזט האַנדלען מיט אַלערליי שמאַטעס, אַבי צו קענען דערהאַלטן דאָס לעבן. דעמדאָזיקן שיינעם מסחר האָט מען זיי געלאָזט דערפאַר, ווייל קיין לייטישע מענטשן האָבן זיך מיט אַזעלכע זאַכן נישט פאַרנומען. און יידן האָבן זיך געמוזט שוואַרצן דאָס פּנים און אַרומגיין איבער די גאַסן און שרייען: האַנדל! האַנדל! יידן זענען זיך דאָך אָבער פון תמיד אָן גרויסע מיוחסים און גדלנים, אַ קלייניקייט: דוד המלך און שלמה המלך, די כּהנים און די לוים, וואָס האָבן באַדינט אין אונדזער בית־המקדש, זענען אויך געווען יידן, איז זיי אין פּוילן נישט אָנגע־שטאַנען צו האַנדלען מיט שמאַטעס, האָבן זיי עס אַ נאָמען געגעבן „מסחר", „האַנדל", „קאָמערציע".

ר' שלום האָט פאַררויכערט זיין לאַנגן לולקע־ציבעק און ווייטער דערציילט:

— אָט שפּעטער, אַז די יידן זענען אַנטלאָפן פון די אַרויסגע־טריבענע לענדער קיין פּוילן און אַז די פּאָליאַקן האָבן באַדאַרפט עפּעס קויפן אָדער פאַרקויפן, וואָס דאָס אַליין צו טאָן איז פאַר זיי געווען שלא בּכבוד, האָבן זיי דאָס אַלץ אויסגעפירט דורך דעם דערנידערטן, געפּאַלעטעם יידן. דער גר, דער יתום, דער עלנטער ייד האָט זיי געמוזט פּאָלגן. ווער שמועסט האַלטן קרעטשמעס, שענ־קען און נאָך אַזוינע פּרנסות האָט מען מיט געוואַלד אָנגעהאָנגען יידן.

— וואָס הייסט מיט געוואַלד? — האָט פריידע מיט פאַרוווּנדע־רונג געפרעגט, — נאָר בּיי כּעלמער נאַראָנים קען זיך טרעפן אַזא

מעשה מען זאָל מיט געוואַלד אוועקגעבן אַזאַ גוטע פּרנסה, ווי אַ קרעטשמע אָדער אַ שענק.

— ביזט א יידענע און פאַרשטייסט נישט, וואָס איך רעד... אַזוי איז דאָס געווען אַמאָל אין פּוילן, די יידן האָבן זיך אויפגעפירט לייטיש, נישט געשיכורט, נישט געהוליעט, ווי די פּאָליאַקן און האָבן אָנגעקליבן אַ מזומן קערבל. דער פּאַרפלוטעטער פּריץ האָט דאָס דערשמעקט און האָט אָנגעהייבן לייען ביים יידן געלט אויף פּראָ-צענט. אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט ביז יידן זענען געוואָרן פּראָצענטני-קעס, מעקלער און מה-יפית-זינגער צוליב דעם גראָשן... און מיט דער צייט זענען זיי שוין אַזוי צוגעוויינט געוואָרן צו זייערע פּרנסות, אַז ערדאַרבעט אָדער אַ מלאכה איז ביי יידן געוואָרן אַ בזיון, דערפאַר אָבער איז אַ שענקל, אַ קרעטשמע, אַ קראָם, לייען געלט אויף פּראָ-צענט, געוואָרן פון די שענסטע פּרנסות. מיט די געצייל׳טע יידישע בעל מלאכות האָט מען זיך געשעמט און מיט ערדאַרבעטער אַוודאי. אַזעלכע אַרבעטן פּאַסטן פאַר פּויערים, עמי-הארצים, גראָבע יונגען. איצט בין איך אַליין אַ קרעמער, איך האַנדל און וואנדל, כאָטש איך קען דאָס נישט איבערטראָגן, ווייל זיין אַן ערלעכער סוחר איז זייער שווער. אונדזער שניטקראָם איז נישט פאַר מיר, ווייל איך קען נישט אָפּמעסטן פּופּצן וויערשקעס פאַר אַן אַרשין, ווי דאָס רוב אַנ-דערע קרעמער. איך קען פאַלש זיין נישט אָפּשווערן דאָס געביין ביי ווייב און קינדער, אַז די סחורה קאָסט מיך טייערער פון דעם מקח, וואָס דער קונה באַט אָן. איך קען נישט חנפענען דעם פּריץ און דערביי הערן, ווי ער רופט מיך מיט די שענדלעכסטע נעמען און איך זאָל אים זאָגן „וויעלמאָזשני פּאַן"... איך קען דאָס נישט, פריידע, איך בין ביי זיך נישט ווייניקער שטאָלץ, וואָס איך בין אַ ייד, ווי דער פּריץ איז אַלס פּאָליאַק... איך קען זיך נישט לאָזן טרעטן מיט די פיס און קושן דעם פּריצס בייטש ווי עס טוען אַלע אַנדערע יידן, איך קען נישט!

אַזוי פלעגט זיך ר׳ שלום אָפּט קלאָגן פאַר זיין פרוי און זי האָט אין דער שטיל געזיפצט, וואָס איר מאַן רעדט עפּעס אַזעלכע ווערטער, וואָס מען הערט נישט פון קיין אַנדערע יידן.

די שטילע, רויקע, איבערגעגעבענע צו איר מאַן און קינדער, פריידע, האָט אַמאָל געפרעגט איר מאַן, פאַרוואָס-זשע איז ער אַ

שניטקרעמער געוואָרן, ווען אַזאַ פרנסה געפעלט אים נישט, האָט ער איר געענטפערט:

— איך ווייס נישט... עס האָט זיך אַזוי געמאַכט... איך בין אין דעם נישט שולדיק.

— מסתמא האָט גאָט אַזוי געהייסן, — האָט פריידע דערביי געזאָגט.

און באמת, האָט ר׳ שלום אַליין נישט געוווּסט וויאַזוי ער איז אַ סוחר געוואָרן.

ווען ער איז אַראָפּ פון קעסט, האָט ער שוין געהאַט אַ ווייב מיט צוויי קינדער. ער האָט געמוזט עפּעס טאָן. דאָס מזומנע געלט אויפצועסן איז נישט קיין חשבון, אויף לאַנג קען עס נישט געדויערן. שוין דעמאָלט האָט ער פיינט געהאַט מסחר, און די אַלערליי געשעפטן, מיט וואָס יידן פאַרנעמען זיך זענען אים נישט געפעלן. נאָר זעענדיק, ווי פון זיין נדן-געלט ווערט וואָס אַמאָל ווייניקער, איז ער דערווייל געוואָרן אַ שניטקרעמער צוליב זיין ווייב, ווייל זי האָט געקענט דעם מסחר פון שניטקראָם ביי אירע עלטערן.

ר׳ שלום איז דערווייל געוואָרן אַ קרעמער און איז געבליבן ביים געשעפט גאַנצע זעקס יאָר. ער האָט זיך פאַרדינט אַ נאָמען פון אַן ערלעכן סוחר און אַ שטילן באַלעבאָס. ער האָט קיינעם נישט אָפּגענאַרט און איז נישט געשטאַנען ביי דער קראָם שלעפּן פון דער גאַס קונים ביי די פּאָלעס. איבער זיין ערלעכקייט איז די הכנסה פון זיין קראָם קוים געגנוג געווען צו דעקן די הוצאות. ער האָט צוגעזען, ווי אַנדערע קרעמער, זיינע קאָנקורענטן, מאַכן אַ סך בעסער פון אים, און ער האָט אין דעם קיינעם נישט באַשולדיקט, נאָר זיך אַליין.

— יעדן געשעפט דאַרף מען ליב האָבן און מען דאַרף קענען אַ ביסל צושווינדלען, — פלעגט ער זאָגן. — איך אַליין האָב פון תמיד אָן פיינט דעם האַנדל, שווינדלען קען איך אַוודאי נישט, מיין איינציקער געדאַנק איז אין לעבן, זיך נישט אָפּגעבן מיט מסחר. צום סוף בין איך אַליין אַ קרעמער... ניין, איך וועל נישט שטאַרבן קיין קרעמער און וויל נישט, אַז מיינע קינדער זאָלן נאָך מיר זיין קרעמערס, ניין! ניין! איך וויל קיין סוחר נישט בלייבן! נישט דערויף האָב איך געבראַכט קינדער אויף דער וועלט, אַז פון זיי זאָל בלייבן

דאָס, וואָס איך האָב פיינט... ניין, מיט מיר וועט אזוי נישט בלייבן... איך וויל לעבן אזוי ווי איך פאַרשטיי...

אָפט פלעגט זיך ר׳ שלום אויסרעדן דאָס האַרץ פאַר זיין פרײַ און נאָכמער און אָפטער פאַר דעם „לערער״, ר׳ קלמן טעפּליקער. וועלכער איז געווען אַ גרויסער למדן. ער וואָלט געקענט זיין דער גרעסטער מלמד אין שטאָט, נאָר ער איז געווען אַ שטענדיקער קראַנקער מיט אַ שוואַך האַרץ און האָט נישט געטאָרט לערנען מיט קינדער. נאָר אַזויווי מען מוז לעבן און מען דאַרף זיך מפרנס זיין, האָט ער זיך פאַרנומען מיט לערנען שרייבן. דאָס, האָט ער געפונען, איז פאַר אים גרינגער, ווי מלמדות, מיט וואָס ער פלעגט זיך פאַרנע־מען אין די פריערדיקע יאָרן.

אָט דעם לערער האָט ר׳ שלום זייער ליב געהאַט, ווייל ער איז געווען אַ תלמיד־חכם און זייער אַן אָרנטלעכער מענטש.

ר׳ שלום פלעגט אָפט, אין זיין פרייער צייט, פאַרברענגען און שמועסן מיט ר׳ קלמנען און ער פלעגט זאָגן זיין ווייב פריידען, אַז קיינער פאַרשטייט אים נישט אַזויווי ר׳ קלמן טעפּליקער.

דערצו איז ר׳ קלמן געווען אַן עלטערער מענטש. זיין פרוי איז געשטאָרבן, און זיינע קינדער, ווי זיי זענען נאָר אונטערגע־וואַקסן, זענען זיך צעפאָרן איבער דער וועלט, און זיין צייט פלעגט ער נאָר פאַרברענגען מיט זיינע תלמידים, וועלכע ער פלעגט לערנען שרייבן, אין בית־המדרש אָדער ביי ר׳ שלומען אין הויז, וווּ זיי פלעגן פאַרברענגען אין לאַנגע שמועסן.

אָפט פלעגט ר׳ שלום מיט ר׳ קלמן טעפּליקער אַרומשפּאַצירן אונטער דער שטאָט און פירן זייערע שמועסן, וועלכע ביידע האָבן אַזוי שטאַרק ליב געהאַט.

דאָ, אונטער דער שטאָט, האָבן זיי זיך געפילט ווי אויף דעם זיבעטן הימל און פאַרגעסן אָן דער שטאָט מיט דעם גאַנצן הו־האַ.

— איר מיינט, ר׳ שלום, אַז נאָר איר זענט איינאייינציקער ייד, וואָס טראַכט אַוועקצוּוואַרפן די מסחרים און זיך נעמען צו שטילער רויִקער ערדאַרבעט? אַ סך, זייער אַ סך יידן, זיצנדיק ביי זייערע קראָמען, טראַכטן וועגן דעם, נאָר קיינער האָט נישט אין זיך אַזויפיל שטאַרקייט, ער זאָל עס פועלן ביי זיך און איבערגיין פון מחשבות צו מעשים. איך אַליין טראַכט וועגן דעם, נאָר גאָט האָט מיך

געשטראָפֿט, איך בין אַ קראַנקער און צו צרדאַרבעט דאַרף מען זיין אַ געזונטער מענטש.

ר׳ קלמן טעפּליקער האָט אַ טראַכט געטאָן און זיך ווידער אָנגערופֿן:

— אָ, ווען איך בין אַ געזונטער מענטש, וואָלט איך געווען דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט! איך וואָלט פֿאַר אַ שטיקל ערד אָוועקגעגעבן די בעסטע קראָם מיט סחורה און וואָלט אַליין געאַקערט די ערד. קוקט נאָר ווי שיין זענען די פֿעלדער און ווי מקנא בין איך יעדן פּויער, וואָס לעבט אין די דערפֿער און באַאַרבעט זיין פֿעלד. איך ווייס און פֿיל, אַז אַ סך יידן טראַכטן אַזוי־ווי מיר.

ר׳ קלמן האָט אָנגעוויזן מיט דער האַנט אין דער זייט פֿון דער שטאָט:

— מיר זענען יעדן טאָג, ווי דער מעקלער, דער פֿאַקטאָר לויפֿן איבערן שטאָט אַהין און צהער: פֿון איין גביר צום אַנדערן, דער שוויס רינט זיי איבער די באַקן... קוקט אויף דעם שענקער, וואָס זיצט אונטער דער סטאָיקע און אויף די קרעמער, וואָס זיצן ביי זייערע קראָמען און בראָטן זיך אויף דער זון. די שונאי־ישראל קוקן אויף די אַלע ווי אויף שאַכער־מאַכערס, ווי אויף די מיאוסטע באַשעפֿענישן און רופֿן זיי מיט די שמוציקסטע ווערטער... נאָר וואָס טראַכט יעדער פֿון זיי: דער אומגליקלעכער מעקלער, וואָס לעבט פֿון ווינט, אָדער דער קרעמער ביי זיין קראָם, אַפֿילו די שענקער אונטער דער סטאָיקע און אַלע אַנדערע יידן, וואָס מוזן עפּעס פֿאַרדינען פֿאַר ווייב און קינדער? — ווער בין איך? — טראַכט זיך אַזאַ ייד. — וואָס האָב איך היינטיקן טאָג געטאָן? איך האָב היינט פֿריי אָפּגעדאַווענט, איך האָב געהאַט אַ קונה און געלייזט עטלעכע קערבלעך, פֿאַרדינט אפשר אַ קערבל אין דעם פּדיון, דערביי זיך אָפּגעשוווירן דאָס געביין, פֿאַרשאָלטן דאָס ווייב און קינדער, אַבי דער קונה זאָל מיר גלויבן, אַז איך זאָג אים די ריכטיקע פּרייז... איך האָב אים געחנפֿעט, געמאַכט אַלע קרעמערשע שטיקלעך, און האָב אים טאַקע זיך ענאַרט און פֿאַרדינט מיינע קינדער אויף ברויט... וואָרים ווען איך זאָל אים נישט אָפּנאַרן, וואָלט איך נישט געקענט פֿאַרקויפֿן... איצט קוק איך ווידער אַרויס, ווי דערטאַפּט מען אַ נייעם קונה?.. נאָר ווי קוקן אויף מיר די קונים, וואָס פֿאַר אַ פּנים האָב איך ביי זיי? בין איך דען

נישט קיין מענטש? און דאַך רופט מיך יעדעס קלײנבעטע פּריצל מיט די מיאוסטע נעמען...

— אַט אַזוי טראַכט יעדער ייד, — האָט ר׳ קלמן טעפּליקער געזאָגט, — יעדער שאַכער-מאַכער, ווי אונדזערע שונאים רופן אַזעלכע יידן. און גלויבט מיר, ר׳ שלום. אַז יעדער פון זיי וואָלט געוואָלט פאַרבייטן זייערע יידישע פּרנסות אויף אַ שטיקל ערד און זיך לעבן רויק, גלייך מיט אַלע... נאָר אַזאַ ייד ווייסט נישט ווי־אַזוי עס אָנהייבן צו טאָן. ער האָט מורא אָנצוהייבן, מען זאָל נישט לאַכן פון אים... ער וואַרט, אַנדערע יידן זאָלן אָנהייבן זיך באַשעפטיקן מיט ערדאַרבעט און ער וועט נאָכטאָן... אַליין זיין דער ערשטער האָט ער מורא... ער שעמט זיך אַפילו עמעצן צו זאָגן, וואָס ער טראַכט ביי זיך אין האַרצן.

— איר וועט זען, ר׳ קלמן, — האָט זיך אָנגערופן ר׳ שלום רויטמאַן, — עס וועט קומען אַ טאָג, וואָס איך וועל זיין דער ערשטער ייד אין אונדזער געגנט, וואָס איך וועל אַוועקוואַרפן די שטאָט, די קראָם מיט מיין גאַנצער באַלעבאַטישקייט... איך וועל אַרויס אין דאָרף און ווערן אַ פּויער... איך וועל ווייזן אונדזערע משכּילים, אונדזערע געבילדעטע יידן, וועלכע האַלטן אין איין דרשענען, אַז יידן דאַרפן ווערן ערדאַרבעטער און אַליין קריכן זיין פון דער הויט, גיבן אַוועק דעם לעצטן גראָשן און שיקן זייערע קינדער אין די גימנאַזיעס, אין די אוניווערזיטעטן, מאַכן פון זיי גוים, אַז די קינדער שעמען זיך אַליין מיט זייערע עלטערן... און איך וועל מיינע קינדער באַכן פאַר יידישע ערדאַרבעטער.

— אויף ווען־זשע וואַרט איר, ר׳ שלום? איר זענט איצט ביי אייערע בעסטע קרעפטן, די בעסטע יאָרן... אַזאַ ענין קען מען נישט אָפּלייגן, ווען מען ווערט עלטער! אייער פריידע, ווייס איך, וועט אייך אין קיין זאַך נישט שטערן, אייערע קינדער זענען נאָך קליין, זיי זאָגן אייך וועלן זאָגן אַ דעה. איר קענט איצט אַלץ טאָן, וואָס איר וועט נאָר וועלן... היינט, פאַרוואָס לייגט איר עס אָפּ? אַן עבירה יעדעס יאָר, וואָס גייט אַוועק. אָ, ווען איך בין געזונט! אַ פראָסטער אַרבעטער וואָלט איך אויף אייערע בעדער געוואָרן.

— איך ווייס דאָס אַלץ זייער גוט און איך טו שוין טאַקע אין דעם... איך גרייט צו מיין ווייב, זאָל לעבן, צו דעם געדאַנק, אַז מיר זאָל איבערפאָרן אין דאָרף. איך גיי צו קויפן גוטע ערד, איך וויל

דאָס טאָן בסוד פאַר יעדן... אַלע אין שטאָט וועלן לאַכן און חוזק מאַכן פון מיר. זאָלן זיי דאָס טאָן, ווען איך וועל שוין אין שטאָט נישט זיין... זאָלן זיי חוזק מאַכן, וויפל זייער הארץ גלוסט, אַבי איך וועל שוין נישט זיין אין שטאָט. קיינער וועט מיך נישט קענען איבער־רעדן, אַלץ וועט שוין זיין פאַרפאַלן. איך וועל אַלעמען ווייזן, וואָס אַ מענטש קען טאָן, ווען ער וויל נאָר באמת, נישט נאָר פלוידערן!

ר׳ קלמן האָט מיט שמחה זיך אָנגערופן:

— וועל איך, הייסט עס, נאָך דערלעבן צו זען, ווי אַזאַ ייד, ווי איר, וואַרפט אַוועק האַנדל־וואַנדל און ווערט אַן ערדאַרבעטער, גלייך ווי אונדזערע זיידעס אויף זייער אייגענער ערד אין ארץ־ישראל!

— פאַרוואָס זאָלט איר נישט דערלעבן עס צו זען? זאָל נאָר גאָט העלפן, איך זאָל זיך אין דאָרף איינאָרדנען, וועל איך אייך נעמען צו זיך אין דאָרף אריין.

— עט, ווי קום איך אין דאָרף? — האָט ר׳ קלמן אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט און אָנגעוויזן מיט דער צווייטער האַנט אין דער זייט, וווּ עס געפינט זיך דער בית־עולם פון שטאָט.—אָט דאָרטן איז מיין אָרט גאָר אינגיכסטן... וואָס וועל איך, אַ קראַנקער מענטש, טון אין דאָרף? זיצן ביי אייך אויפן קאַרק און עסן אומזיסט אייער ברויט?

— איר זאָלט מיר מוחל זיין, ר׳ קלמן, איר זענט אַ גרויסער נאַר! קיינער ווייסט נישט וועמענס מאָרגנדיקער טאָג עס איז. אין דאָרף וועט איר זיך אויך ביי מיר פאַרדינען אייער ברויט. עס וועלן זיין הינדעלעך מיט קאַטשקעס, וואָס מען וועט זיי דאַרפן טרייבן צום טייך. עס וועלן זיין פערד, שאָף און בהמהלעך, וואָס מען וועט דאַרפן אויף זיי אַכטונג געבן. עס וועט זיין אַרבעט פאַר יעדן און פאַר אייך אויך,—האָט ר׳ שלום געענדיקט מיט אַ געלעכטערל.

אויף ר׳ קלמנס קראַנק געזיכט האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל פון גליק פון דעם געדאַנק, וואָס ער וועט זיינע לעצטע יאָרן ענדיקן אין דאָרף ביי אַזאַ יידישן ערדאַרבעטער, ווי ר׳ שלום רויטמאַן. און ביידע האָבן זיך געלאָזט גיין אין שטאָט אריין מיט די געדאַנקען, אַז די גליקלעכע צייט, וועגן וועלכער זיי האָבן יאָרן געטראַכט, וועט אינגיכסטן קומען.

א רעוויזאָר איז געקומען.

אין דער שטאָט נעזווינק איז אַראָפּגעקומען פון דער גובערניע אַ טשינאָווניק, וועלכן מען האָט גערופן „רעוויזאָר". די יידן זענען געוווּיר געוואָרן, צו וואָס פאַר אַ צוועק דער טשינאָווניק איז געקומען, האָבן זיי פרי פאַרמאַכט די קלייטן. מען איז געגאַנגען אין שול אַריין אָפּדאַוונען מנחה און אין דער גרויסער קלויז הערן נייס וועגן דעם טשינאָווניק, נאָך וואָס ער איז געקומען קיין נעזווינק און וואָס ער וויל פון זיי. אין קלויז האָט זיך געטאָן, אויף טיש און אויף בענק. די רעדלעך זענען אַלעמאָל גרעסער געוואָרן. אַלע האָבן נאָר גערעדט פון דעם טשינאָווניק. אייניקע האָבן געזאָגט, אַז ער וויל, אַז די יידן זאָלן אָפּשערן די פּיאות, און אָפּקירצן די לאַנגע קאַפּאָטעס; אייניקע — אַז מען וויל מאַכן פון דער שטאָט אַ גובערניע; נאָך אייניקע — אַז ר' משה מאַנטעפיארע וויל אָפּקויפן אַלע יידן ביי רוסלאַנד — אַ רענדל אַ ייד און צו האַלבע רענדלעך פאַר קינדער מיט ווייבער, און ער וויל זיי באַזעצן אין ארץ־ישראל; ווידער, אַנדערע האָבן דער־ציילט, אַז מען וויל יידן געבן ערד מיט געלט, זיי זאָלן זיך אַלע שמדן, ווייל דעם ערשטן גראַף פּאָטאָצקיס ווייב סאָפיע האָט דערויף נאָך איר טויט פאַר דעם צוועק אָפּגעזאָגט אַ סך ערד און געלט.

אַזוי האָט מען גערעדט אין קלויז ביז האַלבער נאַכט און עס איז טאַקע ביי אַלעמען געבליבן, אַז קיינער זאָל זיך נישט שמדן און מען זאָל דאָס שוין מאָרגן טאַקע זאָגן דעם טשינאָווניק, כּדי ער זאָל אָוועקפאָרן פונוואַנען ער איז געקומען.

נאָר דער אייניציקער ר' שלום רויטמאַן האָט גוט פאַרשטאַנען דעם אמתן צוועק פון דעם טשינאָווניקס אָנקומען אין זייער שטאָט.

ער איז דערפֿון אַזוי צעטראָגן געווען, אַז ער איז אַפֿילו נישט געגאַנגען פֿאַרנאַכט אין ק.ויז אַריין דאַווענען מנחה, כאָטש ער האָט פֿאַרפֿרי פֿאַרמאַכט די קלייט גלייך מיט אַלע. ער איז געגאַנגען גלייך צו זיך אַהיים. ווען זיין ווייב פֿריידע האָט אים דערלאַנגט טיי, האָט ער איר געזאָגט:

— באַלד וועט קומען צו מיר ר׳ קלמן, זאָלסטו אונדז לאָזן אַליין. איך האָב מיט אים וויכטיקס צו רעדן.

פֿריידע איז באַלד געגאַנגען צו איר אַרבעט. שלום האָט פֿאַרמאַכט נאָך איר די טיר, כּדי דאָס געשריי פֿון די קינדער זאָל אים נישט שטערן.

באַלד איז אָנגעקומען ר׳ קלמן טעפּליקער.

ר׳ שלום האָט אים זייער פֿריינטלעך באַגעגנט מיט די ווערטער:

— זייער גוט, וואָס איר זענט געקומען. איידער דער טשינאָווניק פֿאָרט אַוועק, מוז אַלץ געטאָן ווערן, אַז נישט איצט, ווען דען? ביז ווען וועל איך מיך אַליין אָפּנאַרן? מיין גאַנץ לעבן טראַכט איך צו ווערן אַן ערדאַרבעטער, איך האָב פֿיינט „האַנדל״, צום סוף בין איך אַליין אַ סוחר... ווי לאַנג נאָך וועל איך טראַכטן, ווי אַ יידענע? איך בין שוין לעת עתּה אַלט געוואָרן דרייסיק יאָר— די בעסטע יאָרן! און וואָס?... איך רעד אַלע טאָג און בלייב ביים רעדן. זאָל איך וואַרטן ביז איך וועל ווערן אַלט און שלאַף? ניין, ניין, נאָר איצט! ווער לאָזט מיך דען נישט? מיט מיר מעג איך טאָן, וואָס איך וויל. וואָס האָב איך דען אייגנטלעך מורא איינצושטעלן? מיין קראָם, מיין מסחר? וואָס קען איך דאָ פֿאַרלירן? איך קען מיר פֿאָרט נישט איבערמאַכן און נאָכטאָן אַנדערע קרעמערס. איך קען נישט שלעפּן די קונים ביי די פּאָלעס! וואָס פֿאַר אַ גליקן מאַכן עס די אַנדערע קרעמערס? כּל זמן זיי זענען יונג און האָבן קליינע קינדער און ווינציק הוצאות, שלאָגן זיי זיך דורך און קריגן קרעדיט. ווען זיי דאַרפֿן פֿאָרן אויפֿן יריד קויפֿן פֿרישע סחורה. וואָס איז אָבער זייער גאַנץ לעבן? מע באָרגט דאָ און דאָרטן, מע פֿאַרשטעקט איין לאָך און מען עפֿנט דריי נייע. אַז מען ווערט אָבער עלטער און די קינדער וואַקסן אויס, מוז מען פֿאַרדינען מער פֿון פֿריער, ווייל די גאַנצע שטוב מוז מען פֿירן שיין. דאָס פּאַסט צום געשעפֿט און צום קרעדיט, און אויך צו אַ שידוך... היינט הייבן זיך אָן נייע זאַכן: שידוכים מיט תּנאים, שדכנות-געלט, כּלה-מתּנות, חתן-מתּנות, גילדערנע

קייטן מיט ברידיאַנטענע בראָשן, דאָס פּאַסט דאָך צום געשעפט, און צום קרעדיט אוודאי. הײַנט נדן, אויפּרופעניש מיט אַ חתן-מאָל, אַ חופּה-וועטשערע... דערנאָך דעם פאָרפאָלק געבן קעסט און דירה. אַזוי ווערן די הוצאות צען מאָל גרעסער. דאָס געשעפט וויל אָבער דערפון גאָרנישט וויסן... ווערט מען אַ „דרייער": מען פאַלט אַריין אין די הענט פון דעם בעל-הלוואה.

ר' קלמן האָט די גאַנצע צייט געשוויגן, ווייל ער האָט געזען, ווי ר' שלום גיסט אויס זיין גאַנץ האַרץ, וואָס האָט זיך ביי אים אָנגעקליבן פון פיל יאָרן. ר' שלום האָט ווייטער גערעדט:

— אַז מען פאַלט שוין אַריין צו די פּראָצענטניקעס, האָט שוין דעמאָלט דער קרעמער קיין ברירה נישט. ער האָט שוין מער איבער זיך נישט צו שאַפן, און ווער וויל זיך נישט ווייטער האַלטן אויף די פיס? דער אַלטער קראַנקער סוחר טוט נאָר וואָס מעגלעך איז, ער צאַלט גרעסערע פּראָצענט, און פּראָצענט אויף פּראָצענט, אַבי פאָרן אויף די ירידים און קויפן נייע סחורה, כדי צו ווערן אַ גרעסערער בטוח, כאַפּן מער סחורה אויף קרעדיט. ער וואַרפט זיך אויף אַלע זייטן, ווי אַ פיש אין וואַסער אַזוי לאַנג, ווי עס בלייבן נאָך ביי אים די לעצטע כוחות. נאָר אייזן ווערט אויך איבערגעזשאַווערט... עס קומט אַ טאָג, עס רייסן זיך איבער אַלע שטריק. דער אַלטער דערפאַרענער סוחר זעצט אָן. מען שרייבט איבער זיין גאַנץ פאַרמעגן און מען פאַרקויפט עס מיט דער פויק. וואָס בלייבט אים דאַן? — אַ ביטערע עלטער מיט אַ שלאַפן גוף, און אַ פולע שטוב מיט דערוואַקסענע קעסט-קינדער, מיט אייניקלעך, וועלכע זענען שוין אויסגעוואַקסן צו אַלעם גרייטן. דער אַלטער סוחר קען שוין מער נישט העלפן. ער קוקט שיין אַרויס אויפן טויט! זיינע קינדער טוען דאָס ערשטע מאָל אַ קוק אַרום זיך און פרעגן זיך: וואָס טוט מען איצט? מען דאַרף זיך צו עפּעס נעמען און מיט גרויס שרעק דערזעען זיי, אַז מען האָט זיי דערצויגן צו אַלעם גוטן, צו אַ גרייטן מיטאָג, אַ גרייטן וואַרמעס, אַ גרייטער וועטשערע, מען האָט זיי צוגעוויינט זיך צו לייגן שלאָפן מיט אַ ספר אין דער האַנט, ווי עס פּאַסט פאַר אַן איידעלן יידן... אָבער אַ גראָשן צו פאַרדינען, דאָס האָט מען זיי נישט געלערנט. צו וואָס נעמט מען זיך אָבער? ווערן אַ בעל-מלאכה אָדער אַן אַרבעטער? — זייערע ווייסע הענט טויגן גאָרנישט דערצו! צו וואָס נעמט מען זיך אָבער פאַרט? מען מוז דאָך האָבן פון וואָס צו לעבן? זיי

שטעון ווידער אַ קוק אַרום זיך... און זאָגן שוין מיט גרינגערע הער-
צער: — וואָס איז אַזוינס? פּאַרוואָס פעלט אויף אונדז אַזאַ פּחד?
זענען דען אַלע יידן אין געזווינק נישט דערצויגן געוואָרן אַזוי ווי
מיר? שטאַרבן זיי דען פאַר הונגער? זיי לעבן גאַנץ שיין, א. ג, עס
טראָגט זיי נאָך צו מאַכן זיידענע מלבושים זייערע טעכטער און קויפן
העלדזער פערל פאַר זייערע ווייבער! גאָט וועט אונדז מסתמא אויך
העלפן, מיר וועלן נישט שטאַרבן פון הונגער... מיר וועלן זיך פּרווון
אומדרייען אויף דער וועלט גלייך מיט אַלע יידן, זוכן, שמעקן,
האַנדלען... און אַזוי, מיין ליבער ייד, ר' קלמן, ווערן נייע קרעמערס,
נייע מעקלערס, פאַקטוירים, שענקאַרעס און אַלערליי ווינט-כאַפּערס.
— פון וואָס-זשע איז דאָ אַזויפיל צו רעדן, — האָט ר' קלמן זיך
אָנגערופן, — דער טשינאָווניק איז געקומען העלפן די יידן, וועלכע
ווילן ווערן ערדאַרבעטער, אַפילו די, וואָס האָבן נישט קיין געלט צו
קויפן, וועט מען זיי אומזיסט געבן ערד... היינט ווער שמועסט, איר,
וואָס איר ווילט אויף אייער אייגענעם חשבון קויפן ערד און זיין אַ באַלע-
באָס פאַר זיך, וועט מען אייך אוודאי מיטהעלפן זיך איינאָרדענען
אין וועלכן דאָרף איר וועט נאָר וועלן.
— אוודאי מוז איך עס איצט טאָן און אויפהערן צו טראַכטן,
וואָרים וואָס וועט ווערן פון מיר, אַז איך וועל עס איצט נישט טאָן?
בלייב איך ווייטער אַ קרעמער, וועל איך סוף-כל-סוף אויך אַריינפאַלן
צו די פּראָצענטניקעס! און מיינע קינדער וועלן זיך אויך דאַרפן
מוטשען אויף דער וועלט, זיי וועלן אויך מוזן טאָן אַלע שלעכטע זאַכן,
אַבי צו לעבן. און ווער ווייס אין דעם שולדיק זיין, ווען נישט איך?
ניין, ניין! איך וויל נישט טאָן קיין שלעכטס מיינע קינדער, מיין
אייגן בלוט און פליש! איך וויל זיי נישט אומגליקלעך מאַכן!

אַ יידישע טאָכטער.

די באַקאַנטע טריט, וואָס שלום האָט געהערט צוגיין צו דער טיר, האָבן נאָך זיין גליק פאַרגרעסערט. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין אָרט, ווי פון אַ גוטן חלום און האָט געעפנט די טיר. זיין ווייב פריידע איז אַריינגעקומען מיט אַן אַרבעט אין דער האַנט.

— דער סאַמאָוואַר איז שוין באַלד קאַלט, אפשר געבן אייך טיי?

— טיי שאַדט נישט, ווי זאָגט איר, ר׳ קלמן? — האָט ר׳ שלום געפרעגט.

— אַוודאי, אַ גלעזל טיי איז אַ גוטע זאַך, — האָט ר׳ קלמן צוגעשאָקלט מיט דעם קאָפּ. ווען פריידע האָט געבראַכט צוויי גלעזער טיי, האָט ר׳ שלום געזאָגט צו זיין ווייב:

— גוט, פריידע, וואָס דו ביזט איצט דאָ. זעץ דיך נענטער לעבן מיר, איך וויל דיר דערציילן עפּעס נייעס. מיט ר׳ קלמנען האָב איך שוין וועגן דעם זייער פיל גערעדט, איצט וויל איך מיט דיר איבעררעדן.

ר׳ קלמן, אָפּטרינקענדיק די טיי, האָט זיך אָפּגערופן:

— נו, איך וועל אייך שוין זאָגן אַ גוטע נאַכט. זאָל זיין אין אַ מזלדיקער שעה... איך מוז גיין, איר ווייסט דאָך, אַז איך בין אַ קראַנקער מענטש און קען זיך לאַנג נישט פאַרזיצן.

ווען ר׳ קלמן איז אַוועקגעגאַנגען, האָט ר׳ שלום זיך אָנגערופן צו זיין ווייב:

— דו ווייסט, פריידע, וואָס איך וועל דיר זאָגן?

— וואָס קען איך וויסן וואָס דו וועסט זאָגן? — האָט פריידע געענטפערט און אָוועקגעלייגט איר אַרבעט. — דעם זאַק מיט די שפּיז-לען אויפן טיש.—אַז דו וועסט מיר דערציילן, וועל איך וויסן.

— יעדע זאַך מוז האָבן אַ סוף... איך האָב דיר שוין נישט איינמאָל געזאָגט, אַז דער מסחר איז מיר נמאס און ביז היינט בין איך געבליבן נאָר ביים זאָגן. איצט אָבער איז ביי מיר געבליבן, אַז מיר זאָלן פון אונדזער קראָם אָפּשניידן און איך וויל ווערן אַן אַקערבויער, אַן ערדאַרבעטער. דאָס דענק איך שוין פון מאָרגן אָן אָנהייבן אין דעם צו טאָן, ווייל די וואָך איז אין אונדזער שטאָט אָנגעקומען אַ טשינאָווניק פון דער גובערניע. ער זאָגט, אַז די יידן, וואָס ווילן ווערן ערדאַרבעטער, וועט די רעגירונג מיטהעלפן מיט געלט אויף אויסצוצאָלן אין יאָרן. איך וויל נישט זיין געבונדן און מוזן נע-מען אַזאַ ערד, וואָס מען וועט מיר געבן. אפשר וועט מיר נישט געפעלן? האָבן צו טאָן מיט טשינאָווניקעס און אַרומלויפן איבער קאַנצעלאַריעס, איז נישט פאַר מיר! אויך האָב באַשלאָסן צו זיין אַליין אַ באַלעבאָס איבער מיר. פאַר אונדזער שטוב מיט דער קראָם און די איבעריקע באַלעבאַטישקייט, וועלן מיר קענען קויפן שיינ: עטלעכע דעסיאַטין ערד. זעסטו, פריידע, איין זאַך וועל איך יאָ בעטן ביים טשינאָווניק, ער זאָל מיר אָנווייזן גוטע ערד צו קויפן, און אויף דער ערשטער צייט זאָל מען מיר געבן אַ פּאָר מענטשן, וואָס האָבן אַ ידיעה אין ערדאַרבעט, זיי זאָלן מיר אַ ביסל צו ווייזן. איך בין זיכער אין מיר, אַז אין אַ קורצער צייט וועל איך זיך אויסלערנען און וועל ווערן אַ פעיִקער ערדאַרבעטער. וואָרים מען זאָגט דאָך עפּעס, אַז אַ ייד איז צו אַלעמען פעיִק. נו, וואָס זאָגסטו, פריידע, צו מיין פּלאַן?

— וואָס פרעגסטו מיך? דו האָסט מיר שוין נישט איינמאָל גע-זאָגט, אַז א יידענע מוז שטענדיק פאָלגן, וואָס איר מאַן זאָגט. איך בין דיר נאָך אין מיין לעבן נישט דערווידער געוועזן מיט קיין וואָרט, ווער שמועסט נאָך איצט, געלויבט זיין ליבער נאָמען, האָב איך מיט דיר, ביז הונדערטאונצוואַנציק יאָר, צוויי קינדערלעך, זיי זאָלן אונדז געזונט און שטאַרק זיין און זאָלן מיך איבערלעבן. דו האָסט מיך נישט וואָס צו פרעגן, שלום! איך וויים, אַז וואָס דו טראַכסט און וואָס דו טוסט, איז נאָר פון אונדזער טובה וועגן. היינט, וואָס קען

איך דיר זאָגן? — דו ווילסט אָפּשניידן פון דער קראָם און מאַכן אַ בײ געשעפט? — זאָל גאָט געבן מיט מזל און ברכה!

— ניין, מיין ווייב, דאָס איז נישט קיין ביי געשעפט. דאָס, וואָס איך וויל איצט אונטערנעמען, פאַרלאַנגט, אַז איך און דו און אונדזערע קינדער, זאָלן לעבן, וועלן דאַרפן שווער האָרעווען. מילא, איך און די קינדער וועלן זיך צוגעוווינען צו דער אַרבעט, אָבער דו, פריידע? דאַרפסט וויסן, אַז ערדאַרבעט קען זיך נישט באַגיין אָן אַ באַלעבאָסטע...

פריידע האָט זיך פון איר מאַנס ווערטער געפילט ווי באַליידיקט, און זי האָט זיך אָנגערופן:

— כלעבן, שלום, עס וווּנדערט מיך אויף דיר, אַז דו זאָלסט אַזאַ נאַרעשקייט זאָגן. וואָס הייסט אַרבעטן? וואָס הייסט האָרעווען? גיי איך דען איצט אַרום ליידיק און פאַרלייגט די הענט? וועלכע פרוי אין דער גאַנצער וועלט האָרעוועט דען אַזויווי אַ יידישע טאָכטער? דער מאַן זאָל זי וועלן שאַנעווען, מוז זי האָרעווען מער פון דעם מאַנסביל, ווארים דער מסחר, וואָס דער מאַן פירט, קען זיך אָן דעם ווייב נישט באַגיין. באַרעכן נאָר אונדז, קרעמערקעס: איך שטיי אויף גאַנץ פרי, מוז איך גלייך עפענען די קלייט און אַ גאַנצן טאָג מוז איך ווי אַ הונט זיצן ביי דער קראָם. ווארים עס זענען דאָ אַמאָל אַזעלכע ווייבערשע קונים, וואָס אַ מאַנסביל וועט מיט זיי קיינמאָל נישט אויסקומען, און ביי מיר וועלן זיי פּאָרט קויפן. ווי זאָגט מען: אַ יידענע מיט אַ יידענע קומט אויס, ווייל אַ יידישע קונהטע האָט ליב, אַז ווען זי קומט איינקויפן אין קראָם אויף אַ מלבוש, זאָל מען מיט איר רעדן פון דעם, וואָס קאָכט זיך ביי יענעם אין טאָפּ... זענען קיין קונים נישטאָ—זיץ איך נישט ליידיק, דאָ האָב איך צו פאַרריכטן וועש, צו פאַרמאַרעזשען זאָקן. קומט מען אַהיים, דאַרף מען זיך אומקוקן אַהער, אַהין און אין קיך אויך, די וועטשערע זאָל נישט זיין איבערגעזאַלצן, אָדער צוגעברענט, ווייל אַפילו ווען מען האָט צען דינסטן, קען מען אָן דער באַלעבאָסטעס אויג גאָרנישט אויספירן, בפרט נאָך מיר, קרעמערקעס, וואָס זענען נישט אומשטאַנד צו האַלטן דינסטן. היינט מוז מען אַכטונג געבן אויף די קינדערלעך. מען דאַרף זיי פירן ריין, און מען מוז דיך, מיין מאַן, אויך אין זינען האָבן, האָרעוועסט דען ווייניקער פון מיר?

פריידע האָט אַ קוק געטאָן אויף איר מאַן און מיט אַ זיפץ זיך אָנגערופן:

— זע נאַר, ווי דו זעסט אויס? איך האָב דען צייט אַכטונג צו געבן אויף דיר איבער דער קראָם? אַוודאי, ווען איך זאָל קענען אויף דיר מער אַכטונג געבן, ווי אַ ווייב אויף אַ מאַן, וואָלסטו אַנדערש ביי מיר אויסגעזען!

— וואָס האָסטו, פריידע, דען אַזוינס דערזען אויף מיר, וואָס איך געפעל דיר נישט? — האָט ר' שלום זיך אָנגערופן מיט אַ שמייכל. — נישט צו פאַרזינדיקן, איך זע אויס גלייך ווי אַלע מענטשן, ווי אַ קרעמער, אַ סוחר, וואָס מען דאַרף שטענדיק דרייען מיטן קאָפּ. זעסטו, פריידע, ווען גאָט וועט העלפן, מיר וועלן וווינען אין דאָרף, אויף אונדזער פעלד, אונטער אַ ברייטן הימל, אויף פרייע פרישע לופט, וועלן מיר ביידע מיט אונדזערע קינדער גאָר אַנדערש אויסזען. מיר וועלן נאָכאַמאָל יונג און געזונט ווערן. דו געדענקסט, פריידע, ווי דו האָסט אַמאָל אויסגעזען?

— עט, נאַרישקייטן, אין וואָס דו האָסט זיך פּלוצלונג דערמאַנט... זאָל אונדז בעסער גאָט געבן אַ גוטע פּרנסה, דאָס נייע געשעפט, וואָס דו ווילסט מאַכן, זאָל זיין מיט הצלחה!..

אין דאָרף סטעפּקיווקע.

היינטיקע וואָך איז געווען אַ גרויסער יום-טוב אין דאָרף סטעפּקיווקע. עס איז געוואָרן צען יאָר זינט ר' שלום רויטמאַן איז מיט זיין הויזגעזונט אַרויסגעפאָרן פון שטאָט אין דאָרף.

דערדאָזיקער יום-טוב איז אויסגעקומען אין דער שענסטער צייט פון יאָר — אין „קאָסאָוויצע-צייט", ווען מען שניידט אָפּ די פעלדער און ווען נאָך דעם שניידט מען אַראָפּ דאָס דריטע מאָל דעם פרישן שמעקעדיקן גרינעם היי, וואָס די פּויערים רופן אָס „סענאָקאָס".

די באַקאַנטע פּויערים און פריינט זענען געקומען אין ר׳ שלומס הויז, אים מיט זיין פאַמיליע אָפּגעבן מזל-טוב מיט די צען יאָר, אין וועלכע ר׳ שלום מיט זיין הויזגעזינט האָבן אַזויפיל שווער געאַרבעט, ביז ער האָט דערלעבט פון זיין פעלד צו אָפּצונעמען אַ גוטן „אוראָזשאַי״.

דער יום-טוב צוזאַמען מיט דער אַרבעט אויף די פעלדער האָבן זיך געענדיקט, און איצט האָבן די ערדאַרבעטער גערוט אויף די פרישע סטויגן היי, ווייל עס איז נישטאָ קיין פּויער, וואָס זאָל נישט ליב האָבן אונטער דעם זומערדיקן הימל צו שלאָפן אויף דעם פרישן שמעקעדיקן היי און קוקן אויף דעם אומענדלעכן צויטגע-שטערנטן הימל, ביז מען ווערט געשמאַק אַנטשלאָפן. מען ווייסט נישט ווו די נאַכט קומט אַהין, ביז די זון קומט און מיט אירע ווייכע וואַרעמע שטראַלן וועקט זי אויף דעם פּויער, ווי אַ מוטער אַ קינד, ער זאָל אויפשטיין און ווידער זיך נעמען צו דער ארבעט.

היינטיקן טאָג האָבן די פּויערים פון דעם דאָרף סטעפּקיווקע געשניטן צום דריטן מאָל דאָס גרינע היי, מיידלעך און יונגעלייט האָבן ביי דער אַרבעט געזונגען.

ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען איז זייער געזאַנג שטיל גע-וואָרן, יעדער פּויער האָט זיך שוין געלייגט רוען אויף זיין סקירדע היי. ר׳ שלום האָט נישט געקענט אַנטשלאָפן ווערן. ער האָט גע-טראַכט וועגן זיינע איבערלעבונגען אין די פאַרגאַנגענע צען יאָר; זיינע געדאַנקען זענען געפלויגן גיך ווי אַ בליץ. ער האָט זיך דער-מאַנט אין דעם אומגליק, וואָס איז דאַן שיעור נישט געקומען אויף זיין הויז. ער האָט זיך דערמאַנט אין אַלץ, וואָס ער האָט איבערגע-טראָגן, זינט ער האָט אָפּגעלאָזט די קלייט, פאַרקויפט די שטוב און אַרויסגעפאָרן פון דער שטאָט נעזווינק קיין סטעפּקיווקע; ווי ער האָט פאַר דעם געלט, וואָס ער האָט געקריגן, געקויפט עטלעכע דעסיאַטין ערד, וואָס דער „טשינאָווניק״ האָט אים רעקאָמענדירט. וויפל צרות מיט יסורים ער האָט איבערגעטראָגן, ביז ער האָט דערלעבט איצט צו ליגן רויק אויף זיין פעלד, אויף אייגענעם אָפּגעשניטענעם גרינעם שמעקעדיקן היי. ער האָט פון זיך געמאַכט אַ תל. ער איז זיך צע-גאַנגען מיט זיינע פריינט, געקומען אויף לייטיש געלעכטער און אַלץ דערפאַר, וואָס ער האָט איבערגעביטן די שמאַטעס, די סחורה פון דער קראָם אויף עטלעכע דעסיאַטין שוואַרצער ערד מיט אַ פּאָר

אָקסן און אַ פערד. וויאַזוי מען פאַראַקערט, פאַרזייעט דאָס פעלד האָט ער נישט געוווּסט, דערפאַר איז אים אין אָנהייב נישט געגאַנגען; אַן אַלטער געניטער פויער האָט אים געלערנט, נאָר מיט פרעמדע הענט איז גוט פייער צו שאַרן. אַ יאָר צוויי האָט שלום געאַרבעט אומזיסט. זיין ערד האָט ווייניק געבראַכט. ער האָט געמוזט איבער־טראָגן קעלט און וואָרעם.

אויפן דריטן יאָר האָט ביי אים אָנגעהייבן די תבואה בעסער צו געראָטן. חוץ וואָס ער האָט געהאַט ברויט פאַר זיך און זיין פאַמיליע אויף אַ גאַנץ יאָר, איז אים נאָך איבערגעבליבן צו פאַרקויפן. ער האָט שוין געזען אַ מזומענעם גראָשן פאַר זיין אַרבעט. די באַלע־באָסטע, פריידע, האָט אויך אָנגעהייבן קלייבן געלט פון איר אַרבעט. פון די בהמות און שאָף האָט זי געהאַט מילך, פוטער, קעז, וואָל און פלייש. זי האָט געהאָדעוועט גענדז, קאַטשקעס, הינער און פון זיי געלט געמאַכט. זייערע קינדער זענען אויך נישט געזעסן פאַרלייגט די הענט. זיי האָבן מיטגעהאָלפן דער מוטער אין איר אַרבעט און שפּעטער האָבן זיי שוין געאַרבעט גלייך מיט דעם פאָטער אין פעלד.

אַלע האָבן געאַרבעט; פון יעדער מינדעסטער זאַך איז געוואָרן געלט. שלום איז אַלע יאָר רייכער און רייכער געוואָרן. ער האָט שוין צוגעקויפט ערד, זיינע בהמות, שאָף און פערד האָבן זיך אַלע־מאָל פאַרמערט און אין זיין אייזערנעם קאַסטן האָבן זיך געזאַמלט קערבלעך. ער, זיין ווייב פריידע און די קינדער חוה און חיים זענען געזונט, און פון דעם היינטיקן נייעם שניט איז דאָ אַ סך היי און אַלע זיינע שייערן זענען פול מיט ברויט, אַז עס איז שוין נישטאָ, ווו צו לייגן און מען מוז בויען נייע שייערן.

אָפּט ליגט שלום אונטער דעם בלויען הימל אויף דעם פרישן היי און טראַכט איבער אַלץ, וואָס האָט זיך מיט אים איבערגעטאָן די לעצטע צען יאָר. מיט שטאָלץ האָט ער צו זיך געזאָגט, אַז עס איז אים גוט, אַז ער האָט זיין צוועק דערגרייכט: ער האָט זיין ערד, זיינע שאָף און רינדער, אַזויווי זיינע עלטער עלטער־זיידעס אין ארץ־ישראל.

קוקנדיק אויף דעם וועלדל אויפן באַרג, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער איז אין ירושלים. אָט דאָרטן איז די מערת־המכפּלה פון די אבות, אָט אַ ביסל ווייטער זעט מען אַרויס די איבערגעבליבענע וואַנט פון דעם בית־המקדש, וואָס איז חרוב געוואָרן. און ער, שלום,

װוינט נישט װײט פֿון ירושלים... אָט אין אַ חודש אַרום, װען ער װעט אַראָפּפֿירן פֿון די פֿעלדער דאָס גאַנצע ברויט, װעט ער גײן מיט זײַן װײַב און קינדער עולה רגל זײַן קײן ירושלים, אין בית־המקדש, צום כּהן גדול און מיטברענגען אַ מתּנה אַ גרויסן טאָפּ פּוטער און אַ מעסטל בײַעם װײץ, און ער װעט הערן אין בית־המקדש דאָס געזאַנג און שפּילן פֿון די לוים, און ער װעט מיט דעם גאַנצן האַרצן לויבן גאָט פֿאַר דעם גערעטעניש.

מיט די זיסע געדאַנקען איז שלום אײַנגעשלאָפֿן...

נישט מער װי אַ האַלב װיאָרסט פֿון דעם אָרט, װוּ שלום איז איצט געשלאָפֿן, אין עק דאָרף, איז געשטאַנען שלומס שטוב פֿון עטלעכע חדרים, געדעקט מיט אַ שטרויענעם דאַך. די שטוב האָט אַרומגענומען אַ גרויסער פּלויט פֿון גרינע געפֿלאָכטענע שטעקלעך; פֿון דער זײַט שטוב, װאָס האָט אַרויסגעקוקט אין פֿעלד אַרײַן, האָט זיך געצויגן אַ לאַנגער גאָרטן פֿון אַ דעסיאַטין ערד מיט אַלערלײ פֿרוכטביימער. קעגנאיבער דער שטוב איז געשטאַנען אַ לאַנגע געבײדע, אַ שטאַל פֿאַר די פֿערד מיט די בהמות און אַ שײַער פֿאַר דעם ברויט. אין הויף האָט מען געזען עטלעכע סקירדעס הײ, שטרוי און זאַנגען, נאָך נישט קײן אויסגעשלאָגענע תּבֿואה; װײַטער אַ ביסל איז געשטאַנען אַ װאָגן, עטלעכע ברעטער און קלעצער, אַן אָפּגעבוצטער אַקער און נאָך אַזױנע זאַכן, װאָס װערן געברויכט צו ערד־אַרבעט. פֿרײדע מיט איר טאָכטער חוה האָבן נישט לאַנג אַװעקגעלײגט זײער טאָגאַרבעט און זאַנען שוין געזעסן אויף דער פֿריזבע אײַנדרויסן און געטרונקען טײ. זײ האָבן געװאַרט אויף שלומען מיט חײמען, װעלכע דאַרפֿן קומען פֿון פֿעלד. דאָרפֿלײַט האָבן ליב זומערצײַט צו פֿאַרברענגען טאָג און נאַכט אײַנדרויסן. זײ עסן, טרינקען און שלאָפֿן אונטער דעם לויטערן, װאַרעמען הימל.

חײם איז געקומען אַלײן אָן דעם פֿאָטער. אַז ער האָט אַװעקגעלײגט די קאָסע, האָט אים פֿרײדע געפֿרעגט:

— דער טאַטע װעט הײַנט נישט קומען נעכטיקן?

— נײן, דו האָסט פֿאַרגעסן, אַז נאָכן שניט, האָט דער טאַטע ליב צו שלאָפֿן אין פֿעלד?

— דײַן מלמדס בחור האָט עפּעס אַ סך הײַנט אָנגעקאָסעט? — האָט אים געפֿרעגט די שװעסטער, בשעת זי האָט אים דערלאַנגט אַ גלאָז טײ. — איך בין פֿרי אַװעקגעגאַנגען, האָב איך נישט געזען.

— ווער, וואָס, ווען? ער טויג דערצו אויך נישט! פון אים וועט שוין קיין פויער נישט זיין. מיר האָבן געמיינט, אַז ביים שניידן היי וועלן מיר קענען האָבן פון אים נוצן, נאָר אומזיסט. ער האָט גע־נומען די קאָסע און האָט אָנגעהייבן דרייען מיט איר אַהין און אַהער ביז ער האָט זיך סקאַליעטשעט די פיס.

חוה מיט חיימען האָבן זיך צעלאַכט.

ווען שלום איז אַרויס אין דאָרף אריין, האָט ער מיט זיך מיט־גענומען אַן אָרעמען יידן, וואָס האָט געקענט גוט לערנען און שרייבן. ער איז אויך געווען אַ שוחט און האָט געלערנט מיט שלומס קינדער.

דער מלמד האָט געהאַט אַ יינגל אין איינע יאָרן מיט חיימען. שלום האָט דעם מלמד ליב געקריגן; ער האָט פאַר אים אויסגעבויט אויף זיין ערד אַ שטיבל, האָט אים געגעבן אַלץ, וואָס מען באַדאַרף, און האָט געוואָלט פון זיין יינגל מאַכן אַ פויער. עס איז אָבער אַלע מי געווען אומזיסט, ווייל לעמל, אַזוי האָט דאָס יינגל געהייסן, איז געבוירן געוואָרן אין אַן אומגליקלעכער שעה און האָט צו קיין שום זאַך נישט געטויגט. ער איז תמיד געווען, ווי דערשלאָגן, פאַרטומלט. זיין פאָטער, דער מלמד, האָט אים קוים מיט צרות אויסגעלערנט דאַוונען. פונדעסטוועגן האָבן אַלע דאָרפלייט אים ליב געהאַט. יעדער האָט אויף אים געקוקט מיט רחמנות. „גאָט האָט אים געשטראָפט,‟ — האבן אַלע דאָרף־גויים און שלומס פאַמיליע אויף אים געזאָגט.

— מען טאָר נישט, מיינע קינדער, לאַכן פון קיין אומגליקלעכע, — האָט פריידע געזאָגט אירע קינדער, ווען זיי האָבן זיך צעלאַכט איבער לעמלס פעלדאַרבעט.—איר זענט נאָך יונג, פאַרשטייט איר נישט. וואָס איז ער שולדיק, אַז גאָט האָט אים אַזוי אומגליקלעך באַשאַפן? מען טאָר נישט לאַכן פון גאָטס באַשעפעניש.

— איך ווייס פאַרט נישט, ווי אַזוינס ווערט געבוירן אויף דער וועלט, — האָט געזאָגט חיים.—ער איז פונקט ווי אַ בהמה. ער ווייס נישט מער ווי עסן און שלאָפן. עס גייט אים קיין שום זאַך נישט אָן. רעדט צו אים — כאָטש צו דער וואַנט.

— גלויב מיר, אַז ער איז נישט שולדיק, — האָט פריידע אים פאַרענטפערט. — קאַרג קאַליקעס ווערן געבוירן אויף דער וועלט, וואָס וואָלטן, נעבעך, געוואָלט עפּעס טאָן, נאָר זיי קענען נישט און פאַרשטייען נישט. אויף וואָס גאָט באַשאַפט אַזעלכע מענטשן אויף

דער וועלט, חיים איך נישט. מען זאָגט, אַז אַ ווערעמל אויף דער ערד קומט אויך צוניץ.

— נאָר צוּוואָס קימט לעמל צוניץ? — האָט חיים געפרעגט.

— עס איז טאַקע אַ וווּנדער, נאָך וואָס גאָט באַשאַפט אַזעלכע מענטשן... — האָט חוה באַמערקט.

— און, ווידער, מיין קינד, קען מען גאָרנישט וויסן. מען קען גאָטס ווונדער גאָרנישט באַקלערן. קוקסט אָן דעם נאַר, דעם שוטה, דעם לעמל, קען ער תּזונה האָבן און דווקא האָבן אַ לייטיש ווייב מיט לייטישע קינדער און זיינע קינדער, קענען זייער נוצלעך זיין אויף דער וועלט. ווייניק זעט מען אַזוינע ביישפּילן אויף דער וועלט?

אַזוי האָט שלומס פאַמיליע גערעדט וועגן לעמלען און דערנאָך איז מען איבערגעגאַנגען אויפן שניט, וויאַזוי דאָס היי איז גע־ראָטן ביי די שכנים, די קריסטלעכע פּויערים. חיים האָט אַרץ דערציילט וואָס ער האָט געוווּסט. פריידע האָט דערמאָנט, מען זאָל נישט פאַרגעסן פון דעם נייעם היי אָפּצופירן אַ וואָגן פאַר דעם מלמדס קו, און חוה האָט געזאָגט, אַז מען וואָלט שוין געמעגט אָנהייבן רייסן די וויינשל אין גאָרטן, ווייל זיי זענען שוין רויט. אַזוי זענען זיי געזעסן און האָבן געפּלוידערט ביז די לבנה איז שוין געשטאַנען אינמיטן הימל און פריידע האָט געזאָגט, אַז עס איז צייט צו שלאָפן, ווייל די לבנה לאָזט זיך שוין אַראָפּ...

אָבער זיי זענען אַזוי גיך נישט געגאַנגען שלאָפן. די נאַכט איז געווען זעלטן שיין, און נישט קוקנדיק, וואָס עס איז שוין גע־ווען שפּעט אין דער נאַכט, האָט די גוטע לופט און דער ריח פון „סענאָקאָס" אויף די נאָר וואָס אָפּגעשניטענע פעלדער זיי אויפגע־פרישט, און עס האָט זיך קיינעם נאָך נישט געוואָלט גיין שלאָפן. באַזונדערס די קינדער, וועלכע האָבן געזאָגט דער מוטער:

— די היינטיקע נאַכט איז אַזוי שיין, אַז מיר וואָלטן אַזוי געזעסן ביז אין ווייסן טאָג און צוגעזען ווי די זון וועט אויפגיין.

און זיצנדיק אַזוי ווייטער, האָבן זיך אַלע ווידער דערמאָנט, וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט און געליטן די צען יאָר פון זינט זיי זענען אַרויסגעפאָרן פון שטאָט אין דאָרף און ווי אייניקע שלעכטע מענטשן, וואָס האָבן זיך דערוווּסט, אַז זייער טאַטע האָט פאַרטראַכט פאַרקויפן די שניטקראָם און ווערן אַ פּראָסטער פּויער, האָט עס זיי פאַרדראָסן און מען האָט אונטערגעצונדן די שניטקראָם. נאָר גאָט האָט געהאָלפן,

מען האָט די שריפה בשלד אָפּגעלאָשן און מען האָט די סחורה אָפּ־געראַטעוועט. דאַן האָט זייער פּאָטער באַשלאָסן, וואָס גיכער אַלץ פאַרקויפן און אויספירן זיין פּלאַן צו ווערן אַן ערדאַרבעטער.

— און געלויבט גאָט דערפאַר, וואָס מיר זענען דאַן אַרויסגעפאָרן פון שטאָט אין דאָרף,—האָבן אַלע געבענטשט דעם, וואָס לעבט אייביק און ווינטשנדיק איינס דאָס אַנדערע אַ גוטע נאַכט, זענען זיי געגאַנגען שלאָפן.

ר׳ יידל דער שדכן.

אין דער נאָנצער צייט, וואָס שלום האָט געוווינט אין דאָרף, האָט ער זייער גוט געלעבט מיט אַלע שכנים, מיט דעם פּריץ יאַן זאַרעצקי, צו וועלכן דאָס דאָרף סטעפּקיווקע האָט געהערט און מיט אַלע קריסטלעכע פּויערים, מיט וועלכע זיינע פעלדער האָבן געגרענעצט. דער רעש פון די נעזווינקער יידן, וואָס שלום איז געוואָרן אַן ערד־אַרבעטער, איז די צען יאָר שטילער געוואָרן. אָבער די יידן פון נעזווינק זענען געווען דערווייטערט פון אים, חוץ די עטלעכע. וואָס פלעגן קומען אַלע יאָר אָוועקקויפן ביי ר׳ שלומען און ביי דעם פּריץ פון דאָרף די תבואה, אַזוי, אַז מען האָט כמעט אין ר׳ שלומען פאַרגעסן. נאָר יידל, דער שדכן פון נעזווינק, האָט אין אים נישט פאַרגעסן. אין זיין שדכנות־ביכל איז שלום שוין לאַנג געווען פאַרשריבן: שידוך מכפר סטעפּקיווקע, בתולה חוה בת שלום מוזשיק, זוגתו פריידע, נדן כמה שירצה, קעסט לעולם. כסף יש ויש יחוס לא...

יידל שדכן פלעגט אָפּט קומען צופוס אין דאָרף סטעפּקיווקע רעדן פאַר שלומס מיידל אַ שידוך און מגיה־וביה האָט ער שוין ביי זיך אין ביכל פאַרשריבן דעם מלמדס בחור לעמל. ער פלעגט דערביי כאַפּן אַ לאַנגן טרונק בראָנפן מיט אַ ברייטער מילכיקער וועטשערע און האָט דערנאָך געהאַט צו דערציילן אין דער גרויסער

קלויז גאַנצע חדושים, אַז ביי שלום מוזשיק האָט מען אים געגעבן אַזוינע מילכיקע ווארעניקעס, וואָס אין איין שיסל האָבן זיך קוים אויסגעלייגט צוויי ווארעניקעס, און ער, יידל שדכן, פלעגט באַין אופן נישט קענען אויפעסן מער, ווי צען שטיק; חוצדעם, די קאַשע מיט פוטער, וואָס דעם מוזשיקס מלמד עסט, וועט עס נישט אויספירן אין שטאָט דער גרעסטער גביר, וואָס צאָלט פינפאונצוואנציק קערבלעך פאַר ששי.

— כלעבן, ר' שלום, עס איז שוין צייט איר זאָלט אַ שידוך טאָן מיט אייער בתולה. אייער חיים וואַקסט שוין באַלד אונטער, — פלעגט יידל אָפט זאָגן צו שלומען.

— וואָס מיין חיימל וואַקסט אונטער, אַרט מיר גאָר ווינציק, נאָר מיט מיין טאָכטער וואָלט איך יאָ אַ שידוך געטאָן. נאָר ווער קענסטו מיר געבן פאר אַ חתן, אַז איך הייס גאָר ביי אייך שלום מוזשיק!

— אָבער, ר' שלום, איר זענט דאָך אַ קלוגער ייד, מען דאַרף אייך קיין פינגער אין מויל נישט אַריינלייגן. איר דאַרפט אַליין פאַרשטיין, ווו איר האַלט מיט אייך: אַ ייד, אַ חסיד, אַ מיוחס, אַ שיינער באַלעבאָס, אָדער אַ גרויסער סוחר — וועט מיט אייך קיין שידוך נישט טאָן, פאַרשטייט איר מיך... יעדער ייד וויל, אַז זיין קינד זאָל ווערן אַן איידעמל, זיצן אַ פיר-פינף יאָר אויף קעסט און דער נדן זאָל דערווייל וואַקסן אויף פראָצענט, פאַרשטייט איר מיך... אויך זאָל ער גיין אַלע טאָג מיט דעם טלית-זאַק דאַווענען אין קלויז, און נאָך מיטאָג גיין לערנען און זיך אַמפערן מיט אַלע איבעריקע איידעמלעך אין קלויז איבער אַ פשטל, פאַרשטייט איר מיך... עס איז נאַריש, מען קען פון דעם אמת נישט אַוועקגיין: יעדער פאָטער, ווען ער מאַכט חתונה אַ קינד און ברענגט זיך גע'וג אויס, וויל האָבן נחת פון זיין קינד. נישט פון אייער ערדגראָבן, איר זאָלט מיר מוחל זיין, וועט אַ לייטישער ייד האָבן נחת.

ר' יידל שדכן האָט אָנגענומען זיין בערדל און נאָך שטאַרקער אָנגעהייבן איינטענהן מיט ר' שלומען:

— איר מוזט דאָך אַלץ אַליין זייער גוט פאַרשטיין, אַז נאָר דער בחור, וואָס געפינט זיך ביי אונדז אין קלויז, איז פאַר אייער טאָכטער אַ חתן, ביידע אינאיינעם איז נישטאָ ביי קיינעם... וואָרים ווען דער בחור זאָל האָבן עלטערן און זאָל נישט זיין אַזוי אָרעם, וואָלט ער מיט אייך קיין שידוך נישט געטאָן... פאַרשטייט איר מיך,

אַט פאָלגט מיך. ר׳ שלום, און טוט דעם שידוך. עס איז נאַריש צו זאָגן, אַ יידישע טאָכטער פאַרזיצט נישט, פאַרשטייט איר מיך... איר מוזט אליין גוט באַרעכענען, אַז נאָר דער בחור איז פאַר אייער מיידל אַ חתן.

— כלעבן, יידל, אַז דו גייסט זיך אָן גאָר אומזיסט צו מיר. דו ווייסט מיר פאַר מיין טאָכטער קיין חתן נישט געבן, און אַ פוסטער קלויז-בחור, וואָס איז אָן אַ נאָמען און איך קען אים נישט און ווייס אים נישט, קען פאַר מיין טאָכטער קיין מאַן נישט זיין. מיין חוה איז, ברוך השם, געזונט, שיין, אַן אויסגעצייכענטע באַלעבאָסטע. זי דאַרף האָבן אַ מאַן, ווי זי איז ווערט, און מיט גאָטס הילף, האָף איך, ווען איך וועל נאָר לעבן, איר אזא מאַן צו געבן.

שלום האָט געזאָגט יידלען, ער זאָל אים אויפהערן דולן אַ קאָפּ מיט זיינע פוסטע שידוכים, נאָר ביי זיך אין הארצן האָט ער שטאַרק נאָכגעטראַכט אויף יידלס ווערטער מיט זיין נאַרישן „פאַרשטייט איר מיך", „פון דעם אמת קען מען נישט אַוועקגיין", „אַ יידישע טאָכטער פאַרזיצט נישט"... ר׳ שלום רויטמאַן האָט זיך איצט באמת געפונען אין אַ שלעכטער לאַגע: זיין טאָכטער איז געזונט און שיין און איז שוין אַ מיידל צו לייט, פונדעסטוועגן איז אים געוועזן שווער אַ שידוך צו טאָן, דאָך חתונה האָבן דאַרף זי.

ר׳ שלום האָט זי דערצויגן, ווי אַ פויער דאַרף דערציען קינדער: זיין טאָכטער חוה איז גוט קלאָר אין אַלע פעלדאַרבעטן, אין באַלעבאַטישקייט, זי האָט ליב איר אַרבעט, זי קען אין אַלע אַרבעטן מיטהעלפן, זי מוז האָבן אַ מאַן אַ פויער! וועמען אָבער גיט מען איר פאַר אַ מאַן? טאַקע ווייטער אַ פּראַצענטניק, אַ לופטמענטש? און אפילו דאָס וויל מען איר נישט געבן! יידל שדכן רעדט איר אַ שידוך עפּעס אַ פרעמדן בחור, וואָס וואַלגערט זיך אין קלויז, און דעם אנטיק וואָלט מען זיין טאָכטער אויך נישט גערעדט, ער זאָל נישט זיין אַזוי אָרעם! דער שדכן איז גאַרנישט שולדיק, ער אַליין שעצט אים מיט זיין פאַמיליע אפשר מער פון דעם ששי-ייד אין שטאָט, ווייל זיי גיבן אים מילכיקע וועטשערעס וויפל ער וויל און אַ מזומן קערבל אויך, און ער ברענגט עס אהיים דעם ווייב אויף ברויט; שדכנות איז זיין פרנסה, יידל וואָלט געוויס געוואָלט געבן חוהן אַן אָרנטלעכן חתן, נאָר וואָס קען ער טאָן?

— פון דעם אמת קען מען פּאַרט נישט אַוועקגיין: מען רופט מיך „שלום מוזשיק״. אָדער „דער יידישער מוזשיק״, הייסט וועכער באַלעבאַטישער ייד וועט מיט אַזוינעם, ווי איך, זיך וועלן משדך זיין?..

אַז שלום האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין שיינער, געזונטער און געראָטענער טאָכטער, האָבן זיך אים די טרערן געשטעלט אין די אויגן. ער האָט זיך אַזויפיל געמוטשעט אין זיין לעבן, אַזויפיל צרות איבערגעטראָגן, אַז נאָך זיין טויט זאָלן איבערבלייבן עטלעכע צווייגן יידישע פּויערים און פון די צווייגן זאָלן מיט דער צייט אַרויס־שפּראָצן אַ סך פּויערים... נאָר איצט! איצט זעט ער אַליין, נאָך בייַ דעם לעבן, אַז די רויזן, וואָס ער האָט פּאַרזייעט, קענען נישט וואַקסן איבער די דערנער — ער האָט געפלאַנצט אַ גאָרטן אויף אַ שלעכט שטיק ערד...

שלום האָט זיך שטאַרק פאַרטראַכט... איצט ערשט האָט ער דערזען, אַז פון סטעפּקיווקע קיין ירושלים איז זייער ווייט, נישט ווי עס האָט זיך אים אַמאָל אויסגעוויזן, אַז דאָ באַלד, הינטער דעם וועלדל, איז שוין ירושלים און נאָכן שניט וועט ער גיין אין בית־המקדש אַריין גאָט דאַנקען. וואָס האָט דאָ צו טאָן יידל שדכן מיט זיין סאָרטירן פּלות און חתנים, מיט זיין שדכנות־ביכל? ווו זענען די יאָרן, אַז חמשה עשר בשבט פלעגן זיך אַלע יידישע מיידלעך אָנטאָן אין די שענסטע ווייסע קליידער און אַרומגיין אין די גערטנער פון ירושלים. דאָרטן פלעגן זיי זיך באַגעגענען מיט די יונגעלייט און טאַנצן און זינגען:

קוקט אייך גוט צו, בחורים און יונגעלייט,

ווענמען איר קלויבט פאַר ווייבער הייַנט.

אַזוי האָבן יידישע טעכטער זיך אַמאָל געקליבן חתנים און חתונה געהאַט אָן שדכנים. מען האָט נישט געוווסט פון אייביקע קעסט, יידישע נחתלעך, איידעמלעך, אומזיסטע פּרעסער. נאָר דער איז געגאַנגען אין גאָרטן אַריין זיך אויסקלויבן אַ כלה, וועלכער האָט שוין געקענט געבן אַ ווייב ברויט, וואָס האָט געהאַט זיין ערד, זיין ברונעם. עס האָט אים נאָר געפעלט אַ באַלעבאָסטע, וואָס זאָל אים מיטהעלפן און אויך אַליין אַרבעטן.

פון שלומען פלעגט יידל שדכן גיין צום מלמד און מיט אים אײנטענהן:

— ביזוואַנען וועט איר אויסהאַלטן אייער ביקל, אייער לעמל? פאָלגט מיך, און טוט אַ שידוך מיט דעם מיידל נחמה פון נעזווינק. גלויבט מיר, אַז איר האָט דאָ נישט לאַנג וואָס צו טראַכטן, פאַרשטייט איר מיך... ווען נחמה זאָל נישט זיין קיין יתומה און זאָל נישט האָבן אַזאַ שלעכטן פעטער מיט אַ מומע, ביי וועלכע זי געפינט זיך איצט, פאַרשטייט איר מיך, וואָלט זי אייער לעמל אויף דער שוועל צו זיך נישט געלאָזט. ווי זאָגט מען עפעס: ביידע אינאיינעם איז נישטאָ ביי קיינעם — זי האָט נישט קיין געלט, וויל איר פעטער זי געבן אייער לעמלען פאַר אַ ווייב, אָט ווי זאָגט מען: קומט זי אריין אין אַ שמאַלצגרוב. פאַרשטייט איר מיך... אַ קו איז דאָ ביי אייך, און מילכיקס וועט איר נישט פעלן ביי אייך, עסן וועט זי האָבן ביי אייך, פאַרשטייט איר מיך... פאָלגט-זשע מיך, כל-זמן איר פעטער וויל נאָך, טראַכט נישט און טוט אַ שידוך!

יידל איז זיך אַ סך יאָרן אָפּגעגאַנגען די פיס פון נעזווינק קיין סטעפּקיוועקע און פון סטעפּקיוועקע קיין נעזווינק. אַ סך שיסלען ווארעניקעס האָט ער אויפגעגעסן און טויזנט מעשיות דערציילט פון זיי אין דער גרויסער קלויז און האָט טאַקע צום סוף אויסגעפירט דעם שידוך — לעמל איז אַ חתן געוואָרן פאַר דער יתומה נחמה.

נחמה איז געווען אַ געזונט שיין מיידל, אירע עלטערן זענען איר זייער יונג אָפּגעשטאָרבן, און אירס אַ פעטער, אַ שיינער ייד פון דער שטאָט נעזווינק, איז געווען אַ שטיקל כל-ולכביק אין שטאָט-זאַכן, אויך אַ בעל-טובהניק, אַ בעל-עצה פאַר יתומים און אלמנות און אַ גבאי אין אַ שולעכל. האָט ער די פלימעניצע, די יתומה צוגענומען פאַר אַן אייגן קינד. נחמה איז ביי אים געווען אַ דינסט אַ יאָר צען, דער פעטער האָט איר צוגעזאָגט צו געבן נדן, ווי אַן אייגן קינד, נאָר אַזוי ווי עס האָט זיך געמאַכט אַ שידוך, אַ שמאַלצגרוב און מען קען צו אים קומען אָן אַ גראָשן נדן, ווייל דער חתן איז אַ ביסל נישט אַזוי ווי מען דאַרף, האָט דער פעטער באַטראַכט, אַז פאַר אַן עלנט קינד איז דער שידוך זייער אַ פיינער. דער פעטער האָט מיט איר געטאָן דעם שידוך למזל און גערופן אַלע שענסטע באַלעבאַטים פון נעזווינק צום קנס-מאָל און געמאַכט זייער אַ שיינע

וועטשערע. אַלע האָבן אים געליבט פאַר זיין פרומקייט און גוט הארץ, ווי ער האָט רחמנות אויף יתומים.

דאָס אָרעמע מיידל נחמה האָט שוין לאַנג נישט געקענט אַרי־בערטראָגן די צרות פון דער מומען, און איידער צו זיין אַן אייבי־קער עבד כנעני, האָט זי באַשלאָסן חתונה צו האָבן פאַר לעמלען. „וואָס עס וועט זיין מיט מיר, זאָל זיין, אַבי נישט לענגער בלייבן ביי דעם פעטער מיט דער מומען".

אַז לעמל האָט חתונה געהאַט, האָבן די גויִים אין דאָרף גע־זאָגט: „דער חזיר עסט שטענדיק אויף דאָס בעסטע עפּעלע".

נאָר מיט ר' שלומען האָט יידל שדכן גאַרנישט געקענט מאַכן. ער איז זיך אומזיסט אָנגעגאַנגען די פּיס. חוה, שלום מוזשיקס טאָכ־טער, האָט אָן אים חתונה געהאַט. די געשיכטע איז אַזוי געווען:

אַז שלום האָט איינגעזען, אַז אין זיין געגנט קען ער מיט זיין טאָכטער קיין שידוך נישט טאָן און אַז אַ ייד אַן ערד־אַרבעטער קען ער פאַר איר נישט באַקומען, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז שוין לאַנג, נאָך אין יאָר 1829, האָבן זיך יידן ערד־אַרבעטער באַזעצט אין נאָוואָראָסיע; ער האָט אָוועקגעשריבן אַ בריוו דעם דאָרטיקן רב, וואָס האָט צו זאָגן איבער די יידישע קאָלאָניעס, האָט אים דערציילט, וויאַזוי ער איז געוואָרן אַן ערדאַרבעטער און דערנאָך האָט ער געשריבן אין דעם בריוו:

„אַזוי ווי איך בין אין דער היגער געגנט, אין אוקראַינע, איינאיינציקער יידישער ערדאַרבעטער און אַלע יידן קוקן אויף מיר, ווי אויף אַ משוגענעם, וואָס דאָס אַרט מיך גאָר ווינציק, ווייל איך וואָלט מיך נישט געביטן אויף זייער קלאָר־קייט, און איך בין שטאָלץ, וואָס גאָט האָט מיר געגעבן כּוח צו גרינדן אַ קאָלאָניע פאַר מיינע קינדער און קינדס קינדער, נאָר איין זאַך טוט מיר זייער ווי: איך האָב דערצויגן מיינע קינדער צו גאָט און צו לייט, ווי אַן ערדאַרבעטערס קינדער דאַרפן דערצויגן ווערן. נאָר דאָס, וואָס איך קען פאַר מיין טאָכטער נישט קריגן אַ מאַן אַן ערדאַרבעטער, מאַכט מיר גרויסע יסורים. מיין גאַנצע אַרבעט איז נאָר געווען צו מאַכן מיינע קינדער פאַר ערדאַרבעטער, און איך קען ביי מיר נישט פּועלן מיין טאָכטער צו געבן אַ פּראָצענטניק, אַ פאַקטאָר און

אפילו אַ סוחר פאַר אַ מאַן, און אַזויווי מען האָט אין אייער געגנט שוין לאַנג געגרינדעט יידישע קאָלאָניעס, און דאָרט זענען שוין געווים ביי אייך אויסגעוואַקסן פיינע יונגעלייט, בעט איך אייך מיר צו שדכענען אַ חתן פאַר מיין טאָכטער, וועלכע איז אַלט צוואַנציק יאָר. זי איז געזונט, שיין, געראָטן און גוט דערצויגן. זי קען זייער גוט מיטהעלפן אין אַלע אַרבעטן, זי פאַרשטייט אַרומצוגיין אַרום שאָף, זי איז אַ גרויסע בריה, זייער פלייסיק און האָט די אַרבעט ליב. איך לויב זי נישט דערפאַר, וואָס איך בין איר פאָטער, נאָר איך האָב דאָס רעכט זי צו לויבן, ווייל זי פאַרדינט עס. ערד אין נדן אַריין קען איך איר נישט געבן, ווייל די גאַנצע ערד, וואָס איך פאַרמאָג, האָב איך באַשטימט פאַר מיין זון, נאָר שאָף, בהמות, דאָרף-מכשירים און עטלעכע הונדערט קערבלעך קען איך איר יאָ געבן."

אין אַ קורצער צייט איז אָנגעקומען אַן ענטפער פון דעם רב, אַז אינגיכן וועט קומען קיין סטעפּקיווקע אַ יונגערמאַן, וואָס וויל זיך באַקענען מיט ר' שלום רויטמאַנס טאָכטער.

* * *

נאָכן שניט, אַז מען האָט שוין אָנגעהייבן אַראָפּפירן דאָס ברויט פון פעלד און פראָסע און גערשטן האָבן שוין אויך אָנגעהייבן פאַרטיק צו ווערן, איז אַראָפּגעקומען קיין סטעפּקיווקע אַ יונגערמאַן און האָט שלומען אָפּגעגעבן אַ בריוו פון דעם רב פון די נאָוואָראָסיער קאָלאָניעס.

אין דעם בריוו איז געשטאַנען, אַז דער יונגערמאַן קומט אַרויס פון אַן אָרנטלעכער משפחה, וואָס האָט נאָך אין יאָר 1829 אויסגעוואַנדערט פון דער אוקראַינע, אַז זיין פאָטער גיט אים נדן עטלעכע מאָרג ערד, און אויב די קינדער וועלן זיך געפעלן, דאַרף צר קיין בעסערן שידוך נישט זוכן.

דער יונגערמאַן איז דערווייל געבליבן ביי שלומען אין שטוב. אַ צייט לאַנג האָט ער מיט חוהן געאַרבעט אינאיינעם אויף שלומס פעלדער, און מיט דער צייט האָבן די צוויי מענטשן זיך צוגעבונדן צו איינאַנדער.

באַלד דערויף זענען אַראָפּגעקומען זיינע עלטערן מיט דעם דאָרטיקן רב און מען האָט געשטעלט למזל אַ חופּה. אויף דער חתונה האָבן זיך געפרייט אַלע סטעפּקיווקער דאָרפסלייט, און דער רב האָט באַקומען פוןביידע צדדים זייער אַ שיינעם רח״ש.

כאַטש יידל שדכן האָט דעם שידוך נישט אויסגעפירט, פונדעסטוועגן האָט ער גוט געחוליעט אויף דער חתונה און האָט געטראָגן אַהיים דעם ווייב פולע קעשענעס מיט לעקעך, עטלעכע פלעשלעך בראָנפן, צוויי געבראָטענע הינער און נאָך אַזוינע זאַכן.

יידל שדכן האָט נאָכדעם אין קלויז אַ לאַנגע צייט זיך נישט געקענט אָפּדערציילן פון דער חתונה. ער האָט געזאָגט, אַז ער איז שוין נישט פון נעכטן שדכן, און ווער איז נאָך געווען אויף אַזויפיל חתונות, ווי ער. דאָך האָט ער אויף זיין לעבן נאָך נישט געזען, מען זאָל אויף אַ יידישער חתונה געבן אַזוינע גרויסע שטיקער לעקעך, טאָרט און כל הגוטס, ווי מען האָט געגעבן ביי שלום מוזשיק. עס איז געווען אַ טיש פיד המקך...

חוה איז מיט איר מאַן באַלד נאָך דער חתונה אַוועקגעפאָרן אין דער יידישער קאָלאָניע, ווו זיי האָבן באַקומען אַ שטיק ערד און האָבן זיך איינגעאָרדנט.

* * *

אַ קורצע צייט שפּעטער איז שלום קראַנק געוואָרן. ער האָט געפילט, אַז ער דאַרף שטאַרבן און ער האָט געזאָגט:

— יאָ, איצט קען איך שטאַרבן... איך האָב אַלץ אויסגעפירט און געטאָן אַלץ, וואָס איך האָב געדאַרפט טאָן. מיין צייט האָט זיך געענדיקט, מען דאַרף שוין אַנדערע לאָזן אויף מיין אָרט...

איינמאָל, ווען זיין מצב האָט זיך פאַרערגערט, האָט ער צוגע־רופן דאָס ווייב און דעם זון און האָט שטיל געזאָגט:

— מיינע טייערע! איך דאַרף שטאַרבן... איך ווייס, אַז אַלע דורות קענען נישט לעבן אין גלייכע קאָנדיציעס... יעדער דור מוז לעבן לויט זיין שטייגער, לויט זיין גייסט... ווען דאָס זאָל אַזוי נישט זיין, וואָלט די וועלט נישט קלוגער געוואָרן, זי וואָלט געבליבן שטיין אויף איין אָרט... דערפאַר, מיין קינד, וויל איך דיר נישט זאָגן קיין דעות, ווי אַזוי דו זאָלסט לעבן אויף דער וועלט... לעב דיר לויט דיין שכל און לויט דער צייט; איך קען מיך פאַרלאָזן אויף דיר... נאָר איין זאַך זאָג איך דיר אָן: דו זאָלסט דיך קיינמאָל נישט צעשיידן מיט אונדזער ערד, דו זאָלסט נישט אַוועקוואַרפן די ערדאַרבעט, ווי רייך דו זאָלסט נישט זיין... זאָלסט תמיד אַליין אַרבעטן מיט אַלע פּראָסטע אַרבעטער און זאָלסט דיך נישט פאַרלאָזן אויף פרעמדע. נאָר דער איז אַ מענטש, וואָס אַרבעט אַליין. דיינע קינדער זאָלסטו אויך געוויינען צו דער אַרבעט, נישט ווייניקער ווי איך דיך.

ער האָט אָפּגעצויגן דעם אָטעם און ווייטער גערעדט:

— אַז דו וועסט חתונה האָבן, זאָלסטו דיר נעמען אַ ווייב, ווי דיר געפעלט. דערויף וויל איך דיר קיין דעה נישט זאָגן. די אייגענע פרייהייט זאָלסטו אויך געבן דיין זון, נאָר דיינע טעכטער זאָלסטו געבן מאַנען ערדאַרבעטער.... פאַר מיין גאַנץ פאַרמעגן, וואָס איך לאָז דיר איבער און אויף וועלכן איך האָב יאָרנלאַנג שווער און ביטער געהאָרעוועט, זאָלסטו מקיים זיין מיינע לעצטע ווערטער. גיב מיר די האַנט פאַר דיין טרייער מוטער, אַז דו וועסט מקיים זיין מיינע ווערטער. כּל זמן זי וועט לעבן, וועט זי זיין אונדזער עדות און נאָך איר טויט וועלן צווישן אונדז בלייבן די אייביקע צוויי עדות: הימל און ערד...

* * *

שלום רויטמאַן איז געשטאָרבן. דער עולם פּויערים האָבן שטאַרק געטרויערט נאָך אים. מאַנכע האָבן אַפילו געוויינט.

אַ גרויסע שמחה איז נאָר געווען ביי חברה קדישא. מען האָט געוואָלט „אָפּלעקן אַ ביינדל" פון דעם מת.

מען האָט זיך איינגעגעסן אין די אבלים און מען האָט געפאָדערט אַ גרויסע מטבע פאַר דער קבורה.

חברה קדישא איז געזעסן און געשיכורט און דערביי האָט מען אַלץ געחשבונט, וויפל מען זאָל נעמען.

איינער האָט זיך אָנגערופן:

— איך זאָג: זעקסהונדערט דרייצן קערבלעך. דאָס איז אַ גלייכע ציפער. ווייל עס איז געגליכן צו די תרי"ג מצוות... און דעם יורש וועט עס אויך געפעלן צו געבן תרי"ג קערבלעך.

— און איך זאָג, — איז אויפגעשפרונגען א נייער חברה-מאַן, וואָס האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס פון פיל טרינקען. — באַלד ווען מען זאָגט תרי"ג מצוות, טאָ זאָל עס שוין זיין מיט צוויי רישן: תרריי"ג, דאָס הייסט גלייכע אַכטהונדערט דרייצן קערבלען!

— דו ביזט משוגע, צי וואָס? וואָס הייסט גלייכע? צו וואָס דאַרפן זיך נאָכשלעפן די דרייצן? זאָל שוין זיין אַכטהונדערט, וועט זיין גלייך.

— די דרייצן לאָז איך איבער פאַר חיימען דעם יורש, ער זאָל זיי אָפּדינגען...

מיט אַ גרויס געלעכטער איז ביי אַלע געבליבן, אַז מען זאָל פאַרלאַנגען פון די יורשים אַכטהונדערט דרייצן רובל פאַר דער קבורה, און מיט פרישע כּוחות האָט מען זיך ערשט גענומען צו די גלעזער וויין.

אויף מאָרגן גאַנץ פרי, ווען חיים האָט געבראַכט דעם מת אין שטאָט אַריין און איז געקומען צו דער נעזווינקער חברה קדישא און זיי האָבן אים געזאָגט, אַז זיי פאַרלאַנגען אַכטהונדערט דרייצן רובל פאַר זיין טאַטנס קבורה, האָט ער נישט גערעדט קיין האַלב וואָרט, אַרויסגענומען זיין בייטל און אָפּגעציילט דאָס גאַנצע געלט ביז דער לעצטער קאָפּיקע.

דעמזעלבן טאָג איז געווען אַ רויִקע שטילע לוויה און מען האָט דעם יידישן מוזשיק געבראַכט צו קבורה.

חברה קדישא איז דערנאָך אַריין אין אַ שענק, מען האָט געטרונקען, פאַרביסן מיט גריוון און געבראָטענע גענדז און זיך גע־קריגט ביז עס איז געקומען צו פעטש...

די מחלוקת צווישן דער חברה קדישא האָט זיך גענומען דערפון, פאַרוואָס מען האָט פון חיימען נישט פאַרלאַנגט פאַר דער קבורה גלייכע טוזנט קערבלעך.

דעמזעלבן אָוונט האָט יידל דער שדכן און דער קראַנקער ר׳ קלמן טעפליקער געלערנט אין קלויז עטלעכע פרקים משניות פאַר ר׳ שלומס נשמה וועגן.

פאַני אסתּרקע.

נאָך ר׳ שלום רויטמאַנס טויט איז אַוועק אינגאַנצן אַ יאָר צוואַנ־ציק, און ווי האָט זיך זיין הויז אין דערדאָזיקער צייט איבערגעביטן?

אין עק דאָרף, וווּ ר׳ שלומס שטוב מיט דעם שטרויענעם דאַך איז אַמאָל געווען, שטייט איצט אַ הויז מיט בלעך באַדעקט, און גרין גע־פאַרבט דער דאַך. אויפן הויף עטלעכע שטאַלן פאַר בהמות און מאַגאַ־זינען פאַר די תבואות. אין אַ באַזונדער געפאַרבטער שטאַל שטייט אַ קאַרעטע מיט פיר גוטע פערד פאַר אַ פּוילישן געשפּאַן — נאַשפּיץ.

די ביימעלעך, וואָס ר׳ שלום האָט מיט אַ סך יאָרן צוריק גע־פלאַנצט אַרום זיין שטוב, זענען שיין אויסגעוואַקסן און איצט איז דאָרטן אַ גאָרטן מיט סטעזשקעס, אויסגעשיט מיט געלן זאַמד.

ר׳ שלומס הויז זעט איצט אויס, ווי אַ פּריצישער הויף, ווי מען זעט כּמעט אין אַלע פּריצישע גיטער אין אוקראַינע, און פרעמדע, וואָס פאָרן פאַרביי דאָס דאָרף סטעפּקיווקע און פרעגן: ווער דאָ וווינט? ענטפערט מען:

— דאָ ווױנט פאַן חיים מיט זײַן װײַב פּאַני אסתּרקע...

די אַלע פאַרענדערונגען האָט ר׳ שלומס זון חיים געמאַכט אַ דאַנק זײַן צווייטער פרוי אסתּר, מיט וועלכע ער האָט צוריק מיט אַ יאָר זיבעצן חתונה געהאַט.

נאָך זײַן פאָטערס טויט האָט חיים אײַנגעזען, אַז ווייטער פירן אין דאָרף אַ בחוריש לעבן איז גאָרנישט גוט און האָט באַלד, צו זײַן מוטערס פרייד, חתונה געהאַט. נאָר גאָט האָט אים געשטראָפט מיט אַ קראַנק ווײַב, ער האָט מיט איר געלעבט אַ קורצע צײַט און זי איז געשטאָרבן, נישט איבערלאָזנדיק קיין קינדער.

פאַר חיימען איז דאָס געווען אַ גרויסער קלאַפּ, און וואָס ווײַ־טער, האָט ער זיך מער איבערגעצייגט, אַז פאַר אַן ערדאַרבעטער איז נישט גוט, ווען ער האָט נישט קיין פרוי און לעבט אָן קינדער, וואָס זאָלן אים מיטהעלפן אין דער אַרבעט.

דער אַלטער שדכן, יידל, וואָס פלעגט נאָך צו זײַן פאָטער קומען רעדן פאַר זײַנע קינדער שידוכים, האָט איצט אויך נישט גע־שוויגן, און האָט אָנגעהייבן אָפט אַרײַנקומען צו חיימען אים רעדן שידוכים. ר׳ שלומס ווײַב, די אַלטע פריידע, האָט אויך זייער געוואָלט, איר בן־יחיד זאָל חתונה האָבן, און חיים אַליין האָט, ווילנדיק, נישט ווילנדיק, זיך געלאָזט רעדן שידוכים.

צווישן אַלע אַנדערע שידוכים האָט יידל שדכן אויך גערעדט פאַר חיימען אַ מיידל טאָקע פון דער שטאָט נעזווינק, מיט דעם נאָמען אסתּר. זי איז געווען יונג און נישט קיין מיאוסע, אַ בלאָנדע מיט שיינע העלע האָר און מיט בלויע אויגן, און נאָך אירע יאָרן איז זי געווען זייער אַ קלוגע. ווער עס האָט זי נאָר געזען, איז זי געפעלן פון דער ערשטער באַקאַנטשאַפט.

אירע עלטערן זענען, ווי אַלע נעזווינקער יידן, געווען פרומע און איר פאָטער איז געפאָרן צום רבין. ער האָט פאַר זײַן קלוגער שיינער טאָכטער געוואָלט נעמען אַן איידעמל — אַ לערנער, אַ חסידישן יונגנ־מאַן, נאָר אסתּר האָט אַזעלכע חתנים נישט געוואָלט וויסן. זי האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ „היינטוועלטיקע״ און נאָר געוואָלט אַ „דײַטש״, דערבײַ האָט זי קיין מורא נישט געהאַט דאָס אָפן ארויסצוזאָגן אירע עלטערן.

אסתּר איז געווען דאָס אײנציקע מיידל אין שטאָט, וואָס האָט געהאַט אַזויפיל עזות צו רעדן מיט די עלטערן, ווען עס איז געקומען

צו שדוכים. איר פאָטער האָט זי נישט איינמאָל באַשטראָפט דערפאַר, נאָר עס האָט נישט געהאָלפן, און אירע עלטערן האָבן געזאָגט: מען קען דאָך אַ קינד מיט געוואַלט נישט פירן צו דער חופּה! און זיך פאַרלאָזט אויף דעם, וואָס לעבט אייביק, און וואָס עס וועט זיין פון אים באַשערט, וועט זיין באַוועוט.

זייענדיק אַ שיין מיידל, איז זי שטאַרק געפעלן די היינט-וועלטיקע יונגעלייט. מיט אייניקע האָט זי געפירט ליבעס, נאָר עס האָט זיך פון די אַלע ליבעס אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט און אסתּר איז וואָס ווייטער עלטער געוואָרן. אירע עלטערן זענען געוועזן זייער פאַרזאָרגט, וואָס זייער טאָכטער זיצט אַזוי לאַנג און זיי פלעגן זאָגן: — זאָל אסתּר שוין חתונה האָבן פאַר וועמען זי וויל, נאָר זאָל מען איר שוין צודעקן דעם קאָפּ.

יידל שדכן האָט שוין נישט איין פאָר שיך אומזיסט צעריסן, גייענדיק צו אסתּרן איר רעדן שידוכים, און איינמאָל איז ער אַריינגעלאָפן צו איר מלא גדולה:

— אָט איצט, אסתּר, פאַרשטייסטו מיך, קענסטו קומען צו אַ גליקלעכן שידוך! ווי זאָגט מען עפּעס: „עס וועט אויסקומען, די ציג זאָל זיין גאַנץ און דער וואָלף זאַט", פאַרשטייסטו מיך... אי דיין טאַטע וועט באַשטיין, אי דיר וועט געפעלן דער שידוך. נאָר וואָס זאָל איך דיר אַ סך דערציילן, די מעשה איז דערפון ·אַזוי: דו האָסט דאָך מסתּמא געהערט, אַז דער גביר-אדיר, שלום מוזשיקס זון, חיים פון דאָרף סטעפּקיוווקע, איז נישט לאַנג אָן אלמן געבליבן... ער, קען מען זאָגן, איז נאָך אַ יונגערמאַן, געלט האָט ער גענוג און קיין פּיאות גאָרנישט, דאָס געפעלט דאָך דיר? דו זוכסט זיך אַ חתן אָן פּיאות, נאָר אַ „היינטוועלטיקן", אָן „אַריסטאָקראַט", אַ „פּראַנט", אַ פריץ! אַי, חיים איז נישט קיין אַריסטאָקראַט, וועסטו דערנאָך קענען פון אים מאַכן, וואָס דו וועסט נאָר וועלן, פאַרשטייסטו מיך...

— גלויב מיר, אסתּר, — האָט יידל נישט אויפגעהערט איינצורעדן מיט איר, — אַז פון דיינע אַלע ליבעס און שמיבעס וועט גאָרנישט ווערן. איך זיץ שטענדיק און קוק און לאַך פון די יינגלעך און מיידלעך, וואָס שפּילן ליבעס און סוף כּל סוף קומען זיי אָן צו מיר און קענען זיך פאָרט אָן מיר, יידל שדכן, נישט באַגיין! און יידל שדכן כאַפּט שדכנות! פאָלג-זשע מיך, אסתּרל, איך דאַרף איצט

זייער נייטיק האָבן אויף יום־טוב און האָב אַפּילו נישט קיין קאָטשערע אין מיין גאַנצער שטוב!...

אסתּרן איז דאָס אַריין אין קאָפּ אַריין: זאָלן אַלע אירע באַקאַנטע זען, אַז אסתּר האָט טאַקע אירס אויסגעפּירט און האָט נישט חתונה פאַר קיין בית־המדרשניק. זאָלן זיי זען, אַז אסתּר האָט חתונה פאַר אַן אַנדער מין מאַן; אַי, אַלע רופן אים „שלום מוזשיקס זון"? נאָר, נישקשה, מען מעג זיך אויף מיר פאַרלאָזן, אַז איך וועל נאָר ווערן זיין ווייב, וועט מען אים ביי מיר רופן: „דער יידישער פּאַמעשטשיק" אָדער דער „פּאַן"... און, ווידער, איך וויל גאָרנישט וויסן. איך וועל זיין אַ יונג ווייבל, וועל איך בעסער לעבן, ווי אַן אַלטע מויד, זיצנדיקביים טאַטן אויפן קאָפּ.

דאָס אַלץ איז גיך ווי אַ בליץ געפלויגן ביי אסתּרן אין קאָפּ. נאָר יידל שדכן האָט איר די געדאַנקען איבערגעשלאָגן.

— אסתּר, דו מוזט וויסן, אַז ביי חיימען דאַרף מען זיין אַן אַנדער מין ווייב, ווען ער וועט דיך קומען אָנקוקן, דאַרפסטו אים דערציילן, אַז אויב דו קענסט נישט זיין קיין ערדאַרבעטערין, ווי אַ דאָרפישע באַלעבאָסטע, ביזטו אין דעם נישט שולדיק, ווייל דו ביזט נישט געוואַקסן אין דאָרף, נאָר דו האָפסט מיט דער צייט זיך אויסצולערנען, פאַרשטייסטו מיך... וואָרים ער וועט גאָר ווייניק קוקן אויף דיין נדן־געלט. ביי אים וועלן אַזעלכע ווערטער זיין דער גאַנצער נדן, פאַרשטייסטו מיך... מיר דאַכט, אַז איך מעג אויף דיר זיך פאַרלאָזן, אסתּר!

— לערנט מיך נישט, ר' יידל, איר מעגט זיך אויף אסתּרן פאַרלאָזן. איך האָב מיך גענוג אָנגעהערט פון שלום מוזשיקס קינדער. איך וועל וויסן, וויאַזוי מיט אים צו רעדן און אים נאָכצוגעבן. זעט ר' יידל, וועגן דעם נישט צו שלאָפן, וועט איר שוין האָבן אויף יום־טוב, און איך וועל אייך נאָך אַ חוצדעם אויך באַלוינען.

— איך דאַרף גאָר קיין בעסערן שידוך נישט האָבן, — האָט זי געזאָגט צו זיך, ווען יידל איז אַוועקגעגאַנגען.—פאַר וועמען קען איך, אַ יידיש מיידל, חתונה האָבן — פאַר אַ סוחר אָדער אַ קרעמער. וועל איך דאַרפן זיין אַ קרעמערין, אַ סוחרטע, טאָג ווי נאַכט זיין צוגעבונדן צו דער שטוב און צו דער קראָם. מיט דעם נישט גיין, מיט דעם נישט שטיין און קיינמאָל נישט זיין פריי. אָבער אין דאָרף, וועל איך קענען לעבן, ווי איך וויל. אַי, חיים פירט זיך אַליין ווי

אַ מוזשיק און ארבעט גלייך מיט אַלע פּויערים אין פעלד — וואָס אַרט דאָס מיך? לאָז ער אַרבעטן, וויפל ער וויל, איך וועל אים אין דעם נישט שטערן. פאַרקערט, וואָס מער ער וועט אַרבעטן, וועט ער ווערן רייכער און איך וועל קענען בעסער לעבן. איך וועל דווקא אים צוליב טאָן איך זאָל אים געפעלן און ער זאָל מיר נאָכגעבן אַלע ווילטאָגן.

ווען חיים איז געקומען אסתרן אָנקוקן, האָט זי אים דער־ציילט, אַז איר גאַנץ לעבן טראַכט זי נאָר צו וווינען אין דאָרף און זיך פאַרנעמען מיט ערדאַרבעט. זי האָט פיינט די שטאָט מיט דעם גאַנצן טאַראַראַם, און טאַקע נאָר דעריבער האָט זי אַזוי גיך נישט חתונה געהאַט.

חיים האָט זיך געהאַלטן פאַר גליקלעך, וואָט גאָט האָט אים באַשערט אַזאַ ווייב און נאָך דערצו נישט קיין מיאוסע, אַ געזונטע. ווער שמועסט, אַז אסתר האָט אים צום יאָר נאָך זייער חתונה גע־האַט אַ זון, איז ער געווען איינער פון די גליקלעכסטע.

אסתר איז ביי איר מאַן טייערער געוואָרן, ווען זי האָט אים געבוירן אַ זון, וועלכן די מוטער האָט אים אַנדערש נישט געוואָלט רופן, ווי נאָר „סאָלאָמאָן".

אַז סאָלאָמאָן איז אַלט געוואָרן זעקס יאָר, האָט אסתר אָנגע־הייבן איינרעדן חיימען, אַז זי וויל נישט, ער זאָל דערצויגן ווערן אין דאָרף צווישן די פּראָסטע פּויערים, נאָר מען זאָל אים שיקן אין אַ גרויסער שטאָט לערנען ביי די דאָרטיקע לערער. נאָר ווי חיים האָט ליב געהאַט זיין ווייב, האָט ער פאָרט נישט פאַרגעסן אָן זיין פאָטערס צוואה. חוצדעם, האָט נאָך געלעבט איין עדות — די אַלטע מאַמע. און כאָטש פריידע איז שוין געווען אַלט און קראַנק, פונדעסטוועגן האָט מען זי נאָך געפאָלגט, און די אַלטע קראַנקע פריידע האָט לעת־עתה גובר געווען די יונגע געזונטע אסתר.

חיים האָט זיין ווייב אין דעם נישט צוליב געטאָן, און האָט זיין זון דערצויגן, ווי אַן ערדאַרבעטער. אסתר האָט זיך איבערצייגט, אַז איר מי איז אומזיסט און האָט געשוויגן. דערפאַר האָט זי אָבער געפועלט, אַז אויף דעם אָרט פון דעם הויז, מיט שטרוי געדעקט, האָט מען אויפגעבויט אַ שיינעם הויף און אויך געקויפט אַ קאַרעטע מיט פיר פערד.

חיימס גוט האַרץ האָט דאָס איר נישט געקענט אָפּזאָגן, און

דאָס וואָס מען זעט איצט אַ שיינעם גאָרטן מיט שיינע סטעזשקעס, מיט מאַרמאָרנע פיגורן און מיט בייטלעך פון גרינע בלעטער, האָט זי שוין אַליין געהייסן מאַכן און ביי קיינעם נישט געפרעגט. זי האָט, אַלס באַלעבאָסטע, אַליין געדונגען אַרבעטער און האָט עס גע־לאָזט מאַכן. און די פיגורן האָט זי געקויפט, ווען זי איז געווען אין דער גרויסער שטאָט קיעוו.

אַ נ יי ל ע ב ן.

אסתרן האָט אָנגעהייבן ווערן אומעטיק זיך אַליין שפּאַצירן און פאָרן אין דער ברייטער אויסגעבעטער קאַרעטע. איר מאַן איז שטענ־דיק געווען פאַרנומען מיט זיין אַרבעט; איר זון, סאָלאָמאָן, ווי אַ קינד, וואָס איז געבוירן און אויסגעוואַקסן אין דאָרף, האָט זייער ליב געהאַט דאָס פעלד. זיין גאַנץ פאַרגעניגן איז געווען צו זיין אין פעלד, צווישן די שאָף, און צוקוקן ווי די זאַנגען פילן זיך אָן, און וואַקסן העכער פון טאָג צו טאָג. ווען ער האָט צייט געהאַט, האָט ער ליב געהאַט אַרומצולויפן אין גאָרטן און זען ווי די ביימער בליען. ער האָט אויך ליב געהאַט צו גיין אַלע פאַרנאַכט אין סאָסנע־וועלדל, ווען דעם קרעטשמערס מיידל, רחל, פלעגט קומען פאַרנעמען פון דער פּאַשע אירע עטלעכע שאָף מיט דער קו און זיי טרייבן צו דער קרעטשמע. זייער אָפט פלעגט ער מיט רחלען און מיט אירע שאָף גיין צוזאַמען אַהיים.

זעלטן פלעגט סאָלאָמאָן פאָרן מיט זיין מוטער אין שטאָט אַריין, אַזוי, אַז אסתר איז כמעט תמיד אַליין געזעסן אין דער קאַ־רעטע. נאָר זינט דעם סטעפּקיווקער פּריצס זון, פּאַן קאַרל, איז גע־קומען צו פאָרן פון וואַרשע, ווו ער האָט שטודירט, נאָר מען האָט אים פאַר זיין שלעכטער אויפפירונג אַרויסגעוואָרפן פון דער שולע, אַזוי אַז דער פאָטער האָט אים געמוזט האַלטן ביי זיך אין סטעפּ־

קיווקע, — זינט דאַמאָלט האָט זיך פּאַר אסתּרן אָנגעהייבן אַ נייע וועלט, אַ נײַ לעבן: צו אסתּרן אין שטוב פּלעגט שוין אָפט קומען געזעלשאַפט, כאָטש פֿריער פּלעגן צו חיימען אויך אַמאָל קומען געסט: דער עלטער פֿריץ, פֿאַן זאַרעצקי און דער גלח. נאָר, ערשטנס, פּלעגן זיי קומען זייער זעלטן, און, צווייטנס, אַז זיי זענען זיך יאָ אַמאָל צוזאַמענגעקומען, האָבן זייערע שמועסן אסתּרן גאָר ווייניק אינטערעסירט, ווייל זיי פּלעגן רעדן פֿון באַלעבאַטישע זאַכן. חיים האָט זיינע געסט זייער געשעצט, ווייל זיי האָבן נאָך געקענט זיין פֿאָטער און זענען אים געווען די בעסטע פֿריינט. און ער פּלעגט מיט זיין ווייב אויך אַמאָל צו זיי פֿאָרן צו גאַסט. נאָר אסתּרן איז אַלץ געווען אומעטיק. אָבער זינט פֿאַן קאַרל איז געוואָרן אַ היימישער ביי איר אין הויז, האָט אסתּר אויפגעלעבט. ער פּלעגט מיט איר פֿאָרן אין וואַלד, אין שטאָט, ער פּלעגט זי באַגלייטן אין די קראָמען, ווען זי האָט באַדאַרפֿט עפּעס איינקויפֿן. אסתּר האָט זייער גוט געוווּסט, אַז די, וואָס קענען זי נישט, האַלטן זי פֿאַר אַ געבוירענע פּריצטע און פֿאַר אַן אמתע פּאַני.

אַ דאַנק פֿאַן קאַרלען, איז זי באַקאַנט געוואָרן מיט פּוילישע גוטבאַזיצער, מיט זייערע ווייבער און קינדער. זי איז גליקלעך געווען, אַז מען האָט זי נישט געהאַלטן פֿאַר אַ יידישע. דערפֿאַר איז זי אָבער רויט געוואָרן, אַז עמעצער איז, חס-ושלום, געוויר געוואָרן, ווער זי איז... איבערהויפּט איז זי זייער צופֿרידן געווען מיט פֿאַן קאַרלס באַקאַנטשאַפֿט דערפֿאַר, ווייל ער האָט זי שטענדיק גערופֿן „פּאַני אסתּרקע", און, ווידער, איז פֿאַן קאַרל געווען אַ שיינער, לעבעדיקער יונג; מיט פֿאַן קאַרלען איז שטענדיק געווען פֿריילעך: ביים טיי, אָדער ביים מיטאָג האָט ער געקענט דערציילן זייער שיינע סצענעס פֿון וואַרשעווער לעבן, נאָכמאַכן אַלע פּוילישע אַקטיאָרן, אַקטריסעס און קאָמיקער. אין דעם איז ער געווען אַ מייסטער; ער האָט נאָכגעמאַכט סצענעס פֿון וואַרשעווער יידן אין די לאַנגע קאַפּאָטעס מיט פּיאות און פֿון די מוזשיקעס אין דאָרף, און אסתּר האָט פֿון זיין דערציילן אָנגעקוואָלן און נישט אויפגעהערט צו לאַכן.

חיים, וואָס האָט זיך מיט פֿאַן קאַרלען נאָך געקענט אַלס קינד און האָט מיט אים צוזאַמען געשפּילט אויפֿן פֿעלד און אינאיינעם געלערנט לעזן און שרייבן ביים „דיאַק" פֿון סטעפּקיווקע, איז זייער צופֿרידן געווען, וואָס זיין פֿריינט פֿון די קינדעריאָרן, דער זון

פון דעם אַלטן פּריץ, קען פאַרבאַרענגען ביי אים אין הויז די צייט פריילעך.

פאַן קאַרל איז אוודאי געווען צופרידן. ערשטנס, איז פאַני אסתרקע געווען אַ שיינע בלאָנדינקע, כאָטש זי איז שוין אַלט געווען אַריבער דרייסיק. זי האָט אָבער פיל יינגער אויסגעזען, אַזוי, אַז ער האָט זיך מיט איר נישט באַדאַרפט שעמען קעגן די אַנדערע יונגעלייט פון זיינע פריינט. אסתר האָט נאָך געקענט רויט ווערן, ווי אַ יונג מיידל. נישט איינמאָל האָבן די יונגעלייט פאַן קאַרלען איינגערוימט אין אויער אַריין, אַז זיי זענען אים מקנא, וואָס ער דרייט זיך אַרום דער שיינער, רייכער „זשידוווקע". די באַציִונגען צווישן אים און „פאַני אסתרקע" זענען אַלע טאָג נענטער געוואָרן, און ביי „פאַן חיימען" אין הויז האָט זיך אָנגעהייבן גאָר אַ ניי לעבן.

איינמאָל, ווען ביי איר צו הויז איז געווען פאַן קאַרל צוזאַמען מיט זיין פריינט וואָדאָפּיאַנאָוו, דער שרייבער פון „וואָלאָסט", וועלכער פלעגט אויך אָפט איינגעלאַדן ווערן אויף טיי, האָט אסתר געזאָגט פאַן קאַרלען, ווען ער האָט אָנגעהייבן דערציילן וועגן וואַרשעווער לעבן:

— ווען איך זאָל קענען פועלן ביי מיין מאַן, וואָלט איך מיין סאַלאָמאָנטשיקן אויך געשיקט קיין וואַרשע אין גימנאַזיע זיך לערנען. ווי גליקלעך וואָלט איך דאַן געווען, אַלע מאַמעס וואָלטן מיך מקנא געווען!

— און איר קענט אַזאַ קלייניקייט ביי אייער מאַן נישט פועלן?— האָט פאַן קאַרל פאַרוווּנדערט געפרעגט.

— מיין מאַן לאָזט דערוויי נישט, — האָט אסתר געענטפערט.— ער האָט מיר נאָר צוגעזאָגט, אַז ווען סאַלאָמאָנטשיק וועט עלטער ווערן און וועט שוין גוט זיך באַקענען מיט דער ערדאַרבעט, וועט ער אים שיקן אין שטאָט לערנען. איך האָף אָבער, אַז איך וועל אים שיקן קיין וואַרשע.

— אַוודאי וועט אים אייער מאַן שיקן צו אייערע מלמדים לערנען! — האָט וואָדאָפּיאַנאָוו זיך געוועטלט און זיך צעלאַכט.

אסתר האָט זיך פאַרשעמט און רויט געוואָרן.

נאָך אַ קורצער שטילשווייגעניש האָט אסתר זיך אָנגערופן צו וואָדאָפּיאַנאָוון:

— מיך וווּנדערט זייער אויף אייער פראַזע. שוין-זשע מיינט איר,

אַז אונדזערע קינדער לערנען נאָר ביי מלמדים... ווייסט איר דען נישט, אַז עס געפינען זיך אַ סך יידישע דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אינזשי-ניערן און געלערנטע? פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַלץ האָבן זיי נישט געקענט אויסלערנען ביי מלמדים, נאָר זיי האָבן געלערנט אין די גימ-נאַזיעס, אין די אוניווערסיטעטן.

— אָט דאָס איז נאָך מיין מיינונג אַן אומגליק פאַר יידן, — האָט וואָדאָפּיאַנאָוו זיך אָנגערופן. — אייערע קינדער דאַרפן זייער דערציִונג באַקומען נאָר ביי מלמדים און זיך נישט שטופן אין די גימנאַזיעס און אוניווערסיטעטן. דאָס איז נישט פאַר יידן. אָט דערפאַר האָט מען זיי פיינט, ווייל זיי שטופן זיך נישט, ווו מען דאַרף. אייערע קינדער דאַרפן בלייבן, ווי זייערע עלטערן, אין די לאַנגע קאַפּאָטעס און טראָגן פּיאות. אַזעלכע יידן האָט מען נישט אַזוי פיינט, ווי די „געבילדעטע" דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן, — האָט וואָדאָפּיאַנאָוו גע-ענדיקט מיט אַ שטעכעדיק געלעכטער.

— איר ווילט, ה' וואָדאָפּיאַנאָוו, אַז יידן זאָלן בלייבן אינדער-פינסטער, נישט קענען זען די ליכטיקע וועלט? איר ווילט נישט, אַז זיי זאָלן ווערן גלייכע מענטשן מיט אַלע? איר מיט נאָך אַזוינע טויזנטער וואָדאָפּיאַנאָווס וועט דאָס ביי אונדז נישט אויספירן! — האָט אסתּר אים אָפּגעענטפערט.

— איך האָב נישט געוווּסט, פאַני אסתּרקע, אַז איר זענט אַזאַ גרויסע יידישע פּאַטריאָטקע! — האָט פאַן קאַרל צוגעגעבן.

שפּעט אין דער נאַכט, ווען פאַן קאַרל און וואָדאָפּיאַנאָוו זענען געגאַנגען אַהיים, האָט פאַן קאַרל זיך אָנגערופן צו זיין חבר:

— צו וואָס טויג מיר די אַלע רייד, ווו און ביי וועמען די „זשידעניאַטעס" דאַרפן זיך לערנען... נאָר איין זאַך מוזט איר צוגעבן, ווי פיינט איר זאָלט יידן נישט האָבן: אסתּרקע איז אַ רייצנדיקע שיינהייט און קלוג, ווי אַ רות.

— צו יידישע שיינע פרויען האָב איך גאָרנישט, נאָר יידן האָב איך פיינט, איבערהויפּט אַזעלכע יידן, וואָס שניידן אונטער די קאַ-פּאָטעס מיט די פּיאות און שטופן זייערע קינדער אין די גימנאַזיעס מיט די אוניווערסיטעטן.

— איר ווייסט, אַז ווען איך האָב איר אַמאָל דיזעלבע מיינונג אַרויסגעזאָגט, אַז אונדז, קריסטן, געפעלן בעסער די אַלטמאָדישע יידן, האָט אסתּרקע מיר בעענטפערט, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל מיט

אזעלכע אלטפרענקישע יידן קענען די פריצים אלץ מאכן, מען קען לאכן און חוזק מאכן פון יידן און זיי וועלן נאך זינגען מה יפית פאר די פריצים, און אז די היינטיקע געבילדעטע יידן וועלן נישט דערלאזן אזא העסלעכע באציונג צו זיי.

וואדאפיאנאוו איז אויפגעשפרונגען פון כעס און בייז זיך צע־לאכט:

— די „געבילדעטע" יידן וועלן נישט דערלאזן! — מיר וועלן זיי נאך ווייזן! זיי וועלן אונדז נאך געדענקען!

און ביי די ווערטער האט ער מיט די קולאקעס געפאכט אינדער־לופטן.

ביידע חברים זענען זיך צעגאנגען.

רחלע די דארף־שיינהייט.

נישט ווייט פון חיים רויטמאנס הויז, אינגאנצן א האלבער וויארסט פון פעלד ארויס, אויף דעם בארג, שטייט א קרעטשמע. דאס איז נישט קיין פעלד־ אדער דארף־קרעטשמע, ווו מען פארקויפט בראנפן; דאס איז א פראסטע שטוב, מיט שטרוי געדעקט, מיט קליינע, אבער ריינע פענסטער און מיט אן ערדענעם לאנגן קוימען. ארום דער שטוב זענען ארומגעגראבן א פאר דעסיאטין ערד. דארט זעט מען א קליינע נידע־ריקע געביידע פאר א ביסל שאף און א שטאל פאר א קו מיט איר קעלבל; לעבן איינעם פון די פענסטער שטייען צוויי אלטע דעמבענע ביימער. ווער עס האט זיי געפלאנצט, געדענקט קיינער נישט, אפילו נישט די אלטע דארפסלייט פון סטעפקיווקע. אינגאנצן זעט עס אויס, ווי אן ארעמע אפגעזונדערטע דארפישע באלאבאטישקייט.

רופן רופט מען עס „קרעטשמע" דערפאר, ווייל דאס איז שוין א כלל, אז וויבאלד נישט קיין רייכער ייד וווינט אין א דארף, צי אויף דעם פעלד, אדער אין וואלד, הייסט דער ייד „קרעטשמער" און

זיין שטוב „קרעטשמע", ווּ מען פאַרקויפט, מסתמא, בראָנפן. אַ קרעטשמע מיט בראָנפן פאַר די סטעפּקיווקער דאָרפלייט איז געווען טאַקע אין דאָרף, נאָר זי האָט געהאַלטן אַ קריסט. אַז אַ ייִד זאָל אין סטעפּקיווקע נישט פאַרקויפן קיין בראָנפן האָט זיך נאָך דער אַלטער ר' שלום גע־סטאַרעט; ער פלעגט אָפט זאָגן, אַז אַ ייִד, אַ שענקער, מיט אַ ייִד אַן ערדאַרבעטער פּאַסטן זיך נישט פאַר שכנים.

אין דעם קליינעם אָרעמען שטיבל האָט שוין זייט אַ לאַנגער צייט געוווינט דעם מלמדס זון לעמל מיט זיין טאָכטער רחל.

ווען נחמה האָט חתונה געהאַט פאַר לעמלען, און פריידע מיט שלומען האָבן געזען, אַז זי איז אַן אויסגעצייכנטע באַלעבאָסטע, האָבן זיי איר אָפּגעטיילט ערד אויף אויסצוצאָלן. פריידע האָט אויף נחמהן אַ ביסל אַכטונג געגעבן און זי האָט זיך באַלד זייער גוט אויסגע־לערנט צו באַאַרבעטן די ערד. נחמה האָט נישט געזייט קיין קאָרן, וואָרים דאָס לוינט נישט אויף אַזוי ווייניק ערד. זי האָט דאָרט באַ־אַרבעט פּראָסע, קאַרטאָפליעס, אַלערליי. גרינוואַרג וכדומה. פון די אַלע זאַכן פלעגט זי פאַרקויפן אין שטאָט און עס האָט איר געטראָגן ביסלעכווייז אויסצוצאָלן פאַר דער ערד און קויפן פאַר זיך ברויט. זי האָט אויך פון תמיד אָן געהאַלטן אַ קו, הינער, גענדז, עטלעכע שעפּסעלעך, וואָס דאָס קאָסט דעם ערדאַרבעטער כמעט נישט קיין געלט, נאָר אַ ביסל אַרבעט און עס ווערט דערפון געלט. די דריי מענטשן: לעמל מיט זיין ווייב און זייער קינד רחל זענען נישט געווען רייך, נאָר ברויט און אַלץ, וואָס אַ מענטש דאַרף, האָבן זיי געהאַט מיט דעם פולן מויל. אַ דאַנק נחמהס גאָלדענע הענט. אַלע דאָרפלייט און דער אַלטער פריץ מיט דעם גלח האָבן זיי שטאַרק ליב געהאַט פאַר זייער שטילקייט און אָרנטלעכקייט. נחמה האָט זיך גאָר גליקלעך געפילט, ווען איר שיין געזונט קינד רחל איז אונטערגעוואַקסן און האָט איר מיטגעהאָלפן אין דער אַרבעט.

דער אומגליקלעכער לעמל האָט זיך געפירט, ווי תמיד, ווי זיין שטייגער איז געווען: געגעסן און געטרונקען און געקוקט, ווי פייגע־לעך פליען. נחמהן האָט עס זייער געקרענקט, וואָס גאָט האָט זי גע־שטראָפט מיט אַזאַ מאַן, ביז זי האָט עס נישט מער געקענט איבערטראָגן און איז געשטאָרבן און האָט די גאַנצע אַרבעט איבערגעלאָזט אויף דער פּופּצניעריקער רחל.

רחל, אָדער ווי די דאָרפלייט האָבן זי גערופן „אונדזער שיינע

שוואַרצע ראכיל״, איז אויפגעצויגן געוואָרן ביי פעלדאַרבעט, האָט פלייסיק באַאַרבעט איר ערד און אָפּגעהיט איר קליינע באַלעבאַטישקייט. די דאָרפלייט פלעגן איר נישט איינמאָל מיטהעלפן ביי די שווערע אַרבעטן, ווייל מען האָט זי זייער ליב געהאַט.

רחלען האָט מען גערופן „שוואַרצע״, ווייל זי איז געווען אַ טונקעלע ברונעטקע, זי האָט אָבער נישט געוווסט, אַז זי איז אַזוי שיין, און ווען די דאָרפישע יונגעלייט פלעגן ביי דער „קרעניצע״ אָפּט זי אָפּשיטן מיט ליבע-ווערטער, פלעגט זי עס אָננעמען, אַז עס איז אַ געוויינלעכע זאַך: בחורים האָבן ליב צו ליבן מיידלעך.

* * *

די זון האָט זיך שוין אָנגעהייבן אַראָפּצולאָזן. די שטרויענע דעכער פון סטעפּקיווקע און די שפּיץ-ביימער האָבן אויסגעזען, ווי פאַרגילדט פון די לעצטע שטראַלן פון דער זון. דער שאָטן האָט שוין באַדעקט שטיקער פעלדער און די בערג, אַ טייל ערדאַרבעטער האָבן שוין אָוועקגעלייגט זייערע קאָסעס, אויסגעגלייכט זייערע ביינער ביי דער קרעניצע און געטרונקען פריש וואַסער, וואָס די מיידלעך האָבן מיט אַ שמייכל זיי דערלאַנגט פון די עמער, וואָס זיי האָבן אָנגעשעפּט אויף צו טראָגן אַהיים.

אַז רחל האָט שוין געטראָגן דאָס לעצטע מאָל צוויי עמער וואַסער אַהיים, האָט זי געזאָגט צו זיך אַליין:

— איך האָב היינט אַ ביסל פריער אָוועקגעלייגט די אַרבעט אין גאָרטן. מיט די צוויי עמער וואַסער וועט שוין דאָס פאַס זיין פול. איך וועל גיין פאַרטרייבן אַהיים די קו מיט די שאָף. סאַלאמאָן וועט אויך היינט זיין לעבן וועלדל. ער איז נעכטן אויך געווען. איך האָב געמיינט, אַז ער וועט היינט קומען טרינקען וואַסער ביי דער קרעניצע. נאָר די זון איז נאָך אינגאַנצן נישט אונטערגעגאַנגען, קען ער נאָך דאָרט געווים זיין.

מיט די געדאַנקען איז זי געקומען אַהיים און אויסגעגאָסן אין פאַס אַריין די צוויי עמער וואַסער און איז אַוועקגעגאַנגען צום וועלדל, ווו איר קו מיט די שאָף האָבן זיך געפּאַשעט.

גייענדיק אָפּנעמען אַהיים איר „טשערעדע״, איז בײַ איר געווען די גליקלעכסטע מינוט פון טאָג, ווייל אין דער צייט האָט זי זיך באַפרייט פון אַלע אַרבעטן, און פריי און גרינג איז זי געגאַנגען צום וואַלד, זינגענדיק פאַר זיך דאָרפישע לידער.

• •
•

פאַן קאַרל האָט זיך שוין לאַנג אַרומגעדרייט אין וועלדל צווישן די ביימער, אַז קיינער זאָל אים נישט באַמערקן. ער האָט זיך נאָכאַמאָל געוואָלט איבערצייגן, ווי די שיינע רחל פאַרברענגט די צייט מיט סאַלאַמאַנען.

אַז רחל איז געקומען מיט די שאָף אַהיים און האָט שוין געמאָלקן די קו פאַר איר שטוב, לעבן די צוויי דעמבענע ביימער, איז צוגעפאָרן פאַן קאַרל. רייטנדיק אויף זיין קליין פערדל: ער האָט אָפּגעלאָזט דאָס פערד אויפן גראָז און איז מיט דעם בייטשל אין דער האַנט צוגעגאַנגען צו רחלען.

— גוטע רחל, זייט איך האָב געטרונקען די מילך פון אייער קו, האָב איך מילך ליב באַקומען. גיב מיר אַ גלאָז מילך.

— מיט פאַרגעניגן,—האָט זי געענטפערט און האָט גיך געבראַכט אַ גלאָז פון דער שטוב און פון דעם מעלקשעפל אָנגעגאָסן איין גלאָז און דאָס צווייטע. פאַן קאַרל האָט מיט אפּעטיט אויסגעטרונקען.

— דו ביזט, דאַכט זיך, שוין פאַרטיק מיט דיין אַרבעט, רחל... איך וויל היינטיקן אָוונט אַ ביסל פאַרברענגען די צייט ביי אייך, און מיין פערד וועט זיך אויך אַ ביסל אויספּאַשען.

— איך וועל אייער פערד אַריינטרייבן אין דער טיפער פּאַשע.

— מען דאַרף נישט. עס איז הונגעריק, וועט עס זיך אַליין געפינען גראָז. אַז מען זוכט, געפינט מען...

זיי זענען ביידע אריינגעגאנגען אין שטוב. לעמל האט א שאקל געטאן מיטן קאפ צו פאן קארלען און האט ווייטער געקוקט אויף די ווענט און אויף דער סטעליע. רחל האט דערווייל פון דעם מעלק-שעפל צעגאסן די מילך אין אלערליי קליינע און גרויסע טעפלעך, צוגעדעקט יעדע כלי און געשטעלט אויף איר ארט, זיך אפגעוואשן און אפגעווישט די הענט, פארגלייכט די האר אויף דעם קאפ און האט צוגעטראגן דעם פאטער א גלאז מילך אויסצוטרינקען. פאן קארל איז געזעסן אויף א באנק. פון גארנישט האבן וואס צו טאן, האט ער אלע מינוט געביטן א פוס אויף א פוס און געקלאפט מיט דעם בייטשל איבער די לאנגע כאליעוועס פון זיינע לאנגע שטיוול און האט מיט א שמייכל נאכגעקוקט רחלס ארבעט.

— איצט בין איך צוליב אייך פארטיק מיט אלע מיינע ארבעטן,— האט זי געזאגט צו פאן קארלען, אראפקאטשענדיק די ארבל. די קו וועט דערווייל אפעסן איר צובער קלייען און מיר וועלן גיין א ביסל אנקוקן די שיינע זומערנאכט. נו, דערציילט, פאן קארל, ווי עס איז אייך היינט געגאנגען מיט אייער יאגד. א סך פייגל האט איר גע-שאסן? און טאמער האט איר געהרגעט עטלעכע וועלף, וועל איך אייך דאנקען. זיי האבן ביי מיר אוועקגעראבירט א שעפעלע, וואס איך האב זייער ליב געהאט. איך האב עס אפילו נאך נישט איינמאל געשוירן.

— פאר אייער שעפעלע וועל איך מיך אן די וועלף נוקם זיין. איך וועל זיי אלע אויסהרגענען...—האט ער געזאגט מיט א שמייכל.

זיי האבן זיך געזעצט אויף א דעמבענעם קלאץ, וואס איז פון תמיד אן געשטאנען נישט ווייט פון דער שטוב.

— איר זאגט נאר אזוי, אבער פון אלע אייערע יאגדן האב איך נאך נישט געזען, איר זאלט כאטש אמאל כאפן, אדער הרגענען א וואלף. איך רעכן, אז דאס, וואס איר ברענגט אמאל א געשאסענעם האז, קענט איר אים אויך קויפן ביי א מוזשיק, וואס האט אים גע-שאסן מיט זיין הילצערנער ביקס.

פאן קארלען האט עס א ביסל פארדראסן. ער האט געוואלט עפעס זאגן, נאר ער האט אראפגעשלונגען די ווערטער.

— איר שווייגט, פאן קארל? איר זאלט וויסן, ווי איך האב מיינע שעפעלעך ליב. דאס שעפעלע, וואס איז פארפאלן געווארן, איז געווען אזוי שיין, אזוי געקרייזלט, ווי סאלאמאנס קאפ, ווען ער איז נאך

געווען אַ קליין קינד. איך האָב מיך היינט ערשט דערמאָנט אין פאַרפאַלענעם שעפעלע און האָב געוויינט. איר לאַכט פון מיר, פאַן קאַרל?

פאַן קאַרל האָט שטאַרק געלאַכט. עס האָט אים זייער שטאַרק געדישעט אין האַרצן. ער האָט געוואָלט רעדן, נאָר ער האָט נישט געפונען קיין ווערטער. ווען רחל האָט זיך צעלאַכט און ער האָט ביי דער שיין פון דער נייער לבנה דערזען אירע צוויי שורות ווייסע ציין, האָט ער מער זיך נישט געקענט איינהאַלטן.

— איר טרייבט קאַטאָוועס, רחל?

— ווער, איך? — ניין!

— האָט איר דען געוויינט איבער דעם שעפעלע, וואָס דער וואָלף האָט אוועקגערויבט?

— פון וואָס דען? וועגן וועמען דען האָב איך געוויינט? איך פאַרשטיי נישט וואָס איר רעדט.

— וועגן סאַלאָמענען...

רחל האָט זיך פאַרשעמט און אירע באַקן האָבן זיך אָנגעהייבן רויטלען, נאָר איבער דער טונקעלער נאַכט האָט עס קאַרל נישט באַמערקט.

— נו, וואָס שווייגט איר? איאָ, רחל, איך האָב געטראָפן? זאָגט, זאָגט.

— יאָ — האָט זי געענטפערט.

פאַן קאַרל איז געבליבן זיצן, ווי איינגעגראָבן אין דער ערד. זיי האָבן ביידע געשוויגן. די קו האָט די גאַנצע צייט געגעסן קלייען, און ווען זי האָט אויסגעליידיקט דאָס לעצטע ביסל, האָט זי אָנגעהייבן קלאַפּן מיט די הערנער אין ליידיקן צובער. דאָס פערד פון פאַן קאַרלען האָט געגריזשעט דעם שמעקעדיקן גראָז און האָט זיך אַלעמאָל באַלעקט.

רחל האָט מער נישט געקענט אַריבערטראָגן דאָס שווייגן און האָט זייער געוואָלט איבערגיין אויף אַ נייעם שמועס. זי האָט אָבער נישט געוווּסט פון וואָס אָנצוהייבן און, ווי דער שטייגער איז ביי אַזעלכע פאַלן, האָט זי אָנגעהייבן רעדן וועגן דעם שיינעם וועטער.

— פאַן קאַרל, ווי געפעלט אייך די היינטיקע שיינע נאַכט? ווי גוט עס שמעקט איצט די לופט!

— רחל! — האָט קאַרל אויסגעשריען און פלוצלונג זי שטאַרק אָנגעכאַפּט ביי אירע הענט.

LA BIBLIOTHEQUE ...
יידישע פאלקס ביבליאטעק
הספריה העברית העממית

— וואָס? — האָט רוז געפרעגט דערשראָקן.

— איך האָב אייך ליב... ליב מיט מיין גאַנץ האַרץ, ווי אַ יונגערמאַן קען נאָר ליב האָבן! מאַכט מיך נישט אומגליקלעך. איך בין אין אייערע הענט!

ער האָט געוואָלט פאַלן צו אירע פיס, נאָר מיט אירע געזונטע, שטאַרקע הענט האָט זי אים נישט דערלאָזן דאָס צו טאָן און האָט כמעט אויסגעשריען:

— פאַן קאַרל! וואוהין געהערן און ווי פּאַסן אייערע אַלע פאַנסקי שטיקלעך? איך בין נישט קיין פּאַניענקע און אפילו נישט קיין טאָכטער פון אַ רייכן גוטבאַזיצער. איך בין אַ פּראָסט יידיש אָרעם מיידל און האָב אַן אומגליקלעכן קראַנקן אָרעמען טאַטן, וואָס אַז איך זאָל נישט אַרבעטן גאַנצע טעג, וואָלטן מיר נישט געהאַט פון וואָס צו לעבן. פאַן קאַרל! וואָס קענט איר וועגן מיר טראַכטן, אַז איר רעדט צו מיר אַזוינע ווערטער? נישט אַנדערש, אַז איר ווילט מיך באַליידיקן. איר דאַרפט אָבער וויסן, אַז נישט קוקנדיק אויף מיין אָרעמקייט און עלנט, בין איך נאָך גענוג שטאַרק נישט צו דערלאָזן, אַז איר זאָלט נאָכאַמאָל וואַגן רעדן צו מיר אַזוי.

— ניין, פאַנאַ רחל! איר האָט אַ טעות אין מיר, און אומזיסט טראַכט איר וועגן מיר שלעכטס. איר ווייסט נישט אויף וואָס איך בין גרייט!...

— איך בעט אייך, רופט מיך נישט „פאַנאַ": דאָס וואָרט אַליין איז שוין פאַר מיר אַ באַליידיקונג. איך דענק גאָר קיינמאָל נישט צו ווערן אַ פאַנאַ; איך וויל עס נישט! איך וווּנדער זיך נאָר אויף מיר אַליין: ווי קומט עס צו מיר, איך זאָל אַזוי לאַנג קענען אייך אויס-הערן, וואָס איר רעדט. איך האָב אייך, דאַכט זיך, קיינמאָל קיין שום ווונק נישט געגעבן, איר זאָלט מיך האַלטן פאַר אַזעלכע, וואָס זאָל מיט אייך פירן ליבעס. איך האָב אייך שטענדיק באַטראַכט, ווי אַלע אַנדערע יונגעלייט אין דאָרף, וואָס האָבן ליב פריילעך צו זיין מיט מיידלעך און פאַרברענגען די צייט מיט גלייכווערטלעך, און אַזוי-ווי איך שעץ יעדן יונגנמאַן ביי אונדז אין דאָרף, האָב איך אייך אויך געשעצט און אפשר נאָכמער, ווי אַנדערע, ווייל איר זענט אַ גע-בילדעטער און אונדזער אַלטן גוטן פּריצס אַ זון. איך האָב פון אייך נישט דערוואַרט איר זאָלט מיט מיר אַזעלכע ווערטער רעדן. חוץ-דעם, מוז איך אייך זאָגן, און איר דאַרפט עס אויך פאַרשטיין, אַז

JEWISH PUBLIC LIBRARY
60776
MONTREAL
מאנטרעאל

ווען אפילו איר זאלט מיך ערנסט ליב האבן, קען דערפון גארנישט ארויסקומען, ווייל איר זענט א קאטאליק און איך בין א יידישע טאכטער..

— רחל! איך בין גרייט אויף אלץ... עס זענען שוין פארגעקומען אזעלכע געשעענישן אויף דער וועלט.

פאן קארל האט ווייטער געוואלט רעדן, נאר רחל האט אים איבערגעשלאגן:

— איך וויל גארנישט וויסן און נישט הערן, וואס עס איז געווען און וואס עס קען פארקומען אויף דער וועלט. איר מעגט זיין א קאטאליק, א טערק און אפילו א ייד. איך שעץ יעדן מענטשן און אייך אויך, נאר ליב האב איך נאר איינעם.

איז דערלויבט צו וויסן, ווער איז דער גליקלעכער? — איז פאן קארל אונטערגעשפרונגען.

— עס איז גאר קיין סוד און איך וויל עס גאר פון קיינעם נישט באהאלטן. איך האב ליב סאלאמאנען. ער איז מיינער! מער וויל איך נישט רעדן איך בעט אייך, גוטער פאן קארל, מיט מיר מער קיין ווארט דערפון נישט רעדן.

— איך האב אבער פריער געוווסט, אז עס איז נישט קיין אנדערער, ווי סאלאמאן! — האט פאן קארל געזאגט מיט א ביטער געלעכטער.

— אוודאי סאלאמאן! און ווי קען אנדערש זיין?

— זענען דאס דיינע לעצטע ווערטער? — האט ער געפרעגט מיט כעס.

— געוויס! קיין אנדערע ווערטער האב איך נישט פאר אייך.

רחל! דו פארגעסט, אז דו וווינסט אויף דער ערד, וואס האט אמאל געהערט צו מיין פאטער... אז איך בין דער פאן...

— פאן קארל, אפילו מיין ערד זאל איצט אויך צו אייך געהערן, זענען שוין פארגאנגען די יארן, ווען עס איז געווען „פאנשטשיזנע", און דער פאן האט געטאן מיט זיינע מוזשיקעס און מיט זייערע טעכטער, וואס ער האט נאר געוואלט. איצט איז מער קיין פאנשטשיזנע נישטא. חוצדעם, דארפט איר נישט פארגעסן, אז די ערד האט נאך דער אלטער ר' שלום אוועקגעקויפט ביי אייער פאטער, און איך מוז אייך נאך באמערקן, אז איך בין א יידישע טאכטער, וואס אפילו אין פאנשטשיזנע - צייט וואלט זי אלע צרות איבערגע-

טראָגן און זיך נישט אין אַזוינע זאַכן אונטערגעגעבן. אַ יידישע טאָכטער, ווי פּראָסט און אָרעם זי זאָל נישט זיין, לערנט זי אויס כאָטש דאַוונען און זי ווייסט די געשיכטע פון אירע עלטער-עלטער זיידעס, ווי זיי זענען שוין טויזנטער יאָרן אונטערגעוואָרפן אַלערליי פּריצישע ווילדקייטן. איך בין זייערס אַ טאָכטער, פאַן קאַרל, איך האָב פאַר אייך און פאַר אייער שרעקן מיך גאָר קיין מורא נישט, ווייל איך קום אַרויס פון ליידנדיקע...

פאַן קאַרל האָט איר נאָך געוואָלט עפּעס ענטפערן, נאָר ער האָט זיך דערזען אַליין זיצנדיק אויפן קלאָץ. רחל איז אַוועקגעגאַנגען. ער האָט זיך געזעצט אויף זיין פערד, וועלכעס האָט שטיל געקלאַפּט מיט זיינע פאָדקאָוועס איבער דער ווייכער ערד פון דעם וועג, וואָס האָט געפירט גלייך צום אַלטן פּריצס הויף. דער רייטער האָט איצט גאָרנישט געשאַפט מיט דעם פערד, נאָר דאָס פערד מיט דעם רייטער. פאַן קאַרל האָט אַפילו נישט געוווּסט, וווּהין דאָס פערד טראָגט אים. ער האָט נישט געצויגן די לייצעס, נישט רעכטס, נישט לינקס. דאָס פערד האָט זיך זייער געפרייט. עס האָט, אַפּנים, געוווּסט, אַז וואָס ווייטער קומט מען נענטער צו דער שטאַל. פּלוצלונג האָט דער רייטער מיט אַ שטאַרקן ציַ די צוים איבערגעריסן דעם פערדס שמחה. דאָס פערד איז געבליבן שטיין אינמיטן פעלד. דער רייטער האָט דערווייל אַ קוק געטאָן אויף דער זייט, ווו די קרעטשמע איז געשטאַנען. ער האָט אַ פאָך געטאָן מיט דער בייטש און האָט געזאָגט מיט גרויס כעס:

— וואַרט נאָר אויס, די פאַרשאָלטענע זשידוווקע, דו וועסט דעם פאַן קאַרל האָבן צו געדענקען! — דערביי האָט ער געגעבן אַ שטאַרקן שמיץ דעם אָרעמען פערד. ער האָט אַ ציַ געטאָן די צוים פון דער רעכטער האַנט און איז געפלויגן גלייך צו דעם וואַלאָסט; דאָס אָרעמע פערד האָט געמוזט אַזוי שפּעט ביינאַכט שפּרינגען איבער טאָל און בערג, און איבערגעטראָגן גענוג שמיץ פון זיין בייזן רייטער, גלייך ווי עס וואָלט שולדיק געווען וואָס רחל האָט ליב סאַלאַמאַנען און נישט פאַן קאַרלען.

אַ טיי-אָונט.

די גאַנצע לבנה צווישן די בריליאַנטענע שטערן איז זיך גע־גאַנגען איר גאַנג און האָט געזילבערט אַלץ אין דער נאַכט. זי האָט אויך באַלייכט חיים רויטמאַנס הויז מיט אַלע געסט, וואָס האָבן גע־טרונקען טיי אויף דעם באַלקאָן, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין גאָרטן.

פאַרנאַכט, ווען סאָלאָמאָן איז געקומען פון דעם פעלד און האָט אַרויסגעפירט זיין אַלטע באַבע פריידע אויף דעם באַלקאָן און זי אַנידערגעזעצט אויף איר ברייטער, אויסגעבעטער שטול, זי זאָל פאַרברענגען דעם אָוונט אויף דער פרישער לופט, איז פאַרבייגעפאָרן דער אַלטער פריץ, יאַן זאַרעצקי, מיט דעם גלח סערגיי דאַנילאָוו. זיי האָבן געמיינט, אַז אויף דעם באַלקאָן זיצן די רויטמאַנס, האָבן זיי געוואָלט נאָר באַגריסן און ווייטער פאָרן. נאָר אַז זיי האָבן גע־זען די אַלטע פריידע זיצן, וואָס דאָס איז געווען אַ זעלטנהייט, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און זענען צוגעגאַנגען דריקן אירע דאַרע הענט; אסתּר און חיים האָבן זיי אָבער שוין פאַרהאַלטן און זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין דער עסשטוב, ווו אסתּר האָט אָנגעגאָסן טיי פון סאַמאָוואַר. סאָלאָמאָן מיט דער באָבן זענען געבליבן אויף דעם באַלקאָן.

די מאַנסביל האָבן זיך פאַרשמועסט איבער פעלד־ענינים, פון דער גערעטעניש אין די לעצטע פאָר יאָר, און וועגן פאַרזייען די אָפּגערוטע פעלדער. אסתּר האָט מיט גרויס חן יעדן דערלאַנגט טיי און מיט אירע ווייסע פינגער געוואָרפן צוקער אין די גלעזער און צוגעטראָגן צו די געסט טעלערלעך מיט איינגעמאַכטס. אסתּר האָט תּמיד זייער ליב שיין אויפצונעמען געסט. איר איז אנגענעם געווען

צו טראַכטן, ווי דעם פריצס און דעם גלחס ווייב און קינדער וועלן רעדן צווישן זיך, אַז פּאַני אסתרקע פאַרשטייט איפּצונעמען געסט, ווי גלייך זי וואָלט נעווען אַ געבוירענע פּריצע און וואָלט דערצויגן געוואָרן אין אַ מאַגנאַטיש הויז. אַפילו די דינסט, וואָס האָט ביי איר געדינט, און די אַרבעטער, וואָס פלעגן אַמאָל אַרבעטן ביי איר אין גאָרטן, אָדער ביי איר מאַן אין פעלד, האָט זי ליב געהאַט צעפרידנ-צושטעלן, אַבי יעדער זאָל זאָגן, אַז פּאַני אסתרקע איז אַ גוטע פּריצטע, בעסער ווי די פּוילישע פּריצטעס. און וואָס וואָלט דען אסתר נישט אָוועקגעגעבן, אַבי מען זאָל זי לויבן!

דער עולם איז דערווייל איבערגעגאַנגען אויף אַנדערע שמועסן, וועלכע האָבן אין יענער צייט אינטערעסירט פון קליין ביז גרויס. דער פּאַן יאַן האָט דערציילט פון די לעצטע פּעטערבורגער און וואַר-שעווער צייטונגען, ווי צווישן די קליינע סלאַווישע פעלקער, ווי טשערנאָגאָריע, בולגאַריע און סערביע ווערט דער קריג מיט דעם טערק אַלעמאָל גרעסער און גרעסער, און ווי לאָרד ביקנאַספּעלד ווערט אַלע טאָג מער און מער אַ קנעפּל מיט דעם טערק, ווו דער שוטה, די רויטע יאַרמלקע, מיינט, אַז אַ מלאך שפּילט זיך מיט אים.

— אין דער לעצטער צייט, — האָט דער גלח געזאָגט, — פאַר-מערן זיך אַלע טאָג מער און מער פּריוווילעקע, וואָס פאָרן מיטהעלפן אונדזערע ברידער, די סלאַוון, אין דער מלחמה מיט טערקיי; דאָס איז דער בעסטער סימן, אַז רוסלאַנד וועט היינט, מאָרגן אויך אַרייג-געצויגן ווערן אין דער מלחמה. און וויבאַלד אַ מדינה דאַרף פירן קריג, איז זייער נישט גוט, ווען מען מאַכט אָן פוסטע מחלוקת אין דעם לאַנד צווישן אַלערליי מינים לאַנדס-ברידער. זיי מעגן זיין פּאָ-ליאַקן, יידן, ציגיינער, צי ווער עס איז. יעדער מענטש האָט נאַ-טירלעך, ליב די ערד, ווו ער איז געבוירן און ווו ער האָט זיינע עלטערן פאַרלוירן. ביי יעדן איז טייער זיין פאָטערלאַנד. די ליב-שאַפט ליגט טיף אין הארצן באַגראָבן. יעדער לאַנדס-קינד האָט אַ חלק אין דעם בלוט, וואָס ווערט פאַרגאָסן אין יעדן קריג פאַר דעם פאָטערלאַנד. יעדע נאַציע ברענגט נוצן דער מדינה, אין וועלכער זי וווינט... עס וואָלט מיך זייער געפרייט, ווען די אַלע היינטיקע שרייער זאָלן שוין אויפהערן צו גרילצן אויף יידן. דאָס וואָלט פאַר אונדז, קריסטן, און פאַר דעם גאַנצן לאַנד געווען דאָס גרעסטע גליק.

— גלויבט מיר, געערטער פּאַטער, — האָט חיים געזאָגט צום גלח — ווען מיינע ברידער זאָלן אָנהייבן קומען צום שכל און אַ ביסל אַוועקוואַרפן דעם מסחר און מער זיך נעמען צו זייער אַלטער באַשעפטיקונג — פעלדאַרבעט — ווי מיין פאָטער האָט געטאָן — וואָלט אונדז גאָר ווייניק געאַרט, ווען אַזוינע שרייערס זאָלן אַפילו לעבן הונדערט און צוואַנציק יאָר און די גאַנצע צייט פּלוידערן אויף אונדז שלעכטס. זיי וואָלטן אַזוי לאַנג געהאַווקעט און געשריען, ביז זיי וואָלטן געמוזט שטום ווערן.

— עס וואָלט אונדז באַדאַרפט זייער פרייען, ווען זייערע צייטונגען זאָלן אויפהערן אָנצומאַכן קנאה, שנאה צווישן די לאַנדס-ברידער. דאָס קען קיינמאָל צו קיין גוטן נישט פירן און די רעגירונג קען דערפון קיין נוצן נישט האָבן; פונקט פאַרקערט, עס מאַכט דער רעגירונג אָן אומזיסטע זאָרג, און עס איז אַ וווּנדער, ווי זי זעט דאָס נישט איין און דערלויבט די שרייערס צו טומלען טאָג און נאַכט.

אסתר האָט זיך נישט אינטערעסירט און נישט אַריינגעמישט אין דעם געשפּרעך. זי איז רויק געזעסן און האָט נאָר געוואַרט, דער עולם זאָל שוין פאַרטיק ווערן מיט די ערשטע גלעזער טיי און זי זאָל שוין קענען אָנגיסן אַנדערע.

די אַלטע פריידע איז געזעסן אין איר טיפער שטול און לעבן איר איז געשטאַנען סאָלאָמאָן. זי האָט צוביסלעך געדרעמלט און אַלע מאָל מיט אירע דאַרע הענט געגלעט סאָלאָמאָנס געקרייזלטן שיינעם קאָפּ האָר. ער האָט דערביי דערציילט, ווי היינט פאַרנאַכט האָט ער געזען רחלען ביים וואַלד, ווען זי איז געגאַנגען פאַרנעמען איר „טשערעדע” און ער האָט אויך דערציילט, אַז אויף אירע שעפעלעך איז שוין אָנגעוואַקסן אַ סך וואָל און מען וועט זיי באַלד שוין דאַרפן שערן.

דערביי האָט אים פריידע געפרעגט, פאַרוואָס איז רחל היינט נישט געקומען צו איר.

— האָט זי דען צייט, באַבעניו? דו ווייסט דאָך, אַז זי מוז אַלץ אַליין טאָן. און אפשר האָט זי זיך מיט עפעס היינט פאַרשפּעטיקט.

— נו, נו, זאָל זי בלייבן געזונטערהייט ביי איר אַרבעט. איז זי כאָטש געזונט?

— יאָ, וואָס דען? אוודאי איז זי געזונט! איך האָב זי דאָך היינט געזען. וואָס פרעגסטו איצט אַזוי וועגן איר?

— אוי, מיין קינד! ווען דו זאָלסט וויסן וויאַזוי זי איז ביי מיר טייער און ליב, וואָלסטו זיך נישט געוווּנדערט, וואָס איך פרעג אַזוי אָפט אויף רחלען. דיין זיידע, עליו השלום, ער זאָל זיין אַ גוטער מליץ פאַר אונדז אַלע, פלעגט זאָגן, אַז רחלס מאַמע, נחמה, זאָל האָבן דעם ליכטיקן גן-עדן, איז ווי אונדזער אייגן קינד, ווייל מיר האָבן זי אויסגעלערנט אַרבעטן אין פעלד און זי האָט זיך אויפגעפירט, ווי מיר האָבן געוואָלט. היינט אַז איך האָב זוכה געווען ביי דעם, וואָס לעבט אייביק, אַז ער האָט מיר געשענקט יאָרן צו דערלעבן פון נחמהן אַזאַ שיין געראָטן קינד, ווי רחלע איז, זאָל איך נישט נאָכפרעגן יעדן טאָג אויף איר געזונט און וואָס זי מאַכט? בפרט נאָך, אַז היינט איז זי ביי מיר נישט געווען.

— באַבעניו? איר מאַמע נחמה איז געווען אַזוי שיין, ווי רחלע? — האָט סאָלאָמאָן געפרעגט.

— יאָ, זי איז אויך אַזוי שיין געווען, נאָר איר מוטער נחמה האָט נישט געקענט אַזוי בליען אין שטאָט, ווי איר טאָכטער רחלע ביי אונדז אין דאָרף צווישן בלומען, רויזן און דער פעלדלופט.

— פאַרוואָס, באָבעניו?

— ווייל איר מוטער איז געוואַקסן אין שטאָט...

פריידע האָט נאָך עפּעס געוואָלט רעדן, נאָר סאלאמאן האָט איר איבערגעשלאָגן די רייד:

— ווי-זשע קומט עס, אַז אַזאַ שיינע נחמה, וואָס האָט געקענט האָבן אַזאַ שיינע טאָכטער, האָט חתונה געהאַט פאַר אַזאַ מאַן, ווי לעמל?

— אי, מיין קינד, דו ביזט נאָך גאָר יונג און פאַרשטייסט נישט גאָטס פירונג. דו ווונדערסט דיך אויף יעדער זאַך, ווי אַלע קינדער. פאַרוואָס פרעגסטו נישט, ווי קומט עס, אַז דיין טאַטע חיים, וואָס איז ביי אונדז אַזוי דאָרפיש דערצויגן, זאָל האָבן אַזאַ פריצטע פאַר אַ ווייב, ווי דיין מאַמע, מיט קאַרעטעס און אַלערליי מאָדעס, פון וועלכע דיין זיידע פלעגט אַנטלויפן, און איך, זיין ווייב, זאָל אויף דער עלטער וווינען אין אַזאַ פריצישן הויף מיט אַזאַ באַלקאָן, ווו מיר זיצן איצט?

— באָבעניו! אַז דו ביזט געווען אַ יונג ווייבל, ביזטו דען נישט בעגאַנגען אין אַזוינע שיינע קליידער, ווי מיין מאַמע און ביזטו דען

נישט געפּאָרן אין אַ קאַרעטע און נישט געהאַט אַ פּריצישן הויף? דאָ האָט דאָך דער זיידע אויך געוווינט? ביזטו דען געווען אָרעם?

— דו ביזט נאָך אַזוי יונג, גלייך מיט אַלע קינדער, וואָס וויבאַלד זיי עפענען זייערע אייגעלעך און זיי זעען אויף דער וועלט, אין שטוב און אַרום דער שטוב, מיינען זיי, אַז עס איז אַלץ גרייט באַשאַפן געוואָרן פאַר זייערטוועגן. עס קומט זיי גאָרנישט אויף דעם מוח, אַז אויף דעם אַלעם, וואָס זיי זעען, האָבן אַמאָל מענטשן גענוג געאַרבעט. יעדעס שטיקעלע, יעדעס פּיצעלע, וואָס דו זעסט דאָ איצט פאַר דיר, מיין קינד, איז אָנגעקומען מיט דעם בלוטיקן שווייס. די אַלע פעלדער, וואָס געהערן איצט דיין טאַטן, האָב איך מיט דיין זיידן גענוג אויף זיי געאַרבעט. וויפל צרות און לייד האָבן מיר איבערגעטראָגן פון יעדער זאַך. איך וועל דיר ווען עס איז נאָכאַמאָל דערפון דערציילן, נאָר איצט וועל איך דיר זאָגן, אַז מען אַרבעט ערלעך און געטריי, באַצאָלט גאָט שטענדיק. מיר זענען נישט געווען אָרעם, דאָך האָבן מיר נישט געפירט אַזאַ לעבן, ווי מען פירט דאָ איצט. מיר האָבן דאָ אין דאָרף נישט געוווסט פון מאָדעס. געוווינט האָבן מיר אין אַ פּראָסטער שטוב מיט שטרוי געדעקט און זענען געפאָרן אין אַ פּראָסטן געקאָוועטן וואָגן, און אַזוי האָט דיין זיידע, עליו השלום, אָפּגעלעבט די וועלט... דיין זיידע זאָל איצט אויפשטיין פון דעם קבר און זען, ווי אַזוי זיינע קינדער לעבן, און צווישן זיי זיין אַלטע פריידע אויך, וואָלט ער זיך שטאַרק געוווּנדערט אויף דעם אַלעם, גלייך ווי דו, זיין אייניקל, וואָס וווּנדערט זיך איצט, ווי קומט עס, אַז אַזאַ שיינע נחמה זאָל האָבן חתונה געהאַט פאַר אַזאַ מאַן, ווי לעמל. נאָר ניין, ניין, דיין זיידע וואָלט זיך גאָרנישט געוווּנדערט, ווייל אָפט פלעגט ער מיר זאָגן: אַלטע מענטשן שטאַרבן פון דער וועלט דערפאַר, כּדי זיי זאָלן נישט שטערן דעם נייעם דור זיך צו פירן נאָך זייער שכל, וואָרים איין דור קען נישט ליידן דעם אַנדערס דורס פירונג... און ווען דער אַלטער דור זאָל נישט אָפּשטאַרבן, וואָלט ער שטענדיק זיך געקריגט מיט דעם נייעם דור און אפשר געפירט בלוטיקע מלחמות מיט אייגענע קינדער און אייניקלעך. דערפאַר טוט גאָט זייער גלייך, וואָס ער נעמט צו זיך די אַלטע לייט. אַזוי פלעגט דיין זיידע זאָגן.

— איך וווּנדער זיך גאָרנישט אויף דיינע עלטערן, — האָט זי ווייטער געזאָגט, — איך האָב מיך געפירט, ווי אַזוי איך האָב געוואָלט—

פירט אייך, ווי איר ווילט; איך בעט נאָר ביי גאָט, אַז כל זמן מיינע אויגן וועלן נאָך זיין אָפן, זאָל איך אייך אַלע זען געזונט און שטאַרק, ווי די שטאַרקע ביימער, וואָס דער זיידע ע"ה האָט געפלאַנצט ביי אונדז אין גאָרטן.

סאַלאַמאָן האָט זיך אַ ביסל פאַרטראַכט, דערנאָך האָט ער ווייטער אָנגעהייבן:

— יאָ, באָבעניו, נאָר איר האָט מיר נאָך נישט דערציילט פאַר וואָס רחלס מוטער האָט חתונה געהאַט פאַר לעמלען, דערציילט, מיר,— איך בעט אייך!

— ווי עס קומט, אַז די שיינע נחמה זאָל חתונה האָבן פאַר לעמלען, ווייס איך נישט און געדענק נישט, נאָר דאָס געדענק איך, אַז דיין טאַטע איז געווען אַ ייִנגל אין דיינע יאָרן, איז ער אַמאָל געקומען פון דעם פעלד און האָט זיך שטאַרק צעלאַכט. אַז מען האָט אים געפרעגט פון וואָס ער לאַכט, האָט ער מיר געענטפערט, אַז ער לאַכט פון לעמלען, ווייל ער טויג צו קיין שום אַרבעט נישט און האָט מיך געפרעגט נאָך וואָס גאָט באַשאַפט אַזוינע מענטשן, וואָס ברענגען נישט קיין נוצן אויף דער וועלט. הייננט זע-זשע, מיין קינד, אַז מען טאָר פון גאָטס באַשעפעניש נישט לאַכן, אַפילו פונם ווערעמל פון הינטער דעם שטיין. וואָס גאָט האָט אויך נישט אומזיסט באַשאַפן, הייננט, זע גאָטס ווונדער, ווער האָט זיך גערעכנט, אַז פון אַזאַ לעמלען זאָל אַרויסוואַקסן אַזאַ גאָלד, אַזאַ געראָטענע בלום, ווי רחל איז!

פריידע איז פון דעם לאַנגן רעדן מיד געוואָרן. זי האָט אַראָפּגעלאָזט די ברעמען און אָנגעהייבן דרעמלען.

סאַלאַמאָן האָט פון איר קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט.

— מיין פאָטער האָט געלאַכט פון לעמלען און געפרעגט נאָך וואָס ער לעבט אויף דער וועלט, און איך...

ער האָט ווייטער געקוקט אויף זיין באָבע, ער האָט ביי זיך איבערגעקייט אַלע ווערטער, וואָס זי האָט איצט גערעדט, גענומען איר דאַרע האַנט און שטאַרק געקושט. פריידע האָט געפילט איר אייניקלס הייסע ליפּן אויף אירע הענט און האָט אים געטוליעט צו זיך...

דער עולם ביי דעם טיש האָט דערווייל גערעדט פון אַלערליי זאַכן. צום מייסטן האָט מען געשמועסט פון פּאָליטיק, וואָס האָט אין דער צייט אינטערעסירט די גאַנצע וועלט: פון דעם ענגלישן דיפּלאָמאַט ביקאָנספעלד, איז מען איבערגעגאַנגען צו גלאַדסטאָן. מען האָט

דערמאנט דעם באַקאַנטן אין יענער צייט מאַכמעד-פּאַשאַ, און עס פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט אויך נישט פאַרגעסן דעם אייזערנעם ביסמאַרקן. מען איז נאָכאַמאָל אַריינגעקראָכן קיין רוסלאַנד און מען האָט שוין געוואָלט איבערגיין קיין פראַנקרייך און קיין עסטרייך; נאָר דער אַלטער פאַן יאַן זארעצקי איז מיט זיין שטענדיקן שמייכל אַריינגעפּאַלן אין די רייד מיט קאָמפּלימענטן אסתרן, אַז זי פּרעגלט אויסגעצייכנט מאַלינעס.

אסתרן איז געווען לאַנגווייליק, זי האָט געוואַרט, אַז פאַן קאַרל וועט קומען, וועט ווערן פריילעכער. נאָר ער איז נישט געקומען.

דער אַלטער פאַן יאַן האָט ווייטער גערעדט וועגן פּרעגלען איינגעמאַכטס:

— נאָר אונדזער אַלטע פריידע פלעגט אין דער יוגנט נאָך בע-סער פּרעגלען ווייַנשל-איינגעמאַכטס.

פריידע, וואָס האָט געדרעמלט און קוים דערהערט די לעצטע ווערטער, האָט געענטפערט:

— יאָ, ווייַנשל-איינגעמאַכטס איז בעסער פון אַלע אַנדערע.

די געסט האָבן אָנגעהייבן פאַרזוכן פון די אַלע טעלערלעך, וואָס אסתר האָט אָנגעשטעלט אויף דעם טיש. דערנאָך האָבן זיי זיך אָנגעהייבן פריינטלעך צו געזעגענען און אַלע זענען אַהיימגעפאָרן.

װ אָ ד אָ פּ י אַ נ אָ װ.

— שלעכט! שלעכט! — אַ גאַנצן טאָג לאָזט מען נישט שלאָפן,— האָט געטענהט מיט זיך יאַכטעם דרוטשאַק, דער וועכטער פון דער סטעפּקיוועקער וואָלאָסט, בשעת ער האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער באַנק מיט דעם פּנים אַרויף און געקוקט אויף דער לבנה, ווי זי קוקט אויך אויף יאַכטעם דרוטשאַק.

אויף דער באַנק, וואָס שטייט לעבן דער טיר פון דער וואָלאָסט, זיצן אַ גאַנצן טאָג די דאָרפישע באַלעבאַטים, און איצט ליגט יאַכטעם אַליין, ווי לאַנג ער איז, אויסגעצויגן, ווי גלייך ווי ביי זיין טאַטן אין ווייגאָרטן.

— בידאַ, שלעכט! — האָט יאַכטעם ווייטער אָנגעהייבן רעדן. — דעם גאַנצן טאָג לאָזט מען נישט שלאָפן. אַ גאַנצן טאָג אַרומלויפן מיט דעם שטעקן צו די באַלעבאַטים, — וואָס זאָל מען טאָן? „סלוזשבאַ ניע דרוזשבאַ" זאָגן די „גאַסודאַרסטווענע" מענטשן און נאָך וואָס פאַר אַ „סלוזשבאַ" האָב איך?! — נישט קיין פאַנסקי, נישט קיין באַ-לעבאַטישע, נאָר טאַקע אַ „גאַסודאַרסטווענע", וו מען דאַרף האַלטן קאָפּ און האָבן שכל.

גערעדט האָט יאַכטעם הויך און מיט גדלות און דערביי מיט הרחבה אויסגעלעגט זיין גרויסע „טשופּרינע" האָר אויפן קאָפּ, און דערביי זיך געטראַכט: יעדער מוז וויסן, אַז איך בין נישט אַזאַ פּראָסטער מענטש, ווי אַלע אַנדערע מוזשיקעס און מען דאַרף פאַר מיר דרך-ארץ האָבן, ווארים יאַכטעם דינט אין „וואָלאָסט", וואָס געהער צו דער „מיניסטערסטווע", וואָס האָט צו שאַפן איבער די דערפער. בין איך, הייסט עס, אויך אַ נאַטשאַלניק, אַ פּערזאָן! — גאַנץ פּרי און פאַרנאַכט מוז מען אין „וואָלאָסט" אויסקערן, פּוצן די שטיוול און אויפשטעלן דעם סאַמאָוואַר פאַר דעם „פּאַן פּיסאַר", אויך מיר אַ נאַטשאַלניק! און איצט מוז איך היטן דעם גאַנצן „וואָלאָסט", מען זאָל נישט אַרויסגנבענען די „קאַזיאָנע" ביכער — אַלץ איז אונטער יאַכטעמס הענט און איך בין פאַר אַלץ פאַראַנטוואָרטלעך! נאָר ווער וועט זיך גאָר איינשטעלן דאָס לעבן גיין גנבענען „קאַזיאָנע" זאַכן! איך קען גאַנץ רויק אַביסל אַנטשלאָפן ווערן.

יאַכטעם האָט פאַרמאַכט די אויגן, נאָר די לבנה, וואָס האָט אים געקוקט גלייך אין פּנים אַריין, האָט אים נישט געלאָזט אַנט-שלאָפן ווערן.

— און דו, וואָס ווילסטו? — האָט ער אַ האַלב שיכורער אָנגע-הייבן רעדן צו דער לבנה. — דו לאָזט מיך אויך נישט שלאָפן? קוק נאָר אָן, ווי זי האָט זיך אויסגעשלייערט, ווי אַ שיין מיידל און קוקט צו מיר מיט אַ געלעכטער אויף צו להכעיס, אַבי איך זאָל נישט קע-נען שלאָפן... נאָר מיך וועסטו נישט אויפרייצן מיט דיין שמייכל! ווען איך בין געווען אַ יונגערמאַן, האָט מיך אַפילו אַ שיין מיידל נישט

געקאָנט פאַרפירן. זי האָט געמעגט שמייכלען פון היינט ביז מאָרגן און איך האָב דאָך נישט געוואָלט מיט איר חתונה האָבן און ביין טאָקע געבליבן אַ בחור — אַ פרייער פייגל אויף דעם גאַנצן לעבן. איצט ווילסטו, לבנה, מיך אויך נישט לאָזן שלאָפן. ניין, דאָס וועסטו ביי מיר נישט אויספירן.

און יאַכטעם האָט זיך איבערגעקערט מיט דעם פנים אַראָפּ און אָנגעהייבן כראָפּען; נאָר נישט לאַנג האָט ער געקענט שלאָפן: שטאַרקע און גיכע טריט פון פערדס קאָפּיטעס, וועלכע האָבן זיך אַלעמאָל דערנעענטערט צו אים, האָבן געשטערט זיין שלאָף.

יאַכטעם האָט מיט פאַרמאַכטע אויגן אָנגעהייבן צו שעלטן דעם רייטער מיט דעם פערד, וואָס שטערן זיין שלאָף. ער האָט געהאָפט, אַז דער רייטער וועט פאַרביילויפן און עס וועט ווערן שטילער, נאָר וואָס ווייטער האָבן זיך די טריט געהערט העכער און פלוצלונג האָט ער דערהערט אַ קול:

— יאַכטעם! יאַכטעם! דער פאַן פיסאַר איז אינדערהיים? ער שלאָפט שוין?

יאַכטעם איז אַראָפּגעשפרונגען פון דער באַנק און אָנגעהייבן רייבן זיינע פאַרשלאָפענע אויגן און האָט פאַר זיך דערזען דעם פאַן קאַרל.

— אינדערהיים! נאָר איך ווייס נישט, צי ער שלאָפט.

— עס לייכט זיך נאָך ביי אים אין פענסטער, — האָט פאַן קאַרל געזאָגט, אים איבערגעגעבן דאָס פערד און אַליין איז ער אַריין צו וואָדאָפּיאַנאָוון.

•

דער שרייבער פון דעם סטעפּקיוועקער „וואָלאָסט“ זאַכאַר וואָדאָפּיאַנאָוו איז ערשט דריי יאָר זינט ער געפינט זיך אין דאָרף סטעפּקיוועקע. אַליין איז ער געבוירן אין אַ דאָרף נישט ווייט פון מאָסקווע. ווער זיינע עלטערן זענען געווען, ווייסט ער אַליין נישט.

נאָר דעם דאָרטיקן שענקער וואַסילי קלאַפּאָוו פֿלעגט ער רופֿן „באַטקאַ”. טאָג מיט נאַכט פֿלעגט זאַכאַר איבערליגן ביי אים אין שענק און לעבן פֿון דעם, וואָס די טרינקער פֿלעגן איבערלאָזן אויף די דנאָען פֿון די גלעזלעך און פֿון די איבערגעבליבענע ברעקלעך אויף די טישן.

פֿאַר דעם שענקער קלאַפּאָוו איז דער יונגער וואָדאָפּיאַנאָוו געווען זייער אַ נוצלעכער מענטש. ער פֿלעגט אויפֿראַמען דעם שענק, אָפּווישן די נאַסע טישן און אַרויסוואַרפֿן אַ שיכּור, ווען ער האָט נישט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלן.

אַז ער איז עלטער געוואָרן, האָט אים קלאַפּאָוו געגייט חתונה צו האָבן מיט זיין טאָכטער, ווייל זי האָט געהאַט פֿון אים אַ קינד. אין אַ פּאָר יאָר אַרום איז קלאַפּאָוו געשטאָרבן און וואָדאָפּיאַנאָוו איז געבליבן דער באַלעבאָס פֿון שענק, אָבער נישט אויף לאַנג. דאָס געלט, וואָס דער שענק האָט איינגעבראַכט, האָט ער פֿאַרשיכּורט און פֿאַרהוליעט מיט אַנדערע פֿרויען אין אַנדערע שענקען, זיין ווייב האָט אַזאַ לעבן נישט געקענט איבערטראָגן, און נאָך גרויסע קלעפּ, וואָס זי האָט באַקומען פֿון איר מאַן, איז זי קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. און וואָדאָפּיאַנאָוו איז ווידער געבליבן אַליין און עלנט, ווי אַמאָל. נאָר ער האָט געהערט, אַז אין אַזאַ שטאָט, ווי מאָסקווע, ווערן אַזעלכע מענטשן נישט פֿאַרפֿאַלן, איז ער אַהין אַוועק. דאָרטן האָט ער זיך געוואַלגערט אין די טראַקטירן און שענקען אויף די אייגענע באַדינגונגען, ווי אַמאָל ביי קלאַפּאָוון, נאָר דאָ האָט מען אים פֿאַר זיינע גוטע מעשׂים פֿאַר עפּעס אַרעסטירט און מען האָט זיך דערוווּסט, אַז ער איז אַן אויסבאַהאַלטענער פֿון מיליטערדינסט.

מען האָט אים אָפּגעגעבן אין מיליטער און ערשט דאָ האָט זיך אָנגעהייבן פֿאַר אים אַ ניי לעבן: די ריטער און קולאַקעס, וואָס ער פֿלעגט אָפֿט באַקומען פֿאַר זיינע שיינע אויפֿפֿירונגען, האָבן אים געמאַכט פֿאַר אַ שטיקל מענטשן. ווען ער האָט אָפּגעדינט זיין צייט, האָט ער שוין געקענט אַ ביסל שרייבן און לייענען.

צווישן זיינע באַקאַנטע, וועלכע זענען דאָס רוב געווען „באַסיאַקעס” האָט ער אָנגעהייבן קוקן אויף זיך, ווי אויף אַ געבילדעטן מענטשן, און האָט אָנגעהייבן צווישן זיינע באַקאַנטע שפּילן אַ ראָלע פֿאַר אַ געבילדעטן: ער האָט געלייענט פֿאַר זיי צייטונגען און ביליקע ביכלעך פֿון די מינים, וואָס ברענגען נאָר פֿינסטערניש דעם

פּראָסטן עולם, באַזונדערס האָט ער ליב געהאַט צו לייענען ביכלעך מיט שרעקלעכע מעשיות וועגן די „זשידעס“.

איבערלייגנדיק אין די טראַקטירן, פּלעגט ער זיך פאַרנעמען אויך מיט שרייבן „פּראָשעניעס“ פאַר דעם פּראָסטן עולם, וואָס פלעגן זיך דאָרטן אַרומקריגן ביז בלוטיקע געשלעגן.

וואָדאָפּיאַנאָוו, וואָס האָט זיך אָנגעלייענט מיט אַזאַ „ליטעראַטור“, האָט אָנגעהייבן צו פאַרשטיין, אַז פאַר זיין בילדונג איז מאָסקווע צו קליין און עס האָט אים אָנגעהויבן ציען אין דער ווייטער וועלט אַריין, און איינמאָל איז ער צוגעשטאַנען צו אַ פּאַרטיע אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך אויף זומער-אַרבעט אַוועקגעלאָזט קיין נאָוואָראָסיע. די אַרבעטער האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי די גוטבאַזיצער אויף זייערע פעלדער אַרבעטן, און ער איז געבליבן אין אדעס און איז גלייך אַריינגעפאַלן צו די „באָסיאַקעס“, וואָס געפינען זיך ביים אדעסער רייכן פּאָרט.

די באָסיאַקעס פלעגן אַמאָל אַרבעטן ביי די שיפן, פון וועלכע זיי לאָדעווען אויס אַלערליי סחורות. ביי וואָדאָפּיאַנאָוון, וואָס האָט שטענדיק ליב געהאַט צו פירן אַ גרינג לעבן, האָבן זיך נישט געלייגט די הענט אויף אַזאַ אַרבעט און ער פלעגט טאָג מיט נאַכט איבערליגן אין די אדעסער טראַקטירן, ווו ער פלעגט אַמאָל שרייבן פּראָשעניעס פאַר דעם עולם, און אויף שיכורן האָט אים קיינמאָל נישט געפעלט. אויך האָט אים נישט געפעלט זיך קליידן גאַנצער און שענער, ווי זיינע חברים די „באָסיאַקעס“, ווי עס פּאַסט פאַר אַ „פּראָשעניע“-שרייבער.

אין אדעס איז אַרויסגעגאַנגען אַ צייטונג, וועלכע האָט זיך נאָר פאַרנומען מיט יידנפרעסעריי, און דידאָזיקע צייטונג איז וואָדאָפּיאַנאָוון שטאַרק געפעלן. ער האָט זיך איר איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן. עס האָט נישט לאַנג געדויערט, איז ער דאָרטן געוואָרן אַ בן-בית און פלעגט ברענגען שטאָט-נייס און שרעקלעכע מעשיות וועגן יידן, און די רעדאַקציע פלעגט דרוקן די בבא-מעשיות פון זייער געטרייען איבערגעגעבענעם מענטשן.

אין דערזעלבער צייט האָט זיך אין אדעס געפונען דער יונגער פאַן קאַרל. ער האָט דאָ, ווי אַלע פּריצישע קינדער, געלעבט אַ גוטן טאָג, אויף דעם געלט, וואָס זייערע רייכע עלטערן פלעגן זיי צושיקן. ווען פאַן קאַרל האָט שוין פאַרהוליעט דאָס גאַנצע געלט, וואָס

זיינע עלטערן האָבן אים צוגעשיקט און דער יונגער קאַרל האָט גע-
וווּסט, אַז מען וועט אים שוין מער קיין געלט נישט שיקן אויף
אויסצוברענגען, האָט ער זיך געלאָזט פאָרן אַהיים אָן אַ קאָפּיקע אין
קעשענע און דאָ אויף דעם וועג אין וואַגאָן האָט זיך קאַרל דאָס
ערשטע מאָל באַקענט מיט וואָדאָפּיאַנאָוון.

פאַן קאַרל האָט אים מיט פוילישער גדלות דערציילט, ווער ער איז און וואָדאָפּיאַנאָוו איז נישט אָפּגעשטאַנען אין באַרימעריי און אים דערציילט, אַז פון זיין צייטונג שיקט מען אים אין דער „יידישער טשערטא״, ווו ער זאָל באַשרייבן דאָס שעדלעכע לעבן פון די „זשידעס״ מיט זייער באַרויבן דאָס רוסישע פאָלק.

ביידע האָבן זיך אַזוי באַפריינדעט, אַז פאַן קאַרל האָט זיין נייעם פריינט איינגעלאַדן צו גאַסט אויף עטלעכע טעג קיין סטעפּ-קיווקע, ווו ער פאָרט פאַרביי, און דערווייל ביי אים געליען עטלעכע רובל, וועלכע ער האָט אים צוגעזאָגט אָפּגעבן ביי זיך אינדערהיים.

קומענדיק קיין סטעפּקיווקע און פאַרברענגענדיק אין ווילטאָג שוין כמעט אַ גאַנצע וואָך, האָט וואָדאָפּיאַנאָוו זיך דערוווּסט, אַז אין סטעפּקיווקער „וואָלאָסט״ האָט זיך באַפרייט אַ שטעלע פון אַ שרייבער. ער האָט געוווּסט, אַז די שטעלע פון אַ „וואָלאָסטנאָי פּיסאַר״ איז זייער אַ גוטע, ווייל אַ חוץ געהאַלט, באַקומט דער „פּיסאַר״ פּראָ-דוקטן פון די פויערים—פון אַלץ, וואָס וואַקסט אויף די פעלדער, אַ חוץ פוטער, מילך, אייער און עופות. דערצו שפּילט ער אַ גרעסערע ראָלע פון זיין נאַטשאַלניק, דעם „סטאַרשינע״ וועלכער קען זיך קוים אונטערשרייבן. דער „פּיסאַר״ טוט וואָס ער וויל, נעמט כאַבאַר, און פאַר געלט מאַכט ער פון כשר טריף און פון טריף כשר און איז כמעט אַ זעלבסטהערשער איבער די פויערים אין דאָרף.

וואָדאָפּיאַנאָוו האָט געבעטן זיין נייעם פריינט פאַן קאַרלען, ער זאָל אים מיטהעלפן צו באַקומען די שטעלע און וואָדאָפּיאַנאָוו האָט זי באַקומען.

פון דער צייט אָן איז די פריינטשאַפט צווישן קאַרלען און וואָדאָפּיאַנאָוון נאָך שטאַרקער געוואָרן.

פאַן קאַרל האָט אים באַקאַנט מיט חיימס הויז. „פּאַני אסתרקע״ איז וואָדאָפּיאַנאָוון זייער געפעלן מיט איר שיינקייט און באַנעמען זיך מיט מענטשן, נאָר אים פלעגט פאַרדריסן, וואָס זי פאַרברענגט מער צייט מיט פאַן קאַרלען, ווי מיט אים, און בכלל האָט ער נישט

געקענט פאַרטראָגן, וואָס דעם „זשיד" חיים רופן אַלע פויערים „פאַן".
וואַדאַפּיאַנאָוו האָט נישט געקענט צוזען, פאַרוואָס אַ ייד האָט אייגענע ערד און לעבט מיט זיין פאַמיליע, ווי פּריצים און ער, וואַדאַפּיאַנאָוו, דער רוס, דינט אין וואָלאָסט פאַר פופציק רובל אַ חודש.

דאָס אַלץ האָט אים געבערענט און געבראָטן, נאָר וואָס האָט ער געקענט דערצו טאָן? דער אַלטער פּריץ, יאַן זאַרעצקי און אַפּילו דער גלח, האָבן זייער פריינטלעך געלעבט מיט חיימען און זיין פאַמיליע. פון דער „הערמיידע" — די פויערים, האָט ער אויך פון קיינעם נישט געהערט קיין שלעכט וואָרט אויף חיימען. פאַרקערט, זיי האָבן דערציילט און געלויבט חיימען, אַז אין אַלע דאָרפישע אַנשטאַלטן איז חיים דער ערשטער, וואָס גיט די שענסטע נדבה און ערשט נישט לאַנג האָט חיים געגעבן אויף צו בויען די נייע בריק איבערן טייך. נאָכן „שניט" טיילט ער ברויט צו אָרעמעלייט, יידן און קריסטן גלייך.

ביי דעם אַלעמען האָט די שנאה ביי דעם „פּיסאַר" נאָכמער געוואקסן צו חיימען מיט זיין פאַמיליע.

וואַדאַפּיאַנאָוו האָט פאַרדראָסן, וואָס אַ ייד זאָל זיך קענען אַזוי אויפפירן, אַז אַלע זאָלן אים ליב האָבן און לויבן פאַר זיין פיינקייט און אָרנטלעכקייט, און וואַדאַפּיאַנאָוו האָט אָנגעהייבן צו טראַכטן, וואָס מען זאָל טאָן דערצו?

אַוועקפאָרן צוריק קיין אדעס, האָט זיך אים נישט געגלוסט. זיין שטעלע איז זייער אַ גוטע. עס לעבט זיך אים דאָ רויק און וואַרעם. ער האָט אָבער פאָרט געוואָלט עפּעס טאָן אַזוינס, אַז די „זשידעס" אין דאָרף זאָלן אים האָבן צו געדענקען. ער האָט אָבער נישט געהאַט קיינעם, וואָס זאָל אים אין דעם וועלן מיטהעלפן. איי-נער, וואָס וואָלט אים געקענט מיטהעלפן, איז געווען פאַן קאַרל. קען מען זיך אָבער אויף אים נישט פאַרלאָזן. ער איז אַ „שמאטע", אַ פּוילישער „פּליאַקע", ווי וואַדאַפּיאַנאָוו פלעגט אים רופן, ווען זיי פלעגן זיך אַמאָל צעאַמפּערן.

זעענדיק, אַז ער איז אַליין און האָט פון קיינעם קיין הילף נישט צו פאַרשפּרייטן שנאה אויף יידן, האָט ער אויסגעשריבן צייטונגען, וואָס פאַלן אָן אויף יידן און זיי פאַרשפּרייט אין דאָרף צווישן די פויערים.

אויך האָט ער זיי געגעבן ביכלעך, וווּ עס דערציילט זיך ווי-

די מעשיות וועגן יידן, און ער אליין פלעגט אָפט שרייבן אין דער יידנפרעסערישער אדעסער צייטונג אַלערליי בלבולים אויף יידן אין דער „טשערטאַ".

מיט אַזאַ ארבעט האָט זיך פאַרנומען וואָדאָפּיאַנאָוו, דער וואָקאָסטנאָי פּיסאַר אין סטעפּקיווקע.

* * *

ווען פאַן קאַרל איז אַריינגעקומען, האָט ער אים געגעבן אַ-בערלייענען דעם לעצטן נומער פון דער אדעסער צייטונג, ווו עס איז געדרוקט איינער פון זיינע בריוו און אויך אים געוויזן אייניקע נייע ביכלעך וועגן די „זשידעס", וואָס ער האָט ערשט היינט באַקומען דורך דער פּאָסט.

— וואַרף אַוועק דיין ליטעראַטור כאָטש אויף ביינאַכט. שטעל זיך בעסער פאָר, וואָס פאַר אַ מיאוסן פּסק איך האָב היינט געהאַט, און טרעף פון וועמען?

וואָדאָפּיאַנאָוו האָט אָנגעשטעלט מויל און אויערן און פאַן קאַרל האָט דערציילט, וואָס ער האָט געהאַט פון דער „זשידווקע" רחל.

— נו, וואָס זאָל איך טאָן, פאַן וואָדאָפּיאַנאָוו? — האָט ער אים דערנאָך געפרעגט.

— וואָס זאָל איך דיר טאָן און וואָס קען איך דיר העלפן, אַז דו ביזט אַ פּאַליאַק, אַ שרעקעדיקער. איר, פּאָליאַקן, ווייסן נאָר: „דאָ ליאַסו", צו קריכן אין וואַלד, און ווייטער צו גיין אויף אַ שפּאַן האָט איר מורא.

פאַן קאַרל האָט זיך עפּעס מיט די ווערטער אַזוי ווי פאַרשעמט. ער האָט אָנגעהייבן צו באַווייזן, אַז די פּאָליאַקן זענען נישט קיין שרעקעדיקע, ווי מען מיינט.

— ניין, מיר זענען נישט קיין שרעקעדיקע, און איך בין עס בעווויס נישט. גיב מיר אַן עצה, וואָס איך זאָל טאָן, וועל איך דיר ווייזן, אַז איך האָב פאַר קיין שום זאַך קיין מורא נישט!

— דו דאַרפסט זיך גאָרנישט אַזויפיל פאַרענטפערן. איך פאַר־שטיי גאָרנישט, וואָס דו דאַרפסט ביי אַזאַ קליינִיקייט פרעגן מיין עצה און צוזאָגן, אַז דו וועסט מיך פאָלגן... ווייסטו, וואָס איך וואָלט אויף דיין אָרט געטאָן? — איך וואָלט די „זשידוווקע" גענומען צו מיר מיט געוואַלד, דערנאָך וואָלט איך זי אַרויסגעיאָגט, ווי אַ הונט.

— וואָס־זשע וואָלסטו געטאָן, ווען זי וואָלט מיט געוואַלט אויך נישט וועלן גיין צו מיר?

— ווער עס איז שטאַרקער, דער איז גובר... נאָר לאָמיר בעסער נעמען צו גלעזלעך וויין. דיר איז שוין געוויס טרוקן אין האַלדז, — און דערביי האָט ער אַנידערגעשטעלט אויפן טיש צוויי פלעשער וויין און מען האָט אָנגעהייבן צו טרינקען.

— יאָ, איך האָב שוין נישט איינמאָל געטראַכט וועגן דעם, — האָט קאַרל זיך אָנגערופן נאָך דעם ערשטן גלעזל. — וואָס קען מען אָבער טאָן, זי איז ווי שטאָל און אייזן, און שטאַרק צושטיין צו איר האָב איך מורא. ווייל טאָמער דערציילט זי חיימען, און חיים וועט איבערגעבן מיין פאָטער, וועלכער לעבט מיט זיי זייער גוט. זינט איך האָב אין אָדעס אויסגעבראַכט איבעריק געלט, האַלט מיין פאָטער נישט זייער פון מיר. הייבט וואָס קען איך טאָן? שלעכט, ברודער! און, ווידער, האָב איך מורא, אַז זי קען עס דערציילן איר סאָלאָמאָ־נען, און דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז אַלע היגע מוזשיקעס האָבן אים ליב און האַלטן אים פאַר דעם שטאַרקסטן יונגנמאַן. סאָלאָמאָן וועט זיך פאַר קיינעם נישט קלאָגן, נאָר ער קען זיך מיט מיר אַליין אָפּ־רעכענען, אַז איך זאָל עס האָבן צו געדענקען. נו, וואָס טוט מען פאָרט?

— הייבט זע איך טאַקע, אַז דו, פאַן קאַרל, טויגסט צו גאָרנישט!

— ניין, פאַן פיסאַר, נאָר אַז דו פילסט זיך יאָ אַזוי שטאַרק, פאַרוואָס־זשע טוסטו נישט דאָסזעלבע מיט פאַני אסתרקע? מיר דאַכט זיך, אַז זי איז דיר אויך נישט וויניקער געפעלן, ווי מיר רחל?

פאַן וואָדאָפיאַנאָוו איז עטלעכע מינוט געבליבן אָן ווערטער, דערנאָך האָט ער זיך מיט גרויסקייט אויסגעצויגן אויף זיין שטול.

— ווייס־זשע, פאַן קאַרל, אַז אין דעם שווייג איך נישט. איך וועל די פאַרשאָלטענע זשידוווקע, אייער פאַני אסתרקע, אַמאָל קריגן אין מיינע הענט... נאָר דו דאַרפסט אַליין פאַרשטיין, אַז דאָ מוז מען

האָבן אַ ביסל געדולט. מיט רחלען אָבער איז גאָרנישטאָ וואָס צו טראַכטן. איך וועל דיר באַווייזן, אַז אַ רוס איז נישט קיין שרעקעוודיקער, ווי אַ פּאָליאַק: היינט ביינאַכט, אָט טאַקע באַלד וועט רחל זיין ביי מיר אין צימער, און וואָדאָפּיאַנאָוו האָט דערביי אויסגעלייזדיקט אַ פרישע גלאָז ווין.

פאַן קאַרל האָט אַ שפּרונג געטאָן פון זיין אָרט, גלייך מען האָט אים אָפּגעבריט מיט הייס וואַסער.

— וואָס זאָגסטו? פאַן פיסאַר, איז דאָס מעגלעך?

— דאָס, וואָס דו האָסט געהערט. אָט וועסטו באַלד אַליין זען! נאַ דיר מיין ערלעך וואָרט און מיינעביידע הענט, אַז איך זאָג אמת.

פאַן קאַרל האָט זיך אַזוי פאַרדרייט דער קאָפּ און אין די אויערן האָט אים אָנגעהייבן אַזוי צו זשומען, אַז ער האָט אַפילו פאַרגעסן, וואָס ער האָט אין זינען געהאַט צו פרעגן דעם פאַן פיסאַר: וויאַזוי ער קען אַזאַ זאַך אויספירן? אים האָט זיך שוין אויסגעוויזן, אַז רחל איז פון יענער זייט טיר, מען דאַרף נאָר אַ געשריי געבן, וועט זי אַריינקומען און זי וועט זיך אים וואַרפן אויף דעם האַלדז. פאַן קאַרלען איז שוין מער נישט איבערגעבליבן ווי צו באַטראַכטן, וואָס וועט זיין נאָכדעם, טאָמער וועט געוויר ווערן סאָלאָמאָן און זיין פאָטער און עס וועט זיך אויסלאָזן פאַר אים שלעכט.

— נאָר, פאַן פיסאַר, וואָס וועט זיין נאָכדעם?

— נאָכדעם? איך פאַרשטיי גאָרנישט דיינע ווערטער! וואָס זאָל דען זיין נאָכדעם? עס וועט זיין גאָרנישט. ווער שמועסט, אַז מיר וועלן איר נאָך געלט געבן, איז שוין גאָר קיין רייד נישט, זי זאָל אומצופרידן זיין און עמעצן אַפילו אַ וואָרט זאָגן.

פאַן קאַרל איז געווען אַזוי צעטראָגן, אַז ער האָט שוין אַרויסגעכאַפּט פון דער קעשענע זיין טייסטער מיט געלט און אָנגעהייבן ציילן. וואָדאָפּיאַנאָוו האָט מיט אַ שמייכל אים אָפּגעשטעלט.

— וואַרט אויס, אָט וועט זי באַלד קומען, וועסטו איר אַליין געבן. לאָז די אָרעמע זשידוווקע האָבן מיט וואָס זיך צו קויפן אַ קלייד.

— בראַווא, פאַן פיסאַר! נאָר ווען וועל איך שוין זען רחלען.

פאַן פיסאַר האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם זייגער. עס איז געווען באַלד איינס.

— גוט, סאַמע גוט! אין דער צייט! — האָט ער געזאָגט, און ער האָט אָנגעהייבן רופן יאַכטעמען.

יאַכטעם דרוטשאַק האָט שוין אָבער לאַנג געשמאַק געשלאָפן.

— יאַכטעם! — האָט זיין נאַטשאַלניק נאָך העכער געשריען.

דער „גאָסודאַרסטוועני טשינאָווניק“ איז אָבער ווייטער געשלאָפן און געזען זיסע חלומות.

— דער קלאָץ שלאָפט שוין געוויס, — האָט דער פּיסאַר געזאָגט, — נאָר נישט היינטיקע נאַכט וועט ער ביי מיר שלאָפן. נעם דאָס גלעקל, וואָס ליגט דאָ אויפן טיש און הייב אָן צו קלינגען, וועט ער באַלד אַריינקומען.

פאַן קאַרל האָט אָנגעהייבן שטאַרק צו קלינגען. מען וואָלט אַפילו געקענט אַרויסגנבענען דאָס גאַנצע קאַזיאָנע פאַרמעגן, ווי יאַכטעם פלעגט רופן די ביכער מיט די פּענעס און די טינטערלעך פון דעם וואָלאָסט, וואָלט ער אויך נישט געהערט. נאָר דאָס גלעקל האָט אים ענדלעך באַלד אויפגעוועקט.

יאַכטעם איז אַריינגעקומען און מיטביידע הענט האָט ער זיך געריבן די אויגן און געקראַצט דעם קאָפּ.

— וואָס ווינטשט דער פאַן פּיסאַר?

— ווילסט, יאַכטעם באַנעצן דעם גאָרגל? — האָט אים דער פאַן פּיסאַר געפרעגט.

— ווי דעם פאַן פּיסאַר וועט באַפעלן.

— הער, יאַכטעם, וואָס איך וועל דיך פרעגן: דו ווייסט, חוה רחל מיט איר פאָטער וווינען?

— יאַק ניע זנאַטע? ווי אַזוי ווייסט מען דאָס נישט? — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל.

— נו, יאַכטעם, גיי זשע אַהין און נעם מיט געוואַלד רחלען און ברענג זי אַהער. קיינער וועט דיר נישט שטערן; עס איז שוין איצט שפּעט און דו וועסט קיין מענטשן נישט באַגעגענען; נאָר טאָמער וועט זיך איר פאָטער אויפכאַפּן, זאָג אים, אז מען רופט זי אין וואָלאָסט. דו דאַרפסט פאַר אים אויך קיין מורא נישט האָבן. ער איז משוגע און וועט דיר גאָרנישט זאָגן. און ווידער איז ער אַ שוואַכער. ווען דו וועסט זי ברענגען, וועל איך דיר געבן אַ גאַנץ דרייערל.

— און איך וועל דיר געבן צען רובל, — האָט מיט פרייד זיך אָנגערופן פאַן קאַרל. — טו נאָר מיט שכל, וועל איך דיך נאָכמער באַלוינען.

— איך וועל אַלץ טאָן, וואָס איר באַפעלט מיר, — האָט יאַכטעם

פאַרשלאָפענערהייט געענטפערט. ער האָט אויסגעטרונקען נאָך עטלעכע גלעזלעך און איז אַוועקגעגאַנגען.

יאַכטעם איז אַוועקגעגאַנגען פון וואָלאָסט, האַלטנדיק זיך קוים אויף די פיס. ער האָט פון שלאָף און פון שכרות נישט געוווּסט ווו ער איז אין וועלט און ווו אַהין ער גייט. ער האָט זיך אַזוי לאַנג געדרייט אַרום דעם וואלאסט ביז ער האָט פאַרבלאָנדזשעט צו דער הראָמאַדסקי באַנק, ווו ער איז פריער געשלאָפן, און פאַלנדיק אויף דער באַנק, ווי אַ דערהרגעטער, איז ער געשמאַק אַנטשלאָפן געוואָרן.

* * *

אין דער צייט האָט זיך דערווייל דער פיסאר אָנגעטאָן. ער האָט אָנגעצונדן דעם צווייטן גרויסן לאָמפּ און דערלאַנגט צום טיש קאָלט עסן. ער האָט מיט פאַן קאַרלען פריילעך פאַרביסן און ווידער פאַרטרונקען.

— נו, פאַן קאַרל, איצט ווייסט איר שוין ווער וואָדאָפּיאַנאָוו איז? וואָס דער פּאָליאַק דאַרף טראַכטן אַ יאָר, קען עס אַ רוס טאָן אין אַ מינוט!

— בראַוואָ, וואָדאָפּיאַנאָוו! זאָל לעבן דער פאַן פיסאר! — האָט פאַן קאַרל אויסגעשריען און דערביי ווידער אויסגעטרונקען דאָס גלעזל ביז אין דנאָ.

— לעבן זאָל פאַן קאַרל! — האָט וואָדאָפּיאַנאָוו געענטפערט, האַלטנדיק די גלאָז ווײַן אין דער האַנט! — לעבן זאָלן רוסן און פּאָליאַקן!

אַזוי האָבן זיי געטרונקען און געפּלוידערט אַ שעה צוויי, ביז דער וואַנטזייגער האָט געשלאָגן דריי. זיי האָבן שוין אָנגעהייבן קוקן דורך די פענסטער, צי יאַכטעם גייט מיט רחלען... נאָר אומזיסט, זיי האָבן קיינעם נישט געזען. זיי האָבן אָנגעהייבן אומרויִק צו ווערן, אויב מען האָט נישט יאַכטעמען געכאַפּט. פאַן קאַרל האָט פאַרשטאַנען,

אַז אים פאַסט גאָרניִשט אַזוי שפּעט ביינאַכט צו זיין אין וואָלאָסט, אויב מען האָט דעם וועכטער געכאַפּט.

דער פאַן פיסאר האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז עס איז גלייכער, עס זאָל איצט זיין פינסטער אין וואָלאָסט און ער זאָל שלאָפן, ווי גלייך ער ווייסט גאָרנישט פון עפּעס צו זאָגן. זיי האָבן שטילערהייט איבערגעשמועסט און באַשלאָסן, אַז מאָרגן וועלן זיי שוין וויסן וואָס צו טאָן, און פאַן קאַרל איז געשווינט אַרויסגעגאַנגען צו זיין פערד, וועלנדיק פאָרן אַהיים.

פאַרבייגייענדיק דער באַנק, איז ער מיט דער גרעסטער פאַר־וווּנדערונג געבליבן שטיין...

— ווי געזונט מען כראַפּעט. דאָס איז געוויס נישט יאַכטעם, נאָר עפּעס אַן אַנדער שיכור. ער האָט זיך צו אים צוגעקוקט און דערקענט, אַז טאַקע יאַכטעם שלאָפט. ער האָט אים אָנגעהייבן וועקן און טרייסלען און גערופן דעם פאַן פיסאַר. וואָדאָפּיאַנאָוו איז אַרויס־געקומען און האָט אים דערלאַנגט עטלעכע זעץ מיט די פיס. יאַכטעם האָט זיך איבערגעקערט אויף דער אַנדערער זייט און איז ווידער איינגעשלאָפן.

זיי האָבן אים מיט כעס אויפגעזעצט און אָנגעהייבן רעדן מיט אים. יאַכטעם האָט עפּעס געבאָרמאָטשעט אונטער דער נאָז און איז ווי אַ סנאָפּ שטרוי ווידער אומגעפאַלן אויף דער באַנק. ווען זיי האָבן געזען, אַז זיי וועלן מיט אים איצט גאָרנישט מאַכן, האָבן זיי איינער צום אַנדערן געזאָגט: עס מוז שוין בלייבן ביז מאָרגן. זיי האָבן זיך געזעגנט און קאַרל איז אַהיים געפאָרן. ער האָט זיין בייז האַרץ אויסגעלאָזט צום פערד. דער פאַן פיסאַר איז באַלד אַנט־שלאָפן געוואָרן פון גרויס מידקייט.

אַ גוטער חלום.

אין דער סטעפּקיווקער קרעטשמע, וואָס שטייט אינמיטן דאָרף אויפן פּלאַץ אַ ביסל אַרויף אויף דעם קליינעם בערגל, זענען, ווי אַלע טאָג, געזעסן מוזשיקעס פון דאָרף. אייניקע האָבן געטרונקען און אַ טייל האָבן גערעדט פון וועלטזאַכן. צווישן די איז אויך געוועזן דער וועכטער פון דער וואָלאָסט. ער האָט דערציילט: „איך קען גאָרנישט פאַרשטיין דעם וואונדערלעכן חלום, וואָס האָט זיך מיר היינטיקע נאַכט געחלומט: פּאַן קאַרל מיט דעם פּאַן פּיסאַר האָבן מיר געגעבן צו טרונקען בראָנפן. איך האָב געטרונקען, עס ליגט מיר נאָך דער טעם און עס האָט זיך מיר גאָרנישט געגלוסט אויפצוהערן. זיי האָבן מיר צוגעזאָגט געלט, איך זאָל זיי ברענגען אונדזער שיינע שוואַרצע רחלען. דאָס פאַרשטיי איך אָבער גאָרנישט! דער סוף פון דעם חלום איז געוועזן זייער נישט גוט: עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז מען שלאָגט מיך מיט שטעקנס און מיט בייטשן און איך בין אַלעמאָל אַריינגעפאַלן אין דער בלאָטע און האָב מיך נישט געקענט האַלטן אויף די פיס פאַר שיכּרות. אַ וואונדערלעכער חלום! איך דערצייל אייך, מיינע פריינט, און ווער עס וויל מיר פּותר חלום זיין, וואָס ער באַטייט, וועל איך אים קויפן אַ גאַנצע קוואָרט בראָנפן.

יאַכטעם האָט זיך מער נישט געקענט איינהאַלטן און איז צוגעגאַנגען צו די מוזשיקעס און האָט זיי געזאָגט:

— גוטע מענטשן! אַז איר וועט מיר טרעפן טיין חלום, וואָס האָט זיך מיר היינטיקע נאַכט געטלומט, וועל איך אייך באַלד קויפן אַ גאַנצע קוואָרט בראָנפן...

אַלע האָבן אויפגעהערט צו רעדן. אַפילו די, וואָס האָבן גע־טרונקען, האָבן אַוועקגעשטעלט די גלעזלעך און געקוקט אויף יאַכטע־מען מיט גרויס פאַרוווּנדערונג.

— ס'האָט זיך אים געמוזט חלומען, אַז מ'איז האָבן אים געביסן — האָבן זיך אייניקע געוווּרטלט.

אַנדערע האָבן אים פּותר חלום געווען, אַז ער וועט באַקומען אַ מעדאַל פאַר זיין „סלוזשבע".

און נאָך אַזוינע שטעכווערטלעך האָבן זיך געשיט פון אַלע זייטן, נאָר אַז יאַכטעם האָט אָנגעהייבן דערציילן, האָבן אַלע גע־עפנט מויל און אויערן.

אייניקע, וואָס זענען געזעסן פונדערווייטנס, האָבן געמיינט, אַז דאָס איז אַן אמת, נישט קיין חלום און זיי האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט אויף יאַכטעמען.

— מיר וועלן אונדזערע פּריצים צעברעכן רוקן און לענד, און דו, יאַכטעם, מעגסט פון דיין שטעקן מאַכן צוויי קוליעס, ווייל מיר וועלן דיר איבערברעכן די פיס. עס איז אונדזער זאַך אָפּצוהיטן דעם כּבוד פון דעם שיינעם ערלעכן מיידל. אומערלעכע און שלעכטע איז דאָ ביי אונדז אין דאָרף געגוג, — ערלעכע און גוטע זייער ווייניק. באַלד וועט מען שוין זאָגן אין אַלע דערפער, אַז ביי אונדז, אין סטעפּקיווקע, איז נישטאָ קיין איינציק ערלעך מיידל. מיר ווילן נישט דערלאָזן, אַז עס זאָל ביי אונדז אין דאָרף געשען אַזעלכע זאַכן!

— גערעכט, זיי האָבן רעכט! — האָבן געזאָגט די עלטערע מענטשן.

— רחל איז אַ שטילע, אַ פיין מיידל, דאָס גאַנצע דאָרף האָט זי ליב, זי איז זייער גוט צו אַלע, זי גיט נדבות יעדן אָרעמען מענטשן, וואָס גייט פאַרביי איר טיר. אַפילו צו די בהמות איז זי גוט, זי שלאָגט זיי קיינמאָל נישט.

— יאָ, יאָ! זי האָט אַמאָל געזאָגט מיין קינד, וואָס פּאַשעט מיינע שאָף לעבן וואַלד, אַז ווען מען שלאָגט אַ באַשעפעניש, איז גלייך, ווי מען שלאָגט אַ מענטשן און אַ מענטשן טאָר מען נישט שלאָגן... רחל איז די פיינסטע פון די סטעפּקיווקער קינדער.

איינער פון וואָדאָפּיאַנאָווס פריינט, וואָס האָט, ווילנדיק, נישט ווילנדיק, אויך געמוזט מסכּים זיין, אַז רחל איז אַ פיינע און אַ ווו־לע, האָט אָבער נישט געקענט אויסהאַלטן, ווען ער האָט געהערט אַזוי־

שטאַרק ליבן אַ זשידאָווקע. ער האָט פּשוט נישט ליב געהאַט קיין יידן, און אַז מען האָט אים געפרעגט: פאַרוואָס? האָט ער געענטפערט: „איך ווייס אַליין נישט פאַרוואָס; מען זאָגט אַזוי, אַז אַ יידן מוז מען פיינט האָבן, ווער שמועסט נאָך, זינט דער „פּאַן פּיסאַר" איז געקומען קיין סטעפּקיווקע, האָב איך זיך פון אים אָנגעהערט אַ סך וועגן די „זשידעס".

דערדאָזיקער יונגערמאַן איז געווען דעם סטאַראָסטעס זון און פלעגט אָפט זיין אין וואָלאָסט. מען האָט אים גערופן פּאַטיאַזשקאַ.

— אַלץ איז גוט, רחל איז אָבער אַ זשידאָווקע,—האָט פּאַטיאַזשקאַ זיך ווידער אָנגערופן.

— נו, וואָס-זשע איז, אַז זי איז אַ זשידאָווקע? — האָט זיך אָנגערופן אַ צווייטער יונגערמאַן. וואָס האָט גוט געקענט רחלען; זיין פאָטערס שטוב איז געווען נאָנט צו לעמלס קרעטשמע; גערופן האָט מען אים אין דאָרף פּעטרוש ין באַראַוויק. — נו, וואָס-זשע איז? זי איז דען ערגער פון אונדזערע אַנדערע מיידלעך? זי איז מיט אונדז אויף איין ערד געוואַקסן, זי רעדט אונדזער לשון גלייך מיט אונדז. איך בין מיט איר אינאיינעם אויפגעוואַקסן און האָב זי גערן, גלייך ווי אונדזערע. זי איז נישט אַזוי ווי די שטאָטישע זשידאָווקעס...

— און די שטאָטישע, וואָס זענען? — האָט אים איבערגעשלאָגן אַן עלטערער באַלעבאָס, וואָס האָט זייער גוט געקענט רעדן און דערפאַר האָט מען אים גערופן פאַדיי אומני. — זיי זענען אויך נישט אַזוי שלעכט, ווי מען איז געוווינט צו זאָגן. זיי טוען אונדז גאָר קיין שלעכטס נישט, פאַרקערט, מיר האָבן פון זיי נאָר טובות: ברענגען מיר אין שטאָט אַריין צו פאַרקויפן ווייץ, קאָרן, קאַרטאָפל, פּראָסע און עופות, לויפן זיי איינער פאַר דעם אַנדערן און שלאָגן זיך צווישן זיך. ביי אונדז אָפּצוקויפן און געבן אונדז מזומן געלט, וויפל מיר שטעלן די פּרייזן. אַ דאַנק זיי, ווערט ביי אונדז נישט פאַרפוילט קיין שום זאַך פון אונדזער אַרבעט. אַ שטייגער, וואָס פאַר אַ ווערט האָט ביי אונדז אין דאָרף ווייצענער שטרוי? די בהמות ווילן אַזאַ שטרוי נישט פרעסן. אַפילו צודעקן דעכער טויג עס נישט. אויף צו הייצן מיט אַזאַ שטרוי דאַרף מען אויסברענען אויף איינמאָל אַ גאַנצע סקירדע, עס זאָל זיין וואַרעם... וואָס וואָלט דערפון געוואָרן, ווען די יידן זאָלן ביי אונדז נישט אָפּקויפן? אַלצדינג טויג

פאַר דעם יידן און ער פאַרשטייט פון דעם אַ סחורה צו מאַכן און צאָלט אונדז דערפאַר מיט געלט.

— עס איז גאָרנישט איבערצורעכענען, וואָס פאַר אַ נוצן די שטאָטישע יידן ברענגען אונדז, דאָרפלייט, — האָט צוגעגעבן אַ צווייטער. — אַז ביי איינעם פון אונדז טרעפט זיך אַן אומגליק, עס איז אים נישט געראָטן די תבואה, אָדער עס ווערט פאַרברענט, עס פגרן אויס בהמות, וואָס וואָלט פון פויער געוואָרן, ווען דער ייד זאָל נישט באַלד זיין ביי דער האַנט אים אַרויסצוהעלפן מיט געלט? עס וואָלט דאָך אים געקומען צו גיין מיט דער טאָרבע אין די הייזער! אַזוי אָבער גייט ער באַלד צו זיין באַקאַנטן יידן, דער ייד לייט אים געלט אויף פּראָצענט און ער פירט אַ נייע באַלעבאַטישקייט, ביז ער צאָלט אָפּ דעם יידן און אַליין בלייבט ער באַלעבאָס? די אַלע שלעכטע און שרעקלעכע מעשיות, וואָס מיר זענען פון קינדוואייז אָן געוויינט צו הערן וועגן יידן, האַלט איך פאַר אַ גרויסן ליגן. מען האָט דאָס אונדזערע באָבעס איינגערעדט און זיי דערציילן עס נאָך זייערע קינדער און איניקלעך. אמת, צווישן יידן געפינען זיך אויך שלעכטע מענטשן, וואָס נעמען גרויסע פּראָצענטן, אָבער נישט אַלע זענען אַזוי. אומעטום געפינען זיך שלעכטע מענטשן. צווישן אונדז זענען אויך דאָ זייער שלעכטע: אין אַ טייך געפינען זיך אַלערליי פיש, נאָר שלעכטס פון יידן בכלל האָבן מיר נישט!

און דערביי האָט דער רעדנער זיך געווענדט צו אַ צווייטן פויער:

— אַ שטייגער, דו, קלימענטע, מיט דיין געפּגרט פערדל... פונוואַנען וואָלסטו גענעסן בריוט, ווען דו זאָלסט מיט דיין פערדל נישט פאַרדינען געלט ביי די יידן? ביי אונדז אין דאָרף וואָלסטו מיט אַזאַ קליאַטשע אפילו אַ גראָשן נישט פאַרדינט.

פאַדיי האָט נאָך ווייטער געוואָלט רעדן, נאָר די יונגעלייט, וואָס האָבן זיך געטשעפּעט צו יאַכטעמען, פאַרוואָס ער האָט געוואָלט ברענגען רחלען אין וואָלאָסט, האָבן זיך אַזוי לאַנג געוועדלט, ביז מען האָט אים דערלאַנגט עטלעכע קלעפּ. יאַכטעם האָט אויף אַ קול אָנגעהייבן צו שרייען:

— פאַרוואָס שלאָגט איר מיך? איך דערצייל אייך דען אַן אמת? עס איז דאָך נאָר אַ חלום! איך האָב דאָך אייך צוגעזאָגט אַ קוואָרט בראָנפן, ווען איר וועט מיר פּותר חלום זיין.

— אַ חלום! אַ חלום! — האָבן זיך צערייגעמישט מענטשן. יעדער האָט אים פּותר חלום געווען און יאַכטעם האָט געקויפט אַ גאַנצע קוואָרט בראָנפן.

• • •

ווען פאַן קארל איז דעם אַנדערן טאָג אַריינגעקומען צום פאַן פּיסאַר, האָט יענער אים באַגעגנט מיט אַ גרויס געלעכטער און דערציילט, אַז כאַטש האַק און בראַק יאַכטעמען, זאָגט ער, אַז עס האָט זיך אים גע־חלומט, ווי איך האָב אים געגעבן בראָנפן און געשיקט ברענגען רחלען און אַ גאַנץ דאָרף פּויערים האָבן אים געשלאָגן... דאָס האָט זיך אים געקערט אויסוויזן, ווען מיר האָבן אים געוועקט מיט דעם בייטשל. ער וויל גאָרנישט גלויבן, אַז ער האָט טאַקע געטרונקען בראָנפן און מיר האָבן אים געוואָלט ערגעץ שיקן... היינט זעט איר שוין, ווי אַזוי די פּויערים זענען פאַרגרעבט. איך האָב שוין לאַנג וועגן דעם געשריבן אין מיין צייטונג... נו, איז שוין עפּעס אַ חידוש, וואָס דער „זשיד" עקספּלאָאַטירט אים אַזוי? גלויבט מיר, פאַן קאַרל, מיין האַרץ טוט מיר ווי אויף מיינע אומגליקלעכע ברידער.

פאַן קאַרל האָט כמעט נישט געהערט, וואָס זיין חבר האָט גע־רעדט. אים איז אַלץ געלעגן אין קאָפּ יאַכטעמס חלום.

— מען דאַרף אים איצט אַריינרופן און באַשטעלן, אַז היינט זאָל ער ברענגען רחלען אין וואָלאָסט. מען דאַרף אַכטונג געבן, ער זאָל היינט נישט טרינקען, כּדי עס זאָל ווייטער נישט ווערן אַ חלום.

— איך האָב נאָר געוואַרט אויף דיר, איצט וועל איך אים אַריינרופן.

יאַכטעם איז אויפן פאַן פּיסאַרס רופן באַלד געקומען.

— נו, יאַכטעם, היינט זאָלסטו קיין בראָנפן נישט טרינקען. ווייל דו וועסט דאַרפן ברענגען רחלען אין וואָלאָסט. פון מיר וועסטו האָבן דריי רובל. ביי פאַן קאַרלען צען, און, חוצדעם, פון ניי־יאָר וועט מען דיר מער צאָלן פאַר דיין דינסט.

יאַכטעם האָט געשוויגן.

— נו, יאַכטעם, פיר נאָר גוט אויס מיין באַפעל, דו ביזט דאָך שטענדיק זייער פּינקטלעך.

— יאָ, עס איז טאַקע אמת, נאָר איצט קען איך נישט.

— איך באַפעל דיר! — האָט דער פאָן פּיסאַר אַ געשריי געטאָן.

— ניין, פאַניע, איך קען נישט.

— יאַכטעם, דו פאַרגעסט, אַז דו דינסט! — דו מוזט פאָלגן אַלץ, וואָס דיין נאַטשאַלניק הייסט דיר!

— ניין, פאַניע, איך קען נישט... אונדזער רחלען האָבן אַלע ליב אין דאָרף, מען וועט מיך הרגענען פאַר איר.

— גולם! וואָס זאָגסטו „אונדזער רחל", וואָס איז זי פאַר אַ „אונדזערע?" וואָס געהער זי זיך אָן מיט אונדז? זי איז אַ זשידוווקע און נישט מער. און ווער האָט דיר געזאָגט, אַז מען וועט דיך שלאָגן פאַר איר? וואָס פאַר אַן ערלעכער פּראַוואָסלאַוונער וועט זיך גאָר אָננעמען פאַר אַ פּיאַווקע — אַ זשידוווקע? דו האָסט גאָרנישט פאַר וועמען מורא צו האָבן.

יאַכטעם איז אַ ביסל ווייכער געוואָרן פון זיין נאַטשאַלניקס רייד; ער האָט אים געענטפערט, אַז אַ יידן וואָלט ער אפילו באַלד געהרגעט, לאָז אים נאָר דער פאָן פּיסאַר הייסן, נאָר רחלען קען ער קיין שלעכטס נישט טאָן. דאָס גאַנצע דאָרף האָט זי ליב, ווי גלייך זי וואָלט געווען אַ פּראַוואָסלאַוונע.

און צו באַווייזן דעם פאָן פּיסאַר, אַז ער קען רחלען נישט ברענגען מיט געוואַלד, האָט ער אים דערציילט אַלץ, וואָס די מו־זשיקעס האָבן אין דער קרעטשמע גערעדט וועגן יידן, ווען ער האָט זיי דערציילט זיין חלום.

פאָן קאַרל מיט דעם פּיסאַר זענען אויפגעשפּרונגען, ווי גלייך עמעצער האָט זיי מיט פייער אָפּגעבריט.

— גולם! באַלד זאָלסטו גיין צו אַלדע שוואַרצע יאָר! — האָבן זיי געשריען און האָבן יאַכטעמען אַרויסגעטריבן.

וואָדאָפּיאַנאָוו האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ:

— שרעקלעך, שרעקלעך, וואָס יידן זענען! איר האָט געהערט, פאָן קאַרל, ווי דער גראָבער יאַכטעם האָט דערציילט, אַז אַלע מו־זשיקעס האָבן נישט אויפגעהערט צו רעדן גוטס אויף יידן? ניין, פאָן קאַרל, מיר זענען גאָר קיין מענטשן נישט, ווען מיר שווייגן. און

אַז מיר וועלן אַזוי שווייגן ווייטער, וועלן די יידן געוועלטיקן איבער גאַנץ רוסלאַנד און אַלץ פאַרנעמען אין זייערע הענט, און דאָס גאַנצע פּראַוואָסלאַווגע פאָלק וועט ביי יידן אַרבעטן פאַנשטשיזנע. ניין, אַזוי לאַנג ווי איך לעב, וועל איך אין דעם נישט שווייגן. ווען איר, פאַן קאַרל, וועט מיר זיין צו הילף, איז גוט, אַז נישט, וועל איך אַליין ארבעטן.

פאַן קאַרל האָט אים צוגעזאָגט אַלץ צו טאָן, ווען ער וועט אים נאָר מיטהעלפן גובר צו זיין רחלען, וואָרים זיין ליבע צו איר איז אַזוי גרויס, אַז די גאַנצע וועלט האָט ביי אים אָן איר קיין טעם נישט: זיין גאַנצע וועלט איז רחל.

דער פאַן פיסאַר האָט אים געגעבן ביידע הענט, אַז ער וועט אים אין אַלץ מיטהעלפן, נאָר מען מוז האָבן געדולד. זיי האָבן געשווירן אָנצוהייבן פלייסיק צו אַרבעטן, אַז דאָס רוסישע פאָלק זאָל זיך באַ־פרייען פון די יידן, וועלכע מען דאַרף פאַרניכטן.

אַזוי האָבן באַשלאָסן דער רוסישער פאַן פיסאַר מיט דעם פאָליאַק און האָבן טאַקע באַלד פאַרטרונקען מיט עטלעכע גלעזלעך וויין.

• • •

וואָדאָפּיאַנאָוו האָט זיך פלייסיק גענומען צו דער אַרבעט. ער האָט אָנגעשריבן אַ קאָרעספּאָנדענץ פון דער „טשערטאַ", פול מיט בלבולים און אויסגעגאָסן זיין גאַנצע גאַל און שנאה צו יידן. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז אָנגעקומען די צייטונג מיט זיין געדרוקטער קאָרעספּאָנדענץ, וועלכע ער האָט באַלד געוויזן זיין פריינט.

— יאָ, פאַן קאַרל, גאָט זעט, ווי איך בין מיין וואָרט מקיים, — האָט דער פאַן פיסאַר געזאָגט, אים דערלאַנגענדיק די צייטונגען, וווּ זיין אַרטיקל איז געווען אָפּגעדרוקט. נאָר דאָס זענען בלויז די בלעטלעך. די ווייבשל וועלן ערשט קומען. נאָר איצט וועט איר מיר מוזן מיט־העלפן; עס דאַרף נאָך גענוג געדויערן, איך מוז נאָך אַ סך שרייבן

ביז עס וועט זיך מאַכן אַ גוטע געלעגנהייט... און דערנאָך וועלן מיר ערשט אָנהייבן אַרבעטן.

פאַן קאַרל האָט ביי דעם אָנהייב פון דעם פאַן פיסאַרס רייד געמיינט, אַז ער איז מקיים זיין וואָרט וועגן רחלען.

דער פאַן פיסאַר האָט זיך אַ ביסל פאַרטראַכט און האָט דערוקלערט:

— מיין טייערער קאַרל, דו דאַרפסט וויסן, אַז איך בין דיר געטריי מיט דעם גאַנצן האַרצן און דו האָסט אַליין גוט געזען, אַז ווען דו האָסט מיר נאָר דערמאַנט וועגן רחלען, האָב איך גאָרנישט געענטפערט און האָב געוואָלט טאָן „פאַ נאַשעמו״ און האָב די זשידוווקע געשיקט ברענגען צו אונדז... דאָס האָסטו אַליין געזען, נאָר וואָס זאָל איך טאָן, אַז די פויערים זענען נאָך אַזוי ווילד, אַז זיי מיינען, אַז יידן זענען אויך מענטשן. איך האָב שוין פיל גערעדט מיט די מוזשיקעס וועגן דעם, נאָר זיי פאַרשטייען מיינע ווערטער נישט. עס איז מיר אַ ווייטיק אויף מיינע אייגענע ברידער, פאַר וואָלטע איך אַרבעט מיט דעם גאַנצן האַרצן, גיב זיי אַוועק מיין גאַנץ לעבן. וואָס דאַרפסטו מער, אַט דער נארישער יאַכטעם האָט פאַר זיי געפּלאַפּלט וועגן זיין חלום און זיי האָבן דאָס צעטראָגן איבערן גאַנצן דאָרף. אייניקע נעמען עס אָן פאַר אַ חלום און אייניקע פאַר אַן אמת. — אונדזערע אייגענע ברידער קענען נאָך איבער די פאַרשאָלטענע יידן אונדז איבערגעבן אין געריכט דערפאַר, וואָס מיר ווילן זיי גוטס טאָן. מיר דאַרפן זיין פאָרזיכטיק און זען, אַז מיר זאָלן ווייטער קענען גוטס טאָן אונדזערע ברידער און זיי באַפרייען פון די פאַראַזיטן. דאָס ערשטע, — אַז רחל זאָל אַרום זיך נישט האָבן קיין באַשיצערס, זאָלסטו, פאַן קאַרל, איבערשמועסן מיט דער פאַני אסתּרקע, אַז זי זאָל איר סאַלאַמאַנען אַוועקשיקן אין שטאָט אַריין לערנען. דאָס וועט זיין דער ערשטער וועג, וואָס וועט אונדז גרינגער מאַכן צו קומען צו דעם, וואָס מיר האָבן פאָרגענומען. פאַרשטייסטו דען אַליין נישט, אַז ווען זי זאָל נישט האָפן אויף סאַלאַמאַנען, וואָלט זי גאָרנישט געהאַט קעגן מיר אַזויפיל חוצפה!

פאַן קאַרל האָט אים געקוקט גלייך אין מויל אַריין און געציילט זיינע ווערטער. ער האָט זייער געגלויבט אין וואָדאָפּיאַנאָווס ווערטער און האָט זיך נישט געקענט פאַרווונדערן אויף זיין טיפן שכל, איבערהויפּט וועגן דעם גאָלדענעם געדאַנק אַרויסצושיקן סאַלאַמאַנען פון דאָרף אויף אַזאַ קלוגן אופן.

— יאָ, פֿאַן פיסאַר, איך זע, אַז איר זענט קלוג און מיר געטריי, איך האָף צו פועלן ביי אסתּרקען, זי זאָל איר סאָלאָמאָנען אַוועקשיקן אין שטאָט לערנען.

וואָדאָפּיאַנאָוו האָט אין דעם, וואָס סאָלאָמאָן וועט נישט זיין אין דאָרף, געזען עפּעס אַנדערש, ווי פֿאַן קאַרל. ער האָט געהאַט אַ ווייטן בליק מיט אַ נייעם פּלאַן, וועלכן ער האָט נאָך אַליין נישט געוווּסט ווי אויסצופירן. פֿאַן קאַרל האָט נאָר געוואָלט דערגרייכן די אָרעמע רחל, וואָס נאָך סאָלאָמאָנס אַוועקפאָרן וועט זי מער נישט האָבן קיין באַשיצער און וואָדאָפּיאַנאָוו האָט געוואָלט נעמען אין זיינע הענט די שטאָלצע פֿאַני אסתּרקע.

דער פֿאַן פיסאַר האָט געזען אין סאָלאָמאָנען אַ מענטשן, פֿאַר וועלכן מען דאַרף זיך היטן עפּעס צו טאָן. דערפֿאַר איז אויף אַלע אופנים גלייכער, ער זאָל נישט זיין אין דאָרף. שווער איז דער פּלאַן נישט געווען אויסצופירן. פֿאַן קאַרל וועט שוין וועגן דעם אַרבעטן.

אסתּרן איז אומעטיק.

פֿאַני אסתּרקע האָט שוין געהאַט אָפּגעגעסן מיטאָג. זי האָט זיך אויסגעשלאָפן, אַ קוק געטאָן אין שפּיגל, צערעכט געמאַכט דעם טו־אַלעט און פֿאַרגלייכט די האָר אויפֿן קאָפּ, זיך אַנידערגעזעצט אויף איר ווייכן שטול, ווידער אויפגעשטאַנען און נאָכאַמאָל זיך געזעצט, זיך דורכגעגאַנגען איבער דעם זאַל, אַ קוק געטאָן אויף זיך פון קאָפּ ביז די פיס און פּלוצלונג איז זי געבליבן שטיין.

— נו, וואָס טוט מען ווייטער? ביז נאַכט איז נאָך ווייט, שלאָפֿן וויל איך נישט, הונגעריק בין איך אויך נישט, צו אַרבעטן האָב איך קיין חשק נישט, וואָס זאָל איך טאָן? ווען איך זאָל וווינען אין שטאָט, וואָלט איך געהאַט וווּ די צייט צו פֿאַרברענגען, נאָר דאָ, אין דאָרף, איז דען נישט אַלצאיינס, צי איך אַרבעט, צי מיינע דינסטן

אַרבעטן פאַר מיר, אַבי עס איז ביי מיר אין הויז אַלץ אין דער בעסטער אָרדענונג.

פאַני אסתּרקע האָט באַטראַכט אירע ווייסע הענט מיט די לאַנגע שיינע פינגער און אירע אויסגעפּוצטע ראָזע נעגל. זי איז געבליבן זייער צעפרידן מיט זיך. דערנאָך האָט זי געפרעגט די דינסט, צי פאַן קאַרל איז נישט געווען, ווען זי איז נאָכמיטאָג געשלאָפן? האָט די דינסט איר געענטפערט, אַז קיינער איז נישט געווען.

אסתּר האָט אָנגעהייבן צו גענעצן.

— ווי אומעטיק עס איז! און פאַן קאַרל איז שוין צוויי טעג אויך נישט געווען. נישט גוט צו וווינען אין דאָרף. אין שטאָט, אַז עס איז נישטאָ פאַן קאַרל, זענען דאָ פּופּצן אַנדערע! ווי אנגענעם עס איז פאַר אַ פרוי און ווי שיין עס איז, ווען מענער דרייען זיך אַרום איר. ווען זי זאָל וווינען אין שטאָט, וואָלטן געוויס אַרום איר זיך געדרייט אַ צענדליק יונגעלייט, אָבער דאָ, אין דאָרף, קוים איז נישטאָ פאַן קאַרל, איז איר אומעטיק. איר דאַכט זיך, אַז פאַן קאַרל קען נישט לעבן, ער זאָל איין טאָג אָן איר נישט זיין, געוויס האָט ער איבער עפּעס קיין צייט נישט, דעריבער איז ער נישט גע-קומען. אַך, ווי אומעטיק עס איז! נאָר ווער איז אין דעם שולדיק, ווען נישט זי אַליין?

— ווען סאַלאָמאָן זאָל אָבער זיין אַ געבילדעטער יונגערמאַן, וואָלט ער אויך געהאַט אַזויפיל באַקאַנטע, ווי פאַן קאַרל. מיך וואָלט מען צוליב דעם אויך מער געקאָנט און ביי מיר אין הויז וואָלט געווען פיל פריילעכער. אַזוי אָבער לעב איך, ווי אַ דאָרף-גויע... מיין מאַן איז אַ מוזשיק און פון מיין זון האָט ער אויך דאָס געמאַכט. זיי האָבן נישט מער אין זינען נאָר זייער אַרבעט אויף דעם פעלד און איך פלאַג אָפּ די בעסטע יאָרן. נאָר, ווידער, ווער איז שולדיק, ווען נישט איך? איך אַליין האָב געבעטן יידל שדכן, ער זאָל מיר געבן חיים מוזשיק פאַר אַ מאַן. דעם אמת זאָגנדיק, דאַרף איך דען האָבן אַ בעסערן מאַן, ווי ער איז? ער אַרבעט טאָג מיט נאַכט, כּדי ער זאָל זיין אימשטאַנד מיר צו געבן אַלץ, וואָס איך דאַרף...

אסתּרקע האָט זיך פאַרטראַכט:

— יאָ, איך בין זייער צעפרידן מיט מיין מאַן... ער זאָל מיך נאָר וועלן פאָלגן און לאָזן סאַלאָמאָנען לערנען אין דער גימנאַזיע, וואָלט איך נאָך גליקלעכער געווען. ווי שיין וואָלט געווען פאַר מיר

און געפּאַסט פאַר דער וועלט, אַז איך זאָל קומען אין שטאָט אַריין און עס זאָל מיר נאָכגיין מיין קינד אָנגעטאָן, ווי אַ גימנאַזיסט. איך וואָלט געגאַנגען געקליידט נאָך דער לעצטער מאָדע, און דאַן וואָלט איך טאַקע אויסגעזען, ווי אַן אמתע פּאַני...

אסתּרקע האָט זיך אַזוי פאַרטיפט אין אירע געדאַנקען, עס איז איר אַזוי פריילעך געוואָרן, אַז זי האָט געוואָלט פּרוּוון גיין איבער דעם זאַל און מאַכן אַ רעפּעטיציע, ווי אַזוי זי וועט אַמאָל שפּאַצירן אין שטאָט מיט איר גימנאַזיסט. נאָר דאָס לויפן פון אַ פערד, וואָס איז צוגעפאָרן צו איר הויז, האָט די רעפּעטיציע איבערגעשלאָגן. זי האָט געשיקט איר דינסטמיידל זען, ווער עס איז געקומען צו פאָרן? דאָס מיידל איז געקומען זאָגן, אַז דער שטאָטישער דאָקטאָר איז גע-געקומען. אסתּרקע האָט באַלד געכאַפּט אַ רויט שטיקל טוך און זיך אַנידערגעזעצט אויסהעפטן עפּעס אַ בלום.

דער דאָקטאָר פון נעזווינק, באָריס פרידמאַן, ווען ער איז אַלע חודש געפאָרן איבער דער געגנט באַזוכן קראַנקע, פלעגט שטענדיק אַריינפאָרן צו חיים רויטמאַן אין הויז, זיך נאָכפרעגן, צי אַלע ביי חיים רויטמאַנען זענען געזונט.

— אַ גאָט־העלף אייך, מאַדאַם! עס פרייט מיך זייער, וואָס איך זע אייך געזונט, — האָט דער דאָקטאָר, אַריינקומענדיק, געזאָגט, דריקנדיק אסתּרקעס האַנט. — שטענדיק טרעף איך אייך ברעכן דעם רוקן איבער אַן אַרבעט; אמת, יעדער מענטש דאַרף אַרבעטן, מען דאַרף נישט זיצן ליידיק, אָבער מען מוז זיך אויך אָפּרוען, כּדי עס זאָל בלייבן כּוח ווייטער צו אַרבעטן. ווען די מענטשן זאָלן וויסן, ווי טייער געזונט איז, וואָלט ביי זיי דאָס געזונט נישט געווען אַזוי הפקר און עס וואָלטן אַזויפיל שלאָפקייטן נישט געווען אויף דער וועלט.

— איר זענט געוויס גערעכט, דאָקטאָר, נאָר זאָגט־זשע אַליין, ווי קען אַ באַלעבאָסטע, וואָס דאַרף קוקן אומעטום און אַלץ אַליין טאָן, זיך אָפּהיטן אַזוי, ווי איר, דאָקטוירים, ווילט? איר האָט נישט געהערט, וואָס מען זאָגט? אַז אַפילו ווען מען האָט צען דינסטן, און די באַלעבאָסטע קוקט נישט אומעטום, איז די שטוב קיין שטוב נישט.

— איר זענט אויך גערעכט, מיין ליבע פרוי רויטמאַן, נאָר זאָגט מיר, זענט איר כּמעט געזונט, ווי עס דאַרף צו זיין? זענען ביי אייך אַלע אין הויז געזונט? וואָס מאַכט אייער שוויגער, די אַלטע פריידע?

וו איז אייער מאַן? איך וויל זיי אַלע שוין זען, ווייל איך האָב קיין צייט נישט. איך מוז פאָרן אין דאָרף נאָך באַזוכן עטלעכע קראַנקע. איך מוז נאָך אויך זיין ביי דעם אומגליקלעכן לצמל, וואָס איז שטענדיק קראַנק.

— אַלע אייערע קראַנקע ביי אונדז אין הויז זענען, גאָט זיי דאַנק, איצט געזונט, נאָר איך וועל אייך אַזוי גיך נישט אָפּלאָזן, איר טענט ווי קיין צייט נישט האָבן. גאָט אַליין האָט אייך געבראַכט איצט צו אונדז. איר זאָל וויסן, ווי אומעטיק עס איז ביי אונדז אין דאָרף! פון דעם אַליין קען מען קראַנק ווערן! איר מוזט איצט בלייבן אַ ביסל ביי אונדז און מיר דערציילט נייס פון שטאָט.

אסתר האָט אַנידערגעלייגט איר האַנט אויף זיין אַקסל, און ער האָט זיך געמוזט זעצן.

— ווערליק עס ווייזט אויס, דאַרף אַ דאָקטאָר פאַר אייער הויז באַרנישט ענדיקן קיין פאַקולטעט. אַ שטייגער, וואָס דאַרף אַ דאָקטאָר שטודירן? ער דאַרף אייך נאָר דערציילן מעשיות פון דער שטאָט?

— נאַ, נאַ, זאָגט אייערע ווערטלעך וויפל איר ווילט, אָבי איך האָב מיינס אויסגעפירט און איר האָט טאַקע געמוזט פאַרבלייבן. דערציילט-זשע מיר נייס פון דער שטאָט!

— איך קען אייך דערציילן, אַז אין נעזווינק איז אָראָפּגעקומען אַ נייער לערער, אַ זעלטענער יונגערמאַן. ער גרייט צו אויס-בעצייכנט קינדער אין די גימנאַזיעס; ער אַליין האָט ערשט געענדיקט אין אָדעס דעם יורידישן פאַקולטעט. איר דאַרפט אים געוויס קענען. ער איז זלמן גאָלדשמידס אַ זון.

— דרייצן יאָר געלערנט אויף אַדוואָקאַט און איז געוואָרן אַ לערער אין נעזווינק!

— עס איז אַ גאַנצע געשיכטע. איך וועל זי אייך אַן אַנדערש מאָל דערציילן.

— נו, און אונדזער אַלטער לערער שפּיצבוים, וואָס טוט איצט?

— ער איז מלא שמחה, ער דאַנקט און לויבט גאָט, וואָס ער האָט צוגעשיקט קיין נעזווינק אַ נייעם לערער, אַ יונגנמאַן מיט אַ סך בילדונג און נאָכמער — זיין געוועזענער געליבטער תלמיד. ער זאָגט, אַז די נעזווינקער קינדער וועלן איצט מער חשק האָבן צו לערנען.

— פון וואָס-זשע וועט שפּיצבוים האָבן צו לעבן? ער קען דאָך צוליב דעם נייעם לערער אָנווערן זיינע שעהן?

— עס איז אים אויך געבליבן געגוג שילער, און גאָלדשמיד וועט בײַ אים זײַנע שפּתן נישט צונעמען. קיין קאָנקורענץ וועט צווישן זיי נישט זײַן. און ווידער האָט שפּיצבוים זײַנע געשוואָרענע בעַ-לעבאַטים, בײַ וועלכע ער טרינקט טיי, פאַרפּלוידערט זיך אַ שעה, צוויי, אָדער שפּילט מיט זיי אין דאמינא און קריגט דאָרט זײַנע צוויי רובל אַ חודש. אָט וועל איך אײַך דערציילן אַ שיינע מעשה, וואָס האָט זיך די טעג געטראָפן מיט דעם אַלטן שפּיצבוימען. ער האָט זיך שיער נישט צעקריגט מיט אייער פאָטער.

— מיט מײַן טאַטן? — האָט זיך אסתּר געגעבן אַ כאַפּ און זיך שטאַרק צעלאַכט. — ווי איז דאָס מעגלעך? מיר דאַכט זיך, אַז מיר אַלע אין שטוב האָבן אים ליב געהאַט. אַכט טאָג פאַר מײַן חתונה האָב איך זיך נישט געשעמט צו זאָגן מײַן חתן חיימען, אַז איך בין אין מײַן לערער פאַרליבט. ווי־זשע קומט עס, אַז מײַן פאָטער זאָל זיך פּלוצלונג צעקריגן מיט זײַן אַלטן פרײַנט?

— טאַקע איבער איין זאַך. די מעשה דערפון איז אַזוי: בשעת ער האָט מיט אײַך געלערנט, פלעגט ער בײַ אייער פאָטער באַקומען פאַר אַ שעה אין טאָג איין רובל מיט פופציק קאָפּיקעס אַ חודש. אַזוי איז געוועזן כסדר ביז איצט. דאָ נישט לאַנג האָט זיך אים פאַרגלוסט צו מאַכן אַ נײַעם ביבערנעם קאָלנער צו זײַן אַלטן פּיקסענעם פעלץ. ער האָט אָבער קיין געלט נישט געהאַט. איז ער געקומען צופליען צו מיר און האָט זיך פאַר מיר און פאַר מײַן פרוי געקלאָגט, אַז זײַן לאַגע איז נישט גוט. איך האָב אים געענטפערט, אַז אין ד׳ם זענען נאָר שולדיק די באַלעבאַטים: זיי וואָלטן אים באַדאַרפט העכערן די שכירות, ווײַל עס טראָגט אים נישט אויף צו לעבן. ער איז טאַקע באַלד געגאַנגען צו זײַנע באַלעבאַטים און גע־פאָדערט פון זיי מען זאָל אים העכערן. בײַם טאַטן האָט ער גע־פאָדערט נאָך פופציק קאָפּיקעס אַ חודש. אייער פאָטער האָט זיך צעלאַכט און האָט אים געפרעגט, פאַר וועמען פאַרלאַנגט ער העכערן, אַז איר, זײַן שילערין אסתּר, האָט שוין לאַנג חתונה געהאַט. שפּיצבוים איז ברוגז געוואָרן און האָט אויפגעהערט אַרײַנגיין צו אײַך אין הויז. אייער פאָטער, וואָס איז צייט אַזויפיל יאָרן געוויינט גע־וואָרן צו זען אַלע טאָג שפּיצבוימען, האָט אָנגעהייבן זייער בענקען נאָך אים, ביז ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל מיך אַרײַנלייגן אין שלום. איך האָב עס געטאָן און אייער פאָטער האָט טאַקע בעמוזט

העכערן ד' פופציק קאָפּיקעס אַ חודש, וואָס ער האָט פאַרלאַנגט און עס איז עכם געוואָרן. שפּיצבוּים גייט ווייטער אַריין צו אייער פאָטער אין הויז און באַקומט שוין איצט גאַנצע צוויי רובל אַ חודש.

— דאַנקען גאָט, וואָס עס איז צווישן זיי ווייטער שלום! — האָט זיך אסתּר ווידער צעלאַכט.

דערווייל איז אָנגעקומען פאַן קאַרל. ער האָט זיך אָנגעהייבן פאַרענטפערן פאַר פאַני אסתּרקען, וואָס ער איז נישט געקומען די לעצטע עטלעכע טעג; אסתּרל האָט געגלויבט זיינע אויסגעטראַכטע תּירוצים, נאָר פונדעסטוועגן האָט זי אים מיט אַ געלעכטערל געזאָגט, אַז זי וועט אים שוין שפּעטער באַשטראָפן דערפאַר, וואָס ער איז נישט געקומען.

דער דאָקטאָר מיט אסתּרקען האָבן פאַן קאַרלען איבערגעגעבן וועגן וואָס זיי האָבן געשמועסט און אים דערציילט פון דעם נייעם לערער גאָלדשמיד און פון דעם אַלטן שפּיצבוים, וואָס האָט פאַרלאַנגט פון אסתּרס פאָטער מען זאָל אים העכערן זיין חודש־געלט.

אַלע האָבן פריילעך געלאַכט.

אַלע זענען צופרידן.

אַז חיים איז געקומען אַהיים, האָט ער נאָך געטראָפן דעם דאָקטאָר מיטן פאַן קאַרל. ער איז זייער צופרידן געווען צו זען דעם דאָקטאָר און האָט אים געזאָגט, אַז ער איז תּמיד גליקלעך, ווען ער קען מיט אים די צייט פאַרברענגען.

ער האָט אויך אסתּרן געדאַנקט, וואָס זי איז אַזוי קלוג געווען און האָט דעם דאָקטאָר פאַרהאַלטן.

אסתּר האָט מיט אַ שמייכל געוויזן, אַז זי איז זייער צופרידן פון דעם קאָמפּלימענט וואָס איר מאַן האָט איר געמאַכט.

חיים האָט זיך אָנגעפרעגט ביים פאַן קאַרל, צי זיין פאָטער

האָט שוין פאַרקױפט דעם װײַנ. פאַן קאַרל האָט אים געענטפערט, אַז ער איז די לעצטע טעג זייער באַשעפטיקט געװען, װײַל ער לערנט איצט און װעט אָפּגעבן עקזאַמען אױף מאַגיסטער פאַרמאַציע און עפּענען נאָך אַן אַפּטייק אין ג...

דערפאַר האָט ער זיך גאָר אין פאָטערס געשעפטן נישט געמישט. אסתּר האָט דערנאָך אַרױפגעבראַכט דעם שמועס אױף די צװײ לערער און דערנאָך איז זי איבערגעגאַנגען אױף איר זון. זי האָט געזאָגט, אַז עס װאָלט שױן טאַקע רעכט געװען, מען זאָל אים שיקן אין שטאָט אַרײַן לערנען צו גאָלדשמידן.

— כלעבן, חיים, עס איז שױן צײַט צו מאַכן פון אונדזער קינד אַ מענטש. ביז אהער האָסטו מיר געזאָגט, אַז װען ער װעט יונג אַװעקפאָרן אין שטאָט אַרײַן, װעט ער נישט קענען זײַן קײן ערד־אַרבעטער. אָבער איצט, דאַכט זיך, קען ער שױן די ערדאַרבעט גלײַך װי אַן אַלטער פּאָמעשטשיק. עס איז שױן צײַט, ער זאָל װערן אַ מענטש צװישן מענטשן... אַנישט װערט ער אַלץ פּראָסטער און פאַרגרעבטער...

— איך זע גאָרנישט אין סאָלאָמאָנען קײן שום פאַרגרעבטקײט! פאַרקערט, לאָז מיך גאָט בענטשן נאָך מיט אַזױנע צען קינדער! ער איז שײן און קלוג, ער פאַרשטײט די פעלדאַרבעט, ער לערנט זײער גוט בײַ אונדזער ייִדישן מלמד לײענען און שרײַבן און אַנטװיקלט זיך זײער גוט...

— יאָ, דו ביזט געװען, נאַר, הוצדעם, מוז מען אַ קינד געװײנען צו דער װעלט אױך. אין דאָרף האָט ער זיך נישט בײַ װעמען צו לערנען װעלטזאַכן. גלױב מיר, חיים, װיאַזױ אונדזער סאָלאָמאָן איז אַ געראָטן קינד, פונדעסטװעגן װען ער קומט אין שטאָט צװישן מענטשן, װעט מיט אים קײנער קײן צװײ װערטער נישט קענען רעדן פון װעלטזאַכן. דיך אַרט דאָס נישט, דו ביזט אױך געװאַקסן אין אַ דאָרף, איז בײַ דיר אַזױ רעכט. איך בין אָבער געװאַקסן אין שטאָט, איך בין סאָלאָמאָנס מוטער און האָב פאַרגאָסן איבער אים געװײנט בלוט, טױט מ'ר מײַן האַרץ װײ אױף אים. איך װיל, אַז מײַן בן־יחיד זאָל זײַן מיט אַלע מעלות, אַז ײדן און קריסטן זאָלן מיך מקנא זײַן מיט אים. איך פאַרשטײ דיך נישט, װאָס דו טראַכסט דיר... פאַרװאָס דו װילסט אים נישט שיקן אין שטאָט אַרײַן... איך װיל אױך האָבן נחת אין מײַן קינד!

אסתר האָט גענומען דאָס טיכל צו די אויגן...

— איך פאַרשטיי דיך נישט, אסתר, וואָס הייסט נחת פון אַ קינד? לאָז מיר גאָט העלפן, אַז ביז ער וועט איבערלעבן מיינע ביינער, זאָל איך האָבן פון אים אַזא נחת, ווי ביז אַהער. לאָז ער אונדז שטענדיק זיין אַזוי געזונט און שטאַרק... וואָס דאַרפן מיר נאָך פאַר אַ נחת פון אים? עס וועט קומען די צייט, וועט ער מסתמא חתונה האָבן און וועט לעבן אַ גליקלעך לעבן...

— עס פאַרשטייט זיך, אַז דו דאַרפסט גאָרנישט, — האָט אסתר געענטפערט, ווישנדיק די אויגן. — דו דאַרפסט אפילו קיין פאַיעטאָן נישט און וואָלסט געוווינט גלייך מיט אַלע מוזשיקעס אין אַ שטוב געדעקט מיט שטרוי... ווען מען האָסטו צו פאַרדאַנקען, וואָס דו האָסט איצט דעם שיינער הויף גלייך מיט אַלע פריצים, אַז נישט מיר? וואָלט עס זיך ביי דיר אַזוי שיין געפירט, ווען איך זאָל מיך נישט פאַרנעמען אַלע טאָג מיט דער שטוב, קוקן אומעטום און אַלץ אַליין טאָן, אַז עס זאָל זיין שיין און ריין, אַז מען מעג זיך בוקן אין יעדן ווינקעלע, ווי ביי די גרעסטע פריצים. פאַן זאַרעצקי און דעם גלחס טאָכטער וווּנדערן זיך גאָר, ווי קומט עס צו אַ יידיש קינד? ווען מען האָסטו צו פאַרדאַנקען, וואָס מען לויבט אונדז אומעטום, ווען נישט מיינע צען פינגער? אָט פרעג דעם דאָקטאָר, לאָז ער דיר זאָגן אין די אויגן, צי איך ווער נישט שווער קראַנק פון דער אַרבעט?

— ווער זאָגט דען, חס-ושלום, אַז דו ביזט ביי מיר נישט קיין טייערע באַלעבאָסטע? פאַרקערט, איך דאַנק דיר זייער שיין דערפאַר. איך האָב דיך טאַקע דערפאַר נישט פיינט...

אסתר האָט אָבער ווידער צוגעטראָגן דאָס טיכל צו די אויגן.

דער דאָקטאָר האָט זיך אויך אַריינגעמישט אין דעם געשפּרעך און געזאָגט גאַנץ אָפן, אַז כאָטש ער האַלט נישט תמיד פון אסתרס מיינונגען, אָבער אין דער זאַך מוז ער האַלטן מיט איר.

— קיינער קען גאָרנישט זאָגן, אַז זי איז אומגערעכט. נאָך זיין אייגענער איבערצייגונג וואָלט עס זייער גלייך געווען, אַז חיים זאָל זיין זון שיקן קיין ב... לערנען צו גאָלדשמידן, ווו ער וועט זיך צוגרייטן צו דער גימנאַזיע.

חיים איז שוין פאַרטיק געווען נאָכצוגעבן, נאָר זיינע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף די טירן, ווו זיין מוטערס צימער איז

געווען; ער האָט זיך דערמאָנט אָן די ווערטער פון זיין פאָטער שלום, אַז ווען סאָלאמאָן וועט לערנען אין די גימנאַזיעס, וועט ער אויף שטענדיק אָפּגעריסן ווערן פון דער ערד און וועט אפשר שפּעטער שוין גאָרנישט וועלן זיין קיין ערדאַרבעטער. ער וועט זיך איינרעדן, אַז אַרבעטן מיט דער האַנט איז גאָרנישט פאַר זיין כּוח, אַז פעלד-אַרבעט פּאַסט גאָרנישט פאַר אַ געלערנטן מענטשן. חיים, אונטער דער ווירקונג פון זיין פרוי און דעם הויז-דאָקטאָר, האָט זיך אָבער באַלד איבערגעלייגט, אַז קלוגע געלערנטע מענטשן האַלטן אויך פון ערד-אַרבעט, און אַז אַפילו ביי פּראָסטער אַרבעט איז אויך גוט צו זיין געלערנט.

פונדעסטוועגן האָט ער געזאָגט:

— איך האָב אויך מורא, אַז ווען מיין סאַלאמאָן וועט ענדיקן אַ גימנאַזיע, וועט ער נישט וועלן זיין קיין ערדאַרבעטער, ווי זיין טאַטע און זיין זיידע איז געווען. און דעריבער קען זיך גאָר אינ-גאַנצן אויסלאָזן די קאָלאָניע, אויף וועלכער מיין פאָטער האָט זיין לעבן אַוועקגעגעבן, ביז ער האָט זי איינגעאָרדנט. זאָל איך דערלאָזן, אַז פון זיין אַרבעט זאָל ווערן אַ תּל? — ניין, דאָס קען איך נישט טאָן! מיין פאָטערס מי איז ביי מיר טייערער פון אַלץ אין דער וועלט. נאָר איך האָב מיין ווייב אויך זייער ליב און וויל איר אויך צוליב טאָן, דערפאַר וועל איך שיקן סאַלאמאָנען קיין נעזווינק צו גאָלדשמידן לערנען, נאָר נישט פאַרצוברייטן אין דער גימנאַזיע. ער וועט גלאַט אַזוי זיך לערנען, און דערנאָך וועט ער צוריק אַהיימקומען און בלייבן אַן ערדאַרבעטער. אפשר וועט עס נישט שאַדן, ווען סאַ-לאמאָן וועט דערביי זיין אַ ביסל געלערנט און וועלטלעך.

— נו, אסתּר, ביזטו צופרידן מיט מיין באַשלוס? — האָט ער צולעצט געפרעגט זיין ווייב.

אסתּרקע איז זייער צופרידן געווען. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז סאָלאמאָנס לערנען אין נעזווינק אויף איין יאָר איז די ערשטע טרעפּ צו דער גימנאַזיע. נאָכדעם וועט זיך ממילא אויסלאָזן, אַז סאַלאמאַן וועט אַליין אַריין אין דער גימנאַזיע.

פאַן קאָרל איז אויך געווען זייער צופרידן און האָט זיך גע-פילט, ווי אויף דעם זיבעטן הימל. איצט וועט אים קיינער נישט שטערן ביי רחלען. זי וועט בלייבן אַליין און וועט מוזן אַריינפאַלן אין זיינע הענט.

אסתרקע איז אַזוי צעפרידן געווען מיט איר מאַנס באַשלוס וועגן סאַלאמאנען, אַז זי האָט פאַר די געסט איר מאַן אַרומגענומען און האָט אים געדאַנקט. דערנאָך האָט זי אָנגעהייבן מכבד זיין די געסט מיט קאַווע. דאָס דינסטמיידל איז אַריינגעקומען זאָגן, אַז עטלעכע פויערים מיט קראַנקע קינדער וואַרטן אויף דעם דאָקטאָר. דער דאָקטאָר איז באַלד צו זיי אַרויסגעגאַנגען, האָט באַטראַכט די קראַנקע, זיי געגעבן עצות און פאַרשריבן רעצעפטן, און דערנאָך איז ער אַריינגעגאַנגען צו דער אַלטער פריידע אין איר צימער.

פריידע איז געזעסן און האָט געדרעמלט. דער דאָקטאָר האָט זי באַטראַכט און געזען, אַז זי איז געזונט. ביים געזעגענען זיך האָט ער ביי איר געפרעגט, ווו איז סאַלאמאַן און זי האָט אים געענטפערט, אַז ער קער געוויס זיין ביי רחלען. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז ער וועט פאַרבייפאָרן פאַר לעמלס הייזל און וועט דאָרטן זען סאַלאמאנען. דער דאָקטאָר האָט זיך מיט יעדן געזעגנט, צוגעזאָגט נאָכאַמאָל צו קומען אין עטלעכע טעג אַרום, נאָר מען זאָל אים נישט מער אַזוי לאַנג פאַרהאַלטן, און איז אַוועקגעפאָרן.

דערווייל איז אָנגעקומען דער אַלטער פריץ. חיים האָט זיך ביי אים דערוווסט, ווי טייער ער האָט פאַרקויפט זיינע תבואות פון די אָפּגעשניטענע פעלדער. פאַני אסתרקע האָט מיט פרייד דערציילט דעם פריץ, אַז היינטיקן זומער וועט מען סאַלאמאנען אַוועקשיקן לערנען קיין נעזווינק, און שפעטער האָפט זי אים צו שיקן קיין ווארשע שטודירן, כדי ער זאָל זיין אַזוי געלערנט, ווי פאַן קאַרל. פאַן יאַן האָט איר דערויף גאָרנישט געענטפערט, נאָר ער האָט נישט זייער אַ פריילעכן בליק געוואָרפן אין זיין זון. קיינער האָט דעם בילק נישט פאַרשטאַנען, אַ חוץ פאַן קאַרל אַליין.

חיים האָט אויך עפעס באַדאַרפט פאָרן אין שטאָט אַריין אויף עטלעכע שעה. ער איז אַוועקגעפאָרן מיט דעם אַלטן פריץ צוזאַמען.

ווען ער איז שוין געזעסן אין וואָגן, האָט אים אסתר נאָכגעשריען אויף פויליש:

— מיין מאַן! איך וועל מאָרגן גאַנץ פרי שיקן נאָך דיר די קאַרעטע, אָדער איך וועל אַליין קומען נאָך דיר אין שטאָט אַריין.

אומשולדיקע טרערן.

פאַרנאַכט איז אַהיימגעקומען סאַלאמאַן. די מוטער האָט אים אַרומגענומען, אים געקושט מער ווי אַלעמאָל און דערציילט מיט גרויס פרייד, אַז זי האָט שוין געפועלט ביי זיין פאָטער אים צו שיקן אין שטאָט אַריין לערנען. סאַלאמאַן האָט געזען, ווי זיין מוטער איז צופרידן, איז ער אויך פריילעך געוואָרן און איז מיט גרויס שמחה אַריינגעלאָפן צו דער באָבן, איר זאָגן די בשורה, אַז מען וועט אים שיקן אין שטאָט אַריין לערנען.

פריידע האָט אין איר דרעמלען דערפילט די טריט פון סאַלאַמאַנען. אַז איר ליב איינִיקל איז אַריינגעקומען, האָט זי געעפנט די אויגן און אַ קוק געטאָן אויף אים. סאַלאמאַן האָט זי אַרומגענומען און שטאַרק געקושט.

— באָבעניו, איר ווייסט שוין, אַז איך פאָר אַוועק?

פריידע האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר דערוויל איז אָנגעקומען אסתר.

— איך האָב אייך, שוויגער, נאָר פאַרגעסן צו דערציילן — אונדזער סאַלאמאַן פאָרט שוין אין שטאָט לערנען.

פריידע האָט געעפנט אירע אויגן אַ ביסל גרעסער, ווי תמיד.

— זיין איצטיקער לערער לערנט אים דען שלעכט? — האָט פריידע געפרעגט.

— ניין, דער מלמד לערנט מיט אים נישט שלעכט, נאָר אַ קינד דאַרף מען פאָרט אַ ביסל געוויינען אין שטאָט; איר אַליין, שוויגער, זאָגט דאָך, אַז הייִנטיקע וועלט איז נישט גלייך צו דער

אמאָליקער. מען מוז היינטיקע קינדער אַ ביסל וועלטלעכע זאַכן אויך לערנען. אין שטאָט, צווישן מענטשן, וועט ער ווערן אַ מענטש. עס פאַרשטייט זיך, ווען איך און איר זענען געווען קינדער, האָבן מיר געוויס נישט באַדאַרפט דאָס אַלץ לערנען, וואָס מען לערנט היינטיקע קינדער. מיר טוט עס געוויס, ווי אַ מוטער, זייער ווי' אים אַוועקצולאָזן, נאָר וואָס קען איך טאָן? איך וויל, אַז מיין קינד זאָל זיין געלערנט גלייך מיט אַלע לייטישע קינדער.

— יאָ, דו ביזט, מיין טאָכטער, גערעכט, יעדע מאַמע וויל, אַז איר קינד זאָל זיין געלערנט און מיט אַלע מעלות. איך וויל אויך, אַז מיין אייניקל זאָל זיין אַזוי, אַז די גאַנצע וועלט זאָל מיך מקנא זיין. נאָר ווי אַזוי וועלן מיר עס קענען אויסהאַלטן, אַז מיר וועלן אים נישט זען און הערן דערציילן זיינע זיסע, שיינע מעשיות פון דעם פעלד.

— אָבער, שוויגער, איר דאַרפט דאָך פאַרשטיין, אַז ווען איך מיט חיימען האָבן באַשלאָסן צו זיין אַ קליינע צייט צעשיידט פון אונדזער קינד, איז אונדז אויך נישט געווען אַזוי גרינג, נאָר וואָס האָבן מיר געזאָלט טאָן? וואָס טוען דען נישט עלטערן פאַר קינדער? צוליב אונדזער קינדס גליק מוזן מיר זיך אָפּזאָגן פון אונדזערע אייגענע פאַרגעניגנס, און ווידער וועט ער זיך קענען אויף אַלע שבת צו אונדז דורכפאָרן.

— שלומקע, מיין קינד, קום נענטער צו מיר, — האָט די באָבע געזאָגט. זי האָט אויסגעשטרעקט אירע דאַרע הענט און האָט סאָלאכאָנען שטאַרק אַרומגענומען. — דו וועסט בענקען נאָך אונדז, ווען דו וועסט אַוועקפאָרן?

— איך וועל געוויס בענקען נאָך אייך און נאָך אַלע. אין דאָרף איז מיר אַזוי פריילעך, באָבעניו, נאָר אַז דער טאַטע מיט דער מאַמען הייסן מיר, מוז איך זיי פאָלגן. דו האָסט דאָך מיר תמיד געזאָגט, אַז עלטערן מוז מען פאָלגן, נאָר איך וועל אויף אַלע שבת קומען צו אייך און צו רחלען...

— אַז דו מוזט שוין יאָ אַוועקפאָרן, וואָס-זשע ביזטו היינט אַזוי שפעט געקומען אַהיים?

— איך האָב מיך היינט פאַרנאַכט שטאַרק פאַרשמועסט מיט רחלען ביי דעם וואַלד, ווו זי פאַשעט אירע שאָף; מען האָט זיי ערשט יענע וואָך געשוירן. רחלע האָט פון זיי מער פון אַ האַלבן

פוד וואָל. די סוחרים, וואָס פאָרן דורך די דערפער, האָבן איר געזאָלט געבן אַ גוטן פרייז, נאָר זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי וויל די וואָל אַליין אויסשפינען אין די ווינטערדיקע לאַנגע נעכט, וועט זי האָבן אַ סך מער, ווי זי זאָל איצט פאַרקויפן.

די אַלטע פרוי האָט געשאָקלט מיט דעם קאָפּ:

— זייער גלייך האָט רחלע געטאָן, וואָס זי וויל די וואָל אַליין אויסאַרבעטן. איך פלעג דאָס אויך אַמאָל טאָן און האָב תמיד גענומען צוויי מאָל אַזוי־פיל, וויפל מען וואָלט מיר געוועו געצאָלט פאַר וואָל. רחלע איז טאַקע אַן אויסגעצייכנטע באַלעבאָסטע. ביי איר ווערט קיין שטרוי נישט פאַרלוירן, זי ווייסט, אַז פון יעדער זאַך קען מען האָבן נוצן. דאָס דאַרף יעדער ערדאַרבעטער קענען און וויסן.

— יאָ, באָבעניו, רחל קען אַלץ!

— יאָ, נאָר זי איז אַ שלעכטע... איך וויל זאָגן, אַז פאַר מיר איז זי אַ שלעכטע. פאַרוואָס איז זי ביי מיר היינט נישט געוועןז אַז דו וועסט זי מאָרגן זען, זאָלסטו איר זאָגן, אַז זי איז שוין לאַנג ביי מיר נישט געוועו און דאָס פאַרדריסט מיך, ווייל איך האָב זי ליב גלייך מיט דיר.

— באָבעניו, באַשולדיקט זי נישט, זי איז שטענדיק פאַרנומען מיט אַרבעט. זי מוז אומעטום אַליין קוקן און אַליין טאָן. זי האָט זיך אויף קיינעם נישט צו פאַרלאָזן. פון איר פאָטער האָט זי אוודאי נישט קיין שום נוצן. היינט קען מען זי שוין באַשולדיקן וואָס זי קען צו אייך נישט אָפט קומען? איך האָב היינט אויף איר רחמנות געהאַט און איר געהאָלפן צונויפנעמען די שאָף און זיי אַריינטרייבן אין שטאַל אַריין. אוי, באבעניו, איז זי אַ גוטע און אַ שיינע רחל!

— יאָ, מיין קינד, אַזאַ זיסע עלטער זאָל איך האָבן, ווי איר זענט ביידע ביי מיר אין די אויגן זיס און שיין.

— און די האָסט זיך אַזוי פאַרדרייט מיט רחלען ביי אירע שאָף, אַז דו האָסט שוין אַפילו פאַרגעסן אין טיי טרינקען,—האָט זיך אָנגערופן אסתּר.

סאָלאָמאָן האָט זיך אַ ביסל פאַרשעמט און איז רויט געוואָרן.

— אָבער אין שטאָט וועסטו דיך שוין זיך נישט פאַרנעמען טאָג און נאַכט מיט אַזוינע פוסטע רייד, ווי די רעדסט מיט רחלען,—האָט די מוטער ווייטער אָנגעהייבן.—אין שטאָט, מיין קינד, צווישן מענטשן

פאַסטן נישט אַזעלכע זאַכן. איך האָף, אַז די שטאָט וועט דיך מאַכן פאַר אַ מענטשן.

— נאַרישע קינדער, — האָט פריידע געזאָגט, — איר מיינט, אַז די שטאָט מאַכט פאַר אַ מענטשן? דער מענטש, וואָס איז לייטיש, איז אין אַ פוסטן וואַלד אויך אַ מענטש. אָפט מאַכט די שטאָט קאַליע אַ מענטשן.

— איר זענט גערעכט, שוויגער, נאָר מען טאָר נישט געוויינען אַ קינד, עס זאָל זיין שטענדיק ביי דער מאַמעס פאַרטוך; אונדזער סאַלאַמאַן איז שוין, דאַנקען גאָט, נישט קיין קינד. ווען ער זאָל זיין געלערנט, וואָלט ער שוין אין זיינע יאָרן געווען גאָר אַן אַנדער מענטש. גלויבט מיר, שוויגער, איך בין אייך גאָרנישט אימשטאַנד אַרויסצוזאָגן, ווי איך פריי זיך, וואָס סאַלאַמאַן פאָרט אין שטאָט. מיר וועלן נאָך פון אים פיל נחת האָבן.

די אַלטע מוטער האָט אַרומגענומען די שנור מיטן אייניקל.

— מיינע טייערע! איר זאָלט מיר נאָר שטענדיק זיין געזונט און שטאַרק און מיינע ביינער איבערלעבן, און איך זאָל אויף דער עלטער דערלעבן צו זען אין אייך גייל נחת. און דו, מיין טייערער שלומל, זאָלסט זיך אין שטאָט פירן, ווי אַ פיין קינד צו גאָט און צו לייט און פלייסיק לערנען.

— באַבעניו! איך וועל אייך שטענדיק פאָלגן...

פריידע האָט באַמערקט, ווי סאַלאַמאַנס אויגן זענען רויט געוואָרן, האָט זי אים געפרעגט, צי זיי טוען אים וויי.

— ניין, זיי טוען מיר נישט וויי... דער דאָקטאָר האָט מיך היינט בעזען לעבן לעמלס שטוב און האָט געזאָגט, אַז איך בין געזונט.

די אויגן זענען אים געווען רויט, ווייל ער האָט געוויינט און האָט אַליין נישט געפילט, ווי די טרערן האָבן זיך אים נישט ווילנדיק געגאָסן...

פאַרן אוועקפאָרן.

אויף דעם זומערדיקן פעלד, צווישן גרינעם טיפן גראָז, לעבן קילן וואַלד, איז אַרומגעגאַנגען די שוואַרצחנוודיקע רחל מיט אַ לאַנגן דינעם צווייגל, וועלכן זי האָט אָפּגעריסן פון אַ ווייכסלבוים. זי האָט מיט אים געפאָכעט אין דער לופט און צונויפגעטריבן אירע שאָף און געשריען צו זיי: טאַגאַ! טאַגאַ! טאַגאַ! עס איז שוין צייט אַהיימצוגיין, מיינע טייערע שעפעלעך! ווי גוט וואָלט געווען, ווען מיין מוטער זאָל געווען דערלעבן צו זען, ווי איך וועל מיך מיט סאַלאַמאַנען אויף אייביק פאַרבינדן און הונדערט יאָר מיט אים לעבן — טאַגאַ! טאַגאַ! אַהיים, מיינע טייערע שעפעלעך, אַהיים צו סאַלאַמאַנען, דאָרט אונטער די ביימער וועלן מיר נאָך מיט סאַלאַמאַנען צוזאַמען אַרומגיין... אַהיים, אַהיים, אַהיים!

די שאָף האָבן זיך צונויפגענומען צוזאַמען און זיך געטוליעט נאָענט איינס צום אַנדערן און זענען געגאַנגען אַהין, וווּ רחל האָט זיי גערופן און געטריבן.

רחל האָט, ווי תמיד, געטראָפן סאַלאַמאַנען זיצן אויף דעם גראָז. ער ליב געהאַט צו גלעטן רחלס געקרייזלטע שעפעלעך.

די קו איז שוין אויך דאָ געווען און האָט געוואַרט אויף איר באַלעבאָסטע.

— רחל! — האָט סאַלאַמאַן אַקעגן געשריען. — קוק נאָר אָן, וואָס פאַר אַ שיינע האָר די געקרייזלטע שאָף האָבן.

— ניין, סאַלאַמאַן, דיינע בלאָנדע האָר זענען שענער! נישט שיין זענען אַזוינע האָר, ווי די שאָף האָט... דאָס איז נאָר גוט און שיין פאַר אַ ווינטערהיטל, אָדער פאַר אַ פעלץ.

— אז דו ביזט אמאל געווען א קליין מיידעלע, האסטו אויך געהאט אזוינע שווארצע געקרייזלטע האר און זיי זענען געווען זייער שיין, און דו זאגסט, אז אזוינע קרייזלעך זענען נישט שיין.

— טאקע נישט שיין. אבער היינט האב איך שוין נישט קיין קרייזעלעך... זע נאר, סאלאמאן, וואס פאר א לאנגע האר איך האב...

און זי האט מיטביידע הענט פון ביידע זייטן אנגענומען די עקן פון אירע שיינע טונקעלע, לאנגע פארפלאכטענע צעפ, זיי אויסגעמאסטן מיט אירע אויסגעצויגענע הענט אין דער ברייט, דער־נאך האט זי אפגעלאזט די הענט און די צעפ האבן זיך צוריק אנידערגעלייגט אויף זייערע פריערדיקע ערטער. סאלאמאן האט געלאכט.

— דו ווארטסט שוין דא לאנג אויף מיר, סאלאמאן? איך האב היינט קיין צייט נישט געהאט און זיך פארשפעטיקט...

— נאר דו האסט שטענדיק קיין צייט נישט! ווארט נאר אויס, ווארט — דו וועסט שוין האבן פון דער באבען, פארוואס דו קומסט נישט צו איר.

— נו, נו, זארג זיך נישט, זי וועט זיך גיך מיט מיר איבער־בעטן, ווען איך וועל איר זאגן, אז איבער איר אייניקל פארשפעטיק איך זיך שטענדיק.

— רחל! מארגן פאר איך אין שטאט ארײן... טאמער דארפסטו עפעס אין שטאט, זאג מיר, וועל איך פאר דיר איינקויפן.

— דו ביזט דאך ערשט פארלאכטאגן געווען אין שטאט, האסטו דאך מיר איינגעקויפט אלץ, וואס איך האב באדארפט? מיר דאכט זיך, אז איך האב נאך אלץ: זאלץ וועל איך נאך האבן אויף אכט טעג. פאדעם מיטביינוועלעך, מיט טאשמעס האב איך אויך נאך. נאר איך וועל איבערמארגן אנהייבן עפעס אויסנייען אויף ווייסן לייוונט מיט רויטן פאדעם, וועסטו מיר קויפן רויטן פאדעם... אויך וועסטו קויפן א לימענע דעם טאטן צו טיי, ער איז עפעס אזוי ווי נישט איינגאנצן געזונט היינטיקע וואך. דער דאקטאר האט אפילו געזאגט, אז עס איז גארנישט.

דו דארפסט האבן די לימענע אויף מארגן און איך וועל ערשט קומען אויף שבת; נאר איך וועל דיר שיקן מיט אונדזער קוטשער.

— היינט איז ערשט מאנטיק, וואס־זשע וועסטו טאן אין שטאט ביז שבת?

— איך וועל שוין פון היינט אָן שטענדיק זיין אין שטאָט, נאָר אויף שבת וועל איך קומען אַהיים...

— וואָס וועסטו טאָן דאָרט?

— דער טאַטע מיט דער מאַמען שיקן מיך אַהין לערנען ביי די שטאָטישע לערער.

— דו ווילסט ווערן אַ געלערנטער? הא, סאָלאָמאָן! ווי שיין וועט עס זיין, אַז דו וועסט זיין געלערנט, ווי אַ שטאָטישער יונ-גערמאַן!

— דער טאַטע מיט דער מאַמען זאָגן דאָס אויך.

— נאָר דו וועסט קומען אַלע פאַרנאַכט צום וועלדל — צו אונדז, צו מיר, איאָ, סאָלאָמאָן?

— וויאַזוי וועל איך קענען זיין אַלע פאַרנאַכט ביים וועלדל, אַז קיין נעזווינק פון סטעפּקיווקע איז פערציק וויאָרסט?

רחל איז בלאַס געוואָרן. אין האַרצן האָט איר אָנגעהייבן עפּעס ווי צו קלאַפּן און זי האָט אַפּילו נישט געפילט, ווי זי האָט פּלוצלונג אָפּגעלאָזט אַ געקרייזלט שפּעלע, וואָס זי האָט ביז אַהער געהאַלטן און געגלעט די האָר מיט אירע פינגער, ווי מיט אַ קעמל.

— איך זע, רחלע, אַז דו ביזט טרויעריק געוואָרן, וואָס איך פאָר אין שטאָט אַריין. דו מיינסט, אַז מיר וועלן זיך שוין גאָרנישט זען? ניין, רחלע, איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז איך וועל אויף אַלע שבת קומען אין דאָרף... און ווידער וועט עס נישט זיין אַזוי שטענ-דיק. איך וועל אין שטאָט נישט מער לערנען ווי אַ יאָר, דערנאָך וועל איך ווייטער זיין אין דאָרף און שטענדיק זיין מיט דיר...

אויף רחלעס ליפּן האָט אָנגעהייבן שפּילן אַ שמייכל.

— אוי, סאָלאָמאָן, ווי פריילעך, ווי גוט וועט עס זיין! וואָס פאַר אַ טייערער גאַסט וועסטו זיין ביי מיר אַלע שבת!

אין רחלעס דמיון האָט זיך אָנגעהייבן פאָרצושטעלן, ווי זי וועט זעקס טעג אַרבעטן און דעם זיבעטן טאָג — שבת, ווען סאָלאָמאָן וועט קומען, וועט זי גאָרנישט אַרבעטן. זי וועט אַ גאַנצן טאָג צו-זאַמען זיין נאָר מיט סאָלאָמאָנען, מיט דעם געלערנטן סאָלאָמאָנען, וועלכער וועט איר דערציילן אַזוינע שיינע מעשיות פון דער שטאָט, וואָס זי האָט נאָך גאָרנישט געהערט, און איבעראַיאָר וועט סאָלאָמאָן זיין געלערנט אַזוי ווי אַ שטאָטישער יונגערמאַן.

אזוי האָט זי לאַנג געטראַכט איבער דעם, האַלטנדיק אין איר האַנט סאָלאָמאָנס הענט. נאָר אַ קוש פון סאָלאָמאָנס ליפּן האָבן אירע געדאַנקען איבערגעשלאָגן. זיי האָבן זיך אַרומגענומען און ביידע האָבן דערפילט אויף זייערע באַקן טרערן.

די זון, וואָס האָט אַ גאַנצע טאָג געשיינט, איז פּלוצלונג פאַרדעקט געוואָרן מיט שטיקלעך וואָלקנס; פון ווייטנס, אויפן עק הימל, האָבן זיך אָנגעהייבן אַרויסצוריקן עטלעכע עקנדיקע, שפּיציקע שוואַרצע וואָלקנס. רחל מיט סאָלאָמאָנען האָבן אָנגעהייבן גיין אַהיים, די שאָף זענען געגאַנגען פאָרויס, טריט ביי טריט, און האָבן טרויעריק געמעקעט. די קו האָט מיט די הערנער אַ מאַך געטאָן קיין דרום און קיין צפון און איז לאַנגזאַם נאָכגעגאַנגען, טראַכטנדיק דערביי, אַז פאַר דער קרעטשמע שטייט שוין געוויס אַ פולער צעבער מיט „פּאַלאָווע“, און דערפאַר וועט זי געבן רחלען וואַרעמע פעטע מילך, וויפל זי וועט נאָר וועלן.

סאָלאָמאָן מיט רחלען זענען נאָכגעגאַנגען דער „טשערעדע“, יעדערער פאַרטראַכט אין זיינע געדאַנקען. וואָס נעענטער די טשערעדע איז געקומען צו דער קרעטשמע, האָט זיך דער הימל מער און מער פאַרוואָלקנט. אין עטלעכע מינוט אַרום איז פון די אַלע שטיקער און שטיקלעך וואָלקנס געוואָרן איין שטיק, וואָס האָט באַדעקט דעם גאַנצן הימל. עס האָט אָנגעהייבן גיסן אַ שלאַקסרעגן, ווי מיט עמער, און באַלד האָט אויסגעבראָכן שרעקלעכע דונערן און בליצן.

שפּעטער, ווען דער גרויסער רעגן האָט אויפגעהערט און די וואָלקנס זענען זיך צעבוסלעך צעגאַנגען, איז שוין געוואָרן נאַכט, פינסטער, זייער פינסטער.

* *
*

דעם צווייטן טאָג, ווען פאַן קאַרל מיט דעם פאַן פּיסאַר האָבן שפּאַצירט אונטערן דאָרף, אויף דעם פעלד, ביים גרויסן וועג, האָבן זיי געזען אַ קאַרעטע געשפּאַנט מיט פיר פערד, מיט פּוילישע גלעק-

לעך. ווען די קאַרעטע איז צוגעקומען נענטער, האָבן זיי דערזען, אַז אין איר זיצט פּאַני אסתּרקע מיט איר זון סאָלאָמאָן. זיי האָבן אַראָפּגענומען די היטלען און געגריסט פונדערווייטנס און נאָכגעשריען:

— ווּהין פאָרט מען עס?

— קיין נעזווינק! — האָט פּאַני אסתּרקע געענטפערט און זיי באַגריסט מיט אַ שמייכל.

פון קאַרל און דער פיסאַר האָבן אויך געשמייכלט. די קאַרעטקע איז ווייטער געפאָרן אויף דעם וועג, וואָס פירט קיין נעזווינק.

זומער אין שטאָט.

עס איז געווען זייער אַ הייסער תּמוזדיקער טאָג, פון די הייסע ברענענדיקע טעג, פון וועלכע די חדר-יינגלעך זאָגן: „גאָט האָט היינט געעפנט דאָס פוטערפאַס". אַזוינע טעג קענען מענטשן און קיין שום באַשעפעניש נישט ליידן און נישט קוקן אויף דער שיינער זון. זיי וואַרטן אויף דער קילער נאַכט, ווי אַ פרומער ייד אויף משיחן. קליינע, פוילע קינדער פליושקען זיך אַ גאַנצן טאָג אין טייך ווי די קאַטשקעס, קיינער האָט נישט ליב אַזאַ טאָג. נאָר די זלידנע-וואַטע פליגן מיט אלערליי זשוקלעך דאַנקען און לויבן גאָט פאַר אַזאַ טאָג. זיי קריכן אויף מענטשן און אויף אַלע באַשעפענישן און זינגען דאָס וואַרעמע בלוט, אַז עס איז גאָרנישט מעגלעך מיט קיין האַנט און מיט קיין בייטש זיי אָפּצוטרייבן. מען קען זיך פון זיי גאָרנישט אָפּטשעפּען. ווער עס קען נאָר, דער באַהאַלט זיך פאַר זיי און פאַר דער ברענענדיקער זון — דער אין אַ קעלער, דער אונטער געדיכטע ביימער אין דער פאַרמאַכט גאָר די לאָדן אויף אַ גאַנצן טאָג; מען באַהאַלט זיך דאָרטן, ווו מען געפינט נאָר אַ קיל אָרט. נאָר די נויט האָט דעם מענטשן אויסגעלערנט, אַז ער זאָל פאַר אַזוינע הייסע טעג אויך נישט קיין מורא האָבן.

אויף דעם מאַרקפּלאַץ, אינמיטן שטאָט נעזווינק, האָט מען געזען מענטשן גייען. אייניקע האָבן קוים נאָכגעשלעפּט די פיס פון דער גרויסער היץ און אייניקע האָבן נאָך אויף זיך געטראָגן פּודנוויז משא; אָרעמעלייט האָט מען געקענט זען נאָך אין אַלטע וואַרעמע, ווינטערדיקע, צעריסענע קליידער; קרעמער און קרעמערקעס, אַלערליי מאַרקזיצערינס זענען געזעסן אין קראָמען און שטעלכלעך און האָבן זיך געבראָטן אויף דער זון, אַרויסקוקנדיק אויף קונים. פון די אַלע מענטשן, וואָס האָבן זיך געדרייט אין גאַס, האָט מען געזען, אַז יעדער גייט פאַרטראָגן מיט זיין געשעפט: דער סוחר לויפט קויפן ביים גוי, ביים מוזשיק אַ קאָרץ ווייץ מיט אַ מעסטל פּראָסע, אָדער עפּעס אַנדערש, מיט דער האָפענונג צו פאַרדינען אַ גילדן אויף ברויט; דער טרעגער האָט פלייסיק געטראָגן משא פאַר צען גראָשן, אויך אויף ברויט; דער אָרעמאַן איז געגאַנגען בעטן אַ שטיקל ברויט; מען האָט אויך געזען קליינע קינדער מיט נאַסע פּיאהלעך פון שוויס גייען און לויפן פון די חדרים אַהיים עסן „וואַרעמעס”, צוזאַמען מיט זיי אויך זייערע באַהעלפערס מיט די קוישן, מיט נעכטיקע פאַרשמאַלצעוועטע טעפּלעך. ער טראָגט זיי אָפּ די באַלעבאָסטעס און קריגט דערפאַר ראש-חודש-געלט. טראָפּנס שוויס רינען אויף זייערע פּנימער, זיי לאַכן זיך אויס פון דער הייסער זון מיט אירע ברענענדיקע שטראַלן. יעדער איז געגאַנגען פלייסיק זיין וועג, אַלע מינוט מיט די אַרבל אָפּגעווישט דעם שוויס פון פּנים.

אין עטלעכע גבירישע הייזער, וואָס זענען געשטאַנען נישט ווייט פון דעם מאַרקפּלאַץ, זענען פון אַלע זייטן געווען פאַרמאַכט די לאָדן און אַראָפּגעלאָזט די פאָרהאַנגען; דאָ האָבן זיך די גבירים שטאַרק באַהאַלטן אינדערפינסטער פאַר דער גרויסער היץ און קילן זייערע פעטע הערצלעך מיט זייערע היפשע בייכלעך, ווייל זיי האָבן נישט אַזאַ נויט, וואָס זאָל זיי צווינגען אַרויסצוגיין אויף דער גאַס. זיי זענען מיט זייער ברויט און מיט אַלע פאַרגעניגנס אויף דער וועלט פאַרזאָרגט.

אַנדערע מענטשן דערעסן און דערשלאָפן נישט און זאָרגן פאַר זיי טאָג ווי נאַכט: שניידערלעך שוסטערלעך; און אַנדערע אַלערליי בעל מלאכות; קרעמערלעך, קליינע באַלעבאַטימלעך, וואָס לעבן פון לופט, האָרעווען, אַרבעטן אויף צו באַצאָלן די גבירים פּראָצענט, פאַר דאָס געליענע געלט, און די נעזווינקער גבירים מעגן נאָך שטאַרקער

פאַרמאַכן די לאָדן אויף גאַנצע טעג, ווייל די אָרעמעלייט אין שטאָט אַרבעטן פלייסיק פאַר זיי.

* * *

פון איינעם פון די הייזער מיט פאַרמאַכטע לאָדן איז איילנדיק אַרויסגעגאַנגען אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר פינפאונצוואַנציק, מיט גרויסע, שיינע, שוואַרצע, געדיכטע האָר, מיט אַ קליינער קיילעכדיקער באָרד. זיין פּנים איז געווען אַ ביסל בלאַס, פאַראַרבעט און פאַרזאָרגט. אונ-טער דעם לינקן אָרעם האָט ער געטראָגן אַ פּאָר ביכער און מיט דער רעכטער האַנט האָט ער אויפגעצויגן אַ שירם און גיך געשפאַנט צווישן די קרעמער און גרויסן עולם, וואָס האָבן זיך געפונען אויף דעם מאַרקפּלאַץ, ביז ער איז צוגעקומען צו אַ הויז מיט פאַר-מאַכטע לאָדן.

ער איז געווען אַ לערער, וואָס גיט לעקציעס די גבירישע קינדער אין נעזווינק.

דער לערער, גייענדיק אַזוי אין די גבירישע הייזער, טראַכט, ווי ער פאַרברענגט זיינע בעסטע יונגע יאָרן מיט נאַרישע גבירישע קינדער. אַלע טאָג דערציילט ער די זעלבע קינדער, אַז צוויי מאָל צוויי איז פיר, און ביי זיי קומט שטענדיק אויס פינף. דערנאָך פאַר-בייסן זיי מיט אַ גוטן וואַרעמעס, נאָר זייער לערער לויפט ווייטער אין איילעניש אויף אַ צווייטער און אויף אַ דריטער לעקציע ביז שפּעט אין דער נאַכט. ער לויפט אין דער היץ, דער שווייס גיסט זיך פון אים, נאָר וואָס זאָל ער טאָן? ער האָט אַן אַלטן פאָטער און אַ מוטער, וואָס קענען שוין נישט פאַרדינען. דערצו האָט ער נאָך אַ שוועסטערל און אַ ברודערל, וועלכע ער דאַרף אויפהאַלטן און פאַרזאָרגן.

דעמדאָזיקן לערער האָט מען גערופן אברהם גאָלדשמיד.

אין דעמזעלבן הייסן טאָג האָט מען אויך געזען זיך דרייען אין דעו' גאַס פון איין שטוב אין דער אַנדערער אונדזער אַלטן

באקאנטן — דאָקטאָר באָריס פרידמאַן. ער איז אַרומגעגאַנגען פון איין קראַנקן צום צווייטן. אויך האָט מען באַגעגנט אין די גאַסן דעם אלטן לערער שפיצבוים און יידל דער שטאָט-שדכן, וועלכער האָט זיך אַרומגעדרייט צווישן אַלערליי אַלטע און יונגע אלמנס, אלמנות, בחורים און מיידלעך.

אין דעמדאָזיקן הייסן זומערטאָג איז נאָך אַרומגעלאָפן פון איין גביריש הויז צום אַנדערן אַ מיידל, וואָס מען האָט אין שטאָט גערופן, די „שיינע העפטערין", אָדער די „גאָלדענע העפטערין", ווייל זי האָט אויסגענייט און אויסגעשטריקט מיט גאָלד, זילבער, מיט זיי-דענע פעדעם פארשידענע לייבלעך, דאַמען - שיכלעך, סאַמע-טענע און זיידענע, אָדער קישנס, אַ פרכת, וואָס אַ פרומע יידענע פלעגט אַמאָל שענקען אין שול אַריין. אין שטאָט האָבן אַלע, אַפילו פריצים געזאָגט, אַז די „גאָלדענע העפטערין" איז אַ גרויסע קינסט-לערין, און זי האָט פון איר אַרבעט בכבוד געלעבט מיט אַן אַלטער מוטער.

* * *

ווען מען וועט פרעגן וועמענס איז דאָס הויז, אין וועלכן דער לערער וווינט, וועט אייך אַפילו אַ קליין קינד ענטפערן, אַז דאָס הויז געהערט ר' יואל רידערסקי.

ווען ר' יואל איז געווען אַ יונגערמאַן, האָט מען אים פּראָסט גערופן: „יואליק", נאָר אַז זיין שווער ר' יונה פּייוועלעס, האָט אים גענומען פאַר אַן איידעם פאַר זיין עלטערער טאָכ-טער בתיה און יואליק האָט נאָך עטלעכע יאָר געגעסן קעסט ביים שווער, איז ער אַליין געוואָרן אַ באַלעבאָס און אָנגעהייבן ביסלעכווייז צו פאַרדינען געלט, האָבן אים אַלע גערופן: ר' יואל רידערסקי.

ר' יואל האָט זיך זיינע קינדעריאָרן איבערגעוואַלגערט ביים קליינעם רבילע, וואָס האָט געשפּילט אַ ראָלע פון אַ קליין „גוט יידל", וועלכער וווינט שטענדיק אין געזווינק. פאַר זיין פעיקייט האָט

אים דאָס רבילע מיט אַלע חסידים זייער ליב געהאַט, ווייל אַלץ האָבן זיי מיט אים אויסגעפירט. ביי יואלקען איז קיינמאָל נישט געווען „ניין". ער איז דאָרט געווען אַ לויף־ייִנגל, אַ משרת ביים רבילע און ביי אַלע חסידים. אַפילו דעם רבילעס משרתים און דינסטן אין קיך האָבן מיט יואליקן אַלץ אויסגעפירט. דערפאַר האָבן זיי אים געגעבן דאָס בעסטע עסן און טרינקען און אַלע האָבן אים ליב געהאַט.

ווען ר' יונה פייוולס האָט אים גענומען פאַר אַ מאַן פאַר זיין טאָכטער בתיה און האָט אים געגעבן עטלעכע הונדערט רובל נדן מיט קעסט, איז ער געוואָרן דער ערשטער ווילער יונגערמאַן אין קלויז, כאָטש ער האָט נישט געקענט אַזוי גוט לערנען, ווי אַלע אַנדערע קלויז־יונגעלייט און אפילו אָפט קיין פּראָסט טייטשוואָרט נישט געוווּסט. נאָר צו זיין שיין קידוש־מאַכן, צו זיינע שיינע זמירות זינגען, אָ־ער די ברכות ביי דער תורה, ווען מען האָט אים אויפ־גערופן, הייבט זיין זמרל, וואָס ער פלעגט אַמאָל זינגען שמחת תורה און נאָך אַזוינע הינדע־טער יידישע מעלות,—האָט זיך קיין שום יונגער־מאַן צו אים נישט געקענט גלייכן. אויף קיינעם איז נישט געלעגן אַזוי שיין די שפּיצעדיקע סאַמעטענע יארמאלקע אויפן קאָפּ, דער גאַרטל אויף דער זיידענער קאַפּאָטע, ווי אויף יואליקן. צו יעדן האָט ער געשמייכלט און גערעדט מיט אַ פריילעך פּנים.

ווען ער איז געוואָרן אַליין אַ בעלעבאָס, איז ער באַלד געוואָרן אַ קליין בטוחל און וואָס ווייטער אַ גרעסערער בטוח. מע פלעגט אים פאַרוואַרפן מיט געלט אויף אַ קליינעם פּראָצענט. חתן־כּלה, יתומים, אלמנות פלעגן איינלייגן ביי אים זייער געלט גאָר אָן פּראָ־צענט. אין אָנהייב האָט ער געפירט קליינע געשעפטלעך, נאָר זינט ער איז אַריינגעטרעטן אין דער גרויסער וועלט, דאָס הייסט, ער פלעגט אַמאָל פאָרן קיין אָדעס, קיעוו, בערדיטשעוו קויפן סחורה, האָט ער וואָס ווייטער אָנגעהייבן פירן גרעסערע געשעפטן און זיין פירונג אין שטוב איז אויך געוואָרן גרעסער. וואָס פאַר אַ געשעפטן האָט ער דען נישט געפירט? און וואָס איז ער נישט געווען? ער איז געווען קרע־מער אין נעזווינק, קאָמיסיאָנער אין אָדעס און קיעוו, פאַר דער שטאָט נעזווינק מיט דער גאַנצער געגנט; ער פלעגט שיקן גאַנצע פּאַרטיעס ווייץ קיין אויסלאַנד, קויפן קאָרן אין נעזווינק אויפן מאַרק־טאָג. ער האָט געהאַט אַ באַנק אויף וואָכער אויסצאָלן, לייען געלט אויף משכּנות; ער איז געווען אַן אַגענט פון אַ פאַרזיכערונג־געזעלשאַפט, און אַ

פאַרטרעטער פון פעטערבורגער באַנקירן, וואָס פאַרקויפן לאָטעריי־צעטלען אויף אויסצאָלן.

ווען ער פלעגט זיין אין אדעס אָדער אין קיעוו, פלעגט ער טראָגן די שענסטע קליידער, ווי אַ דייטש, נאָר קוים איז ער אָנגעקומען צו זיך אין נעזווינק, האָט ער ווידער אָנגעטאָן זיין לאַנגע יידישע קאַפּאָטע. כאָטש מען האָט פון דעם אַלעם גוט געוווסט אין נעזווינק, האָט מען אויף אים קיין שלעכט וואָרט נישט גערעדט, ווייל זיין קליין רבילע האָט געזאָגט, אַז קיין שום גוייִשע קליידער און קיין שום טומאהדיקע זאַך אין דער וועלט קענען נישט שאַדן זיין יואלקען. זינט ער איז איינמאָל געווען אין ווין, האָט ער שוין אָנגעהייבן צו טראָגן, אַפילו אין נעזווינק, געפּרעסטע און געקראָכמאַלעטע ווייסע העמדער מיט מאַנזשעטן, בלייבנדיק נאָך ביי זיין לאַנגער קאַפּאָטע.

ווען יואליק איז אַ גרויסער מאַן געוואָרן, האָט דאָס קליינע רבילע נישט מער קיין האַנט אין קאַלט וואַסער געטאָן אָן אים; ווען אויף דעם רבילע איז געקומען עפּעס אַן אומגליק, ווי אַ פּאַפּיר פון „נאַטשאַלסטווע", וועגן אַ „דאָנאָס" אויף אים, פלעגט מען באַלד שיקן נאָך יואליקן, און אַזוי ווי ער האָט געהייסן טאָן, איז געבליבן.

אַז דער רבילע האָט באַדאַרפט פאָרן קיין אדעס אָדער קיין אויסלאַנד זיך הייקן און אונטערוועגנס אין אַלע יידישע שטעטלעך געשאָרן זיינע שאָף, — די חסידים, — האָט ר׳ יואל רידערסקי זיך אויסגעסטאַרעט ביים גובערנאַטאָר אַ „סווידעטעלסטוואָ" פון דעם גובערנסקי דאָקטאָר, אַז דאָס רבילע איז כּלומרשט קראַנק און דאַרף זיך פאָרן קורירן; און דאָס קען מען שוין פאַרשטיין, אַז די גאַנצע שטאָט נעזווינק איז געשטאַנען אויף ר׳ יואל רידערסקיס קאָפּ. אָן זיין ידיעה האָט מען נישט געטאָן קיין שום זאַך אין שטעטל. וואָס ער האָט געהייסן טאָן, האָט מען געטאָן, ווי אַ געזעץ פאַר אַלע חסידים, מתנגדים. און אַפילו משכּילים, וואָס האָבן נישט ליב געהאַט אַ יידן, וואָס פאָרט צום רבין, פלעגן יואליקן לויבן פאַר אַ פיינעם לייטישן מענטשן.

יואליק האָט געוווסט, ווי אַזוי מיט יעדן צו רעדן. ווען ער האָט גערעדט מיט אַ משכּיל, האָט ער אויך ליב געהאַט זיך ווערטלען וועגן רבין און חסידים, גלייך ווי דער משכּיל; האָט ער זיך געפונען צווישן חסידים, האָט ער געקענט דערציילן די שענסטע מעשיות וועגן גוטע יידן, אַז דער גאַנצער עולם האָט געגאַפט הערנדיק.

מיט פראַסטע מענטשן האָט ער געהאַט אַ באַזונדער לשון, אַפּילו מיט ווייבער האָט ער געוווּסט, ווי אַזוי צו רעדן, אַז ער זאָל ביי זיי נושא-חן זיין.

אַלע האָבן אים ליב געהאַט, געשעצט און געלויבט, כאָטש זעלטן ווען איינער זאָל אַמאָל פון אים אַ טובה האָבן. דאָך האָבן אַלע אין שטאָט געהאַט אַ מיינונג וועגן יואליקן, אַז ער איז אַ בעל-צדקה און אַ בעל-טובהניק און אַז די שטאָט געזווינק וואָלט אָן יואליקן קיין שטאָט נישט געווען.

ר׳ יואל פלעגט זיינע קינדער קיינמאָל נישט שלאָגן. זיי זענען ביי אים געוואַקסן, ווי זיי האָבן געוואָלט. ביי אים איז געווען אַלצ-איינס, צי וועלן זיי אויפגעצויגן ווערן צווישן מלמדים, אָדער אין די „שקאָלעס״, נאָר אַזוויוי אין געזווינק איז קיין גימנאַזיע נישט געווען, האָט ער זיינע ייִנגלעך געהאַלטן ביי מלמדים און, פאַרשטייט זיך, ביי די גרעסטע אין שטאָט. אויך האָט זיי דער שטאָטלערער שפּיצבוים אין דערזעלבער צייט געלערנט שרייבן רוסיש, יידיש און אַ ביסל דייטש. די מיידלעך האָבן זיך אַליין דערצויגן אין שטוב. זיין ווייבל איז געווען פרום. פון דער צייט אָן, ווען איר מאַן האָט אָנגעהייבן רייכער און רייכער ווערן, פלעגט זי ביי יעדער געלעגנהייט צוקויפן גרעסערע פּערל צו די שנירלעך, וועלכע פלעגן פאַרדעקן איר גאַנצן האַלדז און אָנגעמען אין די קראָמען סחורות אויף קליידער פאַר זיך און פאַר אירע קינדער. פון די קלייטן פלעגט מען ר׳ יואלן ברענגען אַלעמאָל נייע רעכענונגען און ער פלעגט זיי שטענדיק מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן באַצאָלן. ווען בתיהס פאָטער האָט חתונה געמאַכט זיין ייִנגסטע טאָכטער, די איצטיקע „פאַני אסתּרקע״, די „היינטוועלטיקע״, די „אַריסטאָקראַטקע״, ווי דער פאָטער האָט זי גערופן, האָט ער נישט איינמאָל צו זיך אַזוי געזאָגט: „מיין גאַנץ שטיקל נחת אויף מיין לעבן איז נאָר מיין פרומע בתיהניו מיט מיין יואלקען. וואָס קאָן איך דערוואַרטן פון די היינטוועלטיקע? מיינענדיק די איצטיקע „פאַני אסתּרקע״ מיט איר מאַן חיים.

אין ר׳ יואל רידערסקיס הויז געפינט זיך שוין מער, ווי אַ יאָר דער יונגער סאלאמאן רויטמאַן פון דאָרף סטעפּקיווקע. ער לערנט דאָ ביי דעם לערער גאָלדשמיד. זיין לערער האָט נאָר וואָס גע-ענדיקט מיט אים די „לעקציע״, און סאלאמאן האָט מיט פאַרגעניגן אָוועקגעלייגט די ביכער און איז געבליבן אַליין אין זיין צימער מיט

פארמאכטע לאָדן, צוליב דער גרויסער היץ. ער האָט נאָך אראָפּגעלאָזט די פאָרהאַנגען, כּדי די זון זאָל נישט אַריינקומען, און האָט אָנגעהייבן צו שפּאַנען איבערן צימער הין און צוריק. ער האָט עפּעס גערעדט צו זיך אַליין און עס האָט אויסגעוויזן, אַז ער האָט עפּעס ביי זיך אַ וויכטיקע זאַך צו באַשליסן.

דער לערער שפּיצבוים און זיינע תּלמידים.

אין דעמזעלבן הויז, וווּ סאלאמאן האָט זיך איצט געפונען, נאָר ווייטער מיט עטלעכע צימערן, אין דעם גרויסן ווייסן זאַל, אויף אַ ווייכן ברייטן דיוואַן, געבעט מיט סאַמעט, איז געזעסן אַ יונגע פריילן פון אַ יאָר צוואנציק אָדער צוויי־און־צוואנציק, ר׳ יואל רידערסקיס טאָכטער, ציפּע, אָדער ווי זי פלעגט זיך אונטערשרייבן אויף רוסיש און פאַרלאַנגט מען זאָל זי רופן — „סיצילִיע“. מען האָט זי געהאַלטן נישט פאַר קיין שיינע, דאָך פלעגט זי אַמאָל אייניקע געפעלן. איר וווּקס איז אַ מיטעלער און דאָס פּנים טונקל, מיט שוואַרצע שיינע אויגן און די נאָז אַ ביסעלע פאַרריסן. דערפאַר האָט זי געהאַט זייער אַ שיינע פיגור און אויף קיינעם איז נישט געלעגן אַזוי אויסגעגאָסן אַ קלייד, ווי אויף סיצילִיען; קיין שום פריילן אין שטאָט האָט זיך נישט געקאָנט אַזוי שיין אָנטאָן און פאַרקעמען די האָר, ווי סיצילִיע.

סיצילִיע אַליין איז געווען דער בעסטער מבין אויף איר שיינקייט. זי האָט געקענט אַלע אירע מעלות און פעלערן; יעדן טאָג פלעגט זי אַמאָל הונדערט קוקן אויף זיך אין די גרויסע געשליפענע שפּיגלען. ווען זי האָט דערזען אויף איר פּנים עפּעס אַ פעלער, האָט זי אַ שטיקל קרעכץ געטאָן. נאָר ווען זי האָט געקוקט אויף איר טאַליע און אויף אירע שוואַרצע אויגן, קליינע הענטלעך און פיסלעך, איז זי שטאָלץ געוואָרן און האָט פאַר פרייד געשמייכלט און אונטערגעטאנצט און גאָרנישט ברוגז געווען אויף איר פאַרריסן נעזל אָדער

אויף אַ שוואַרצן פּינטל, וואָס זי פּלעגט געפינען אויף איר פּנים. און קוקנדיק אין שפּיגל, פּלעגט ציפּע צו זיך זאָגן:

— מיינע אויגן, מיין פיגור און מיינע לאַנגע צעפּ—וויפל זענען זיי ווערט פאַר דעם שענסטן יונגנמאַן!

ווייל ציפּע איז געווען אַ שוואַרצע, האָט זי געפונען, אַז איר פּאַסט נאָר צו טראָגן ראָזע קליידער, און איצט האָט זי אויך געטראָגן אַזאַ ראָז קליידל פון טול מיט באַטיסט און מיט אַ סך זיידענע פאַרביקע סטענגלעס און גאַנץ ברייטע אַרבל.

ווען ציפּע פלעגט זיצן אין דער געזעלשאַפט פון מאַנסבילן, האָט זי זייער ליב געהאַט אָפט צו פּאַכן דאָס פּנים מיט איר ווייסן זיידענעם פּאָכער און דערביי האָט זיך באַוויזן איר נאַקעטע שיינע האַנט.

זי איז איצט געזעסן צעלייגט אויף דעם ווייכן דיוואַן מיט אירע קליינע פּיכלעך אַראָפּגעלאָזט, אַזוי, אַז נאָר די שפּיץ פינגער האָבן אָנגערירט די געפּוצטע פּאָדלאָגע. אויף אירע פּיס זענען געווען אויפגעצויגן צווי קליינע, דינע שיכלעך, אויסגעהעפט מיט אָפּגעגילטן ביסער, וואָס די העפטערין האָט אויסגעשטיקט.

— וואָס פאַר אַ ברענענדיקע היץ עס קער איצט זיין אינדרויסן,— האָט ציפּע צו זיך געזאָגט. — נישט גוט זענען די זומערדיקע טעג — אַ גאַנצן טאָג זיץ איך אין שטוב און באַהאַלט זיך פאַר דער זון, פאַר דער ליכטיקער וועלט, ווי א גנב, און וואַרט אויף דער קורצער זומערנאַכט, וואָס איידער מען דרייט זיך אויס, קומט שוין ווייטער די ברענענדיקע זון! ווינטער איז גאָר אַן אַנדער וועלט: די נאַכט איז לאַנג, עס איז דאָ גענוג צייט. אַז מען קומט זיך צוזאַמען, זעט מען זיך מיט יעדן און מען רעדט זיך אָן, וויפל מען וויל און מיט וועמען מען וויל. ווינטער, איידער מען וואַשט זיך אַרום פון שלאָף און איידער מען טרינקט אָפּ די קאַווע, איז שוין ווידער נאַכט און מען לעבט ווייטער; זומער, נאָכן מיטאָג איז נאָך אויך דאָ אַ גאַנצער טאָג. וואָס קען מען אָבער טאָן אין אַזעלכע לאַנגע הייסע טעג? נאָך מיטאָג שלאָפט מען אַ ביסל; מען שטייט אויף און עס איז נאָך אַלץ נישט נאַכט! צו וואָס אַזוינע לאַנגע טעג?

ציפּע האָט אַ קוק געטאָן אויף איר קליין גאָלדן זייגערל:

— וואָ לערנט גאָלדשמיד מיט סאַלאמאָנען, — האָט זי ווייטער אָנגעהייבן רעדן מיט זיך און אָנגעהייבן שפּילן מיט אירע רויטע קרעלן, וועלכע זי האָט ליב געהאַט צו טראָגן פאַר אַ בראַסלעט אויף

איר האַנט און פֿלעגט זאָגן, אַז פֿון רויטע קרעלן אויף אַ טונקעלער הויט שלאָגט זיך אָפּ אַ וווּנדער־שיינער ראָזער קאָליר.

עטלעכע מינוט האָט זי אַזוי שווייגנדיק געוואָרפֿן די רויטע קרעלן פֿון איין האַנט אין דער צווייטער און ווידער אָנגעהויבן צו רעדן צו זיך:

— דערדאָזיקער לערער גאָלדשמיד איז אַ מערדער. ער וועט געוויס נאָכדעם אָפּלערנען מיט סאַלאמאנען, אַוועקגיין און אַפֿילו נישט אַריינקומען צו מיר; דערנאָך וועט ער געפֿינען אַ פּוסטן תּירוץ פֿאַר מיר! איך קען גוט אָט די אָדעסער יונגעלייט! עס איז זייער שווער, איך זאָל צובינדן צו מיר אַזעלכע יונגעלייט. און ווידער ווייס איך נישט, פֿאַרוואָס דאָס איז אַזוי שווער? זענען דען די אָדעסער פֿריילנס שענער פֿאַר מיר? איך בין פֿאַראיאָרן זומער געווען מיט מיין פֿאָטער אין אדעס, האָב איך אָנגעקוקט די דאָרטיקע מיידלעך... זיי זענען עפּעס אַזוי אומגעלומפּערט, אַזוי נישט שיין, אַז זיי האָבן גאָר קיין פּנים נישט פֿון קיין פֿריילנס, נאָר עפּעס אַזוינע אויסגעטריקנטע, קליינע. זיי האָבן עפּעס אַ פּנים פֿון האַלב־מאַנספּערשוין און האַלב־פֿרוי. איך ווייס אַליין נישט, ווי זיי אָנצורופֿן, זיי ווילן עפּעס גאָר נישט האָבן קיין פּנים, ווי אַ פֿרוי. זיי טוען אַלץ נאָך די מאַנסבילן. זיי גייען אין די גימנאַזיעס און ווילן ווערן אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים, פּונקט ווי די מענער. זיי האָבן שוין גאָר אויפֿגעהערט צו טראָגן לאַנגע האָר און צעפּ. זיי שערן זיך די האָר פֿון קאָפּ גלייך, ווי מאַנסבילן, מיט אַ שרינט אָן דער זייט. אייניקע טראָגן מאַנסבילשע געפּרעסטע קאָל־ער, און ווער ווייסט? — זיי קענען אפשר שפּעטער אויך אַריינקריכן אין מאַנסבילשע מלבושים און אויפֿהערן צו טראָגן קליידלעך!

ציפּע האָט זיך דערמאָנט, אַז ווען זי איז געווען אין אדעס, האָט דער לערער גאָלדשמיד זי באַקאַנט מיט אייניקע אדעסע מיידלעך און זי האָט זיך געוווּנדערט, ווי זיי רעדן נאָר וועגן „גימנאַזיעס“ און „אוניווערזיטעטן“, פּונקט ווי מאַנסבילן. קיין וואָרט האָט זי נישט פֿאַרשטאַנען פֿון זייערע אַלע רעדעס. אַליין זעען זיי אויס, נישט ווי מיידלעך דאַרפֿן אויסזען. דעם גאַנצן טאָג לויפֿן זיי אַרום מיט די ביכלעך און ביינאַכט לויפֿן זיי אין טעאַטער, אויף די „אָפּערעס“, ערגעץ אויף דער גאַליאָרקע, וווּ מען דאַרף קריכן אַ פּאָר הונדערט טרעפּ... מען עסט נישט קיין וועטשערע און די לעצטע צוואַנציק קאָפּיקעס גיט

מען אוועק פאר א בילעט אין טעאטער, און ביי ציפען איז געבליבן, אז אזעלכע מיידלעך, וואס טראכטן שטענדיק צו ווערן דאקטוירים, אדוואקאטן אדער „אקושערקעס" קענען קיינמאל נישט געפעלן קיין יונגעלייט אזוי ווי זי, ציפע, וואס איז געזונט, שיין און שטענדיק עלעגאנט געקליידט און קען ליבן אזוי שטארק, אזוי שטארק.

און איבערליגנדיק גאנצע טעג אויף דעם ווייכן,ברייטן דיוואן, פלעגט זי אפט זיך פרעגן:

— פארוואס-זשע קען איך נישט צובינדן צו זיך גאלדשמידן, איך האב דאך אים אזוי שטארק, אזוי הייס ליב?

ציפע האט די לעצטע ווערטער מיט א פארביטערט הארץ אויסגעשריען און אפילו נישט באמערקט, ווי די ברענענדיקע זון, נישט קוקנדיק אויף די פארמאכטע לאדן, האט זיך דורכגעריסן דורך די שפאלטן און באדעקט איר פנים מיט אירע שטראלן. זי האט מיט אירע ברייטע ארבל באדעקט דאס פנים און שטיל זיך צעוויינט, נאר באלד האט זי זיך די טרערן אפגעווישט און געזאגט:

— וויאזוי עס זאל נישט זיין, בין איך פארט שענער פון די אדעסער פרייליכס, וועגן וועלכע גאלדשמיד רעדט אזוי אפט, און איך מוז באווייזן, אז איך בין ביי זיך נישט אראפגעפאלן; דער שטאלצער גאלדשמיד מוז נאך פאר מיינע פיס פאלן, גלייך ווי אלע אנדערע יינגלעך. דערביי האט זי זיך דערמאנט אן סאלאמאנען און זיך געפרעגט:

ווו איז ער פארפאלן געווארן? פארוואס זע איך אים נישט? איך האלט דאך מיט אים שוין אויף א וועג, איך האב שוין דאס באמערקט אין זיין פנים, אין זיין רעדן מיט מיר אין דער לעצטער צייט. ער פלאגט זיך, נעבעך, ארעמער סאלאמאן! איך האב אויף אים רחמנות. ער איז נאך אזוי יונג! נאר וואס קען איך טאן? איך דארף אים אזוי נייטיק האבן. ווי גוט וואלט געווען, ווען ער זאל זיך ווי צום גיכסטן מיר דערקלערן אין ליבע. איך וואלט גאר אנדערש דאן אנגעהייבן צו ארבעטן! איך וואלט דאן געוויס מיין צוועק דערגרייכט. סאלאמאן קען מיר אין דעם פיל נוצן ברענגען!

די טיר פון דעם זאל האט זיך פלוצלונג געעפנט און סאלאמאן איז אומדערווארט אריינגעקומען שטיל, ווי עפעס דערשראקן, ווי א מענטש, וואס באשליסט זיך צום ערשטן מאל אין לעבן טאן א שלעכטע זאך.

* *
*

סיצילי׳ע, ר׳ יואל רידערסקיס טאָכטער איז דערצויגן געוואָרן ווי אַלע זיינע קינדער, נאָר זי איז געווען אָנגעלעזן און האָט אַמאָל אויך אין אַ געזעלשאַפט געקענט אַ מיינונג זאָגן איבער פאַרשידענע זאַכן, און דאָס האָט זי געהאַט צו פאַרדאַנקען דעם אַלטן לערער שפּיצבוים.

שפּיצבוים איז שוין געווען אַן עלטערער מענטש פון איבער פופציק יאָר, און איז טאַקע אַ געבוירענער פון נעזווינק. ער קומט אַרויס פון אַ גרויסער חסידישער פאַמיליע. זיינע עלטערן האָבן אים חתונה געמאַכט צו פופצן יאָר. נאָך פון יינגלווייז אָן האָט ער פיל געלערנט. אין דער צייט, וואָס ער איז געזעסן ביי שווער און שוויגער אויף קעסט, האָט ער נאָך מער געלערנט. זיינע גוטע פריינט האָט ער ליב געהאַט מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן צו דערציילן וועגן זיין לעבן און דערהויפּט ווי ער האָט חתונה געהאַט.

— דאָס וואָס איך האָב געלערנט אין דער יוגנט אַזוי פלייסיק תּלמוד, די העברעיִשע ליטעראַטור און בין אַ ביסל באַקאַנט געוואָרן מיט די אייראָפּעיִשע קלאַסיקער, האָב איך צו פאַרדאַנקען מיינע עלטערן, וואָס האָבן מיר חתונה געמאַכט צו פופצן יאָר, ווייל איך האָב ביי מיין שווער געהאַט עטלעכע יאָר אומזיסטע קעסט מיט אַ באַזונדער שטיבל, האָב איך געקענט געשמאַק לערנען, און דאָס ווייב האָט מיר נישט געשטערט. איך קען אייך שווערן, אַז ערשט אין צוויי און דריי יאָר נאָך דער חתונה בין איך געוויר געוואָרן, אַז איך האָב אַ ווייב. די ערשטע צייט האָט זיך מיר אויף מיין ווייב אַלץ אויסגעדאַכט, אַז עס דרייט זיך גלאַט אַרום אַ מיידל אין שטוב. זי פלעגט מיר געבן עסן צום טיש, פרייטיק אַ ווייס העמד מיט פיר בראָשן אין באָד אַריין. נאַטירלעך, האָב איך זי ליב געהאַט, ווייל זי האָט געזאָרגט פאַר מיר.

ווען זיינע קעסט האָבן זיך ביים שווער געענדיקט, האָט ער געמוזט אַ ביסל אָפּקוואַרפן דאָס לערנען און האָט [illegible] זיך געמאַכט אַ געשעפט אין דעם קליינעם שטעטל, ווו ער איז גע[illegible] איידעם. זיין ברויט האָט ער זיך געהאַט בשלום. ער האָט ג[illegible] און זיין ווייב האָט אים מיטגעהאָלפן. דאָס געלט איז מיט שפּיצבוימען געשען אין

די אַלטע צייטן, ווען אין די „יידישע הייזער זענען נאָך געווען פאַרמאַכט די לאָדן", ווען אומעטום איז נאָך געווען „פינסטער". די רוסיש-פוילישע יידן זענען געגאַנגען „פאַרבונדן די אויגן", און ווער עס האָט נאָר געוואָלט, האָט זיי אַרומגעפירט ביי דער נאָז און זיי זענען, ווי בלינדע, נאָכגעגאַנגען אויף אַלע בערג און טאָלן.

דער יונגער שפּיצבוים איז געווען איינער פון די ערשטע עט-לעכע צענדליק יידן, וואָס האָבן נישט געקוקט אויף די אַלטע רבנים — אויף די „נאָז-פירער" און האָבן זיך אַליין „אויפגעבונדן די אויגן". ער האָט דערזען די ליכטיקע שיין און האָט אָנגעהייבן גע-ניסן פון דער „בילדונג" פון הייַנטיקן יאָרהונדערט.

אין דעם שטעטל, ווו שפּיצבוים האָט דעמאָלט געוווינט איז ער געווען דער איינציקער ייד, וואָס האָט אַזוי געדענקט, און יעדער קען פאַרשטיין, אַז דערפאַר האָט ער געמוזט איבערטראָגן פאַרפאָל-גונגען פון אַלע זייטן. נאָר ער האָט זיך געראַנגלט, ווי אַ יונגער לייב און איז געבליבן וווינען אין דעם שטעטל. נאָר אַ גרויס אומ-גליק האָט אים געטראָפן: זיין זיבן-יאָריק קינד, יוסף, האָבן די „כאַפּערס" אָפּגעגעבן פאַר אַ סאָלדאַט. אין יענע צייטן, ווען מען פלעגט נעמען פאַר סאָלדאַטן יידישע קליינע קינדער, פלעגן די „כאַ-פּערס" נאָכשפּירן אַ יידיש אפּיקורסיש קינד און עס אַוועקגעבן פאַר אַ סאָלדאַט. דידאָזיקע לייט האָבן אויך ביי שפּיצבוימען אַוועקגע-רויבט זיין איינציק קינד. די אומגליקלעכע מוטער איז באַלד פון גרויס ווייטיק קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן און האָט איר מאַן אי-בערגעלאָזט מיט אַ זויגעדיק קינד, וועלכעס האָט לאַנג נישט געקענט לעבן און איז אויך באַלד געשטאָרבן.

שפּיצבוים איז געבליבן אַליין, עלנט ווי אַ שטיין צווישן וועלף און כדומה ווילדע חיות. דער יונגער לייב שפּיצבוים האָט אין דעם ראַנגלען זיך מיט די ווילדע ח״ות צולעצט אָנגעוווירן זיין ענערגיע און זיין שטאַרקייט. ער האָט נאָר געקלאָגט אויף זיין ווייב און קינ-דער, וואָס ער האָט אין אַזאַ קורצער צייט פאַרלוירן.

דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, מיט אַ טרויעריק פאַרוויינט פּנים האָט ער פאַרלאָזט דאָס שטעטל און איז אַוועקגעפאָרן אין זיין געבורט-שטאָט נעזווינק. זיינע עלטערן האָט ער שוין נישט געפונען, זיי זע-נען אין דער צייט געשטאָרבן. קיין פאַרמעגן האָט ער שוין נישט געהאַט. ביי אַזוינע גרויסע אומגליקן האָט ער אַלץ פאַרלוירן. חתונה

האָבן האָט שפּיצבוים זיך נישט געקענט באַשליסן: ער האָט זיך ווי־דער מיט אַ שטאַרקן פלייס גענומען צו לייזן און לערנען. דאָס לערנען איז געווען ביי שפּיצבוימען אַ טרייסט צו זיינע אומגליקן, און, חוצדעם, האָט ער זיך נאָך געטרייסט מיט דער האָפענונג, אַז ער וועט נאָך אַמאָל אויף זיין לעבן זען זיין זון יוסף. נאָר עס זענען שוין אַוועקגעגאַנגען עטלעכע און צוואנציק יאָר און ער האָט זיין זון נישט געזען.

צוריק מיט אַ יאָר דרייסיק, האָבן נאָך די נעזווינקער יידן נישט געוווסט און נישט פאַרשטאַנען צו לערנען עפּעס אַנדערש זייערע קינדער חוץ גמרא מיט גוט־יידישער תורה. שפּיצבוים האָט זיי דער ערשטער געוויזן, אַז עס איז נייטיק די קינדער צו לער־נען וועלטזאַכן און שפּראַכן. ער איז געוואָרן אַ לערער, און מען האָט אים אין שטאָט גערופן דער „רוסישער לערער".

אַ צייט מיט יאָרן איז ער אין נעזווינק געווען דער איינציקער לע־רער. כמעט די גאַנצע שטאָט יינגלעך אין נעזווינק זענען געווען זיינע תּלמידים. דער ערשטער, וואָס האָט באַשלאָסן צו לאָזן לערנען זיינע קינ־דער, איז געווען ר' שלום רויטמאַן, בשעת ער איז נאָך אין נעזווינק גע־ווען אַ קרעמער. ער האָט געלאָזט ביי שפּיצבוימען לערנען זיינע קינדער חיים מיט חוהן. ר' שלום האָט זייער געהאַלטן פון שפּיצבוי־מען, און פלעגט אָפט פאַרברענגען די צייט מיט אים. און אַפילו ווען ער איז געוואָרן אַן ערדאַרבעטער אין סטעפּקיווקע, פלעגט ער אָפט מיט שפּיצבוימען זיך באַגעגענען.

ווען פאַני אסתרקע איז נאָך געווען אַ מיידל, האָט זי זיך ביי אים אויך געלערנט. גאָלדשמיד איז אויך אַמאָל געווען זיין תּלמיד, נאָך פריער, איידער ער איז אַוועק שטודירן אין דער ראַבינערשולע. ר' יואל רידערסקיס קינדער און ציפּע האָבן אויך אַמאָל גענומען „לעקציעס" ביי שפּיצבוימען.

אַלע געבילדעטע רוסן האָבן ליב געהאַט מיט אים צו רעדן, און פלעגן מיט פאַרגעניגן אויסהערן זיינע מיינונגען איבער ביכער און וויסנשאַפטן, ווי גלייך עס וואָלט געזעסן פאַר זיי אַ פּראָפעסאָר פון דער אוניווערזיטעט. אַז זיי האָבן עפּעס נישט פאַרשטאַנען, זענען געקומען צו שפּיצבוימען און ער האָט זיי אויף זיין צעבראָכן רוסיש אַלץ דערקלערט און אַלץ געגעבן צו פאַרשטיין.

דער נייער לערער גאָלדשמיד און דאָקטאָר פרידמאַן

האָבן אים זייער ליב געהאַט און אויף אים שטאַרק כּבוד געלייגט. אַפּילו די חסידים און די מתנגדים האָבן אים גערן געהאַט, ווייל ער אַליין האָט יעדן ליב געהאַט, האָט אין זיין לעבן קיין עוולה נישט געטאָן. ער האָט אויף אַלע מענטשן געקוקט נאָר מיט גוטע אויגן, און האָט אויף יעדן מלמד-זכות געווען, ווען ער האָט אַפּילו פון יענעם אַן עוולה געזען. מען דאַרף יעדן ליב האָבן, האָט ער עס געפּרוווט איינצופּלאַנצן אין זיינע שילער. ער האָט זיי זייער גוט באַהאַנדלט, פלעגט מיט זיי פיל לערנען און אָפט שפּילן.

רוסיש לעזן, שרייבן, וואָס ער פלעגט פּראַקטיש לערנען אָן אַ שום מעטאָדע, האָבן די קינדער ביי אים אויסגעלערנט דעם גאַנצן קורס אין אַ יאָר — צוויי-דריי, דערנאָך האָט ער ליב געהאַט מיט זיינע יונגע און דערוואַקסענע תּלמידים צו לייענען אַלערליי ביכער און זיי געבן צו פאַרשטיין אויף פּראָסט יידיש. עס האָט געמעגט זיין אַ פילאָזאָפיש אָדער אַן אַנדער וויסנשאַפטלעך בוך. דערפאַר האָט סיציליע און אַ טייל פון זיינע תּלמידים געקענט אַמאָל רעדן פון וויכטיקע, ערנסטע זאַכן און דערפאַר טאַקע האָט זי געקענט גלויבן, אַז זי קען זיכער געפעלן גאָלדשמידן, אַזויווי די אָדעסער געבילדעטע פרייליַנס, וואָס גייען אין די „קורסן" און ווילן ענדיקן אויף דאָקטאָר.

די שיינע גאָלדענע העפטערין.

סיציליע האָט אַ סך נישט פאַרשטאַנען פון דעם, וואָס שפּיצבוים האָט איר דערקלערט און וואָס ער האָט מיט איר גערעדט. זי האָט אַלץ פאַרשטאַנען פונקט פאַרקערט, און פון שפּיצבוימס דערקלערונגען האָט זי נאָר דאָס אָפּגעלערנט, וואָס איר שכל האָט אויפגעפאַסט. זי האָט זיך שטענדיק געפירט אַזויווי זי האָט ליב געהאַט, ווי איר איז געפעלן, און האָט טאַקע וויטער געלעבט לויט איר איי-

בענעם פארשטאנד. סיציליעס העכסטער ווונטש איז שטענדיק געווען צוציען צו זיך יונגעלייט. זי האָט געטאָן אלץ, וואָס א יונג מיידל קען נאָר טאָן, אבי זי זאָל יענעם געפעלן. זי האָט קיין חילוק נישט געמאכט צווישן א געבילדעטן און א פּראָסטן, צווישן א יונגנמאן און אײנעם פון מיטעלע יאָרן. איר איז רעכט געווען אפילו א יינגל.

מיט וואָס פאר א מאנספערשוין זי איז נאָר זיך צוזאמענגעקומען, האָט זי זיך געסטארעט יענעם צו געפעלן, נאָר מיט דעם געדאנק, טאָמער וועט ער זיך אין איר פארליבן. ווײבאלד דאָס איז איר בצלונגען און יענער האָט זיך שוין אין איר ערנסט פארליבט, האָט זי זיך שוין מיט דעם אומגליקלעכן געשפּילט, ווי א קאץ מיט א מייזל...

ווײבאלד יענער האָט דערקענט איר פאלשקייט און זיך אָנגעהייבן דערווייטערן פון איר, האָט זי אים ווידער אָנגעהייבן חנפענען, צו ווייזן ליבשאפט, אים אזוי ליבלעך צו באהאנדלען, ביז ער איז ווידער אריינגעפאלן אין אירע הענט. אין איין צייט האָט זי זיך געקענט סטארען צו געפעלן גאָלדשמידן, וועלכער האָט געענדיקט דעם אוניווערזיטעט און איר פאָטערס שטוב-משרת, וועלכער האָט אויסגעצייכנט גוט געווישט די גלעזער און פארמאָגט א פּאָר גלאנצעדיקע רויטע באקן מיט א שיינעם שרינט אויפן קאָפּ, און אויך סאָלאָמאָנען, וועלכער איז געווען א יונג, אומשולדיק קינד, א פּראָסט דאָרפיש יינגל, וואָס האָט פון קיין שום שטאָטישע חכמות נישט געוווסט.

סיציליע האָט אפילו קיין חילוק נישט געמאכט צווישן מיאוס און שיין, נאָר ווי אויף צוזעצעניש האָט זיך נאָך קיין שום יונגערמאן נישט פארליבט אין איר און איז נישט געפאלן איר צו די פיס און נישט געבעטן איר האנט. עס האָבן זיך יאָ אמאָל געדרייט ארום איר א פּאָר יונגעלייט. נאָר זי האָט זיך געמוזט איבערצייגן, אז דאָס איז נישט קיין ערנסטע ליבע, נאָר אזוי א צייטווײליקע צעשטרייונג פאר לאנגווייל. עס איז איר יאָ עפּעס געלונגען אמאָל צו פארדרייען דעם קאָפּ עפּעס א קלויזניק — א פּערצן-יאָריק יינגל, נאָר די עלטערן האָבן אים שוין לאנג חתונה געמאכט אין א קליין שטעטל, ווו ער וווינט איצט מיט זיין ווייב און צוויי קינדערלעך.

צוריק מיט א יאָר דריי-פיר, ווען איר פאָטער האָט זי מיטגענומען קיין אָדעס אויף צוויי חדשים, האָט ער געבעטן גאָלדשמידן, ער זאָל מיט איר אומעטום גיין, איר ווייזן די שטאָט, דעם בולוואר,

דעם שטאָטישן גאָרטן, ווייל ער אַליין האָט קיין צייט נישט. דאַמאָלט איז נאָך גאָלדשמיד געווען אַ סטודענט פון אָדעסער אוניווערזיטעט. נאָר ווייל עס איז געווען זומערצייט, ווען מען האָט אין אוניווערזיטעט נישט געלערנט, איז ער צעפרידן געווען צו פאַרברענגען פרייַלעך די צייט. ער איז מיט סיציליען אויסגעווען אין אַלע טעאַטערס, אויף די דאַטשעס, אין דעם שטאָטגאָרטן, אויף דעם „גרויסן און קליינעם פאָנטאַן". ער האָט זי באַקאַנט געמאַכט מיט עטלעכע פון זיינע פריינט און האָט איר יעדע זאַך דערקלערט, כאָטש סיציליע האָט פיינט געהאַט יענעם צו לאָזן רעדן, זי האָט געוואָלט אַליין רעדן, פונדעסטוועגן האָט זי גאָלדשמידס רייד מיט פאַרגעניגן אויסגעהערט.

ווען זי איז צוריקגעקומען קיין נעזווינק, האָט זי ערשט דעמאָלט באַמערקט, אַז איר האַרץ איז איינגאַנצן געבליבן אין אדעס ביי גאָלדשמידן. זי האָט פון גאָלדשמידן קיין שום ידיעה נישט געהאַט. צי ווייסט ער, אַז איר האַרץ איז ביי אים... אַ לאַנגע צייט האָט זי זיך געפלאָגט און האָט ערשט דעמאָלט אָנגעהייבן צו פאַרשטיין, ווי אומגליקלעך דער קלויזניק — דאָס פערציאָריקע יינגל איז געווען, ווען זי האָט אים דעם קאָפּ פאַרדרייט און דערנאָך אים באַהאַנדלט, ווי א הינטל. זי אַליין האָט אָנגעהייבן ליידן, ווי דאָס אומגליקלעכע יינגל האָט אַמאָל געליטן.

מיט דער צייט האָט זי אָנגעהייבן צו ביסלעך פאַרגעסן אָן גאָלדשמידן, נאָר זינט ער איז אומגעריכט אַראָפּגעקומען קיין נעזווינק און זיך דאָ באַזעצט פאַר אַ לערער, האָט זיך אין איר דאָס פריערדיקע פייער נאָכמער אויפגעבלאָזן. עס איז איר זייער שווער געווען זיך צו זען מיט אים אָפט, ווייל ער איז טאָג ווי נאַכט געווען פאַרנומען מיט זיינע שילער. נעמען ביי אים לעקציעס, ווערן זיינע אַ שילערין, כּדי אים צו קענען אָפט זען, האָט איר נישט געפּאַסט, ווייל ביי דער וועלט און ביי אירע עלטערן האָט זי שוין געהייסן אַן איבערגעוואַקסן מיידל, וואָס פּאַסט שוין נישט צו לערנען ביי אַ לערער, בפרט נאָך אַ יונגערמאַן. נאָר זינט סאָלאָמאָן איז אָנגעקומען צו זיי אין הויז און מען האָט אים צוגענומען גאָלדשמידן פאַר אַ לערער, האָט זיך פאַר סיציליען אָנגעהייבן גאָר אַ נייע ליכטיקע וועלט מיט גרויסע האָפענונגען: זי פלעגט שוין גאָלדשמידן זען און רעדן מיט אים אַלע טאָג. זי האָט באַנוצט אַלע אירע טאַלאַנטן,

פון אַ מיידל, אַ קאָקעטקע. זי האָט זיך אַלעמאָל שענער אָנגעטאָן און זיך געזעצט אין זאַל צווישן די בלומענטעפּ. וועלכע זענען באַלייכט געוואָרן פון אַ לאָמפּ מיט אַ בלויען אבאזשור און פלעגט שפּילן די ראָלע פון אַ פאַרטראַכטן ערנסטן מענטשן.

אַזעלכע און נאָך אַנדערע מיטלען האָט זי געברויכט, אום גאָלדשמידן צו זיך צוצוציען, נאָר דאָס אַלץ האָט געהאָלפן, ווי ארבעס אָן דער וואַנט. גאָלדשמיד איז געוועזן זייער קאַלט צו איר, ער פלעגט זיך שטענדיק פאַרענטפערן, אַז ער איז באַשעפטיקט, אַז אַן אַנדער מאָל ביי אַ פרייערער צייט וועט ער מיט איר פאַרברענגען אַ שעה ביי איר אין הויז.

נאָר די פרייע צייט איז זעלטן געקומען. סיציליע האָט זייער גוט פאַרשטאַנען, אַז גאָלדשמיד ווייכט זי אויס און האָט אים אָנגעהייבן פיינט צו האָבן. זי האָט דעריבער זייער געוואָלט זיך אָן אים נוקם זיין, אים זען אין אַן אומגליקלעכער לאַגע, נאָר אין דער אייגענער צייט האָט זי אים אין טיפן הארצן ליב געהאַט און זייער שטאַרק געליטן. זי האָט קיין מינוט נישט גערוט און זיך געסטאַרעט עפּעס אַזוינס אויפצוטאָן, ער זאָל כאָטש איין טאָג זיין אין אירע הענט. דעמאָלט וועט זי שוין אים ברענגען דערצו, אַז ער זאָל ליגן ביי אירע פיס און בעטן ביי איר רחמים און דערנאָך... וועט זי חתונה האָבן פאַר אַ פיינעם יונגנמאַן און ער, גאָלדשמיד, זאָל אַלע טאָג צעזעצט ווערן, קוקנדיק אויף איר. זי וועט זיך אויף אים נישט אומקוקן. די געדאַנקען האָבן זי אויף אַ מינוט נישט פאַרלאָזט און זי האָט באַשלאָסן איר לעבן איינצושטעלן און דאָס אויספירן. סיציליע האָט געוווסט, אַז בשעת די לעקציעס איז גאָלדשמיד אַ לערער און סאלאמאן אַ שילער, נאָר נאָך די לעקציעס לעבן זיי גוט, ווי צוויי חברים, ווי צוויי אמתע גוטע פריינט און סאלאמאן ווייסט אַלץ, וואָס עס טוט זיך ביי גאָלדשמידן און ווי אַזוי ער פירט זיך אויף און לעבט. זי האָט זיך אָן סאלאמאנען אָנגעכאַפּט, ווי אַ דערטרונקענער אָן אַ שטרוי. נאָר פאַר אַלעמען דאַרף מען זען, אַז סאלאמאן זאָל זי מער ליב האָבן, ווי גאָלדשמידן און זי האָט אָנגעהייבן צו קאָקעטירן מיט סאלאמאנען, אים לאַסקען צו זיך, ווי אַ ליב קינד. זי האָט איר ראָלע געשפּילט, ווי אַ גוטע ארטיסטין, און זי האָט דעם יינגל בצלד טאַקע פאַרדרייט דעם קאָפּ.

נאָך אין אָנהייב, אַז סאלאמאן איז אָנגעקומען צו זיין פעטער

יואל רידערסקי אין הויז, זענען אים, ווי אַ דאָרפּסיינגל, זייער געפעלן געוואָרן סיצילייעס רויטע, עלעגאַנטע קליידער, אירע שיינע שיכלעך, איר טאַליע און בכלל איר קאָקעטירן, וואָס ער האָט געזען דאָס ערשטע מאָל פון אַ מיידל.

דאָס אומשולדיקע, פּראָסטע דאָרפסיינגל האָט שוין לאַנג אין טיפן הארצן ליב געהאַט סיצילייען, ווי אַזאַ דאָרפסיינגל קען נאָר ליבן, נאָר ער האָט דערפון מיט סיצילייען קיינמאָל נישט גערעדט. ער האָט זיך געשעמט. זיין בעסטן פריינט און לערער האָט ער יאָ גע־מוזט דערציילן, ווייל גאָלדשמידס אויגן האָבן דאָס באַמערקט און ער האָט זיך, ווי מעגלעך, געסטאַרעט זיין שילער דערפון אָראָפּצופירן, עס איז אָבער געווען אומזיסט.

סאלאמאן האָט ליב געהאַט סיצילייען מיט זיין גאַנץ יונג הארץ, כאָטש ער איז געווען אַזאַ יינגל, וואָס האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס שטערט אים צום לערנען, און אַז פון זיין ליבע צו סיצילייען קען גאָרנישט ווערן, ווייל זי איז שוין עלטער פון אים מיט אַ יאָר פיר־פינף און איז פּראַקטישער און קליגער פון סאלאמאנען און קוקט אויף אים, ווי אויף אַ יינגל, אָדער ווי אויף אַ שיין הינטל, און אַז סיצילייע איז גאָרנישט אַזאַ פיינע פּערזאָן מיט אַ גוטן כאַראַקטער, נאָר ער האָט פון קיין שום חשבונות נישט געוואָלט וויסן. ער איז צופרידן געווען דערמיט, וואָס ער איז שטענדיק מיט סיצילייען אין איין הויז, האָלט זי ביי דער האַנט און רעדט מיט איר, ווען ער וויל. און ווער שמועסט, אַז סיצילייע פלעגט זיך שפילן מיט זיין שיינעם בלאָנדן קאָפּ האָר, איז ער גאָר געווען דער גליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט.

דערפאַר טאַקע געפינט ער זיך שוין מער פון אַ יאָר אין בעזווינק, און וויפל זיין פאָטער האָט זיך געפּרוווט אים צוריקנעמען קיין סטעפּקיווקע, האָט זיך סאלאמאן אויסגעדרייט מיט כל־ערליי תירוצים, אַז ער מוז נאָך לערנען. דערצו האָט אים זיין מוטער אין דעם מיטגעהאָלפן, אַז ער זאָל נאָך לערנען אין בעזווינק. נאָר צוליב זיין באָבן, וואָס פלעגט פאָדערן, ער זאָל זיך כאָטש אָפט דורכפאָרן קיין סטעפּקיווקע, פלעגט ער איר צוליב טאָן און אַמאָל אין אַ יובל פאָרן אויף אַ שבת, און אין דער לעצטער צייט איז ער שוין גאָר־נישט געפאָרן.

און רחלען האָט ער עפּעס ווי פאַרגעסן. זי פלעגט אָפט גאָר־

נישט ווײסן, ווען ער איז געקומען קײן סטעפּקיווקע און ווען ער איז אַוועקגעפאָרן, ווײל זי איז שטענדיק געווען פאַרנומען מיט איר אַרבעט. אפשר האָט זי אים יאָ אַמאָל געזען אין דער קאַרעטע פאַרבײפאָרן, אָנגעטאָן שטעטיש-פּריציש, האָט זי נאָר מיט טרויעריק אײנגעפאַלענע אויגן, אָן ווערטער, אים נאָכגעקוקט ביז די קאַרעטע איז גאַנץ ווײט אַוועקגעפאָרן און זי איז זיך ווײטער געגאַנגען צו איר שטענדיקער אַרבעט.

בײ סאַלאָמאָנען אין מויל זענען אַלעמאָל געלעגן די ווערטער: „סיציליע! איך האָב דיך ליב! איך קען אָן דיר אַ מינוט נישט לעבן, אײביק, אײביק וועל איך זײן מיט דיר, לעבן דיר! נאָר ער האָט די ווערטער קײנמאָל אָפן נישט געזאָגט סיציליען. ער האָט זיך געשעמט. ער פלעגט רויט ווערן, דאָס האַרץ האָט אים געדריקט, ווען ער האָט איר געוואָלט אַרויסזאָגן די ווערטער. נאָר אין דער לעצטער צײט, זינט סיציליע האָט אָנגעהײבן שטאַרק צולאָזן זיך צו אים, האָט ער מער נישט געקענט איבערטראָגן און האָט באַשלאָסן איר זאָגן: „סיציליע, מיר זענען גליקלעך. מיר האָבן זיך בײדע ליב!" ער האָט בײ זיך פעסט באַשלאָסן, איר דאָס הײנט-מאָרגן צו זאָגן און דעריבער האָט ער טאַקע הײנט שלעכטער געלײענט די לעקציע, ווי שטענדיק און אַז גאָלדשמיד איז אַוועקגעגאַנגען, האָט סאַלאָמאָן אָנגעהײבן צו שפּאַנען איבער זײן צימער הין און צוריק און גערעדט צו זיך:

— איך קען מער נישט שווײגן. איך מוז איר זאָגן. און וואָס דאַרף איך מיך שעמען? איך בין שוין נישט קײן קינד און איך האָב זי ליב.

— אין דער לעצטער צײט האָב איך אָנגעהײבן צו זען, ווי זי קען אָן מיר אויך נישט זײן. הײנט וואָס דאַרף איך מער? כאָטש גאָלדשמיד זאָגט מיר, אַז איך דאַרף נאָך נישט אין זינען האָבן אַזוינע געשעפטן און סיציליע איז פאַר מיר נישט קײן שידוך און איך זאָל איר גאָרנישט גלויבן... נאָך וואָס דאַרף איך איר גאָר הערן, וואָס יענער זאָגט מיר? איך וויל נישט ווײסן פון קײן שום זאַך, איך ווײס נאָר, אַז איך האָב זי ליב, ליב מיט מײן גאַנצן לעבן! יאָ, איך וועל טאַקע איצט גײן, איך וועל איר אַלץ זאָגן, וואָס מיר איז אויפן האַרצן, — זי איז איצט געוויס איז זאַל... אין גאַס איז איצט אַזאַ היץ, איז זי געוויס אין ערגעץ נישט געגאַנגען.

סאַלאָמאָן איז אַרויסגעגאַנגען פון זײן שלאָפצימער, דורכגעגאַנגען

עטלעכע צימערן און שטיל געעפנט די טיר פון דעם זאַל, ווו סיציליע איז געלעגן אויסגעצויגן אויף איר ברייטן ווייכן דיוואַן, אָנגעטאָן אין אַ ראָז באַטיסטן קלייד מיט ברייטע אַרבל.

— אָ, סאַלאמאַן! — האָט זיך פריילעך אָנגערופן סיציליע, דער־זעענדיק, ווי סאַלאמאַן איז אַריינגעקומען, — גאָלדשמיד איז שוין אַוועק־געגאַנגען?

— יאָ, ער האָט נאָר וואָס אָפּגעלערנט מיט מיר, ער איז שוין אַוועקגעגאַנגען.

— נו, זעץ דיך און דערצייל, וואָס האָט גאָלדשמיד עפּעס דער־ציילט פון דעם נעכטיקן אָוונט ביי דעם דאָקטאָר פרידמאַן?

— ער האָט מיר גאָרנישט דערציילט. ער האָט אָפּגעלערנט און איז זיך אַוועקגעגאַנגען.

— שוין אַוועקגעגאַנגען? — האָט זי געפרעגט און שטיל צו זיך האָט זי גאָלדשמידן אָנגערופן מערדער. — נאָר פאַרוואָס זעצסטו זיך נישט, סאַלאמאַן.

סאַלאמאַנען האָט איצט זייער באַנק געטאָן, וואָס ער איז אַריינ־געגאַנגען צו סיציליען. די ווערטער, וואָס ער האָט איר געוואָלט זאָגן, זענען אים געלעגן אויף דער צונג און האָט נישט געוווסט, ווי אַזוי אָנצוהייבן. ער האָט געוואָלט אַוועקגיין, נאָר סיציליע האָט אים אויפ־געהאַלטן:

— זיץ, סאַלאמאַן!

— ניין, איך וויל איצט גיין אין גאַס.

— אי, סאַלאמאַן, עפּעס גייסטו מיר אַרום אין דער לעצטער צייט מיט אַ פאַרדרייטער נאָז...

— איך?

— יאָ, פון דער צייט אָן זינט די מומע האָט דיך געבראַכט צו אונדז, ביזטו שטענדיק מיט מיר. נאָר אין דער לעצטער צייט, ווען דו הייבסט נאָר אָן מיט מיר צו רעדן, גייסטו באַלד אַוועק און האָסט שטענדיק קיין צייט נישט. דו געפינסט דיר געננג, נאָר זעץ זיך שוין אַנידער!

זי האָט אים מיטביידע הענט אַנידערגעזעצט אויף דעם דיוואַן לעבן זיך און מיט אַ געלעכטערל געקוקט אים גלייך אין די אויגן. זי האָט געמיינט, אַז ער וועט אויך אָנהייבן צו לאַכן, אָבער ער

איז געוואָרן טרויעריקער און טרערן האָבן זיך פּלוצלונג אָנגעהייבן צו גיסן פון זיינע אויגן.

— וואָס איז, סאלאמאן? זאָג, וואָס איז מיט דיר?

— סיציליע! ווייסטו דען נישט? איך דאַרף דען דיר זאָגן?

— ווער, איך? איך? — האָט זי זיך שטיל צעלאַכט, נאָר ווי שטיל דאָס געלעכטער איז געווען, האָט עס געקלונגען, ווי אַ זילבערן גלעקל איבער דעם זאַל. — איך ווייס גאָרנישט!

— גאָרנישט? דו ווייסט גאָרנישט? — האָט סאלאמאן שטיל איבערגעפרעגט און פאַרשטאַנען, ווי אַזוי ער איז אומגליקלעך מיט דעם, וואָס ער האָט זי ליב. נאָר אין דעם אויגנבליק האָט ער דערזען אירע שוואַרצע אויגן, אירע לאַנגע האָר, אירע הענט, די טאַליע... זי איז איצט ביי אים אין די אויגן געווען שיין, שענער ווי תמיד און פון אַלץ אויף דער וועלט. ער האָט זי שטאַרק אָנגענומען ביי די הענט און נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט, ווי איינער, וואָס בעט זיך ביי אַ גזלן:

— סיציליע, דו ווייסט גאָרנישט?

— גאַנץ באַשטימט גאָרנישט, סאלאמאן. איך פאַרשטיי נישט קיין טערקישע ווערטער, רעד מיט מיר, איך זאָל פאַרשטיין.

— דו ווילסט, ציפּע, איך זאָל דיר אַליין זאָגן, אַז איך, אומגליקלעכער, האָב דיך ליב... ליב מיט מיין גאַנץ לעבן, מיט דעם גאַנצן האַרצן... אַזוי ווילסטו? נו, טו איך דיר צוליב און וועל דיר זאָגן: ווייס, ציפּע, אַז איך בין שוין לאַנג דיין קנעכט, קעגן דיר האָב איך נישט קיין ווילן און בין גרייט אויף אַלץ, נאָר...

מיט די לעצטע ווערטער האָט ער אָנגעכאַפּט אירע ביידע הענט, זיי צוגעדרוקט צו די ליפּן און לאַנג און הייס געקושט.

ביי ציפּען האָבן די שוואַרצע שיינע אויגן זיך אָנגעצונדן פון גרויס נצחון און זיי זענען איצט געווען נאָך שענער. סאלאמאן, האָט געפילט, אַז אירע אויגן פאַרברענען אים. ציפּע האָט אַרויסגעריסן פון אים איין האַנט און געגלעט זיין שיינעם קאָפּ האָר.

אַ צייט זענען זיי אַזוי געזעסן אויף דעם ווייכן דיוואַן און געשוויגן. סאלאמאן האָט נישט אָפּגעריסן זיינע אויגן פון איר און איבער ציפּעס געזיכט האָט געשוועבט אַ נצחונדיקער שמייכל.

סאַלאָמאָן האָט שוין לאַנג פאַרגעסן דעם נאָמען פון רחלען. אַפילו זיין ליב פעלד און זיינע עלטערן מיט דער „באבעניו". ער

האָט מיט זיין גאַנצן יונגן הארצן ליב באַקומען זיין שוועסטער־קינד, סיציליע.

ער האָט פון קיין שום זאַך נישט געטראַכט, נאָר צו זיין מיט סיציליען, זיצן און רעדן מיט איר. ער האָט איצט נישט געטראַכט פון איר האַלטונג און פון דעם, וואָס מען האָט אים דערציילט, ווי זי פירט זיך אויף מיט די יונגעלייט, וועלכע דרייען זיך אַרום איר. דאָס האָט אים נישט צוריקגעהאַלטן פון זיין ליבע צו איר. עס איז אים נישט איינמאָל אויפגעקומען אויף די געדאַנקען זיך וואַרפן אין טייך אַריין, נאָר סיציליעס איין שמייכעלע, אָדער איין ליב וואָרט, האָט אים פון אַלעם אָפּגעהאַלטן. ביז איצט האָט ער נישט געוואָלט זאָגן, אַז ער האָט זי ליב, ווייל ער האָט גוט געוווסט, אַז דאָס וואָרט וויל זי הערן פון אים.

איצט איז סאָלאָמאָן געלעגן ביי אירע פיס, און סיציליע האָט זיך צעלאַכט.

— אַזוי גאָר! ווי שיין דאָס איז! ווי שיין איז צוקוקן אויף אַזאַ שיינעם יונגנמאַן, ווי ער ליגט ביי מיינע פיס! ווי דערלעבט מען שוין צו זען, אַז אַלע יונגעלייט זאָלן שוין ליגן ביי מיינע פיס! איך מיין דעם שטאָלצן גאָלדשמיד — דיין לערער! דאָס מוז אָבער געשען! ביז אַהער האָב איך נישט אַזוי געגלויבט, נאָר איצט זע איך, אַז וויבאַלד איך קען פאַרדרייען דעם קאָפּ אַזאַ שיינעם יונגנמאַן, ווי דו, סאָלאָמאָן, ביזט, וועלן מיינע אַנדערע האָפענונגען אויך נישט זיין אומזיסט... נאָר גענוג, שטיי אויף, לאָמיר אַ ביסל רעדן...

זי האָט אים געהאָלפן אויפשטיין, אַנידערגעזעצט לעבן זיך און אים אָנגעהייבן מיט די קליינע הענטעלעך גלעטן זיינע שיינע, בלאָנדע האָר און דערנאָך זיך אָנגעשפּאַרט אויף זיין אַקסל.

— סאָלאָמאָן... ווי גוט איז אונדז ביידע... ווי גליקלעך זענען מיר... — האָט זי געזאָגט און אים געקוקט גלייך אין די אויגן. נאָר סאָלאָמאָן האָט איר גאָרנישט געענטפערט. זיינע אויגן זענען אַלע מינוט איבערגעגאַנגען פון איין זאַך אויף דער אַנדערער. ער האָט צוגעטוליעט זיין קאָפּ צו אירן און איז געבליבן זיצן מיד, אָן ווערטער, ווי גלייך ער וואָלט געטאָן די שווערסטע אַרבעט.

די זון פון דעם פענסטער איז שוין דערווייל אַוועקגעגאַנגען. סיציליע האָט אַ ציִ געטאָן דאָס שנירל פון דעם פאָרהאַנג, און ער

האָט זיך אויפגעהייבן. זי האָט אויפגעעפנט דאָס פענסטער און די לאָדן האָבן זיך מיט רעש אַליין געעפנט, און סיציליע האָט דערזען, ווי די זון, וועלכע איז נישט לאַנג אַוועק פון דעם פענסטער איז שוין אויף דעם דאַך פון אַקעגנדיקן הויז און באַדעקט אַ האלבן בוים מיט די גרינע בלעטער, וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט פון איר פענסטער.

סיציליע האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ אין פענסטער און געשעפּט פרישע לופט, און מיט אַ ווייס-זיידן טיכצלע האָט זי געפּאָכעט איבער סאָלאָמאָנס קאָפּ. אין דער מינוט האָט זיך געעפנט די פאָדערשטע טיר פון דעם זאַל און עס איז אַריינגעקומען די שיינע העפטערין, מיט אַ שטרויען קוישל אין דער לינקער האַנט און מיט אַ פּאַראַסאָלעכל אין דער רעכטער האַנט.

סאָלאָמאָן האָט זיך מיט איר באַגריסט, דערלאַנגענדיק איר זיין האַנט, און סיציליע האָט זיך דערוויף אומגעקוקט.

— גאָט-העלף אייך, סיציליע! איך האָב אייך געבראַכט אייערע נייע שיכלעך. אויב איר וועט מיר איצט באַצאָלן, איז גוט, ווען נישט מעג זיין מאָרגן, ווייל איך האָב איצט גאָר קיין צייט נישט צו וואַרטן. אוי, איז איצט הייס... עס ברענט היינט פּשוט אינדרויסן.

די שיינע העפטערין האָט אין איילעניש אַרויסגענומען אַ ווייס טיכל און זיך אָפּגעווישט איר פּנים און דעם האַלדז פונם שווייס, און האָט אַרויסגענומען די שיכלעך פון דעם קוישל, ווו זיי זענען געלעגן מיט נאָך אַלערליי אַרבעטן. זי האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין, נאָר סיציליע האָט זיך אָנגערופן:

— וואַרט אויס, איך וויל אָנקוקן, צי זיי זענען שיין אויסגעהאַפּטן.

— שיין, שיין, אַזוי־ווי גאָלד, אַזוי־ווי איר האָט אַליין געוואָלט. די מוסטערן זענען נאָך דער לעצטער מאָדע. אָט קוקט זיי נאָר אָן.

— אָט, לעבן די פינף ווייסע ביסערלעך וואָלט איך געוואָלט: עס זאָל נאָך זיין אויסגעהאַפּטן אַ קליין שטערנדל פון דריי רויטע ביסערלעך.

— נו, נו, גוט, איך וועל זיי צוריקנעמען און ביז מאָרגן וועל איך עס נאָך פאַרטיק מאַכן. נאָר פאַרוואָס האָט איר מיר פריער נישט געזאָגט, וואָלט איך פאַרשפּאָרט האָבן אומזיסטע אַרבעט?

— איך האָב פאַרגעסן אייך צו זאָגן, איר זענט דאָך אַ העפּ-

טערין, דאַרפט איר אַליין וויסן, וויאַזוי מען נייט היינט אויס נאָך דער לעצטער מאָדע. פאַרגעסט-זשע נישט, אַט דאָ אין ווינקל נאָך אויסצושטיקן אַ צווייגעלע.

— נו, נישט, טאָמער האָט איר נאָך עפּעס צו זאָגן, וועל איך שוין אויף מאָרגן אַלץ איינאיינעם מאַכן. אַ גוטן טאָג אייך, סיציליע!

זי האָט זיך אויך געזעגנט מיט סאָלאָמאָנען און דערביי אים געזאָגט:

— פאַרגעסט נישט, אַז איר דאַרפט היינטיקן אָוונט זיין ביי אונדז. איך מיט גאָלדשמידן וועלן אויף אייך וואַרטן, — האָט די שיינע העפּ־טערין געזאָגט איילנדיק, גענומען די האַנט ביי סאָלאָמאָנען און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צו סיציליען און איז גיך אַרויס פון צימער.

נאָך איר אַוועקגיין האָט ציפּע אירע ברענענדיקע אויגן אָפּגע־שטעלט אויף סאָלאָמאָנען:

— זאָג מיר נאָר, סאָלאָמאָן, ווי קומסטו צו האָבן מיט דער „נייטאָרין", אַזאַ באַקאַנטשאַפט און נאָך וואַגן פאַר מיינע אויגן זיך באַגריסן מיט איר און דריקן איר האַנט? דו פאַרגעסט, אַז דו ביזט חיים רויטמאַנס אַ זון און ר' יואל רידערסקיס אַ פּלימעניק. און וואָס באַטייט דאָס, וואָס זי האָט געהאַט דאָס עזות צו זאָגן פאַר מיר, אַז זי מיט גאָלדשמידן וועלן וואַרטן אויף דיר היינט פאַר־נאַכט? די עזותדיקע נייטאָרין וועט שוין דאָס צווייטע מאָל ביי מיר קיין אַרבעט נישט באַקומען. נו, וואָס שווייגסטו, סאָלאָמאָן! זאָג מיר וויאַזוי זאָל איך דאָס פאַרשטיין?

— איך שווייג גאָרנישט, איך וווּנדער מיך אויף דיר, וואָס דו פרעגסט מיך, ווי עס קומט, איך זאָל זיין באַקאַנט מיט איר? דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז אַ ך האָב ליב גאָלדשמידן און לעב מיט אים ווי צוויי ברידער. נו, און די שיינע העפטערין איז גאָלדשמידס כלה, היינט, וויאַזוי זאָל איך מיט איר נישט זיין באַקאַנט?

— וואָס רעדסטו, משוגענער? — האָט זי נישט מיט איר קול אָנגעהייבן שרייען פון אויפרעגונג און אָנגעכאַפּט סאָלאָמאָנען ביי דער האַנט.

סאָלאָמאָן האָט זיך פאַר איר געשריי ווי דערשראָקן און נישט געענטפערט.

— וואָס רעדסטו? — האָט זי ווייטער געשריען.

— די שיינע העפטערין, גאָלדע, איז טאַקע גאָלדשמידס כלה,,

און עס דאַרף באַלד זיין ביי זיי די חתונה, — האָט ענדלעך סאָלאָ־מאָן זיך אָנגערופן.

— ווער, וואָס? אָט דאָס מיידל! אָט די נייטאָרין, אָט די פּראָסטע זאַך, וואָס אַרבעט פאַר מיר! סאָלאָמאָן, היינטיקן אָוונט זאָלסטו מיר שיקן גאָלדשמידן! זאָלסט אים גאָרנישט זאָגן, נאָר קומען מיט אים! דו הערסט, סאָלאָמאָן? זאָלסט אים שיקן... אוי, איך וועל דאָס גאָרנישט איבערטראָגן! אַזאַ שאַנדע איז אויף דער גאַנצער וועלט נישט פאָרגעקומען, איך וועל עס נישט איבערטראָגן!

סיציליע איז געפאַלן אין חלשות. פון דער שטוב איז מען זיך צענויפגעלאָפן און מען האָט זי דערמונטערט. ווען זי האָט געעפנט די אויגן, האָט זי געזאָגט:

— מיר איז נישט גוט! גייט אַוועק פון מיר! איך וויל זיין אַליין! נאָר סאָלאָמאָן זאָל בלייבן מיט מיר! אַלע זענען זיך צעגאַנגען. באַלד דערנאָך האָט זי סאָלאָמאָנען אַוועקגעשיקט. ער זאָל ברענגען גאָלדשמידן, און סיציליע איז געבליבן אַליין יוארטן. זי איז געלעגן אויסגעצויגן אויפן דיוואַן, ווי לאַנג זי איז, נאָר דאָס געלעגער האָט אונטער איר געברענט פון גרויס פאַרדראָס און ווייטיק. די אויגן האָט זי אָנגעשטרענגט אויף דער טיר און געוואַרט, זי זאָל זיך עפע־נען און גאָלדשמיד זאָל אַריינקומען.

יעדע מינוט איז ביי איר אויס געווען אַ יאָר.

די זון האָט שוין דעם לעצטן קוק געטאָן אויף דער שטאָט געזעגנדיק מיט אירע איינציקע. ווי אַ גנב האָט זי זיך לאַנגזאַם אַראָפגעלאָזט אונטער דיביימער און זיך ערגעץ באַהאַלטן, ווי גלייך זי האָט געוווּסט, ווי אַזוי זי האָט היינטיקן טאָג יעדן דערעסן מיט אירע ברענענדיקע שטראַלן.

— גיי געזונטערהייט, נאָר קום שוין נישט מאָרגן אַזוי הייס געבאָדן, און זאָלסט נישט פאַרברענען אונדזערע נייע ברויטן, וואָס מען האָט נאָך נישט אָפּגעשניטן. גאָט גיב אַ רעגן...— האָט מען אין דעם אָוונט געקענט הערן פון די, וואָס האָבן מנחה געדאַווענט.

און קליינע קינדער, גייענדיק פון חדר, האָבן געזונגען:

גאָט, גאָט! גיב אַ רעגן
פאַר די קליינע קינדערס וועגן.
פאַר די קליינע קינדער פאַפּע,
דו גאָט ביסט דאָך אונדזער טאַטע!
אַלע לאָדן צוגעמאַכט!
גיב אַ רעגן אויף דער נאַכט!

זינגענדיק, האָבן די חדר-יינגלעך צוזאַמען מיט זייערע באַהעלפערס אָפּגעלייענט קריאת-שמע און זענען פריי געלאָפן אַהיים.

אויף דעם לויטערן, ריינעם זומערדיקן הימל, האָט זיך איצט באַוויזן די לבנה. זי האָט אָנגעהייבן שפּאַצירן מיט אַזאַ גדלות, ווי גלייך זי האָט געוווּסט, אַז זי איז אין דעם הייַנטיקן אָוונט אַן אָנגעלייגטער גאַסט ביי די מענטשן מער פון איר עלטסטער שוועסטער, די זון, וואָס האָט היינט געברענט דעם גאַנצן טאָג.

— געבענטשט און געלויבט ביזטו, ליבע שיינע נאַכט! — האָט מען געקענט הערן פון די, וואָס האָבן זייערע ביינער אָפּגערוט פון דעם הייסן זומערטאָג און געשעפּט לופט פון דעם נאַכט-ווינטל, וואָס האָט שטיל געבלאָזן פון צפון-זייט.

— אַן עבירה צו פאַרשלאָפן אַזאַ שיינע נאַכט! — האָט מען געהערט פון די פאַרליבטע פּאָרלעך, וואָס האָבן פריילעך שפּאַצירט אויף דער גאַס, אין דעם שטאָטגאָרטן און אויף דעם „בולוואַר". אַלע, פון דעם גרעסטן ביז דעם קלענסטן, האָבן זיך געקוויקט מיט דער שיינער קילער זומערנאַכט.

די שיינע העפטערין, גאָלדע, האָט שוין אויך אָוועקגעלייגט איר אַרבעט, און איז געזעסן אינדרויסן אויף דער „פריזבע" לעבן דעם איינציקןביימל, וואָס קיינער געדענקט נישט ווער עס האָט אַמאָל געפלאַנצט, און געקוקט אין דער זייט, פונוואַנען זי האָט געוואַרט, אַז איר אברהם גאָלדשמיד זאָל אָנקומען. זיי האָבן נעכטן אָפּגעשמועסט, אַז הייַנטיקן אָוונט זאָלן זיי זיך צוזאַמענקומען ביי דעם ביימל. אויך האָט באַדאַרפט קומען סאַלאַמאַן און טרינקען אינדרויסן טיי און מיט זיי צוזאַמען פאַרברענגען די שיינע ליכטיקע זומערנאַכט, וואָרים דער פעטער האָט אויך געזאָגט, אַז ער וועט קומען. מען דאַרף פון עפּעס וויכטיקעס רעדן.

אברהם גאָלדשמיד, אָדער ווי מען האָט אים יינגלווייז גערופן פאַרצויגן אברהמל, איז אַמאָל געווען אַ קלויזנער יינגל פון דער סאַדיגורער גרויסער קלויז, וווּ עס לערנען אַלע אָרעמע יינגלעך, פאַר וועלכע די עלטערן זענען נישט אימשטאַנד צו צאָלן מלמדים.

אין קלויז פאַרברענגען די קינדער כמעט אָן שום השגחה. ווען מען דאַוונט, קען מען דאָך געוויס נישט לערנען, דרייט מען זיך אַזוי אַרום, מען שלאָגט זיך אַ ביסל, מען טוט אָפּ שפּיצלעך די אַלטע יידן, מען בינדט צונויף די ציצית, מען מאַכט אַ פאַנפע די פאַרשלאָפענע,

מען מאַכט אַ „ווײַנשל״ דעם חזן גלײַך אין פּנים, פּונקט דאַן, ווען ער פאַרקאַטשעט זיך עפּעס צו זינגען; מען פאָלגט אַ גאַנג די באַלע־באַטים, אָדער יונגעלײַט און מײדלעך, ווען זײ גיבן צוויי גראָשן אויף רעטשינע פּלעצלעך פאַר דעם וועג. מיט די און נאָך אַזעלכע הונדערטער „באַשעפטיקונגען״ גײט אַוועק די צײַט בײַ די אָרעמע קלויז־ייִנגלעך ביז נאָך דעם דאַוונען. אַזוי, אָדער אַזוי, אַבי ייִדישע קינדער גײען נישט אַרום ליידיק.

נאָך מיטאָג, ווען די גרויסע בחורים מיט די אײדעמלעך קומען זיך צונויף אין קלויז אַרײַן לערנען, זעצן זיך די קלויז־ייִנגלעך אויך לערנען און וואָס זײ ווייסן נישט, פרעגן זײ בײַ די גרויסע בחורים און בײַ די אײדעמלעך און זײ דערקלערן זײ די האַרבע שטיקלעך מיט אַ פּאַטש אין דער באַק און מיט אַ צי בײַ דער פּיאה. אַזוי ווערט בײַטאָג אין קלויז אַ לערנערײַ מיט אַ געשרײַערײַ, מיט אַ געזינגערײַ און מיט אַ גמרא־ניגון אויף אַ שעה, און דערנאָך צעשיקן טאָקע די גרויסע בחורים און די אײדעמלעך די קלײנע קינדער איבער די מאַרקן, צווישן די פּשעקופּקעס, זײ זאָלן פאַר גײן בײליק אײנ־האַנדלען „קאַוועניס״, „דיניעס״, פלוימען, באַרן און פאַר זײער טרחה באַקומען זײ צו שטיקלעך. אַמאָל, אַז יאַכצי די מלמדקע האָט גע־בראַכט הײסע געקאָכטע „פּשעניטשקעס״ אין קלויז אַרײַן צו צוויי גראָשן אַ שטיק, איז גאָר געווען אַ שמחה. די אײדעמלעך און די גרויסע בחורים האָבן געקויפט און געגעסן פּשעניטשקעס און די קלײ־נע ייִנגלעך האָבן געכאַפּט די אָפּגעגריזשעטע „קאַטשאַנעס״ און זיך מיט זײ געוואָרפן און געשלאָגן. דערווײַל איז שוין געוואָרן מנחה־צײַט. הײַנט איז דאָך זומער, עס איז דאָ אַ טײַך, וווּ מען קען שווימען און פּליוסקען זיך, און אויך ציגן, אויף וועלכע מען קען פאָרן רײַטנדיק. דערווײַל ווערט שוין נאַכט, און אויף דער נאַכט האָט מען אַמאָל געשפּילט און אַמאָל געשלאָפן.

ווינטער האָט מען אויך אַזוי צוגעבראַכט די צײַט, נאָר אַנשטאַט זיך פּליוסקען אין טײַך און פאָרן רײַטנדיק אויף ציגן, האָט מען די לאַנגע נעכט געבראָטן קאַרטאָפליעס אין דער כאַטקע לעבן קלויז, וווּ דער אונטער־שמש וווינט, און אַז יאַכצי די מלמדקע אָדער איר מײדל האָט געבראַכט דאַרע רעטשינע פּלעצלעך מיט מאָן און הײסע אַרבעס, איז דאַן גאָר געווען אַ אַ שמחה אין קלויז.

די גרויסע בחורים און די אײדעמלעך האָבן געקויפט און ווער־

פון די קלויז-יינגלעך האָט מיט דעם שטערן צעבראָכן אַ פּלעצל, פּונקט אויף העלפט, דער האָט באַקומען דאָס פּלעצל מיט אַ האַלב גלאָז אַרבעס, און עס פּלעגט זיך אָפּט דערמיט ענדיקן, אַז אַ פּאָר יינגלעך האָבן זיך אַזוי אָנגעגעסן מיט פּלעצלעך און אַרבעס, אַז זיי זענען שיער צעזעצט געוואָרן. דרייסיק יינגלעך זענען געשטאַנען מיט בלויע ביילן אויף די שטערנס, מיט וועלכע זיי צעקלאַפּן דאָרע פּלעצלעך, נאָר עס איז פּאַרט געווען פריילעך. וויאַזוי עס איז שוין, אַבי יידישע קינדער גייען נישט אַרום ליידיק, גייען נישט אַרום „פּוסט און פּאַס".

יאַכצי די מלמדקע, ווען איר מאַן דער מלמד האָט געלעבט, האָט זי זיך וויאַזוי עס איז דורכגעשלאָגן אין דער וועלט מיט פּרנסה. זי האָט זיך געהאַט איר פּרנסה בשלום. ער האָט געהאַט אפשר פינפאונזיבעציק קינדער און פינפאונפופציק קערבלעך אַ זמן, און זי האָט די קינדער זומער פאַרקויפט וויינשל, פלוימען, באַרלעך, געקאָכטע „פּשעניטשקעס", און ווינטער — געקאָכטע אַרבעס, רעטשינע פּלעצלעך מיט מאָן. ווען יעדעס קינד האָט איר געגעבן צו לייזן נאָר צוויי גראָשן אַ טאָג, איז איר שוין אויך געווען גוט. און אַזוי האָט זי מיט איר מאַן און קינדער זיך געלעבט גליקלעך. נאָר זינט דער מאַן איז אָפּגעשטאָרבן, האָט זי נישט געהאַט ביי וועמען צו לייזן געלט. זי איז געבליבן אָן פּרנסה; נאָר ווי זאָגט מען, גאָט פאַרלאָזט נישט קיין אלמנות און יתומים.

די נייע אלמנה יאַכצי די מלמדקע האָט געהאַט דעם גליקלעכן געדאַנק צו פאַרקויפן איר סחורה אין דער גרויסער קלויז, אַזוויווי איר באָבע האָט געטאָן, ווען זי איז פּלוצלונג געוואָרן אַן אלמנה. אין אָנהייב האָט זי געטאָן, ווי יעדער גוט געניטער סוחר: זי האָט צעבאָרגט די סחורה און האָט נאָכדעם אויף דער מזרח-וואַנט אין קלויז אָנגעשריבן צוויי גרויסע „פּייען" (פּפּ). זי איז אָבער באַלד קלוגער געוואָרן און האָט געזאָגט צו די קלויז-יונגעלייט און איידימלעך:

— קינדערלעך, וואָס עס איז געווען, איז שוין פאַרפאַלן. איך וועל שוין מיין מאַן, וועלכער איז ביי מיר טייערער געווען פון אַלץ, אויך נישט צוריק לעבעדיק מאַכן. נאָר פון היינטיקס מאָל אָן זאָלט איר וויסן, אַז אָן געלט גיב איך נישט קיין סחורה.

יאַכצי האָט טאַקע זייער גלייך געטאָן, וואָרים פון דער צייט

אָן האָט זי זיך אָנגעהייבן זען מיט מזומנע קאָפּיקעס און גראָשנס און האָט ווייטער געהאַט איר פּרנסה בכבוד.

בכלל האָט יאַכצי אָנגעהייבן צו גליקן. אַז עס גייט — גייט פון אַלע זייטן, כאָטש מען רעכט זיך גאָרנישט דערויף. יאַכצין איז צוגעקומען נאָך אַ נייע פּרנסה אומגעריכט.

ווען שפּיצבוים איז אָנגעקומען צוריק קיין נעזווינק אָן אַ ווייב און אָן אַ קינד און איז געוואָרן אַ לערער, איז ער איינמאָל אַריינגעקומען צו יאַכצי די מלמדקע אין שטוב און האָט איר געזאָגט:

— אַזויווי איך בין נישט קיין פאַמיליע-מענטש און אויב איר קענט זיך אונטערנעמען, טאָ זאָלט פאַר מיר קאָכן און טראָגן אין מיין וווינונג עסן. איך וויל נישט ווייט פון אייך. אויך זאָלט איר אַמאָל פאַרריכטן מיין וועש, וועל איך אייך דערפאַר צאָלן חודש-געלט.

יאַכצי האָט דאָס מיט פרייד אָנגענומען און האָט געהאַט ביי אים פיר קערבלעך יעדן חודש, און צייט שפּיצבוים האָט איר געמאַכט אַ קאָמפּלימענט, אַז זי אַרבעט זייער גוט זאַכן, איז איר איינגעפאַלן צו אַרבעטן זאַכן פאַר דער וועלט, און זי האָט ביי די נעזווינקער ווייבער, וואָס האָבן ליב צו זיצן פאַרלייגט די הענט, פאַרדינט גאַנץ היפּש געלט. פון דעמאָלט אָן האָט זי שוין קיין צייט נישט געהאַט צו גיין אין קלויז אַריין צוויי מאָל אַ טאָג און האָט מיט דער סחורה איר אונטערגעוואַקסן מיידל אין קלויז געשיקט. עס פאַרשטייט זיך, אַז דערביי האָט זי איר מיט דעם הארבן וואָרט אָנגעזאָגט:

— אַז מען וועט דיר געבן געלט, טאָכטערניו, זאָלסטו געבן סחורה, אַז נישט דאַרף מען נישט. דו זאָלסט ברענגען אָדער געלט אָדער סחורה.

פון דער צייט אָן האָבן די קלויזנער יונגעלייט געקענט יאַכצי דער מלמדס מיידל און האָבן איר אַ נאָמען געגעבן די שיינע גאָלדעניו, הייל זי האָט געהייסן גאָלדע און איז געווען זייער אַ שיין קינד מיט שיינע דינע ליפּן און מיט העל בלאָנדע האָר. אַפילו די גבירישע ווייבער פלעגן אָפּט מיט פאַרוווּנדערונג זאָגן:

— ווי קומט צו יאַכצי דער מלמדקע אַזאַ שיין קינד. זי איז גאָר, ווי אַ טאָק און מעג אַפילו זיין אַ קיסערס טאָכטער.

און איינער האָט זיי דערויף געענטפערט:

— די אָרעמעלייט זענען אַזוי אומגליקלעך, אַז טאָמער שענקט

זיי גאָט יאָ עפּעס אַמאָל אַ שיינע זאַך, וווּנדערן זיך נאַרישע מענטשן, גלייך ווי דער אָרעמאַן איז ביי גאָט גאָר פֿאַר קיין מענטשן נישט פֿאַררעכנט און טאָר פֿון אים נישט באַקומען עטוואָס פֿון זיינע טייערע געטלעכע מתנות.

— מיר וווּנדערן זיך אָפּט, — האָט אַ צווייטער געזאָגט, — וואָס ביי אָרעמעלייט זענען די קינדער פֿון טרוקן ברויט און וואַסער שיין און געזונט, אַ סך שענער און געזינטער פֿון די, וואָס מען האָדעוועט מיט קאַווע און פּוטער-געבעקס, מיט ווייַן און געבראָטנס! סטייטש, וווּנדערן מיר זיך, אָרעמעלייט וווינען אין ענגע הייזלעך, זומער און ווינטער אין דערשטיקטער לופֿט, זיי עסן נישט זאַט, בלויז מיט דעם טרוקן שטיקל ברויט, און צום סוף טרעפֿט זיך אָפֿט, אַז זייערע ווייבער און קינדער און זיי אַליין זענען געזונט... און גבירים וווינען אויף פֿרייע לופֿט — ווינטער אין שטאָט אין אויסגעמעבלירטע צימערן און זאַלן, און זומער אויף די דאַטשעס צווישן פֿעלדער און וועלדער; זיי פֿאַרגינען זיך אַלערליי פֿאַרגעניגנס, אַלץ קומט זיי אָן גרינג, און צום סוף לאָזט זיך אויס אַ מעשה, אַז די גבירישע ווייבער זענען שטענדיק קראַנק און קורירן זיך טאָג ווי נאַכט ביי די דאָקטוירים. זיי פֿאָרן אַלע יאָר קיין אויסלאַנד אין די בעדער. זייערע קינדער זענען דאַר, גרין, אויסגעטריקנט, גלייך ווי זיי וואָלטן געגעסן דעם דריטן טאָג אַ שטיקל ברויט. זייער דאָקטאָרן זיך קאָסט אָפּ אַ סך געלט און דאָס אַלץ העלפֿט, ווי אַן אַרבעס אין דער וואַנט.

אַ נעזווינקער גביר האָט ליב געהאַט אָפֿט זיך צו באַקלאָגן:

— איך זאָג אייַך, אַז די גאַל קען צעזעצט ווערן פֿאַר פֿאַרצווייפֿלונג. סטייטש, כאַצקל דער קבצן, דער, וואָס פֿאַרדינט קוים אויף ברויט, וואָס האָט זייט ער לעבט נישט געדונגען קיין לערער פֿאַר זיין זון, וועלכער האָט זיך ביי זיין טאַטן קיינמאָל נישט זאַט אָנגעגעסן מיט אַ שטיקל ברויט, פֿונדעסטוועגן האָט זיין זון צוביסלעך געלערנט ביז ער איז אַריין אין גימנאַזיע, דערנאָך איז דער אוניווערזיטעט און היינט איז ער שוין אַ דאָקטאָר, אַ גאַנצער מענטש און נאָך דערצו אַ פֿיינער, אָרנטלעכער מענטש... און מיין זון האָט מיך געקאָסט טויזנטער צו דינגען פֿאַר אים אַלערליי לערערס, מיט „רעפּעטיטאָרס", מיט אַלערליי „זלידניעס", האָט קוים מיט מי געענדיקט פֿיר קלאַסן גימנאַזיע און דאָס אַ דאַנק דעם דירעקטאָר און די לערערס פֿון גימנאַזיע, מיט וועלכע איך בין באַקאַנט... און איצט זאָגט מיין

זינדעלע, אַז ער האָט שוין גענוג געלערנט און וויל שוין אַ ביסל לעבן און קאָסט מיך ערשט ווייטער געלט. כאַצקלס זון אָבער פאַרדינט שוין אַליין געלט און העלפט נאָך אונטער דעם אָרעמען טאַטן.

— וואָס-זשע, — האָט איינער דעם גביר געענטפערט, — אַפילו דאָס פאַרגינט איר אויך נישט דעם אָרעמאַן. ביי אייך, גבירים, איז איינגערעדט, אַז דער מענטש, וואָס האָט קיין געלט נישט, דאַרף זיין אומגליקלעך אויף אַלע אופנים, אַז דער אָרעמאַן איז גאָר קיין מענטש נישט, אַז ער האָט קיין שכל נישט, אַזויווי דער גביר, אים קומט גאָרנישט און איז אויך קיין שום זאַך גאָר קיין מבין נישט. אומעטום וויל מען דעם אָרעמאַן גאָר דערנידעריקן. ער זאָל זיין אַ לייט, וואָלט ער קיין אָרעמאַן נישט געווען, האָבן געוויסע גבירים ליב מיט גדלות צו זאָגן. דער אָרעמאַן איז ביי אייך אַ פוילער, וויל נישע אַרבעטן, ער טויג צו קיין זאַך נישט.

אַזוי האָט מען אין נעזווינק ליב געהאַט צו רעדן אין קלויז, אין די בתי-מדרשים און דערהויפט אין די פאַרמעגלעכע הייזער וועגן גאָלדען, גאָלדשמידן און נאָך אַזעלכע קינדער, וואָס זענען געבוירן ביי אָרעמעלייט אין נויט און קעלט און הונגער.

רייכע עלטערן האָבן געקוקט אויף די אָרעמע עלטערן מיט קנאה און אַ טייל האָבן אָנגעקוואָלן, וואָס נישט אַלץ קען באַקומען דער גביר פאַר זיין געלט, ווייל גוטע, שיינע לייטישע קינדער קען מען פאַר געלט נישט קויפן.

* * *

די שיינע גאָלדעניו, וואָס איז געבוירן געוואָרן ביי אָרעמע עלטערן, איז אויך געווען פון די קינדער, איבער וועלכע די גבירים זענען מקנא דעם אָרעמאַן: זי איז געווען שיין, אַנגענעם, געזונט און פול מיט חן. שטענדיק האָט געשפּילט אַ שמייכל אויף איר ליפּן, וואָס האָט פּשוט דערקוויקט יעדן, ווער עס האָט זי נאָר געזען. דערפאַר איז גאָר קיין וווּנדער נישט, וואָס שפּיצבובים, וועלכן זי פלעגט

צוויי מאָל אין טאָג טראָגן עסן, האָט זי ליב געקראָגן, ווי נאָר אַ הייסער, געטרייער פאָטער מיט אַ צעבראָכן האַרץ קען ליב באַקומען זיין איינציק קינד, וואָס איז אים אויף דער עלטער איבערגעבליבן. גאָלדעניו, גאָלדעטשקע, ווי ער פלעגט זי רופן, איז געווען זיין איינציקע טרייסט ביי אַלע זיינע צרות און אומגליקן, וואָס האָבן אים אין לעבן געטראָפן. ער פלעגט זי אַלע טאָג נעמען אויף די קני, אויף די הענט און צוטוליען זיינע בלייכע ליפּן צו אירע יונגע ראָזע בעקעלעך און פלעגט זיך דערמאָנען אין זיין יונג ווייב און קינדער, וואָס ער האָט אַזוי פריי פאַרלוירן, און פון פון זיינע אויגן פלעגן זיך גיסן הייסע טרערן. און גאָלדעניו פלעגט אַלע טאָג זיינע טרערן אויסטריקענען און אים דערלייכטערן זיין שווער האַרץ...

קינדער.

זייט יאכצי האָט אָנגעהייבן אַרומשיקן מיט סחורה איר טאָכטער גאָלדעניו, האָט איר פּרנסה גאָר אַנדערש אָנגעהייבן גיין. יאכצי האָט צוויי מאָל אַזויפיל פלעצלעך און אַרבעס פאַרקויפט. אַלע קלויזנער בחורים, יונגלעך און מיידלעך פלעגן נאָר ביי דער שיינער גאָלדיטשקען קויפן. די אַלטע יידענע פון דעם קליינעם בית-המדרש, וואָס פלעגט פריער אויך קומען אין קלויז פאַרקויפן איר סחורה, האָט אויפגעהערט גאָר צו לייזן, ביז זי איז מיד געוואָרן אומזיסט צו גיין אין קלויז אַריין. אַז מען פלעגט יאכצין פרעגן, ווי עס גייט איר אין דער פּרנסה, האָט זי געענטפערט:

— אַ דאַנק דעם, וואָס איך בין אים נישט ווערט צו דערמאָנען, איך האָב צו דעם, וואָס לעבט אייביק, קיין טענות נישט. זינט איך האָב געמאַכט מיין גאָלדיטשקען פאַר אַ סוחרטע, האָט זיך מיין פּרנסה צוויי מאָל פאַרבעסערט.

די קליינע גאָלדיטשקע איז געוואָרן אַזאַ מין בעל-שפע, אַז

אפילו אויף דער גאַס פלעגן זי מענטשן אָפּשטעלן און איר געבן צו פֿייזן. זי האָט, חוצדעם, איר געשעפט פאַרשטאַנען און האָט אויך גע־פּאָלגט, וואָס די מוטער האָט איר אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל קיינעם נישט באָרגן. נאָר אַז זי האָט אַמאָל געזען אַ ייִנגל זיך צעבלוטיקן דעם שטערן אויף צו געווינען אַ פּלעצל, פלעגט זי אים שענקען אַ פּלעצל מיט אַ ביסל אַרבעס, די מוטער זאָל נישט וויסן. נאָר פאַר איין ייִנגל, אברהמל, האָט זי געמאַכט אַן אויסנאַם. אים האָט גאָלדיטשקע שטענדיק געגעבן אַ גרויסן קרעדיט; פאַרוואָס, האָט קיינער נישט געקאָנט פאַר־שטיין. אַלע האָבן נאָר געוווסט, אַז אברהמל איז געווען דאָס אָרעמסטע קלויז־ייִנגל, וואָס האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין קאָפּיקע ביי דער נשמה: דאָך האָט עס פאַרדראָסן אַלע אַנדערע ייִנגלעך, און פון קנאה איז באַלד אויסגעוואַקסן אַ שנאה: מען האָט גאָלדען געמסורט פאַר איר מוטער, פון וועלכער זי האָט טאַקע באַקומען אַ גוטן פּסק. עס האָט איר אָבער נישט געהאָלפן. זי האָט אברהמלען ווייטער גע־געבן קרעדיט, וויפל ער האָט נאָר געוואָלט. מען האָט זיך דאָס גאָר־נישט געקאָנט דערקלערן און טאַקע גאָלדעניו אַליין פלעגט נישט איינמאָל צו זיך זאָגן:

— איך ווייס אַליין נישט, פאַרוואָס איך באָרג קיינעם נישט, נאָר אברהמלען יאָ, כאָטש איך האָב מורא פאַר דער מוטער... נאָר ער איז עפּעס אַזאַ שיין און גוט ייִנגל... אַ שאָד, וואָס ער איז נישט קיין מיידל... איך וואָלט אים דעמאָלט אַזוי ליב געהאַט, גערופן שוועסטערל און אָוועקגעשענקט אַלע שפּילעכלעך, וואָס דער פעטער האָט מיר געשענקט.

קינדער האָבן ליב צו רופן אַלע פרעמדע מענטשן: „פעטער" און פרעמדע ווייבער: „מומע". גאָלדעניו האָט שפּיצבוימען אויך גע־רופן „פעטער".

מוטערס האָבן שטענדיק ליב אָפּצונאַרן זייערע קליינע קינדער. ווען אַ קינד וויינט, נאַרט מען עס אַזוי: „שאַ, שאַ, אַז דו וועסט אויפהערן צו וויינען, וועט קומען דער „פעטער" און וועט דיר שענ־קען אַ סך שפּילעכלעך", אָדער „הער אויף צו וויינען, ווען נישט וועט קומען דער בער און וועט דיך אויפעסן." „אָט גייט שוין דער בער, לאָמיר זיך באַהאַלטן, איך האָב מורא".

דאָס קינד ווערט געל און גרין און צעוויינט זיך פאַר שרעק נאָך שטאַרקער, אַז עס איז שוין נישט מעגלעך עס איינצוצעמען.

די מוטערס מיינען, אז זיי טוען דערמיט א גרויסע חכמה, נאר אינדערעמתן איז עס גאר די גרעסטע נארישקייט. ערשטנס, ווען די קינדער וואקסן אויס א ביסל און הייבן אן צו פארשטיין, אז די עלטערן האבן זיי שטענדיק אפגענארט, האלטן זיי דערפאר די עלטערן פאר גרויסע ליגנערס און גלויבן זיי שוין מער נישט אפילו ביי ערנסטע זאכן. דערפון קומט ארויס, אז זיי ווילן די עלטערן נישט פאלגן; צווייטנס, געלינגט עס אפט די עלטערן אזוי איינצורעדן די קינדער מורא צו האבן פאר שדים, רוחות און נאך אין אזעלכע נישט געשטויגענע זאכן, אז עס איז נישט מעגלעך דערנאך ארויסצושלאגן פון קאפ די מורא פאר אלץ, און ווען זיי וואקסן אויס, בלייבן זיי זייער גאנץ לעבן איבערגעשראקענע.

צוערשט האט מען יידישע קינדער איינגערעדט פון קינדווייז אן, אז יעדע זאך דארף געשען נאר דורך נסים: קיין ארץ-ישראל וועט מען קומען דורך א נס, רייך וועט מען ווערן דורך א נס, און אפילו גוטע קינדער האט מען אויך דורך א נס.

וואס האט מען צו ארבעטן און זיך לייגן אין דער לענג און אין דער ברייט, עס וועט גארנישט העלפן. איז באשערט צו זיין רייך, וועט מען דורך א נס ווערן רייך.

— וואס דארף מען דאקטוירים און צאלן געלט פאר רעצעפטן, ווען מען ווערט קראנק? אז עס איז באשערט צו זיין קראנק אדער צו שטארבן, וועלן קיין דאקטוירים און קיין רעצעפטן אויך נישט העלפן.

— עס העלפט אויך נישט קינדער לערנען. אז עס איז באשערט צו האבן גוטע קינדער, וואס זאלן קענען לערנען, וועט מען זיי סיי-ווי-סיי האבן.

יידן האבן ליב זיך צו פארלאזן אויף „נסים" און אויף „באשערט". מען וויל גארנישט וויסן, אז פריער פאר אלץ איז נייטיק, דער מענטש זאל אליין אויך עפעס טאן. דעמאלט קען דער מענטש רעכענען, אז גאט וועט אים אויך צוהעלפן.

— וויל מען זיין געזונט — דארף מען זיך אפהיטן. האבן גוטע לופט, גיין ריין אנגעטאן, זיך אפט וואשן, האלטן ריין די קינדער, און אז עמעצער ווערט קראנק, דארף מען באלד רופן א דאקטאר.

— וויל מען האבן גוטע קינדער, דארף מען זען מיט אלע מעגלעכקייטן זיי צו דערציען מיט שכל.

— מאַמעס האָבן זיך איינגערעדט, אַז קליינע קינדער זענען אַזוינע קליינע קעלבלעך, און פאַרשטייען גאָרנישט. מען מעג פאַר זיי רעדן, וואָס מען וויל. זיי ווילן גאָרנישט וויסן. אַז דווקא ביי די קליינע קינדער איז דער שכל, דער מוח פיל לויטערער און שאַר־פער, ווי ביי דערוואַקסענע.

— ביי עלטערע מענטשן איז דער קאָפּ פאַרשלאָגן מיט דאגות־פרנסה, אָבער ביי קליינע קינדער איז דער קאָפּ נישט פאַרשלאָגן מיט קיין שום זאַך. דערפאַר לאָזט אַ קינד נישט אָפּ קיין שום זאַך, עס זאָל זי נישט באַמערקען, באַטראַכטן מיט שכל. אַ קינד וועט צוואַנציק מאָל איבערפרעגן איבער יעדער זאַך און איבערקלערן ביי זיך אליין, ביז עס פאַרשטייט די זאַך אינגאַנצן. קליינע קינדער זענען די אמתע פילאָזאָפן אויף זייער קינדערשן שטייגער.

— עלטערע, דערוואַקסענע מענטשן, ווען זיי זעען עפּעס נייס, האָבן זיי פאַרגעניגן נאָר פון דעם קוקן. ווען אַ טעאַטערשטיק גע־פעלט זיי, זאָגן זיי: אויסגעצייכנט פאַרברענגט די צייט; געפעלט עס אָבער נישט, זאָגט מען, אַז מען האָט ביי זיי אויסגענאַרט דאָס געלט פאַר דעם בילעט.

— קליינע קינדער אָבער, זענען פיל פאַרשטענדיקער פון אונדז. זיי באַגנוגענען זיך נישט דערמיט, וואָס זיי זעען אַ קונץ, אַ פאָקוס, זיי ווילן וויסן דעם שכל פון דער זאַך. דערפאַר צעברעכן קינדער אַזוי גערן יעדע זאַך, וואָס זיי באַקומען אין דער האַנט, יעדעס שפילעכל, וואָס מען שענקט זיי, אינטערעסירט זיי צו זען און צו וויסן, וואָס עס טוט זיך אינעווייניק: פאַרוואָס אַ גרעגער קלאַפּט, פאַרוואָס אַ קעסטעלע שפילט און דאָסגלייכן.

— קינדער זענען אַ סך קליגער, ווי מיר מיינען, און דערפאַר דאַרפן די עלטערן זיך שטאַרק היטן פאַר זיי מיט אַ שלעכט וואָרט, עפּעס שלעכטס טאָן.

— הערט אויף צו האַלטן אייערע קינדער פאַר נאַראָנים, קעל־בלעך! אַז דאָס קינד וויינט, איז עס מסתמא נישט אומזיסט. זוכט באַלד די אורזאַך, פאַרוואָס עס וויינט, און געפונענדיק עס, זעט דאָס באַלד אויסצובעסערן, און דאָס קינד וועט אויפהערן צו וויינען און וועט געשמאַק שלאָפן.

יאַכצי די מלמדקע האָט אויך בעהאַלטן איר גאָלדעניו פאַר אַ

נאריש קעלבל, און אַז גאָלדעניו האָט זי דאָס ערשטע מאָל גע־פרעגט: מאַמע, ווער איז דער ייִד, וואָס דו שיקסט מיך צו אים מיט עסן? האָט זי איר געענטפערט, ווי דער שטייגער איז: „דאָס איז אַ פעטער". פון דעמאָלט אָן איז שפּיצבוים ביי איר געווען אַ פע־טער, זי האָט אים שטאַרק ליב באַקומען. שפּיצבוים פלעגט איר שענקען אַ סך שפּילעכלעך און טאַנצן און שפּרינגען מיט איר, און זיך אַליין מאַכן נאַריש, ווי אַ קליין קינד. גאָלדעניו האָט זיך אַזוי צוגעוווינט צו דעם „פעטער", אַז זי האָט אים נישט געקענט האַלטן פאַר אַ פרעמדן אַפילו ווען זי איז עלטער געוואָרן.

זיינע צוויי קינדער און די לעצטע בריוו.

עס איז שוין געווען פאַר מנחה. די קלויז־ייִנגלעך זענען געגאַנגען זיך באָדן אין טייך, נאָר אברהמל, וואָס האָט נישט ליב געהאַט אַלע טאָג צו גיין צום טייך, איז היינט געבליבן אַליין אין קלויז; ער איז געזעסן אונטער דער הרובע איבער אַ גמרא, דאָרטן װוּ דער אונטער־שמש געפינט זיך שטענדיק.

גאָלדעניו איז דעמאָלט אַריינגעגאַנגען אין קלויז. זי איז צו־געגאַנגען צו אברהמלען, האָט אים געגעבן צוויי גראָשן און אַ קוויטל, און אַוועקגייענדיק פון קלויז, האָט זי אים געזאָגט:

— היינט פאַרנאַכט זאָלסטו קומען צו אונדז.

אברהמל האָט זיך נישט פאַרוווּנדערט פון גאָלדעניוס ווערטער. ער האָט זיך נאָר געוווּנדערט, ווי קומט עס, אַז גאָלדעניו זאָל קענען שרייבן. ער האָט געעפנט דאָס קוויטל און געזען אָנגעשריבן עטלעכע ווערטער, נאָר איבערליינען האָט ער נישט געקענט, ווייל ער האָט זיך קיינמאָל נישט געלערנט שרייבן.

שוין לאַנג האָט אברהמל באַקומען אַ שטאַרקן חשק זיך אויס־צולערנען שרייבן. נישט איינמאָל האָט ער צו זיך געזאָגט: איך זאָל

צליין זאָגן גאָלדעניון גלייך אין די אויגן, אַז איך האָב זי ליב, וואָלט איך מיך אַזוי פאַרשעמט און רויט געוואָרן, אַז איך וואָלט געבליבן אין חלשות. נאָר ווען איך זאָל קענען שרייבן, וואָלט איך איר געגעבן אַ קוויטעלע, אין וועלכן עס וואָלט געווען אָנגעשריבן: „טייערע שיינע גאָלדעניו! דו זאָלסט וויסן, אַז אברהמל האָט שטאַרק ליב גאָלדעניון" — און איך וואָלט זיך אונטערגעשריבן: „אברהמל פון דער גרויסער קלויז".

נאָר אברהמל האָט נישט געקענט שרייבן, פלעגט דאָס אים זייער קרענקען, און אַ צַט ווײַל ער שוין געוואָלט דערלעבן, עס זאָל ווערן נאַכט, ער זאָל גיין צו יאַכצין און פרעגן גאָלדעניון, וויאַזוי זי האָט זיך אויסגעלערנט שרייבן און ווער האָט איר געוויזן, וויאַזוי מען קען שרייבן.

ווען אברהמל איז היינט אין אָוונט געקומען, האָט ער נישט געטראָפן יאַכצין אין שטוב. גאָלדעניו האָט אים דערציילט, אַז איר מוטער האָט איר אָנגעזאָגט, אַז היינט פאַרנאַכט וועט זי גיין אָפּטראָגן די זאָקן, וואָס זי האָט אויסגעאַרבעט פאַר אייניקע באַלע-באָסטעס און זי זאָל בלייבן אינדערהיים אכטונג געבן אויף דער שטוב. האָט זי אים געשריבן, ער זאָל קומען צו איר זיצן ביז די מאַמע וועט קומען, ווייל עס וואָלט איר געווען לאַנגווייליק צו זיצן איינע אַליין אין שטוב. אַז אברהמל האָט זי געפרעגט, וואָס עס שטייט געשריבן אין קוויטל, האָט זי אין אים איבערגעלייענט די ווערטער: „אברהמל, נאַ דיר צוויי גראָשן, דו זאָלסט פאַרנאַכט קומען צו אונדז אין שטוב קויפן פלעצלעך". ביידע קינדער האָבן זיך דערביי צעלאַכט. גאָלדעניו האָט זיך זייער געוווּנדערט, וואָס אברהמל קען נישט לייענען, ווייל זי האָט געמיינט, אַז אַזאַ יינגעלע, ווי ער, דאַרף אַלץ קענען.

זי האָט אים דערציילט, אַז איר „פעטער" יעקב שפּיצבוים האָט זי אויסגעלערנט שרייבן, און אויב אברהמל וויל, וועט זי בעטן דעם „פעטער", וועט ער אים ווייזן ווי אַזוי מען לערנט זיך אויס שרייבן. אברהמל האָט אַזש פאַר פרייד אונטערגעשפּרונגען. אַ קורצע צייט נאָכדעם האָט שפּיצבוים אָנגעהייבן לערנען אברהמלען שרייבן און אין אַ חודש אַרום האָט אברהמל אַזוי גוט אויסגעלערנט זיך שרייבן, אַז ער האָט שוין געקענט כמעט אַזויפיל, ווי גאָלדעניו. שפּיצבוים

האָט איר געזאָגט, אַז אברהמל האָט אַ גוט קעפּל, ער לערנט מיט חשק און וועט קענען לערנען.

פון דער צייט אָן האָבן ביידע קינדער אָנגעהייבן לערנען אין איין צייט, צוויי שעה בייטאָג. שפּיצבוים האָט פון ביידע תלמידים אָנגעקוואָלן. זיי זענען געווען זיין טרייסט, זיין גאַנץ לעבן. נאָך זיין אַרבעט, אין זיינע פרייע מינוטן, פלעגט ער נאָר ליב האָבן צו פאַרברענגען מיט די צוויי קינדער, און זיי ביידע האָבן אים גערופן „פעטער".

די צוויי קינדער האָבן זיך וואָס ווייטער מער ליב באַקומען.

• •
•

אין דער צייט איז אין שטאָט נעזווינק געשטאַנען אַ פּאָלק מיליטער, ביי וועלכע עס האָט זיך געפונען אַ יידישער שניידער, וועלכן אַלע האָבן גערופן „דער פּאָלקאָוואָי שניידער", ער פלעגט נייען פאַר דעם פּאָלקאָווניק מיט די אָפיצירן זייערע מיליטערישע מונדירן, און וווהין דער פּאָלק איז געפאָרן, איז דער יידישער פּאָל-קאָוואָי שניידער אויך מיטגעפאָרן.

די מיליטערישע קליידער פאַר די אָפיצירן האָט דער ייד גע-נייט, נאָר אויף צו מאַכן די געגיידעטע און געזילבערטע עפּאָלעטן און שנירלעך האָט דער יידישער שניידער לעבן זיך געהאַלטן אַ העלפער, אַן אַלטן דייטש, אַ קינסטלער אין דעם פאַך פון העפטעריי.

דער דייטש האָט געהאַט אַ פרוי און עטלעכע מיידלעך, וואָס פלעגן מיט אים אַרבעטן.

שפּיצבוים איז געווען באַקאַנט מיט דעם אַלטן דייטש, ווייל ער איז געווען דער איינציקער אין שטאָט, וואָס האָט געקענט אַ ביסל דייטש שרייבן, און דער דייטש פלעגט אָנקומען צו שפּיצבוימען, ער זאָל פאַר אים שרייבן בריוו און אַדרעסן, וואָס ער פלעגט שיקן צו זיינע אייגענע אין דייטשלאַנד, און אויך איבערלייענען די בריוו, וואָס דער דייטש פלעגט פון דאָרטן באַקומען. דאָס אַלץ פלעגט

שפּיצבוים טאָן פאַר אים אָן אַ גראָשן געלט, און דערפאַר איז דער ייִד שפּיצבוים געווען ביים דייטש דאָס אויבערשטע פון שטייסל. ער האָט אים זייער ליב באַקומען און געזוכט אַ צופאַל, ער זאָל אים מיט עפּעס אָפּדינען. און דער צופאַל איז גיך געקומען.

ווען גאָלדעניו האָט שוין געקענט גוט לייענען און שרייבן, האָט שפּיצבוים איר געזאָגט:

— מיין קינד, פאַר אַזאַ מיידל, ווי דו, איז גענוג וואָס דו קענסט. נאָר עס איז שוין נישט שיין פאַר דיר זיך צו פאַרנעמען מיט אַזאַ זאַך, ווי פאַרקויפן רעטשענע פּלעצלעך. דאָס פּאַסט פאַר אַן אַלטער ייִדענע, אָדער פאַר אַ קליין קינד. דו ביזט שוין נישט קיין קינד, איך האַלט דיך שוין פאַר אַ מענטשן. דערפאַר, מיין קינד, האָב איך אָפּגערעדט מיט מיין גוטן פריינט, דעם דייטש, „דער פאָלקאָוואַי העפטער", אַז ער זאָל דיך לערנען העפטן. דאָס ערשטע יאָר, פאַרשטייט זיך, וועסטו אַרבעטן אומזיסט. דערנאָך וועט מען דיר צאָלן נאָך דיין ווערט. זיין ווייב און זיינע קינדער אַרבעטן אויך. זיי וועלן דיך לערנען און דו וועסט זיי געוויס פאָלגן.

און נאָכדעם האָט גאָלדעניו אויפגעהערט צו טראָגן פּלעצלעך אין קלויז אַריין און האָט אָנגעהייבן צו גיין אַלע טאָג צו דעם פאָלקאָוואַי העפטער אַרבעטן.

גאָלדעניו, אָדער ווי מען האָט זי איצט גערופן, „גאָלדע", האָט מיט איר געדולט און פלייס אָפּגעאַרבעט צוויי יאָר ביי דעם דייטש, ביז זי האָט שוין באַקומען אַ פיינעם געהאַלט. אַזוי איז געווען כּל זמן דער פּאָלק איז געשטאַנען אין נעזווינק. נאָר אַז דער פּאָלק איז אויף שטענדיק אַוועק אין אַנדער שטאָט, איז אויך דער פאָלקאָוואַי העפטער אַוועקגעפאָרן פון נעזווינק. גאָלדע האָט אָנגעהייבן אויסנייען, שטריקן, העפטן שיכלעך, לאַנדשאַפטן, סאַמעטענע קישנס. שפּעטער האָט זי אויך אָנגעהייבן אויסהעפטן פּרוכתן פאַר די שולן, און פון דעמאָלט אָן האָט מען זי אין שטאָט אָנגעהייבן צו רופן: „די שיינע העפטערין", אָדער „די גאָלדענע העפטערין".

גאָלדע האָט באַקומען אַזאַ שם פאַר אירע שיינע אַרבעטן, אַז פון אַנדערע שטעטלעך, ווו פרומע ווייבער פלעגן אויף יום־טובֿ מנדר זיין אַ נייעם פּרוכת אין אַ שול, צי אין קלויז, אָדער אַ מענטעלע אויף דער תּורה, פלעגט מען קומען קיין נעזווינק צו גאָלדען, און מען האָט זיך גאָר מיט איר נישט געדונגען. זי האָט נאָר צוגענומען

די זיידענע אָדער סאַמעטענע שטאָף און האָט שוין אויסגעשטיקט אַזוינע שיינע לייבן מיט קרוינען, צווייגלעך און גאָלדענע אותיות מיט פייגעלעך, אַז עס איז געווען אַ גאָטס-ווונדער און מען פלעגט איר באַצאָלן, וויפל זי האָט געוואָלט.

איר מוטער, יאַכצי, האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו באַקן פלעצלעך, נאָר פאַרריכטן זאָקן האָט זי נאָך נישט אָוועקגעוואָרפן און זיי ביידע האָבן געהאַט פרנסה בכבוד.

ווען אברהמל האָט צוזאַמען מיט גאָלדען געלערנט ביי שפּיצ-בוימען, האָט ער פיל מער פון איר געלערנט, און טאַקע באַלד, ווען גאָלדע איז אַריין צום דייטש אַרבעטן, האָט אים שפּיצבוים געהייסן פאָרן קיין זשיטאָמיר אין דער ראַבינערשולע. אינאַנהייב האָט ער דאָרט זייער געליטן פון נויט און אָרעמקייט, נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס שפּ־צבוים מיט גאָלדען פלעגן אים מיט אַ ביסל געלט מיטהעלפן, איז ער איבערגעגאַנגען די ערשטע קלאַסן, און דערנאָך האָט ער אַליין געגעבן לעקציעס און האָט זיך גאַנץ פיין פאַרדינט זיין ברויט.

שפּ־צבוים איז ווידער געבליבן אַליין, נאָר איין פאַרגעניגן איז אים געבליבן: אַלע וואָך פלעגט ער באַקומען פון אברהמלען בריוו, איינעם פאַר אים און איינעם פאַר גאָלדען. ער פלעגט צוזאַמען מיט גאָלדען די בריוו איבערלייענען און צוזאַמען ענטפערן. אַזוי איז געווען יעדע וואָך. איין מאָל אין יאָר, אין די זומערדיקע חדשים, פלעגט אברהמל, אָדער ווי מען האָט אים שוין גערופן, „אַבראַם”, קומען צו גאַסט קיין נעזווינק. און דעמאָלט איז שפּיצבוים געווען דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט.

• •
•

אברהם גאָלדשמידס פאָטער, ר' זלמן מקובל, זייער אַ פרומער ייד, וואָס די ווייבער פלעגן אים האַלטן פאַר איינעם פון די למד-וואָוניקעס, האָט זיך אַליין מיט דער צייט איינגערעדט, אַז ער איז אַ „למד-וואָוניק”, און האָט זיינע גאַנצע יאָרן פאַרבראַכט ביי דעם

רבין אין קלויז און איז געוואָרן אַ פּרוש. אַז ער האָט געזען, אַז זיין אברהמל, פון וועלכן ער האָט געהאָפט, אַז ער וועט ווערן אַ רב, איז גאָר אַוועקגעפאָרן קיין זשיטאָמיר אין דער אַפּיקורסישער ראַבינער-שולע, האָט ער שוין זיינע אַנדערע צוויי ייִנגלעך, בעריש און כייקל, נישט געוואָלט געטרויען דער קלויז, און האָט זיי ביידע אַוועקגעגעבן לערנען אַ מלאכה, צו אַ שמיד, אַן אַלטן גוי, וואָס האָט געהאַט אַ „קוזניע" אונטער דער שטאָט. אויף דעם גוי פלעגט דער עולם מורמלען, אַז ער איז אויך איינער פון די למד-וואָוניקעס, אי, וואָס ער איז אַ גוי? מאַכט ער זיך אַזוי, מען זאָל אים נישט דער-קענען.

ביים עולם איז פון תמיד אָן אָנגענומען, אַז די אמתע למד-וואָוניקעס געפינען זיך נאָר צווישן פּראָסטן עולם, כדי מען זאָל זיי נישט דערקענען.

ר' זלמן מקובל האָט געזאָגט צו זיך: איך בין שוין נישט קיין געכטיקער בית-המדרשניק און האָב אויף מיין לעבן געזען, אַז ווי נאָר אַן אַפּיקורוס, וואַקסט ער אַרויס פון בית-המדרש. וואָרים ווי עס איז אַ סך קדושה, מוז אויך זיין אַ סך טומאה. און דאָס ווייסט דאָך יעדער, אַז די טומאה האָט תמיד מער כוח, ווי קדושה, דערפאַר איז שווער, אַז פון בית המדרשניק זאָל ווערן אַ למד-וואָוניק און דערפאַר טאַקע ווערן צום מיינסטן פון בית-המדרשניקעס — אַפּיקורסים, רחמנא ליצלן. צווישן בעל-מלאכות אָבער איז נישטאָ קיין קדושה און קיין טומאה, דערפאַר איז קיין סכנה נישט פאַראַן, אַז אַ בעל-מלאכה זאָל ווערן, חס-ושלום, אַן אַפּיקורוס, און ווען מיינע ייִנגלעך איז באַ-שערט צו זיין למד-וואָוניקעס, וועלן זיי דווקא ווערן טאַקע ביי דעם גוי, וואָס וווינט אונטער דער שטאָט, ווייט פון מענטשן און האָט אַן אַלטע „קוזניע", ווו עס ברענט טאָג ווי נאַכט פייער און ווו קיין טומאה קען באַין אופן נישט קומען צו מיינע קינדער... און אַז צווישן די פּראָסטע „קאָוואַליעס" געפינען זיך די אמתע למד-וואָוניקעס, ווייסט דאָך יעדער.

אַזוי פלעגט רעדן ר' זלמן מקובל אונטער דער הרובע אין קלויז וועגן זיינע צוויי קינדער, און איז געווען זייער צופרידן, וואָס ער האָט זיי אַוועקגעגעבן צום אַלטן שמיד, און פון זיין עלטערן זון, אברהמלען, האָט ער אַוועקגענומען די האַנט פון הארצן. ער האָט

אים גערעכנט פאַר אַ פאַרפאַלענעם מענטשן, פאַר אַ געשטאָרבענעם, נאָך וועלכן מען דאַרף זיצן שבעה.

אין יאָר 1873 האָט מען פאַרמאַכט די ראַבינערשולע. דעמאָלט איז שוין אברהם גאָלדשמיד געגאַנגען אין די העכערע קלאַסן. ער איז אַוועק קיין אדעס און מיט אַ יאָר שפּעטער האָט ער געהאַלטן עקזאַמען און איז אַריין אין אדעסער אוניווערזיטעט, ווו ער האָט געענדיקט דעם יורידישן פאַקולטעט. מיט דעם דיפּלאָם אין די הענט האָט ער אָנגעהייבן זיך באַטראַכטן, וואָס ער זאָל טאָן, צו וואָס ער זאָל זיך נעמען? קיין גראָשן האָט ער אין קעשענע נישט געהאַט. ער האָט געוואָלט אַריין צו אַן אַדוואָקאַט פאַר אַ געהילף, איז גראַדע נישט געווען קיין פרייע שטעלע, און ווידער האָט מען באַדאַרפט האָבן גוטע פּראָטעקציעס, וואָס האָבן אָפט פיל מער ווערט פון די בעסטע דיפּלאָמען.

אַליין דערוויל צו ווערן אַן אַדוואָקאַט, איז אויך נייטיקער פאַר אַלץ צו האָבן געלט. מען מוז דינגען אַ שיינע דירה אויף אַ שיינער גאַס. מען מוז שיין אויסמעבלירן עטלעכע צימערן און מאַכן אַ שיינע שילד מיט גאָלדענע אותיות; אָן דעם קען מען נישט זיין קיין אַדוואָקאַט, מען מעג האָבן געענדיקט צען אוניווערזיטעטן. געלט האָט אָבער גאָלדשמיד נישט געהאַט, כאָטש ער איז געווען זייער אַ פעיִקער מענטש און האָט זיין זאַך זייער גוט פאַרשטאַנען. דאָך האָט ער פאַרלוירן דעם צוטרויען צו זיך אַליין. ווי אָפט קומט דאָס אין לעבן פאַר, אַז די פעיִקסטע מענטשן ווערן איבער אַזוינע קלייניקייטן פאַרלוירן! גאָלדשמיד האָט אָנגעהייבן זוכן אַ קלענערע שטעלע, אַלס אַ בוכהאַלטער, אָדער אַזוי אַ שטעלע אין אַ קאָנטאָר, נאָר צו דעם מוז מען אויך האָבן גוטע פּראָטעקציעס, און דאָס האָט אים געפעלט. דער יונגער, פלייסיקער גאָלדשמיד, מיט אַלע רעכט צו פאַרנעמען אַ פּלאַץ, האָט זיך געפונען אין זייער אַ ביטערער לאַגע אין דער שיינער אדעס.

איין וועג איז אים איבערגעבליבן: צו פאַרקויפן זיין דיפּלאָם פאַר אַ צענטויזנט רובל אויף דער דעמאָלטיקער אָדעסער שדכנות-בערזע, דאָס הייסט חתונה האָבן פאַר אַ רייכע כלה.

דער יונגער אַדוואָקאַט גאָלדשמיד האָט אויף דעם אופן גע-קענט באַקומען אַ כלה פון צען ביז פופצנטויזנט רובל און האָבן ביי זיין שווער אַ שיינע דירה, מיט מעבל און דערצו נאָך פּראָ-

טעקציעס און לעבן ווי עס פּאַסט פאַר אַן אַדוואָקאַט, נאָר אברהם גאָלדשמיד האָט נאָך קיין מינוט נישט פאַרגעסן זיין שיינע גאָלדעניו, און קיין שום שדכנים־קורסן האָבן אים נישט געקענט רירן.

זייער שלעכט איז איצט געווען דעם יונגן גאָלדשמידן, וועלכער האָט גערעכנט, אַז ווען ער וועט אַרויס פון דעם אוניווערזיטעט אין דער וועלט אַריין און אָנהייבן פירן אַן אַרבעטזאַם לעבן, וועט ער זיך קענען דורכשלאָגן אין לעבן. אָבער ס'איז נישט געגאַנגען. ער האָט שוין אָנגעהייבן פאַרלירן דעם געדולד און שטאַרק ביי זיך אַראָפּפאַלן, נאָר דער לעצטער בריוו פון זיין אַלטן געטרייען לערער שפּיצבוים האָט אים מיטאַמאָל געעפנט זיינע אויגן.

שפּיצבוים האָט אים אין קורצן געשריבן, אַז ער האָט גוט איבערגעלייגט זיין לאַגע און ווי אַ פריינט גיט ער אים די בעסטע עצה, ער זאָל צוריק קיין נעזווינק קומען און דאָרט ווערן אַ לערער, ווייל מען דאַרף טאַקע דאָ האָבן אַ גוטן לערער.

„איך בין שוין אַלט און לערן נאָך דער אַלטער מעטאָדע", האָט אים שפּיצבוים געשריבן. „דו ביזט יונג און קענסט איז נעזווינק זייער פיל נוצן ברענגען און טאַקע צוליב דעם האָב איך דיך גע־לערנט און צוועקגעשיקט אין דער ראַבינערשולע. זאָרג נישט, מיין קינד, וואָס דו ביזט נישט אימשטאַנד צו ווערן אַ בערימטער אַד־וואָקאַט. איך קען אַ סך קלויזנער יינגלעך, וואָס זענען געוואָרן באַ־וואוסטע דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן און האָבן גאָר פאַרגעסן דעם צוועק, צו וואָס זיי האָבן געלערנט, אַזוי, אַז פאַר אונדז, יידן, וואָלט גלייכער געווען, אַז זיי זאָלן געווען בלייבן אין קלויז „בית־המדרשניקעס", דערנאָך איידעמלעך און שפּעטער יידן פון ווייב און קינדער, כאָטש פון אַזוינע יידן איז שווער צו דערוואַרטן גרויסע נוצן פאַר אונדזער פאָלק. נאָר צום ווייניקסטן ברענגען זיי כאָטש אַ ביסל נוצן, ווען נישט פאַר דעם כּלל, איז כאָטש — פאַר איינציקע מענטשן. אַזוינע יידן וועלן קיינמאָל נישט לאָזן הונגעריק דעם אָרעמאַן. דעם אביון זעצט ער ביי זיין שבתדיקן טיש אויבנאָן און גיט אים עסן גלייך מיט זיך. אַזעלכע יידן שעמען זיך כאָטש נישט מיט זייערע אייגענע ברידער און וועלן זיי קיין שלעכטס נישט טאָן.

„וויפל שיינקייט געפינט זיך אין די ווערטער „אַן אורח אויף שבת!" אַן אָרעמאַן פלאָגט זיך אַ זעקס טעג אין דער וואָך, ער עסט נישט, ער הונגערט, נאָר דעם זיבעטן טאָג — שבת אָדער יום־

טוב פילט דער אָרעמער ייד, אַז ער איז אויך אַ מענטש גלייך מיט אַלע. דאָס איידעלע געפיל צו דעם אורח, צום פרעמדן און עלנטן געפינט מען ביי יעדן געוויינלעכן יידן.

„דער ייד, וואָס וואַקסט אויס אין בית־המדרש, וועט קיינמאָל נישט אָפּזאָגן אַ נדבה דעם אָרעמאַן. דער אינטעליגענטער ייד, וואָס טוט נאָך די היינטיקע אייראָפּעישע סיסטעמעס פון צדקה, אַז מען דאַרף געבן אַ נדבה, אונטערזוכט ער פריער דעם אָרעמאַן, צי איז ער געזונט אָדער קראַנק... דער בית־המדרש־ייד ווייסט נאָר, אַז ער דאַרף געבן צדקה אַזוי ווי עס איז פון לאַנגע יאָרן איינגעפירט ביי יידן. ביי די יידן, וואָס האָבן זיך דערצויגן אין בית־המדרש, זעען מיר אויף יעדן טריט, אַז אין זייערע הערצער פלאַמט דאָס הייליקע פייער פון יידישן „רחמנות", פון דעם יידישן ווייכן האַרץ.

„און אַז מיר זעען אַמאָל פון די קלויז־יידן שלעכטס, אַזוינע זאַכן, וואָס זענען אַ חרפה פאַר יידן, זענען זיי אין דעם נישט שולדיק. אין דעם איז נאָר שולדיק זייער אומוויסנקייט און פינסטערניש, אין וועלכע זיי לעבן אַזויפיל יאָרן. זיי זענען אַזוי פאַרבלענדט, אַז זיי מיינען, אַז אין זייער פינסטערניש באַשטייט די יידישקייט און מען דאַרף זיך גאָר בעסער נישט אויפפירן.

„נאָר וואָס זעען מיר פון אונדזערע היינטיקע געבילדעטע, שטודירטע יידן? וויפל איז דאָ יידישע יוריסטן, וואָס דער חילוק צווישן זייער איצטיקער בילדונג און זייער פריערדיקער נישט געביל־דעטקייט, בשעת זיי זענען געווען בית־המדרשניקעס, באַשטייט אין דעם, וואָס איצט הייסן זיי: מאָריץ אָדער מאָריס, איוואַן, יעפים, און פריער האָבן זיי געהייסן: חיים, שלמה, בערל און יאָסל. אָבער וואָס האָט דאָס יידנטום פון זיי? חוצדעם, וואָס זיי האָבן איבערגע־ביטן די נעמען, מען זאָל זיי, חס־ושלום, נישט דערקענען, אַז זיי זענען יידן, האָבן זיי שוין פאַרגעסן ווער זיי זענען פריער געווען, פונוואַנען זיי קומען אַרויס. בשעת זיי זענען געווען קלויז־ייִנגלעך, ישיבה־בחורים, טאָג־פרעסערס, יאָרצייט־טרינקער און האָבן בסוד געלייענט טריף־פסולדיקע ספרים, האָבן זיי דאַן ביי זיך אַליין אַנדערש געטראַכט: ווי נוצלעך צו זיין דעם יידישן פאָלק. דעמאָלט האָבן זיי נאָך גע־דענקט אָן דעם יידיקן צוועק – עפּעס צו טאָן פאַר זייער פאָלק, פון וועלכן זיי שטאַמען אַרויס. נאָר קוים זענען זיי אַריין אין די גימנאַזיעס אָדער אין די אוניווערזיטעטן, האָבן זיי דאָס אַלץ גאָר

פאַרגעסן. זיי האָבן אָנגעהייבן זיך צו שעמען מיט דעם נאָמען ייד. היינט ווי אַזוי לעבן זיי און ווי אַזוי דערציען זיי זייערע קינדער?

„העברעיִש, די הייליקע שפּראַך, וואָס אפשר אַ דאַנק איר האָבן מיר, יידן, נישט אויפגעהערט צו עקזיסטירן—לאָזן זיי זייערע קינדער נישט לערנען, זיי זאָגן, אַז דאָס איז אַ טויטע שפּראַך. זי קען קיין שום נוצן נישט ברענגען.

„העברעיִש, אונדזער הייליקע שפּראַך, איז ביי זיי אַ טויט לשון, וואָס קען זיי קיין שום נוצן נישט ברענגען. גמרא, דער מאָנומענט פון אונדזערע אַמאָליקע געלערנטע, האַלטן זיי אינגאַנצן פאַר איבעריק. יידיש, אונדזער מאַמע לשון, וואָס מיליאָנען יידן רעדן און פאַרשטייען און מען קען דורך דער שפּראַך אויפקלערן דאָס פּראָסטע פאָלק און זיי בילדן, איז ביי זיי גאָרנישט און לאַכן זיך אויס און שעמען זיך מיט יידיש.

„די געבילדעטע פאַרגעסן גאָר, אַז דאָס, וואָס זיי רעדן מיט דעם פאָלק אויף רוסיש, איז גאָר אומזיסט. דער פּראָסטער ייד פאַרשטייט אים גאָרנישט און וועט אים נאָך לאַנג נישט פאַרשטיין. צייטונגען און ביכער אויף רוסיש זענען נישט פאַר דעם פּראָסטן יידישן פאָלק. העברעיִשע ביכער האָבן, ווידער, אַן אַנדערן הייליקן צוועק. נישט אַ טעלעכער פאַרשטייט אַזויפיל העברעיִש. זיי קענען דערפאַר נישט ווירקן אַזוי ווי די פאַרשטענדלעכע יידישע שפּראַך.

„זינט מען האָט אָנגעהייבן אַרויסצוגעבן צייטונגען פאַר יידן, וויפל האָבן זיך אומזיסט אונדזערע בעסערע מענטשן אויסגערעדט די גאַל און האָבן געמיינט דערמיט צו ווירקן אויף דעם פּראָסטן עולם? וויפל נוצן וואָלטן זיי אָבער געקענט ברענגען, ווען זיי זאָלן געוועזן שרייבן אויף פּראָסט יידיש, וואָס אַלע פאַרשטייען?

„סטייטש, זאָגן אונדזערע פאָלקס-פאַרזאָרגערס, די משכילים, מיר זעען דאָך פאָרט, אַז די גימנאַזיעס מיט די אוניווערזיטעטן זענען פול מיט יידישע קינדער, מיר האָבן שוין פאָרט, טענהן זיי, אונדזערע דאָקטוירים, יוריסטן און אייראָפּעיִשע געלערנטע. זעט מען דאָך, אַז אונדזער שרייען, אַז יידן דאַרפן זיך בילדן, איז נישט געווען אומזיסט.

„אין די גרויסע שטעט בילדן יידן זייערע קינדער און געניסן

פון דער ציוויליזאַציע, אָבער אין דער פּראָווינץ, אין דעם גרויסן, נאָר ענגן „יידישן תחום", ווו די גרעסטע צאָל יידן געפינען זיך, לעבט מען אין דערזעלבער פינסטערניש, ווי פריער, און עס איז נישטאָ ווער עס זאָל אין דעם גרויסן יידישן תחום איינפלאַנצן בילדונג צווישן יידן, ווי אין די גרויסע שטעט".

דער אַלטער משכיל שפּיצבוים שרייבט אויס אין זיין בריוו צו זיין געוועזענעם שילער גאָלדשמידן:

„מיר דאַרפן דאָ, האָבן פרישע יונגע קרעפטן אַזוינע ווי דו, וואָס זאָלן אַרבעטן דאָ אין תחום פאַרן יידישן פאָלק!"

גאָלדשמיד, לייענענדיק דעם בריוו פון זיין אַלטן לערער, האָט אָנגעקוואָלן פון יעדן וואָרט און באַוואונדערט, ווי דער אַלטער שפּיצבוים שרייבט מיט פייער און פול מיט ליבע וועגן זיינע אָרעמע ברידער אין דעם יידישן תחום, און נישט אָפּרייסנדיק זיך פונעם בריוו, האָט ער ווייטער געלייענט:

„דאָס אומגליק איז, וואָס אונדזערע געבילדעטע ווילן זיך נישט מער צוקוקן צו דער לאַגע פון זייער פאָלק; ווי זיי גייען נאָר אַרויס פון די אוניווערזיטעטן, דענקען זיי באַלד נאָר וועגן מאַכן אַ קאַריערע; און ווען עס בראַט שוין צו שטאַרק די אומגליקלעכע יידנפראַגע, וואַרפן זיי אַמאָל אַריין אַן אַרטיקל אין אַ רוסיש-יידישער צייטונג, און מיינען, אַז דערמיט האָבן זיי שוין גאָט ווייסט וואָס פאַר אַ וווּנדער געטאָן פאַר זייער פאָלק. ניין, נישט אין דעם באַשטייט גוטס טאָן פאַר אייגענע ברידער. עס וואָלט צייט געווען, אַז די יידישע יונגעלייט, ווען זיי ענדיקן די אוניווערזיטעטן, זאָלן זיך נישט אָפּרייסן פון יידישן פאָלק און זען, אַז יידישע קינדער זאָלן זיך בילדן. געגוג זיך צו וואַרפן נאָר אין די גרויסע שטעט, דאָרט איז פאַר יעדן דאָ אַ מעגלעכקייט עפּעס צו לערנען. אין די קלענערע יידישע שטעט קענען אַזעלכע געבילדעטע יונגעלייט מיט מער נוצן ווירקן פאַר זייערע ברידער. אַזעלכע יונגעלייט, ווי דו און אַנדערע, וואָס האָבן באַקומען הויכע בילדונג, דאַרפן קומען צו אונדז אין יידישן תחום און אַרבעטן פאַר זייערע ברידער. טוט נישט נאָך די פאַלשע געבילדעטע, וועלכע, וויבאַלד זיי קענען נאָר אַ וואָרט רוסיש אָדער דייטש, פירן זיי זיך אויף און שפּרינגען פון דער הויט, מען זאָל זיי נישט דערקענען פאַר יידן. אָט די

לייט זענען דאָס גרעסטע אומגליק פאַר יידן. איבער זיי פאַראַכטן די קריסטן דאָס גאַנצע יידנטום, און עס וואָלט געוויס בעסער גע-ווען פאַר אונדז, זיי זאָלן בלייבן ישיבה-בחורים, ווי פריער, און נישט רייסן זיך צו השכלה, צו בילדונג".

שפּיצבוים האָט אין זיין לאַנגן בריוו שטאַרק צוגערעדט גאָלד-שמידן, ער זאָל ווי מעגלעך באַלד צוריקקומען קיין נעזווינק און ווערן אַ לערער; ער האָט אים פאַרזיכערט, אַז ער וועט האָבן פּרנסה בכבוד און וועט דעם גרעסטן נוצן ברענגען די נעזווינקער יונגעלייט און קינדער. דערביי האָט ער אים מודיע געווען, אַז דער קאָוואַל, ביי וועלכן זיינע צוויי ברידער האָבן געלערנט, איז געשטאָרבן און האָט זיי ביידע איבערגעלאָזט זיין קוזניע. איצט גלויבט נאָכמער זיין פאָטער, אַז דער גוי איז געווען אַ למד-וואָניק. די צוויי ברידער גייט עס זייער גוט; זיי האָבן ביי דער קוזניע איינגעפירט אַ שלאָ-סעריי, ביי זיי לערנען זיך די מלאכה עטלעכע יידישע קינדער, און ער, שפּיצבוים, אין דער פרייער צייט, גיט אויף זיי אַכטונג און לערנט זיי שרייבן און לייענען. פון גאָלדשמידן אַליין ווייל זיין פאָ-טער נאָך עד היום גאָרנישט וויסן, ווייל גאָלדשמיד האָט געלערנט אין דער ראַבינערשולע.

גאָלדע האָט אים אויך געשריבן אַ לאַנגן בריוו; זי האָט אים דערציילט פון זיך, אַז עס גייט איר זייער גוט און זי פאַרדינט איר אַרבעט זייער גוט. זי האָט אים אויך שטאַרק צוגערעדט, ער זאָל קומען און ווערן אַ לערער אין נעזווינק, ווייל דאָס איז געזונטער פאַר אים און נוצלעכער פאַר אַלע, איידער אַרומצוגיין ליידיק אין אָדעס.

אברהם גאָלדשמיד האָט ביידע בריוו אַמאָל צען איבערגעלייענט און האָט געזאָגט צו זיך: אין דער אוניווערזיטעט, וואָס איך האָב געענדיקט, זענען דאָ פיר קורסן, דער בריוו פון מיין אַלטן געטרייען לערער איז דער פינפטער קורס און דער לעצטער. איצט ווייס איך, וואָס איך האָב צו טאָן. איצט פאַרשטיי איך דעם צוועק פון מיין לעבן.

עטלעכע טעג האָט ער שטאַרק געטראַכט וועגן דעם בריוו און איבער דער דערפאַרונג, וואָס ער האָט שוין געמאַכט אין זיין לעבן, ביז ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז מער דאַרף ער קיין צייט נישט פאַרלירן אין אָדעס.

מיט אַ לויטערן קאָפּ, מיט ליכטיקע אויגן, מיט אַ וואַרעם האַרץ צו זיין פאָלק און מיט דער בעסטער האָפענונג, איז גאָלד־שמיד באַלד אָפּגעפאָרן פון אָדעס קיין נעזווינק.

נייע מינים ליבעס.

שוין מער פון אַ שעה, אַז די שיינע העפטערין האָט אָוועק־געלייגט איר אַרבעט, און איז אַליין אַרומגעגאַנגען אין איר צימער הין און צוריק, און אברהם איז נאָך נישט געקומען. די אויגן האָבן איר שוין אָנגעהייבן ווי צו טאָן, קוקנדיק אין דער זייט, פונוואַנען גאָלדשמיד פלעגט צו איר קומען יעדן אָוונט, און איצט — אַזוי שפּעט, און ער איז נאָך נישטאָ.

— דער פּעטער האָט געזאָגט, אַז ער וועט אויך היינט ביי אונדז זיין, — האָט זי גייענדיק געזאָגט צו זיך אַליין, און אַלעמאָל זיך אָפּגעשטעלט און גענומען די עקן פון אירע לאַנגע, שיינע צעפּ און צוגעטוליעט צום מויל, גלייך ווי די צעפּ וועלן איר העלפן טראַכטן און טרעפן, פאַרוואָס אברהם קומט נאָך נישט.

— דער פּעטער האָט געזאָגט, אַז ער וועט היינט מיט אונדז רעדן פון אַ וויכטיקער זאַך, און צום סוף איז אברהם נאָך נישטאָ.

לאַנג, זייער לאַנג האָט זיך ביי איר איצט געצויגן די צייט, און עס איז גאָר קיין וווּנדער נישט. זי איז שוין געוויינט אַלע טאָג אין דער צייט, און נאָך פריער מיט אַ שעה, זיך צו זען מיט גאָלדשמידן, צו רעדן מיט אים פון דעם טאָג, וואָס איז אָוועקגע־גאַנגען, אַזוי פלעגט די צייט גיך איבערלויפן, און איצט איז ער נאָך נישטאָ. פון וואָס האָט גאָלדע נישט איבערגעטראַכט אין דער לאַנגווייליקער שעה, וואַרטנדיק אויף גאָלדשמידן! זי האָט זיך דער־מאָנט, ווי זי פלעגט אַמאָל טראָגן אין דער גרויסער קלויז פלעצלעך, און האָט אַזוי ליב געהאַט צו באַרגן דעם שיינעם יינגעלע „אברהמלען";

שפעטער האָבן זיי צוזאַמען געלערנט ביים פעטער שרייבן און לייענען. אין אַלץ האָט זי זיך איצט דערמאנט ביז צו דער צייט, ווען גאָלדשמיד איז צוריקגעקומען פון אדעס אַ געבילדעטער, אַ „געענ־דיקטער" און איצט איז ער דער גרעסטער לערער אין געזווינק און פאַרדינט געלט, און לערנט אומזיסט אָרעמע קינדער, וועלכע פאַר־זאַמלען זיך אַלע טאָג אין אַ גרויסער שטוב. און דער פעטער שפּיצ־בוים גיט אכטונג אויף דער שטוב, וועלכע ער האָט אַ נאָמען גע־געבן: „תּלמוד תּורה". דער פעטער לערנט אויך מיט די קינדער און מען נעמט צונויף געלט פאַר די אָרעמע תּלמידים, כּדי זיי זאָלן נישט אַרומגיין הונגעריק, אָפּגעריסן און באָרוועס.

גאָלדע האָט נאָכאַמאָל זיך דערמאנט אין אירע קינדעריאָרן, ווען זי איז נאָך אַ קליין מיידעלע געווען, און איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ קויש פּלעצלעך צו פאַרקויפן. און איצט האָט זי אַן אייגענעם וואַרשטאַט און עטלעכע מיידלעך אַרבעטן ביי איר. זי רופט מען איצט: „גאָלדע די העפטערקע", און דער שיינער געלערנטער אברהם גאָלדשמיד, האָט זי ליב!

פון וואָס האָט זי דען נישט געטראַכט אין דער שעה, זינט זי־וואַרט און ריכט זיך יעדער מינוט, אַז ער וועט באַלד קומען, און קומט נישט. פון נישט האָבן וואָס צו טאָן האָט זי אָנגעהייבן ציילן די שטערן אויפן לויטערן זומער־הימל און האָט אויסגעמאָסטן די הויך פון דעם אַלטן בוים, וואָס געפינט זיך לעבן איר הויז. אַזוי האָט זי געשפּאַנט הין און צוריק, זיך אָפּשטעלנדיק אַלעמאָל, געקוקט אויף דעם שיינעם, בלויען הימל מיט זיינע גלאַנצנדיקע שטערן, דערנאָך האָט זי איבערגעטראָגן אירע אויגן מיט אירע געדאַנקען אויף דער שמאָלער סטעזשקע, וואָס ציט זיך גלייך אין מאַרק אַריין. פון דאָרט קומט גאָלדשמיד אַלע אָוונט. דערנאָך האָט זי זיך צוגעהערט צום רוישן פון דיביימער אין דעם שכנישן גאָרטן.

איר אַלטע מוטער „יאַכצי די מלמדקע", וואָס איז אויך נישט לאַנג אַרויסגעגאַנגען פון איר שטיבל, איז איצט געזעסן אויף דער פּריזבע, מיט איר אייביקן זאָק אין דער האַנט, מיט וואָס זי האָט זיך קיינמאָל נישט געשיידט.

ווען גאָלדע פלעגט איר אַמאָל זאָגן, זי זאָל אַוועקוואַרפן דעם זאָק, פלעגט יאַכצי ענטפערן:

— מען זאָל מיר אַפילו נישט וועלן באַצאָלן פאַר די זאָקן

אַרבעטן, וואָלט איך יענעם צוגעצאָלט, אַבי דרייען אַ זאַק. איך האָב מיך שוין אַזוי איינגעוויינט מיט דעם.

אַזוי זיצנדיק, האָט זי געדרייט די שפּיזלען מיט אירע דאַרע הענט און האָט ווי תמיד געקוקט קיין בויבעריק און האָט זיך גע־טראַכט: אויף וואָס פּאַר אַ שטערן קען זיך איצט געפינען איר מאַנס, דעם מלמדס נשמה, וואָס האָט אַלע זיינע יאָרן געלערנט מיט יידישע קינדער תורה. זי האָט נישט פאַרגעסן, אַז איר, יאַכציק, איז ביי זיין לעבן געווען אַזוי גוט ווי אַ קיסרין. דערנאָך האָט זי אַ קוק געטאָן אויף דער ערד און געטראַכט זיך: אַ מענטש ווערט באַשאַפן פון ערד און אַז ער שטאַרבט, ווערט פון איר ווידער ערד. אויף איר זאָק, וואָס זי האָט געאַרבעט, האָט זי אַפילו קיין קוק נישט געטאָן, ווייל זי איז ביי זיך פאַרזיכערט, אַז די אַרבעט גייט ביי איר גוט, און האָט אַלעמאָל געוואָרפן אַ בליק אויפן הימל אָדער אויף דער ערד, און ביי יעדן קוק אַ זיפץ געטאָן, געזיפצט, ווייל זי האָט זיך אַלעמאָל דערמאַנט, אַז אַ מענטש לעבט און דאַרף שטאַרבן. צולעצט האָבן זיך אירע אויגן אָפּגעשטעלט אויף איר טאָכטער, גאָלדע. דער מוטערס אויגן האָבן געקוואָלן, קוקנדיק אויף דעם, וואָס זי האָט געזען: אַ קינד, שיין ווי גאָלד, מיט אַ שלאַנקער טאַליע, שיינע, פאַרפלאָכטענע צעפּ, אַ רויטער, ווייס פּנים מיט אַ זיסן שמייכל אויף די ליפּן.

גאָלדע האָט דערהערט גאָלדשמידס טריט, זי איז אים געלאָפן אַקעגן מיט די ווערטער:

— ווי קומט עס, וואָס דו ביזט היינט אַזוי שפּעט געקומען?

— אַז דו וועסט מיך אויסהערן, וועסטו זען, אַז איך בין נישט שולדיק. היינט האָט זיך מיט מיר אַזוינס געטראָפן, אויף וואָס איך האָב זיך אויף מיין גאַנץ לעבן נישט געריכט.

גאָלדע האָט אים אַ קוק געטאָן גלייך אין די אויגן און עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז ער איז טרויעריק און עפּעס שלעכטס איבערגעטראָגן.

גאָלדשמידס געזיכט איז געווען בלאַס און דערשראָקן. זי האָט אים שטאַרק אָנגעכאַפּט ביי די הענט און זיך אַליין אָנגעשפּאַרט אָן אַ צווייג פון דעם בוים. די בלעטער פון דעם בוים האָבן אַ שטילן שאָרך געטאָן און עטלעכע פון זיי זענען אַראָפּגעפאַלן אויף דעם ערד.

— שרעק זיך נישט, מיין פריינט, — האָט גאָלדשמיד אָנגעהייבן, נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעאָטעמט און געקוקט אויף גאָלדען, ווי זי

באַטראַכט אים אַזוי שטאַרק, — שרעק זיך נישט, — האָט ער זי באַ־רויִקט, — איך בין שוין אַלץ איבערגעקומען.

— פייניק מיך נישט, אברהם, דערצייל מיר אַלץ, לייקן פאַר מיר נישט קיין זאַך.

ביידע האָבן אָנגעהייבן צו שפּאַצירן הין און צוריק לעבן הויז.

יאַכצי, וואָס איז נאָך אַלץ געזעסן אויף דער פריזבע און גע־דרייט איר זאַק, האָט איצט פּלוצלונג אַפּגעלאָזט דעם זאַק, געענטפערט גאָלדשמידן מיט אַ „גוט אָוונט", געקוקט אַ ביסל, ווי דאָס פּאָרל שפּאַצירט, און דערנאָך זיך ווייטער גענומען צו איר זאַק, געקוקט אויפן הימל דערנאָך אויף דער ערד און אַלעמאָל געגעבן אַ זיפץ.

דערווייל האָט אברהם דערציילט גאָלדען:

— ווען איך האָב מיך היינט אָפּגעפּאַרטיקט פון מיינע לעקציעס און האָב מיך, ווי געוויינלעך, געלאָזט גיין צו דיר, האָט מיך סאלאמאן באַגעגנט און איז פון מיר נישט אָפּגעטרעטן, איך זאָל גיין צו סיציליען. זי דאַרף מיר נייטיק האָבן... איך מוז דיר זאָגן דעם אמת, אַז איך האָב זייער נישט געוואָלט גיין צו איר. איך ווייס נישט, פאַרוואָס, נאָר זי האָט מיר אין דער לעצטער צייט אַזוי דערעסן מיט אירע פּוסטע קאָקעטסטווע און געפּלוידעריי, אַז איך וויך איר אויס דעם וועג, כדי איך זאָל זי נישט זען, ווייל איך קען קיינמאָל נישט פאַר־שטיין אירע ווערטער, וואָס זי רעדט צו מיר. מיך נודעט שטענדיק, ווען איך רעד מיט איר... איך האָב אין אָנהייב געמיינט, אַז זי פּלוי־דערט אַזוי, ווייל זי איז נאָך אַ יונג קינד, נאָר איצט איז זי שוין נישט קיין קינד און צום סוף איז זי נאָך אַזאַ נאַריש מיידל.

— הער נאָר אויף, אברהם, פאַר מיר צו רעדן שלעכטס וועגן אונדזערע מיידלעך. דערצייל מיר בעסער פון אייערע נאַרישע יונגע־לייט... פון אונדזערע מיידלעך ווייס איך אַליין גענוג.

— איך וויל דיר איצט גאָרנישט דערציילן פון קיין נאַרישע מיידלעך, איך דערצייל דיר נאָר, ווי איך האָב נישט געוואָלט גיין צו סיציליען, נאָר דער אומגליקלעכער סאלאמאן האָט מיך אַזוי געבעטן און פראָסט געוויינט, אַז איך האָב געמוזט מיט אים גיין.

— איך ווייס, ווי ער איז אומגליקלעך! ער האָט ליב סיציליען, נאָר נישט אַזאַ מיידל, ווי סיציליע קען אים ליב האָבן, —האָט גאָלדע זיך בעטראַכט און צוגעהערט, וואָס אברהם האָט דערציילט.

— נאָר שטעל דיר פאָר, אַז ווען איך האָב איבערגעטראָטן די

שווער פון איר צימער, האָט זי פאַר סאלאמאנען פאַרמאַכט און פאַר־שלאָסן די טיר און צו זיך אין קעשענע גענומען דעם שליסל. איך בין מיט איר אין צימער געבליבן פאַרשלאָסן, און סאלאמאן איז גע־בליבן פון יענער זייט טיר.

גאָלדע האָט אים איבערגעריסן די רייד און זיך אָנגערופן:

— איך מוז דיך אָפּשטעלן, אבּ״הם, און דיך בעטן מיר צו דער־קלערן, ווי אזוי איז גאָר מעגלעך ליב צו האָבן אזא מענטשן, ווי סיציליע, וועלכע באַגייט זיך אזוי נידעריק... מיר וווּנדערט זייער אויף סאלאמאנען, ווי קען ער אזא מיידל ליב האָבן?

— דאָס איז געוויס א וויכטיקע פראַגע, נאָר צו געבן דערויף א ריכטיקן ענטפער, דאַרף מען פיל מענטשן קענען און אויך א סך לערנען און לעזן. איך וועל מיך סטאַרען דאָס דיר צו דערקלערן, ווײַזנדיק מיין שכל טראָגט:

— ליב האָבן קען מען אויף אַלערליי אַרטן, און עס איז אזוי שווער זיי אויסצורעכענען, ווי עס איז שווער איבערצוציילן די שטערן אין הימל. נישט אַלע פאַרליבן זיך גלייך פון איינע און דיזעלבע סיבּות... איינער פאַרליבט זיך אין גוטע זיטן, כאָטש דער מענטש, וואָס פאַרמאָגט די גוטע זיטן, קען אים גאָרנישט ליב האָבן... איינער פאַרליבט זיך נאָר דעמאָלט, ווען ער זעט, אַז מען האָט אים אויך ליב... איינער, ווידער, פאַרליבט זיך אין דעם, ווען מען האָט אים פיינט... איינער פאַרליבט זיך אין שיינע אויגן, אין א שיינער נאָז, שיינע הענט אָדער פיס, שיינע האָר. און א צווייטער פאַרליבט זיך אין שיינע קליידלעך, זיידענע סטענגעס, שלעפן, אפילו אין קליינע שיכלעך. צו דעם לעצטן סאָרט געהערט אויך סאלאמאנס ליבע. היינט וואָס קען שטערן זיין ליבע צו סיציליעס שיכלעך, קליידלעך און זיידענע סטענגעס, ווען זי באַגייט זיך מיט אים נידעריק און זי אַליין האָט נישט קיין שום גוטע מעלה? נאָר אירע שיינע קליידלעך ווירקן אויף סאלאמאנס ליבע צו סיציליען? נאָר כדי דו זאָלסט עס נאָך בעסער פאַרשטיין, דאַרפסטו נישט פאַרגעסן, אַז סאלאמאן איז א דאָרפיש קינד, א פּראָסט, ערלעך, יונג און א אומשולדיק קינד. אין די לעצטע ווערטער קען יעדער קלוגער מענטש געפינען דעם אמתן ענטפער אויף דיין פראַגע, וואָס דו האָסט מיר געבעטן דיר צו דערקלערן.

— נו, נו, איך פאַרשטיי שוין! דערצייל ווייטער, איך ברען פון נייגעריקייט!

— נו, ווען דעם וועל איך דיר נאָך דערקלערן אַן אַנדערש מאָל, ווייטער איז אַזוי געווען:

— איך בין געבליבן פאַרשלאָסן מיט איר אין צימער, — האָט אברהם ווידער אָנגעהויבן צו דערציילן. — איך האָב נישט באַטראַכט, וואָס דאָס איז פאַר אַ קאָמעדיע. האָט זי זיך אויף מיר אַרויפגע־וואָרפן, ווי אַ ווילדע חיה מים אַ געשריי, מיט אַ געפילדער און מיט טענות:

— און איר, גאָלדשמיד, האָט שוין אַ כלה? איר זענט אַ חתן געוואָרן פאַר מיין נייטאָרין, וואָס נייט מיר העמדער און העפט מיר שיך? זאָגט מיר, איז דאָס אמת, צי ניין??!

— איך בין געוואָרן, ווי פאַרטומלט, אין די אויגן איז מיר גע־וואָרן עפּעס, ווי פינסטער, אַז איך האָב גאָרנישט געזען פאַר מיר. דאָס איז געווען פאַר מיר אַזוי אומגעריכט, ווי ווען אַ דונער טרעפט פּלוצלונג אייגעם...

— איך קען זי שוין נישט פון איין יאָר און האָב קיינמאָל נישט געדענקט, זי זאָל מיר שטעלן אַזעלכע פראַגן, וואָס קערן זיך אָן נאָר צו מיין פּערזאָן. איך האָב איר לאַנג נישט געוווסט, וואָס צו ענטפערן. נאָר אַז איך בין אַ ביסל געקומען צו זיך, בין איך עפּעס פאַר מיר אַליין געוואָרן פאַרשעמט... וואָרים, וואָס הייסט דאָס? איך, וואָס האָב געענדיקט אַן אוניווערזיטעט, וואָס האָב געוווינט אַ צייט אין דער גרויסער וועלט, און אַליין בין איך אַ יונגערמאַן, זאָל איך פּלוצלונג אַזוי בטל ווערן פאַר אַזאַ פּוסט יידיש מיידל, ווי סיציליע? נאָר וואָס האָב איך געקאָנט טאָן? איך האָב געפונען פאַר נייטיק באַלד אוועק־צוגיין און איר אַפילו גאָרנישט ענטפערן, וואָרים אירע רייד האָבן ביי מיר אַ פּנים געהאַט, ווי משוגע. אויף צרות איז אָבער די טיר געווען געשלאָסן און דער שליסל ביי איר אין קעשענע.

גאָלדשמיד האָט אָנגעכאַפּט גאָלדען ביי די הענט און זיך צע־לאַכט:

— עס איז דאָך אַ געלעכטער, נאָר איך קען גאָרנישט אויסמאָלן, אין וואָס פאַר אַ לאַגע איך האָב מיך געפונען. מיר איז געווען אַ חרפּה פאַר מיר אַליין, פאַר די פיר ווענט, וואָס איך בין פּלוצלונג אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אַזאַ נאַרישער קאָקעטקע. נאָר גיי שריי חי וקים, איך האָב גאָרנישט געקענט טאָן, וואָרים אויפרייסן די טיר, אָדער אַרויס דורכן פענסטער וואָלט גאָר געווען אַ שאַנדע פאַר מיר

אליין. יעדעס קינד וואָלט געמעגט פון מיר לאַכן און זאָגן, אַז גאָלד-שמיד איז אַנטלאָפן פון סיציליען. איך האָב אַנדערש נישט געקענט טאָן און בלייבן זיצן און וואַרטן, און ווידער האָב איך געטראַכט: עס איז מיר געוויס נישט אָנגענעם זיך צו געפינען מיט איר אין איין צימער, אונטער איר שליסל. נאָר וואָס קען איך טאָן? און אַנדערש געזאָגט, וואָס האָב איך אַזוינס מורא? בעטן ביי איר דעם שליסל, אָדער זי זאָל עפענען די טיר, איז מיר זייער נישט אָנגעשטאַנען. בקיצור, איך בין געבליבן זיצן און וואַרטן... און זי האָט אַלץ נישט אויפגעהערט מיך באַוואַרפן מיט פראַגן, צי עס איז אמת, אַז איך האָב שוין אַ כלה, אָדער ניין? איך האָב איר עטלעכע מאָל דייטלעך גע-ענטפערט, אַז דאָס איז אמת און זי האָט נישט קיין רעכט מיך איבער-צופרעגן וועגן אַזעלכע זאַכן, און אַז צווישן אונדז ביידע איז גאָר נישטאָ אַזוינע פאַרבינדונגען, אַז זי זאָל זיך ארייננמישן אין מיינע פּערזענלעכע געשעפטן.

— דערהערנדיק פון מיר קלאָרע דבורים, האָט זי געעפנט דאָס מויל אויף מיר, טאַקע נאָר ווי אַ טיגער, מיט אַ משונהדיק געלעכ-טער — האָט גאָלדשמיד אויפגערעגט ווייטער פאַרציילט.

ווי אַ ווילדע חיה האָט זי געשריען צו מיר:

— איך קער זיך גאָר מיט אייך נישט אָן און האָב זיך קיינמאָל מיט אייך נישט אָנגעקערט, זאָגט איר? זייער שיין פון אייך, גאָלד-שמיד! אָט דאָס האָב איך פאַר מיינע אַלע ליידן, וואָס איך האָב איבערגעטראָגן עטלעכע יאָר, זייט מיין פאָטער האָט מיך באַ-קאַנט געמאַכט מיט אייך אין אדעס, ווען איר זענט נאָך געווען א סטודענט? זייער שיין פון אייך, „געבילדעטער" גאָלדשמיד! און זי האָט אָנגעהייבן פאָרשטעלן דעם טאָג, וואָס זי האָט זיך מיט מיר באַקאַנט.

— איך בין געבליבן שטיין ווי אַ פאַרגליווערטער, — האָט גאָלד-שמיד ווייטער דערציילט. — איך האָב ערשט איצטער פאַרשטאַנען די גאַנצע קאָמעדיע. איך האָב מיט איר אָנגעהייבן צו רעדן, ווי מיט אַ מענטשן. איך האָב איר געזאָגט, אַז מיך אליין האָט זייער געוווּנדערט, וואָס איך האָב די גאַנצע צייט פון איר נישט באַמערקט, זי זאָל זיך אַזוי שטאַרק אינטערעסירן מיט מיר. איך האָב קיינמאָל נישט דער-וואַרט, אַז סיציליע זאָל קענען ליב האָבן. איך האָב איר דערקלערט, אַז זי באַשולדיקט מיך אומזיסט און זי קען נישט האָבן צו מיר קיין

שום טענות און האָט נישט צו זיין אויף מיר ברוגז, וואָרים איך האָב איר פון מיין זייט קיינמאָל קיין שום אורזאַך נישט געגעבן, זי זאָל עפּעס פון מיר דערוואַרטן; די גאַנצע קאָמעדיע, וואָס זי שפּילט, איז נאַריש, וואָרים איך האָב שוין גאַנץ לאַנג און פון קינדורייז אָן ליב גאָלדען. זי האָט זיך שרעקלעך צעוויינט און מיר מיט כּעס געוואָרפן דעם שליסל פון דער טיר אין פּנים אַריין...

גאָלדשמיד האָט זיך אָפּגעווישט דעם שטערן, ווי נאָך אַ שווערער אַרבעט און האָט ווייטער דערציילט:

— איך קען דיר גאָרנישט אויסמאָלן מיין ביטערע לאַגע. איך האָב אין דער מינוט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. עס האָט מיך עפּעס אַזוי ווי צוגעקלאַפּט צום אָרט, ווי איך בין געזעסן. עס האָט לאַנג געדויערט ביז איך בין געקומען צו זיך. איך האָב גענומען דעם שליסל, האָב געעפנט די טיר און בין אָן ווערטער אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס. איך האָב נאָך מיר געהערט איר געוויין. ווען איך בין אַרויסגעקומען אויף דער גאַס, האָב איך אַליין נישט געוווּסט, ווו איך גיי און וווהין איך זאָל גיין. איך האָב נאָר געוואָלט זיין גאַנץ אַליין. איך בין אַוועקגעגאַנגען אונטער דער שטאָט אויפן פרייען פעלד, דאָרט האָב איך שפּאַצירט ביז אַ שעה. די שטילקייט אונטער דער שטאָט האָט מיך אַ ביסל באַרויקט, ביז איך בין געקומען צו זיך. ערשט דעמאָלט בין איך געגאַנגען צו דיר. אָט דערפאַר האָב איך מיך היינט אַזוי פאַרשפּעטיקט צו דיר, מיין גאָלדעניו!

אַז גאָלדשמיד האָט געענדיקט, האָט ער דערזען, ווי ער מיט גאָלדען זיצן אויף דער פּריזבע און ווי גאָלדעס קאָפּ איז געלעגן אויף זיין אַקסל און געוויינט.

— נו, וואָס וויינסטו איצט? איז דאָס נישט קיין נאַרישקייט? וואָס האָסטו צו וויינען דערפון, וואָס עס געשען אַ סך נאַרישקייטן אויף דער וועלט? — האָט ער געזאָגט און האָט זי אָנגענומען ביי אירע קליינע הענטלעך.

— ביי אייך, מענער, הייסט עס נאַרישקייטן דאָס, וואָס איר זעט נאָר פון פרויען, אָבער אייערע אייגענע נאַרישקייטן ווילט איר נישט באַמערקן!

— זאָג אַליין, ווען קען מען דאָ באַשולדיקן און נאָך וואָס דאַרפסטו פאַרגיסן אומזיסטיקע טרערן?

— ווען דו זאָלסט אָבער וויסן, ווי ביי אונדז, פרויען, טוט וויי דאָס האַרץ, ווען מען האָט ליב און מען קען דערצו נישט קומען... אוי, עס טוט וויי!—האָט זי געזאָגט און ווידער געגאָסן מיט טרערן.

— גאָלדע, איך קען דיר שווערן, אַז סיציגיע האָט ליב מיט דעם מין ליבע, אַז דווקא דעם, וואָס האָט זי פיינט, האָט זי ליב. איך גלויב, אַז ווען איך זאָל זי ליב האָבן, וואָלט זי זיך מיט מיר געוואָרפן, ווי מיט אַן איבעריק שפּענדל, איך מיין אַזוי ווי מיט סאַלאמאנען...

גאָלדע האָט איייניקע מינוט געשוויגן, דערנאָך האָט זי זיך ווי פון שלאָף אויפגעכאַפּט.

— נאָר, אברהם, ווי אַזוי מוז אונדזער סאַלאָמאָן זיין אומגליקלעך און מיר זעען דאָס אַזוי רויִק צו?

— וואָס-זשע קענען מיר טאָן? מיר האָבן גענוג גערעדט מיט אים און געגעבן צו פאַרשטיין, ווי אַזוי ער האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט, נאָר עס האָט געהאָלפן פונקט ווי אַן אַרבעס אויף דער וואַנט.

— יאָ, אמת, וויפל האָב איך שוין גערעדט מיט אים דערפון און ער זאָגט: איך ווייס אַליין, אַז איך בלאָנדזשע, נאָר עס קען אַנדערש נישט זיין — איך האָב ליב!

— איך רעכן, אַז מיט קיין שום זאַך קען מען אים דערפון נישט אַראָפּפירן, נאָר די צייט קען ברענגען, ער זאָל זיך אַליין אויס-ניכטערן. עס איז נאָר אַ ווייטיק, וואָס איבער דעם קען ער נישט לערנען, ווי עס דאַרף צו זיין; און ווען איך זאָל אים פאַר זיין פּראָסטקייט און אומשולדיקייט נישט ליב האָבן, ווי אַ ברודער, וואָלט איך מיך שוין לאַנג אָפּגעזאָגט צו לערנען מיט אים. נאָכמער פאַר-דראָס איז, וואָס ער טאַנצט איר נאָך און ער פירט זיך אויף אַזוי ווי זי וויל. איך האָב מורא, ער זאָל זיך פון איר קיין שלעכטע מידות נישט אָפּלערנען; און דאָס, וואָס ער האָט זיך אָפּגעריסן פון זיין שטענדיקער באַשעפטיקונג—ערדאַרבעט, שרעקט מיך אָפּ מער פון אַלץ. קוקנדיק אויף דעם, קען מען זאָגן, אַז אַ מענטש קען מען זיין אפילו, ווען מען איז דערצויגן אין פוסטן וואַלד. מענטשן מאַכן אַמאָל קאַליע אַ מענטשן. ווי נאַריש דאָס איז, וואָס פיל עלטערן שיקן זייערע קינדער אין די גרויסע שטעט, און מיינען, אַז דערפון וועלן זיי ווערן קליגער, וועלטלעכער. זיי ווילן גאָרנישט וויסן, אַז אַ פערד מעג אויספאָרן די גאַנצע וועלט, וועט ער פאָרט צוריקקומען אַהיים.

אַ פערד איז ער געווען פריער און איצט נאָך ערגער, ווי פריער, ווייל ער וויל שוין אויף זיך נישט קוקן אַזוי ווי פריער, און דאָס איז דאָס גרעסטע אומגליק, ווען אַ פערד רעדט זיך איין, אַז ער איז געוואָרן אַ מענטש... די נאַרישע עלטערן ווילן גאָרנישט וויסן, אַז אויב זיי האָבן געראַטענע קינדער, וועלן זיי אינדערהיים אויך זיין מענטשן, זיי מעגן אפילו וווינען אין דאָרף, אין פוסטן וואַלד. עס טוט מיר דאָס האַרץ וויי צו טראַכטן, אַז טאָמער וועלן מיר איצט נישט ראַטעווען סאלאמאנען, כּל־זמן ער איז נאָך יונג, ווער ווייסט וואָס פון אים קען ווערן!

— אברהם, דו האָסט מיר אַליין געזאָגט, אַז די צייט איז אונדזער בעסטער לערער. זי פירט אונדז אָפּט אַרויס אויף אַזוינע וועגן, וואָס מיר, מענטשן, זענען קיינמאָל נישט אימשטאַנד צו געפינען. מיר דאַרפן טאָן פון סאלאמאנס וועגן אַלץ, וואָס מיר קענען טאָן, און ווייטער דאַרפן מיר זיך פאַרלאָזן אויף דער צייט, ווען זי וועט קומען מיט איר גוטער היקף און אים ראַטעווען.

— אמן! הלוואי זאָל אַזוי זיין, ווי דו זאָגסט,—האָט געענטפערט אברהם.

זיי זענען ביידע אַריינגעגאַנגען אין שטוב, וווּ יאכצי איז שוין געזעסן מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן און געדרעמלט, גאָר אירע הענט האָבן אָן איר וויסן אַליין געדרייט דעם זאָק.

אַ בלינדער פירט אַ בלינדן.

— זעסטו, ציפּעלע, אַז דו פאָלגסט מיך, איז גוט, וואָס דען? אָט פון די אַלע ליבעס און ליובקעס וועט אָן אַ יידישן שדכן, פאַר־שטייסטו מיך, גאָרנישט ווערן... אדרבה זאָג אַליין, ציפּעלע־לעבן, האָסטו נאָך געזען, אַז אין נעזווינק זאָל חתונה האָבן אַ מיידל אָדער אַ בחור, צי אַן אלמן, אָדער אַן אלמנה גאָר אָן אַ שדכן? סוף כּל

סוף מוז יעדער אָנקומען צו יידל שדכן, און ווייל איז זיי! האָט דען שלעכט געמאַכט דיין מומע אסתּר, וואָס איך האָב זי חתונה געמאַכט פאַר דעם סטעפּקיוּוקער מוזשיק? זי פּלעגט אויך ליב האָבן צו פאַרעבענדעווען פאַר יידל שדכן, פאַרשטייסטו מיך? און איך, יידל שדכן, האָב ביי מיר געטראַכט: דו אסתּר, פאַרעבענדעווע, וויפל דו ווילסט און אָן יידל שדכן וועסטו מיט דיינע ליבעס און שמיבעס זיך פאָרט נישט אויסדרייען. און אַזוי איז טאַקע געווען. און זי האָט מיר נאָך געקויפט אַ לאַנגן טרונק בראָנפן און אסתּר האָט למזל חתונה געהאַט מיט דעם מוזשיק, אויף אַלע מיינע קינדער געזאָגט געוואָרן... און וואָס פאַר אַ גרויסע וואַרעניקעס מיט קעז איך עס אָפּט דאָרט ביי זיי אין סטעפּקיוּוקע, ווען איך פאָר דורך דעם שטעטל קיין טערנעפּקע אויפן יאריד אויספירן אַ שידוך, האָב איך דיר שוין גאָרנישט צו דערציילן! יאָ, אַז יידל שדכן לייגט דיר פאָר אַ שידוך, האָסטו גאָרנישט וואָס צו טראַכטן און אַ סך איבערצוקלייבן און פאַר דיר האָב איך אויסגעקליבן דאָס בעסטע. דו ווילסט אַן אדעסער? לאָז זיין אַן אדעסער! ביי מיר איז ב"ה דאָ אַלערליי און ווער שמועסט, אַז דיך ציט אויך אַ ביסל צום שידוך, איז אוודאי גוט, זעט מען דאָך באַשיינפּערלעך, אַז עס איז דיין זיווג מן השמים.

דאָס אַלץ האָט יידל, דער שטאָט-שדכן, גערעדט מיט סיציליען עטלעכע טעג שפּעטער נאָך דעם אָוונט, ווען זי אַליין האָט מיט אירע אויערן געהערט פון גאָלדשמידס אייגן מויל, אַז ער איז גאָר אַ חתן געוואָרן פאַר דעם אָרעמען מיידל, איר נייטאָרין. זי האָט דאַן באַלד געשיקט רופן יידל שדכן, וועלכער האָט איר שוין לאַנג גערעדט גרויסע שידוכים, נאָר ווייל זי האָט זייער געוואָלט, אַז גאָלדשמיד זאָל זיך אין איר פאַרליבן און ליגן ביי אירע פיס און בעטן ביי איר די האַנט, אָדער ווי יידל פלעגט זאָג: זי האָט איבער דעם נישט געוואָלט ווערן אַ כלה, ווייל זי האָט פאַרעבענדעוועט, אַבי ער זאָל דערווייל רייסן זיינע שיך, זענען יידלס ווערטער געווען אומזיסט. נאָר איצט, ווען סיציליע האָט אים אַליין געשיקט רופן, האָט ער זיך אַ גלעט געטאָן איבערן בייכל, אויסגעגלייכט דאָס בערדל, אַ גלעט געטאָן איבערן שטערן און איז געלאָפן צו איר אַהיים.

און ווען יידל שדכן איז געגאַנגען צו סיציליען, האָט ער זיך געטראַכט:

— עס האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזט פון אַלע אירע ליובקעס,

קומט מען אָן צו יידלען. אַזוי איז שוין תמיד... נאָר איצט וועל איך שוין אַזוי נישט אַרבעטן. איך קען שוין גוט די היינטיקע מיידלעך. פריער הייסן זיי זיך רעדן אַ שידוך, דאָס טעלערל פון הימל גיב זיי און מען פּערעבענדעוועט נאָך, און צום סוף לאָזט זיך אויס, אַז זיי ווערן צוגעלאָזט צו יידל שדכן, ווי אַ מכּה. זיי באַקומען אים אַזוי ליב און פּאָלגן אים, ווי קליינע קינדער... פון קיין ביסלעך בראָנפן מיט פּאַרבייסן איז שוין גאָר קיין רייד נישט, און וואָס יידל שדכן זאָגט, איז געזאָגט. נאָר וואָס אַרט דאָס מיך? אַבי איך וועל האָבן צו באַצאָלן אַ האַלב יאָר דירה-געלט און אפשר נאָך אויף צו פאַרבייטן מיין אָפּגעבליאַקעוועטע אַטלעסענע קאַפּאָטע מיט געלע אַרבל אויף אַ נייער. וואָס דען? גאָט שפּייזט אַפילו אַ ווערעמל אונטער דער ערד, היינט, וואָס זאָל יידל שדכן טאָן ביי היינטיקע ביטערע צייטן, ווען עס איז געוואָרן אַ מאָדע, אַז מען נעמט זיך אַליין חתנים מיט כּלות און יידלען שטעלט מען אַוועק אין דער זייט, ווי גלייך ער איז גאָר קיין שדכן נישט! וואָס-זשע טוט גאָט מיט זיין יידלען? מאַכט ער אַ תּל פון אַלע ליובקעס, ביזוואַנען מען צעקריגט זיך און מען קומט טאַקע ווידער אָן צו יידלען... און יידל שדכן מאַכט אַלץ צערעכט און האָט אויף שבת, און גאָט און איך, יידל שדכן, האָבן הנאה!

מיט די פריילעכע געדאַנקען איז ער אַריינגעקומען צו סיצילין; ער האָט זי קיין סך נישט געלאָזט רעדן. ער האָט שוין פאַרשטאַנען אין איר פּנים, וואָס זי מיינט, און האָט אָנגעהייבן פאַרלייגן פאַר איר אַלערליי חתנים פון גרויסע און קליינע שטעטלעך, מיט לאַנגע און קורצע קאַפּאָטעס און פּיאות, נאָר אַז סיציליע האָט אַלע זיינע שידוכים אויסגעהערט און געזאָגט, אַז זי וויל נאָר אַן אָדעסער חתן, האָט זיך יידל שדכן צעלאַכט:

— דו נאָר איינער! פאַרוואָס האָסטו מיר שוין לאַנג נישט געזאָגט, אַז דו ווילסט פון אדעס? אָט דאָס האָסטו באַדאַרפט אַזוי לאַנג פערעבענדעווען? און יידל שדכן, פאַרשטייסטו מיך, זאָל אַזוי לאַנג אומזיסט רייסן די שיך און הייזעריק ווערן רעדנדיק דיר שידוכים? וואָס איז, יידל שדכן, פאַרשטייסטו מיך, ווייסט אפשר נישט פון אדעס? אין אָדעס, פאַרשטייסטו מיך, קען מען אים אויך, און ביי יידל שדכן אין קעשענע געפינען זיך אַלע אָדעסער חתנים!

און יידל האָט איר אויף דער גיך, ווי אַ געניטער קרעמער זיינע סחורות, אויסגערעכנט אַ פופציק אָדעסער חתנים, ביז זי האָט זיך אויסגעקליבן איינעם.

דעמאָלט האָט יידל שדכן אָנגעהייבן איר איינרעדן דעם אויס-געקליבענעם חתן.

און טאַקע אַזוי איז געבליבן: יידל זאָל זען, אַז מען זאָל זיך צונויפפאָרן און זיך אָנקוקן און מאַכן אַ קנס-מאָל אין אַ גוטער מזלדיקער שעה.

נאָכדעם, ווי יידל האָט אויסגעטרונקען עטלעכע גלעזלעך בראנפן, איז ער אַוועקגעגאַנגען און סיצילי׳ע האָט אים דערוויל אַריינגעלייגט אין דער האַנט דריי רובל אויף בריוו און דעפּעשן, ווי דער שטייגער איז, ווען די שדכנים נעמען שטילערהייט אויף הוצאות ביי די חתנים און כלות, די מחותּנים זאָלן נישט וויסן, כּדי די שדכנים זאָלן בעסער אַרבעטן אין דעם עסק.

אַז יידל שדכן איז אַוועקגעגאַנגען, איז סיצילי׳ע געבליבן אַליין אין שטוב און האָט גערעדט צו זיך, גייענדיק פאַרטראַגן און פאַר-טראַכט הין און צוריק פונם שפּיגל צום פענסטער און פונם פענסטער צום שפּיגל.

— נאָר איך וועל אים ווייזן, דעם קבצן, דעם לערער, וואָס האָט דערטאַפּט די מציאה, די העפּטערין, וואָס נייט ביי מיר שיך... יידל שדכן האָט געזאָגט, אַז מיכאל טייטלשוואַם איז אויך אַ בלאָנ-דין, אויך שיין געוואַקסן און רעדט זייער גוט דייטש, פראַנצויזיש און איז שוין געווען אין פּאַריז — און דעם „זלמן מקובלס זון” מוז איך ווייזן, אַז איך וועל חתונה האָבן מיט מיכאל טייטלשוואַם און וועל צולעמאָל דורכפאָרן פאַרביי זיין שטוב אין מיין קאַרעטע, און דער קבצן וועט קוקן און צוזעצט ווערן, וואָס איך האָב אַ מאַן אַ פיל שענערן און געבילדעטערן פון אים, און דווקא פון אדעס, כאָטש איך בין פון נעזווינק. איך מוז אים ווייזן, ער זאָל טאַקע צעזעצט ווערן קוקנדיק. און פון זיין נייטאָרין וועט ער ווייניק נחת האָבן... כאָטש איך וויים, אַז עס איז אַ ביסל נישט אָרנטלעך... נאָר, ערשטנס, וועלן עס מיינע הענט נישט טאָן... און, ווידער, איך מוז די זאַך אָפּטאָן, וואָרים אַז נישט, וועל איך נישט קענען רויק לעבן, ווען ער וועט חתונה האָבן פאַר איר, פאַר מיין נייטאָרין, איך וועל נאָר דע-מאָלט רוען, אַז ער וועט זיך אַרומדרייען אַליין און וועט קוקן און

פלאצן פאַר צרות, ווי איך לעב מיט מיין שיינעם מיכאל פייטלשוואָם...
יאָ, אַזוי מוז עס זיין! סאָלאָמאָן האָט מיר דערציילט, אַז דער אַל-טער שפּיצבוים, וועלכן זיי רופן „פּעטער", האָט זיך נאָך דעם אָוונט געקליבן צו גאָלדען אָפּשטעלן די חתונה און האָט סאָלאָמאָנען אויך פאַרבעטן, נאָר ווען סאָלאָמאָן איז געקומען צו אים, איז ער געלעגן קראַנק געוואָרן און סאָלאָמאָן האָט געמוזט בלייבן נעכטיקן ביי אים, ווייל ער האָט נישט געוואָלט שיקן רופן גאָלדשמידן מיט גאָלדען, ער זאָל זיי נישט איבערשרעקן ביינאַכט. נאָר סאָלאָמאָן האָט מיר געזאָגט, אַז דער אַלטער פּעטער קומט שוין צו זיך און אַז ער וועט געזונט ווערן, וועט ער ווי אַמגיכסטן אָפּשטעלן זייער חתונה. דאָס אַלץ האָט מיר סאָלאָמאָן דערציילט, אַז איך האָב אים אָנגעהייבן איבערצופרעגן וועגן דער נידעריק-געמיינער העפטעריין, וואָס איך וואָלט זיך גיכער געריכט אויף איר אַ טויט, איידער גאָלדשמיד זאָל זיין איר חתן! היינט, גיי און טרעף, אַז זיי זענען חתן כלה נאָך פון קינדוויז אָן, און דער אַלטער לערער איז זייער מחותן. נאָר ווי לאַנג קרענקען זיי אַלע, ווי זיי וועלן דאָס דערלעבן... מיין געזונט און מיין לעבן איז ביי מיר טייערער פון דער גאַנצער וועלט. איך בין נאָך גליקלעך דערמיט, וואָס סאָלאָמאָן איז מיט זיי אַזאַ גוטער ברודער, און מיר איז ער געטריי און פאָלגט מיך און האָט מיך ליב, ווי אַן ערלעכער הונט. ער וועט מיך איצט אויך פאָלגן! און אויב נישט, וועל איך אים צווינגען... און וואָס וועט דאָ זיין אַזאַ גרויס אומגליק אין באָד, אַז אויף דער וועלט וועט זיין ווייניקער מיט אַ נייטאָרין, אַז איך האָב זי פאַרט אַזוי פיינט, אַז ווען איך דערמאַן מיך, אַז זי לעבט, ציטערן אין מיר מיינע אַלע גלידער. עס וועט געוויס קיינעם נישט שאַדן... נאָר דאָס, אַז גאָלדשמיד וועט פאַר איר שוין געוויס נישט חתונה האָבן — דאָס איז זיכער ווי דער טאָג.

ציפּע האָט גערופן איר דינסטמיידל און געהייסן ארייַנשיקן סאָלאָמאָנען. דערווייל האָט זי זיך איבערגעטאָן אין דעם קליידל און אין די שיכלעך, וואָס סאָלאָמאָן האָט איר אַמאָל געזאָגט, אַז זיי פּאַסן איר זייער. זי האָט אויסגעגלייכט דאָס קליידל פאַר דעם שפּיגל און זיך פאַרקעמט אַזוי, אַז סאָלאָמאָן זאָל קענען האַלטן אירע שוואַרצע לאַנגע האָר אין זיינע הענט. זי האָט זיך עטלעכע מאָל אָנ-געקוקט אין שפּיגל און געזאָגט צו זיך: נאָך וויאַזוי וועט מיך סאָ-לאָמאָן פאָלגן? און אַלץ מוז איך אויספירן דורך אים!

סאָלאָמאָן איז אָנגעקומען און פריילעך צו איר צוגעגאַנגען. זי האָט אים אַרומגענומען און געקושט. סאָלאָמאָן איז געווען גליקלעך. זי האָט אים אָנגענומען בייביידע הענט, געזעצט זיך לעבן אים און מיט אים אָנגעהייבן רעדן.

סאָלאָמאָן האָט אַ ציטער געטאָן פון אירע ווערטער. סיציליע האָט דערזען, ווי ער איז בלאַס און דערשראָקן געוואָרן און די הענט האָבן אים אָנגעהייבן צו ציטערן.

— וואָס ביזטו אַזוי דערשראָקן, סאָלאָמאָן?

— גאָרנישט, עס וועט מיר איבערגיין.

— יאָ, יאָ, עס וועט דיר איבערגיין, אין אָנהייב איז דיר אַ ביסל שווער, נאָר דו וועסט געוויינט ווערן. יעדע זאַך איז אין אָנהייב שווערלעך. מיר איז אויך אין אָנהייב געווען אַ ביסל נישט אָנגענעם צו טראַכטן דערפון... האָב קיין מורא נישט, עס איז נאָך דאָ גענוג צייט. עס איז נאָך געבליבן עטלעכע טעג, דו וועסט זיך נאָך קענען באַרויקן. קום זיך דערוויילן אַ ביסל דורך אין שטאָט שפּאַצירן, וועט דיר איבערגיין. עס איז שוין נישט פרי, עס איז שוין באַלד נאַכט. איצט שפּאַצירן אַ סך מענטשן, וועלן מיר אַ ביסל גוט פאַרברענגען די צייט, מיין ליבער סאָלאָמאָן! זי האָט אים אַליין אָנגעטאָן זיין הוט מיטן קליינעם ראַנד, אַ קוק געטאָן אים גלייך אין פּנים אַריין, און געלאַכט וואָס ער איז טרויעריק. סאָלאָמאָן האָט איר געענטפערט מיט אַ שמייכל, און אַ קוש געטאָן איר גלייך אין די ליפּן. ביידע זענען אַרויסגעגאַנגען פון דער שטוב. סאָלאָמאָן האָט געשעפּט אין זיך אַ פול מויל מיט לופט, קופּט, וועלכע האָט אים דערקוויקט און דערפרישט.

סאָלאָמאָן מיט ציפּען האָבן לאַנג שפּאַצירט אין דעם אָוונט.

אַלע, וואָס זענען פאַרבייגעגאַנגען, האָבן זיך געוווּנדערט אויף דעם שיינעם יונגן פּאָרל.

פאַרדעקט מיט אַ וואָלקן.

די לאַנגע ווייזערס אויף די ציפערבלאַטן, וואָס קוקן אַרויס פון די גרויסע גלעזערנע פענסטער ביי די אדעסער זייגערמאַכערס, האָבן שוין אָנגעוויזן האַלב נאַכט. די אדעסער ברייטע, שיינע גאַסן זענען אַלעמאָל לעבעדיקער און לעבעדיקער געוואָרן. אפילו דער פוילער וועכטער, וואָס פאַרשפּעטיקט זיך שטענדיק מיט דעם אויסקערן, האָט שוין אויך אָװעקגעלייגט זיין בעזעם, און מיט יעדע מינוט וואָס די ווייזערס אויף די ציפערבלאַטן האָבן זיך גערוקט ווייטער, זענען אויף די אדעסער הויפּט-גאַסן מער און מער געגאַנגען מענטשן, און דראָש-קעס מיט קאַרעטן האָבן זיך מער באַוויזן. דער רעש איז געוואָרן אַלעמאָל גרעסער, אַז מען האָט קוים געקענט הערן וואָס איינער רעדט צום אַנדערן.

די וואַגאָנעס פון דעם פערד-טראַמוויי, וואָס זענען פריער גע-גאַנגען איבער דער רעשעליעװסקי-גאַס ליידיק, זענען איצט פול מיט פאַרשלאָפענע גימנאַזיסטן און קינדער פון אַנדערע שולן, וועלכע מוזן שוין אַכט דעם זייגער זיך געפינען אין זייערע קלאַסן. אין טראַמוויי געפינען זיך איצט אויך קעכינס און דינסטמיידלעך מיט קוישלעך אין די הענט, וואָס זענען געפאָרן פון דעם נייעם אָדער אַלטן מאַרק. צייטונגס-פאַרקויפער, אָפגעריסענע יינגלעך מיט קעסטלעך שוועבעלעך און פּאַפּיראָסן, שפּרינגען פון איין וואַגאָן אין צווייטן. שפּעטער האָט זיך דער טראַמוויי אָנגעפילט מיט סוחרים, מעקלערס, קאָמיסיאָנערן, לופט-כאַפּערס און אויך ליידיקגייער, מיט וואָס אדעס איז שטענדיק אַזוי רייך.

ווי מען האָט נאָר אַ קוק געטאָן, האָט עס געקאָכט און גע־לעבט. יעדער האָט זיך געאײַלט, עס האָט אויסגעוויזן, אַז יעדער איז שטאַרק פאַרטראָגן און פאַרנומען מיט זיך אַליין.

איינער פון די וואַגאָנעס, וואָס איז געווען אָנגעפּילט מיט מענטשן, איז איצט געגאַנגען אויף רישעליעווסקי. ביז דער וואַגאָן איז צוגעקומען צו דער לעצטער סטאַציע, איז אין אים געבליבן נאָר איין פּאַסאַזשיר, וועלכער האָט אַ קוק געטאָן אויף דער סטאַציע, דערנאָך אויף דעם לאַמטערן פון דעם וואַגאָן. נאָר אַז דער קאָנדוקטאָר האָט אויסגעדרייט דעם דישל און געגעבן דעם ערשטן פייף און דער וואַגאָן האָט זיך אָנגעהייבן צו רירן, האָט ער אים געפרעגט אויף אַ בילעט. ביי די ווערטער האָט דער פּאַסאַזשיר אַרײַנגעשטעקט איין האַנט אין דער קעשענע, האָט זי אַרויסגענומען ליידיק און איז אַראָפּגע־שפּרונגען פון דעם וואַגאָן, האָט זיך געלאָזט גיין גיך צוריק מיט דער רישעליעווסקי - גאַס, און האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף קיין שום זאַך, פּונקט ווי ער האָט קיין צייט נישט געהאַט. נאָר ווען ער איז צוגעקומען צו דער פּאָסט-גאַס, האָט ער זיך געזעצט אויף אַ באַנק, וואָס שטייט שטענדיק אויפן עק גאַס, האָט געקוקט אַ ביסל אויף די וואַגאָנעס, וואָס גייען הין און צוריק, נאָכגעקוקט אַ דראָשקע, וואָס איז געפאָרן מיט אַ פּאַסאַזשיר און ווערדליך ער האָט גערעכנט, האָט די דראָשקע זיך באַדאַרפט פאַרטשעפּען אין דעם וואַגאָן, נאָר די דראָשקע איז איבערגעפאָרן בשלום; דערנאָך האָט ער אַ קוק גע־טאָן אויף דעם גרויסן בייגל מיט עטלעכע שיינע בולקעס און קליינע בייגעלעך, וואָס דער בעקער האָט אויסגעשטעלט ביי זיך אין פענסטער; ער האָט געגעבן אַ זיפץ און איז ווייטער געגאַנגען מיט דער פּאָסט־גאַס, נאָר פּויל, ווי נאָכגעשלעפּט די פיס. ער איז געגאַנגען ביז צו דעם „קלויסטער-פּאַלאַץ", און לעבן דעם דענקמאָל פון דעם פירשט וואָראָנצאָוו האָט ער זיך געזעצט אויף אַ ברייטן בענקל ביים דענקמאָל.

ער איז געווען אַ יונגערמאַן פון עטלעכע און צוואַנציק יאָר מיט רירנדיקע בלויע אויגן און מיט עטלעכע פּריצייטיקע קנייטשן אויף דעם שטערן. כאָטש ער האָט אויסגעוויזן נאָך יונג, נאָר פון־דעסטוועגן האָט יעדער געקאָנט אין זיין פּנים באַמערקן פיל נויט און צער. אָנגעטאָן איז ער געווען אין קורצע קליידער פון בוטן שטאָף, נאָר אָפּגעטראָגן, די מלבושים זענען געלעגן אויף אים, ווי עפּעס נישט אויף אים גענייט. ער האָט געטראָגן אַן אַלטן הוט

טיס לאָקירסטע צעריסענע שיך. מיט פאַרביסענע ליפּן האָט ער נאָכגעקוקט, ווי אויף דער פּרעאָבראַזשענסקי-גאַס זענען אַ סך מענטשן געגאַנגען און געפאָרן פריילעך אַהין און אַהער. ער האָט געקוקט אויף זיי מיט כּעס, פאַרוואָס זיי זענען פריילעך, פאַרנומען מיט עפּעס, און ער זיצט פאַרלייגט די הענט, ווי גלייך ער איז איבעריק באַשאַפן אויף דער וועלט און קיינער דאַרף אים נישט.

די פאַרבייגייער האָבן קיין צייט נישט. יעדער איז פאַרנומען, גלייך ווי אַלע זענען געווען באַשעפטיקטע מענטשן.

דער יונגערמאַן, וואָס האָט זיך איצט געזעצט לעבן דענקמאָל, איז היינט אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי, ווייל עס איז אים שוין נמאס געוואָרן צו ליגן אויף זיין סטאַנציע אין אַ נאַסער קעלער-שטוב אויף זייער אַ שלעכט בעטל. און פאַר אַזאַ געלעגער איז ער שוין שולדיק פאַר צוויי חדשים. ער איז אומישנע פרי אַוועקגעגאַנגען, כּדי זיין באַלעבאָסטע זאָל אים נישט קענען מאָנען. פון זיין וווינונג איז ער גלייך אַוועקגעגאַנגען אויף דער רישעליעווסקי-גאַס, ביז ער איז געקומען עק כּערסאָנער, ווו עס געפינט זיך די לעצטע סטאַציע פון דעם ט.-אַמוויי, קיין וואַגאָנעס זענען נאָך נישט געגאַנגען, ווייל עס איז געווען צו פרי. ער האָט זיך געזעצט אויף אַ באַנק לעבן דער סטאַציע, אַ קוק געטאָן אין זיין קעשענע וויפל געלט ער פאַרמאָגט. ער האָט געהאַט זיבעצן קאָפּיקעס און פיר קאָפּיקעס מינץ.

— פאַר זיבן קאָפּיקעס וועל איך קויפן אַ מאַרקע, איך זאָל אַוועקשיקן דעם בריוו, וואָס איך האָב היינט פאַרנאַכט אָנגעשריבן און פאַר זיבן קאָפּיקעס, וועל איך איבערבייסן. איך בין נאָך נעכטן אויף דער נאַכט הונגעריק געווען...

דערביי האָט ער דערזען, ווי נישט ווייט איז שוין אָפן אַ „טראַקטיר”, איז ער אַריינגעגאַנגען; ער האָט זיך געהייסן געבן טיי. ער האָט אָפּגעטרונקען, פאַרביסן מיט אַ שטיקל ברויט, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון זיין קעשענע, באַצאָלט און איז ווייטער צוגעגאַנגען צו דעם בענקל, ווו ער איז פריער געזעסן. ער האָט נאָכאַמאָל איבערגעציילט זיין געלט און געוואָלט גיין קויפן אַ מאַרקע אַוועקצושיקן דעם בריוו. נאָר צו זיין גרויסן שרעק האָט ער געזען, אַז עס איז געבליבן אינגאַנצן זעקס קאָפּיקעס. אַ מאַרקע קאָסט אָבער זיבן. ער האָט אַ שטאַרקן זיפץ געטאָן, ווייל אין דעם בריוו, וואָס ער האָט געוואָלט אַוועקשיקן, ליגט זיין גאַנצע האָפענונג, און איצט... ער איז

נאָך געזעסן און געטראַכט וואָס צו טאָן. ער האָט שוין איבערגעטרייסלט אַלע קעשענעס, טאָמער וועט זיך אויף זיין גליק געפינען נאָך אַ קאָפּיקע. פון די קעשענעס זענען אָבער נאָר אַרויסגעפאַלן אַלערליי ברעקלעך פון שוואַרץ און ווייס ברויט און פון צוקער.

עטלעכע מענטשן זענען פאַרבייגעגאַנגען לעבן אים, האָבן געקוקט אויף אים מיט אויגן, ווי איינער זאָגט: יונגערמאַן, וואָס זיצסטו אין דעם שיינעם לעבעדיקן אדעס פאַרלייגט די הענט גאַנץ פריי? ער האָט נישט געקאָנט איבערטראָגן זייערע בליקן און האָט זיך געלאָזט גיין — וווהין? האָט ער אַליין נישט געוווסט. דערווייל איז צו דער סטאַציע אָנגעקומען אַ וואַגאָן, ער האָט זיך געזעצט און באַצאָלט פינף קאָפּיקעס פאַר אַ בילעט. פאָרנדיק האָט ער זיך געטראַכט: איצט וועלן אַנדערע ליידיקגייער מיינען, אַז איך פלי מיט דעם וואַגאָן, ווייל איך האָב קיין צייט נישט, כאָטש איך בין אַזאַ ליידיקגייער גלייך מיט זיי.

ער איז צוגעפאָרן צו דער לעצטער סטאַציע און האָט געוואָלט ווייטער פאָרן, נאָר דערצו האָט ער באַדאַרפט האָבן פינף קאָפּיקעס אויף אַ נייעם בילעט. ער האָט אָבער מער נישט געהאַט ווי איין קאָפּיקע און אָט מיט דער קאָפּיקע אין קעשענע האָט ער זיך געלאָזט בלאָנדזשען איבער אדעס, ביז ער האָט זיך געזעצט אָפּרוען לעבן וואָראָנצאָווס דענקמאָל.

עס איז אים נמאס געוואָרן נאָכצוקוקן די מענטשן, וואָס דרייען זיך אין גאַס, האָט ער אָנגעהייבן צו קוקן אויף זיך אַליין, אויף זיינע שיך און אויף זיינע קליידער. דערנאָך האָט ער אַ קוק געטאָן וואָראָנצאָוון גלייך אין פנים אַריין און עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער קוקט אויף אים זייער בייז.

לאַנג האָט ער אַזוי געקוקט אָן אַ שום צוועק פון איין זאַך אויף דער אַנדערער, ביז ער האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין קעשענע און האָט אָנגעטאַפּט דעם נישט אַוועקגעשיקטן בריוו מיט דער איינציקער קאָפּיקע וואָס איז אים איבערגעבליבן. ער האָט באַשלאָסן נאָכאַמאָל איבערצולייענען דעם בריוו און האָט געוואָלט צוריק אַריינלייגן די קאָפּיקע אין קעשענע, נאָר אַ יינגל איז פאַרבייגעגאַנגען מיט אַ קעסטל קאָנפעקטן, וועלכעס ער האָט געטראָגן אויף דעם קאָפּ. דער יונגערמאַן האָט אים צוגערופן, גענומען ביי אים אַ קאָנפעקט און אַוועקגעגעבן די לעצטע קאָפּיקע.

קייענדיק דעם קאָנפּעקט, האָט ער אָנגעהייבן איבערלייענען דעם בריוו, וואָס ער האָט נעכטן אָנגעשריבן צו זיינע עלטערן.

„מיינע טייערע און פיל געליבטע עלטערן אין סאָקאָליווקע.

„איך ווייס און פיל, אַז איך בין נישט ווערט, איר זאָלט אַפילו מיין בריוו לייענען... איך האָב שטאַרק קעגן אייך געזינדיקט און אייער נאָמען מיט אונדזער גאַנצער משפחה פאַרפלעקט, אַז איר שעמט אייך אַפילו מיין נאָמען צו דערמאָנען. איך מוז מיך מודה זיין, מיינע ליבע פאָטער און מוטער, אַז איך בין שטאַרק שולדיק קעגן אייך, און כאָטש איר האָט מיר שוין פיל מאָל מוחל געווען, בין איך ווייטער געגאַנגען מיט מיין שלעכטן וועג. איצט אָבער בעט איך ביי אייך צום לעצטן מאָל רחמנות צו האָבן און מיר צו שיקן אויף הוצאות, איך זאָל קענען פאָרן צו אייך אַהיים און זיין אייער קינד, און מיך פירן אויף דעם וועג אַזוי ווי איר ווילט. איך פאַרדין געוויס אייער גוטסקייט נישט, נאָר דער, וואָס איז אַ פאָטער איבער אַלע פאָטערס, איז אויך מוחל און האָט רחמנות. האָט־זשע אויך רחמנות אויף אייער קינד, וואָרים אויב אַז איר וועט אים איצט נישט ראַטעווען, בלייבט ער אומגליקלעך אויף אייביק. אייער פאַרפירטער זון, וואָס האָפט באַלד צו האָבן פון אייך אַ גוטע תשובה.

מיכל טייטלשוואָם".

מיכל איז געבוירן געוואָרן ביי יידישע עלטערן, אין קליינעם שטעטל סאָקאָליווקע, ווו די בלאָטע און די קאַליוזשעס זענען אין אַלע גאַסן איבער דעם גאַנצן יאָר. ווען מיכל איז נאָך געווען אַ יינגל, האָט ער שטאַרק פיינט באַקומען אַלע אויפפירונגען פון זיינע עלטערן מיט די שטאָטלייט און האָט זיך מיט זייער לעבן נישט געקענט איינגעוויינען. כאָטש זיינע עלטערן זענען שטענדיק געווען זייער רייך, האָט דער קליינער מיכל אויך נישט געלעקט קיין האָניק. מען האָט אים פאַרפאָלגט פאַר זיין ביסל פרייער אויפפירונג. זינט ער האָט די געלעגנהייט געהאַט צו רעדן מיט אַן אָדעסער יונגערמאַן, פון וועלכן ער איז געוואויר געוואָרן, אַז אין אָדעס געפינען זיך יידן, וואָס לעבן פריי און לאַכן גאָר פון אַזאַ לעבן, ווי עס פירן זיינע עלטערן און אַלע אַנדערע יידן אין סאָקאָליווקע, דאַן איז אים שטאַרק אין קאָפּ

אריין צו פאָרן קיין אָדעס און לעבן גלייך ווי די אָדעסער מענטשן. ער האָט קיין סך נישט געטראַכט און האָט פאַרנומען עטלעכע רובל מיט זיין גאָלדענעם זייגער און איז אוועקגעפאָרן קיין אדעס מיט זיסע געדאַנקען, אַז יענע — די אדעסער יידן, וואָס לעבן פריי און לאַכן פון די קליינשטעטלדיקע יידן, וועלן אים, מיכלען, אויפכאַפּן ווי אַ גאָלדן פינגערל.

מיכל האָט געטאָן, ווי אַ סך אַנדערע יונגעלייט, וואָס זעען, אַז לעבן אַזוי ווי זייערע עלטערן אין די יידישע שטעט, איז זיי נישט געפעלן, ווארפן זיי אוועק זייער היים, זייערע עלטערן און לאָזן זיך אוועק אין דער וועלט אַריין, מיינענדיק, אַז דאָרט וועלן זיי קומען צו זייער צוועק. נאָר אַזוי ווי זיי זענען נאָך יונג און נישט דערפאַרן, פאַלן זיי בייַ זיך באַלד אַראָפּ; אַז וויבאַלד עס געלינגט זיי עפּעס נישט ביים ערשטן שריט, לאָזן זיי אראָפּ הענט און פיס און באַקו-מען פיינט די וועלט; צוריק אַהיים גלוסט זיך זיי שוין נישט צו קומען; ערשטנס, שעמט מען זיך, און, צווייטנס, האָבן זיי שוין פאַר-זוכט פון אַ נייער וועלט מיט אַ ניי לעבן, ווי אַלץ, וואָס דאָס האַרץ גלוסט, מעג מען טאָן און קיינער שטערט נישט. עס איז זיי שוין נישט מעגלעך צו לעבן אינדערהיים, און מען אַנטשליסט זיך צו בלייבן אין דער גרויסער וועלט. „וואָס עס וועט זיין מיט מיר, וועט זיין״, זאָגט אַזעלכער און ווערט אַ הפקר-מענטשל און איז גרייט אַלץ צו טאָן, נישט איבערקלייבן פון שלעכטס ביז גוטס.

מיכל טייטלשוואָם, ווען ער איז אָנגעקומען קיין אָדעס, האָט ער גערעכנט, אַז די אָדעסער יידן וועלן אים געבן אַ שטעלע אין זייערע ברויט-קאַנטארן; נאָר זיי האָבן אים אַפילו קיין מיטאָג נישט בעגעבן. ער האָט דערווייל געלעבט פון די עטלעכע רובל, וואָס ער האָט ביי זיין פאָטער צוגענומען. דערנאָך האָט ער פאַרקויפט דעם גאָלדענעם זייגער, דערנאָך אַ מלבוש ביז די לעצטע גאַנצע פּאָר שיך.

כל-זמן ער איז געווען זאַט, איז אים אין אָדעס נישט געווען אומעטיק, פאַרקערט נאָך גאַר פריילעך. ער האָט זיך געלעבט אַזוי ווי ער האָט געוואָלט, נאָר אַז ער האָט שוין נישט געהאַט וואָס צו עסן און וואָס צו פאַרקויפן און האָט אָנגעהייבן הונגערן, האָט ער באַ-קומען שטאַרק פיינט די אָדעסער מענטשן, נאָך ערגער פון די אין זיין שטעטל סאָקאָליווקע, און איז דערגאַנגען צו דעם געדאַנק, אַז די גאַנצע וועלט, ווי גרויס זי איז, איז פאַרדאָרבן. עס געפינט זיך

אין איר נישט קיין שום גוטע זאַך, און דער מענטש, וואָס חיל זיך פירן ערלעך, איז אַ נאַר.

אין זיין שטעטל האָט מען געהערט וועגן אים, אַז ער איז אויסגעלאָסן געוואָרן. דער מחותן פון זיין כלה האָט באַלד אָפּגעלאָזט דעם שידוך און ביי דער גאַנצער משפּחה האָט מען אים באַטראַכט פאַר אַ פלעק, נאָר אַזוי ווי מיכל איז אויס חתן געוואָרן, האָבן אים די שדכנים פונדעסטוועגן פאַרשריבן אין זייערע ביכלעך און, עס פאַר־שטייט זיך, אונדזער יידל שדכן אויך, ווייל ווען די שדכנים פלעגן פרעגן זיין פאָטער, וואָס טוט מיכל אין אדעס, פלעגט ער פאַר בזיון ענטפערן, אַז ער איז דאָרט אין אַ קאַנטאָר, און דערצו אויך אַ גרויסער סוחר. זיין אומגליקלעכער פאָטער האָט שטענדיק גערעכנט, טאָמער וועט זיין זון חרטה האָבן און צוריק קומען אַהיים, וועט ער באַלד טאָן מיט אים אַ לייטישן שידוך און אַלץ וועט נעמען אַן ענדע. דערפאַר האָט ער אים נישט געוואָלט מאַכן קיין שלעכטן נאָמען.

ווען מיכל האָט אָנגעהייבן הונגערן אין אָדעס, האָט ער נישט געקענט קוקן אויף די אָדעסער שיינע גאַסן, און ער האָט זיך דער־מאָנט אָן די גרייטע, פעטע מיטאָגן, וואָס ער פלעגט אַמאָל האָבן ביי זיינע עלטערן אין הויז. ער איז שטאַרק אין כעס געוואָרן אויף אָדעס מיט אַלע אירע איינוווינער און האָט געשריבן אַ בריוו צו זיין פאָטער, אַז ער האָט חרטה אויף אַלעמען און וויל פאָרן אַהיים. דער פאָטער האָט, פאַרשטייט זיך, אים באַלד געשיקט געלט און ער איז אַהיים געפאָרן. דאָרט האָט מען אים אויסגעקליידט, אָנגעהאָדעוועט, און עס האָט אים אין אָנהייב זייער געפרייט, וואָס ער איז געקומען אַהיים. ווען ער פלעגט זיך דערמאָנען, ווי דער באַלעבאָס פון זיין צימער פלעגט פון אים אַלע טאָג רייסן די הויט, ער זאָל אים באַצאָלן דירה־געלט, און ווי ער פלעגט איבערקומען אַ טאָג מיט אַ שטיקל טרוקן ברויט און גיין אָפּגעריסן, איז ער איצט געווען גאָר גליקלעך. פאַר עסן, טרינקען און קליידער האָט ער נישט באַדאַרפט זאָרגן, און זיין פאָטער האָט אים שוין געהייסן רעדן שידוכים. די שדכנים האָבן שוין פון מיכל, דעם אָדעסער „סוחר גדול", געשריבן צו די אַנדערע שדכנים. נאָך איידער זיי האָבן אַ שידוך צוגעפּאַסט, האָט זיך מיכל נאָך אַ גוטן מיטאָג און נאָכדעם, ווי ער האָט זיך גוט אויסגעשלאָפן, גאָר אַנדערש באַטראַכט:

— וואָס טויג מיר תּחונה האָבן, נעמען אַ ווייב און האָבן קינ־דער, זיין זייער קנעכט און זיי האָדעווען? און ווידער, איך האָב פיינט די קליינשטעטלדיקע יידן און עס איז מיר אומעטיק אין דעם קליינעם שטעטל. איך בין אַ וועלטלעכער יונגערמאַן און בין שוין געווען אין דער וועלט, און וועל מסתּמא נישט פאַרפאַלן ווערן... היינט, וואָס האָב איך דאָ צו ליידן אין דעם קליינעם שטעטל?

מיכל האָט קיין סך נישט געטראַכט. גוט אויסגעקליידט און מיט עטלעכע רובל אין קעשענע, איז ער דאָס צווייטע מאָל אַנטלאָפן קיין אָדעס, ווו ער איז געקומען צו דער לאַגע, אין וועלכער ער האָט זיך איצט געפינען, זיצנדיק ביי וואָראָנצאָווס דענקמאָל מיט אַ קאָנפעקט אין מויל און לייענענדיק דעם בריוו, וואָס ער האָט אָנגעשריבן צו זיין פאָטער, ער זאָל אים ווידער צוריק נעמען אַהיים קיין סאָקאָליווקע.

— דער בריוו איז, דאַכט זיך, גוט אָנגעשריבן,—האָט מיכל גע־זאָגט צווישן די ציין, ווייל אין זיין מויל האָט זיך נאָך געפונען אַ שטיקל קאָנפעקט. — אוי, ווי גוט וואָלט מיר געווען, ווען מיין פאָטער זאָל נאָך איינמאָל מאָל אויף מיר רחמנות האָבן! דער בריוו איז מיין לעצטע האָפענונג, אַז נישט בין איך גאָר פאַרפאַלן.

ער האָט צענויפגעלייגט דעם בריוו אין אַ קאָנווערט, אַריינגע־לייגט אים אין קעשענע און באַשלאָסן צו פאַרקויפן זיין לעצטע וועסטל, פאַר וויפל מען וועט אים נאָר געבן, אבי ער זאָל האָבן אויף אַ מאַרקע אָוועקצושיקן דעם בריוו.

אויף דער דריטער באַנק, נישט ווייט פון אים, איז געזעסן איינער אָנגעטאָן אין נישט קיין רייכע, אָבער אויך נישט קיין אָרעמע קליידער. טייטלשוואַם איז צו אים צוגעגאַנגען און אים פאָרגעלייגט צו קויפן זיין קאַמיזויל. דער באַקאַנטער האָט אים געפרעגט וואָס זיין נויט איז, וועלכע צווינגט אים צו פאַרקויפן אַ מלבוש. טייטל־שוואַם האָט אים דערציילט זיין לאַגע און זיי האָבן זיך צערעדט.

דער אומבאַקאַנטער האָט אים דערווייל געגעבן אַ פּאָסט־מאַרקע, וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך און טייטלשוואַם האָט באַלד דעם בריוו אַראָפּגעלאָזט אין דעם פּאָסט־קעסטל. ער איז צוריקגעקומען צו דער באַנק, ווו דער אומבאַקאַנטער איז געזעסן און זיי האָבן פריינטלעכער אָנגעהייבן צו רעדן. טייטלשוואַם האָט אים דערציילט זיין געשיכטע פון אָנהייב ביז אין סוף. דער אומבאַקאַנטער לאַוורענטי לגונאָוו,

ווי ער האָט זיך פאַר אים אָנגערופן, האָט אים אויך דערציילט, ווי אים איז אַמאָל געווען זייער שלעכט, ווי ער איז געווען איינער פון דער אדעסער „באָסע-קאָמאַנדע", וועלכע וואַלגערן זיך שטענדיק ביים „ברעג" און לעבן דערפון, וואָס זיי כאַפּן ביי די „גרוזקעס" פון די שיפן. ווייטער האָט ער אים דערציילט, אַז בשעת מען האָט פריער אין אדעס געראַבעוועט יידן, איז ער אויך נישט געזעסן ליידיק, און כאָטש ער האָט נאָכדעם געכאַפּט עטלעכע שמיץ און צוויי חדשים אַרעסט, איז דאָס פונדעסטוועגן כדאי געווען. מען האָט אַ ביסל געלעבט, הלוואי אויף היינט געזאָגט.

— וואָס דען, ברודער,—האָט לאַוורענטי געזאָגט, — פון גאָרנישט טאָן און אַרומגיין די הענט פאַרלייגט און נאָר רעדן מיט דעם מויל, אַז מען האָט פיינט מענטשן, וועט גאָרנישט ווערן. מען טוט בעסער אַזוינס, אַז זיי זאָלן דיך פיינט האָבן. אָך, ברודער, אין דער יוגנט פלעג איך אַמאָל גלויבן, אַז עס געפינט זיך עפּעס גוטס צווישן די מענטשן, אַז איינער האָט נישט, האָט מען אויף אים רחמנות און מען העלפט אים, נאָר שוין צייט לאַנג בין איך איבערצייגט, אַז אַלע מענטשן זענען אַזוי ווי די וועלף: כאַפּ דו, כאַפּ יענער, ראַבעווע, קוילע, טו וואָס דו ווילסט, אַבי דו זאָלסט זען, עס זאָל דיר זיין בעסער פון דעם צווייטן.

— איין גוטן ברודער האָב איך געהאַט, — האָט ער ווייטער דערציילט. — ער איז אָנגעקומען פון טיף רוסלאַנד. אָרעם און נאַקעט אַזוי ווי דו איצט. וואַדאַפּיאַנאָוו האָט ער געהייסן. ער איז געווען אַ צייט צווישן אונדזער חברה און פלעגט שטענדיק שרייען, אַז מיר זענען נאַראָנים, וואָס מיר שווייגן אויף די לייט, וואָס האָבן אַ סך געלט מיט הייזער און קאַרעטן.

— נו, וואָס-זשע, פלעגט אייער וואַדאַפּיאַנאָוו שווייגן?—האָט געפרעגט טייטלשוואַם.

— טאַקע דאָס פלעגט ער אויך זאָגן, אַז מען מוז שווייגן איבער די געזעצן, וואָרים וויבאַלד מען וויל עפּעס טאָן, אַרעסטירט מען.

— זעט איר דאָך, אַז מען מוז שווייגן, אַז אייער גוטער ברודער-ווי איר רופט אים — האָט אויך געמוזט שווייגן און אויך געמוזט זיצן פאַרלייגט די הענט, ווי איך מיט אייך, היינט וואָס-זשע קען איך שוין טאָן?

— אַ, ניין! וואַדאַפּיאַנאָוו זיצט נישט פאַרלייגט די הענט; ער

שרייבט מיר, אַז ער אַרבעט אין דעם געטריי און דענקט, אַז היינט־מאָרגן זאָל ער אַרויס עפּנטלעך און ווייזן וואָס ער האָט אויפגעטאָן.

— איר זאָגט, אַז ער שרייבט אייך? ווייזט אויס, אַז ער איז היינט נישט אין אדעס?

— ניין, ער איז נישט אין אדעס... אָט דאָס דערצייל איך דאָך אייך... ער וווינט היינט אין אַ דאָרף סטעפּקיווקע, איצט שרייבט ער מיר...

און לגונאוו האָט אַרויסגענומען וואָדזאָפּיאַנאָווס בריוו.

לאַנג, גאַנץ לאַנג האָט לגונאוו מיט טייטלשוואַמען גערעדט אויף דער באַנק וועגן וואָדזאָפּיאַנאָווס בריוו.

• • •

ווען טייטלשוואַם איז דיזעלבע נאַכט אַהיימגעקומען אין זיין וווינונג, האָט ער באַצאָלט דער באַלעבאָסטע דירה־געלט פאַר צוויי חדשים, און ווען ער האָט זיך זאַט אָנגעגעסן און אָנגעטרונקען און זיך אָנידערגעלייגט שלאָפן, האָט ער צו זיך געזאָגט אינדערפינסטער:

— ענדלעך האָב איך דאָך אַ שטעלע... אַלצאיינס... איך וועל מיך איצט נוקם זיין אין אונדזערע רייכע יידעלעך... איך וועל מיך שוין נישט אַרומדרייען פּוסט און פּאַסט... יאָ, יאָ, אַבי איך האָב שוין אַ שטעלע.

מיט די געדאַנקען איז ער אַנטשלאָפן געוואָרן אַזוי געשמאַק, ווי עס איז אים שוין לאַנג נישט אויסגעקומען אַזוי גוט צו שלאָפן.

אין שטאָט און אין דאָרף.

פריילעך זענען היינט די פויערים און אַלע דאָרפסלייט פון סטעפּקיווקע געפאָרן פון דעם נעזווינקער זונטיקדיקן יריד, ווי דער שטייגער איז, ווען דאָרפסלייט פאָרן אַהיים.

און פאַרוואָס זאָלן טאַקע די דאָרפסלייט נישט פאָרן פריילעך פון דעם יריד?

דער דאָרפסמאַן איז געקומען צו פאָרן אויף דעם יריד מיט אַ פולער פור: אַ מעסטל קאָרן, אַ זעקל ווייץ און פּראָסע, אַ קאָרן קאַרטאָפליעס מיט אַ זאַק האָבער, אָדער מיט אַ פולער פור האָלץ און שטרוי; זיין ווייב זיצט אויך מיט אים אויף דער פור מיט „אירע" סחורות: הינער, גענדז, קאַטשקעס, אייער, אויסגעשלאָגענע פּוטער, קעז, אויך עטלעכע אַרשין דיקע געוואַנט און ווייסע לייוונט, וואָס זי האָט אינדערהיים אויסגעשפּינט.

זייערע קינדער זענען אויך געקומען אויף דעם יריד מיט אַ זאַק אָדער מיט אַן עמער אויף די פּלייצעס, אין וועלכן זיי האָבן געבראַכט צו פאַרקויפן אַלערליי פּרוכטן—עפּל, באַרן, ווײַנשל, קאַרטן, פלוימען און גרינוואַרג: ציבעלעס, קנאָבל, פּעטרישקע. פּאַסאָליעס און אַנדערע גרינוואַרג.

זייער סחורה קאָסטן זיי קיין געלט נישט; זיי צאָלן נישט פאַר זיי, ווי די שטאָט-סוחרים, קיין פּראָצענט אויף פּראָצענט. עס דאַרט זיי נישט דער מוח ווי דעם שטאָט-סוחר, טאָמער וועט די סחורה ביליקער ווערן און ער וועט מוזן דערלייגן געלט. ווען דער דאָרפס-

מאַן נעמט ווינציקער פאַר זיין סחורה, וועט ער אויך נישט אומ-גליקלעך ווערן. און ווידער קען ער פיל פון זיינע סחורות האַלטן ביז צום צווייטן יריד, ווען די פרייזן וועלן זיין בעסער. זיין סחורה גייט נישט אַרויס פון דער מאָדע.

דאָס אַלץ איז דערפאַר, ווייל דער דאָרפסמאַן לייגט אין זיינע סחורות נאָר אַריין אַרבעט, און אַרבעט איז דער בעסטער פונדאַמענט פאַר דעם פויער. וואָס מער ער אַרבעט, איז אַלץ בעסער פאַר אים, און ער וועט מער האָבן. דער דאָרפסמאַן שלאָפט שטענדיק רויק. ער עסט געשמאַק און אַרבעט מיט חשק, ווייל ער ווייסט, אַז פון אַלעמען האָט ער נוצן. דערפאַר איז ער שטענדיק געזונט און לעבט לאַנג. ער באַנוגנט זיך מיט דעם, וואָס ער האָט. ער ווייסט נישט, וואָס עס הייסט פאַרדראָס, וואָס יענער לעבט שענער פון אים, זיך פאַרזעצן און שפּרינגען אויס דער הויט, אַבי יענעם נאָכטאָן און לעבן נאָך דער מאָדע.

דער דאָרף-גוי, אַז ער זעט ביי זיך אין דאָרף דעם פּריץ און אין שטאָט די פּריצים, וואָס זענען רייכער פון אים און לעבן שענער פון אים, גיט ער זיי אָפּ כבוד און רעכנט, אַז מסתמא קומט זיי אַזוי, גאָט וויל אַזוי. עס פאַלט אים גאָר קיינמאָל נישט איין יענעם נישט צו פאַרגינען, צו וועלן שטיין גלייך מיט אַ רייכערן פון זיך. אָט אַזוי לעבט דער הייניקער פויער און אַזוי דערציט ער זיינע קינדער.

און איצט, פאָרנדיק פון יריד צו זיך אַהיים אין דאָרף, איז מען פריילעך. די גאַנצע פולע פור מיט סחורות האָט דער פויער פאַרקויפט פאַר מזומן געלט און פאָרט אַהיים מיט אַ ליידיקער פור און מיט פולע קעשענעס געלט.

אויף דעם ליידיקן וואָגן זיצן איצט מיט אים זיין ווייב און זיינע קינדער, ביי אייניקע אויף די פורן זיצן נאָך קרובים אָדער גוטע פריינט, אַלע מיט פולע קעשענעס געלט און מיט פריילעכע הערצער. די קליינע פערדלעך לויפן אויך אַזוי לוסטיק אַהיים צום פרישן געשמאַקן גרינעם היי. די באַלעבאַטים פירן מיט זיך מיט פאַרשידענע זאַכן, וואָס זיי האָבן אין שטאָט איינגעקויפט אויף דער גאַנצער וואָך: זאַלץ, נאָדלען, פאָדעם, ליכט, בייגעלעך, לעקעכלעך, מתּנות פאַר זיינע קינדער, אַלערליי גלעזערנע קרעלן פאַר די יונגע מיידלעך, ווייסע בולקעלעך, וואָס זיי האָבן אַליין געקויפט ביי די

שטאָט-בעקער פאַר די אַלטע לייט, פאַר די קינדער וואָס זענען גע־בליבן אין דאָרף.

עטלעכע וויאָרסט אונטער דער שטאָט נעזווינק, אויף דעם גרויסן שליאַך, צווישן צוויי שורות שיינע דעמבענע, בערעזעווע און סאָסנאָוועביימער, זענען איצטער געפאָרן פיל דאָרפישע פורן מיט דאָרפלייט און פויערים; זיי האָבן געזען, ווי די רויט-פאַרגאָלדעטע זון מיט אירע פאַרשידנפאַרביקע שטראַלן איז אַלעמאָל פאַרגאַנגען טיפער, טיפער אונטער די גרינע בערג און ביימער.

עס האָבן זיך געהערט קולות פון געזינגעריי און שפּילערייאויף הילצערנע פייפעלעך פון די הונדערטער דורכפאָרער און פויערים; אַלטע און יונגעלייט, מענער, ווייבער, יינגלעך און מיידלעך, וואָס האָבן געשפּילט אויף פייפלעך, צימבלען, פייקלעך, באַלאַלאַיקעס און נאָך אַזוינע אינסטרומענטן.

ביי יעדער קרעטשמע האָט מען זיך אָפּגעשטעלט. עלטערע האָבן געטרונקען, יינגערע האָבן אויך צוביסלעך געטרונקען און פאַר־ביסן און דערווייל געוואָרפן אויגן אויף די יונגע ווייבלעך און מיידלעך. אַ סך האָבן געטרונקען איינער צום אַנדערן „פאַר יעדנס געזונט", זיך געקושט און געווונטשן איינער דעם צווייטן פיל גוטס און געזונט.

מען האָט פריילעך פאַרבראַכט לעבן דער קרעטשמע און דער־נאָך ווייטער געפאָרן אַהיים. וואָס ווייטער אַ וויאָרסט, האָט מען אויף דעם גרויסן שליאַך ווינציקער פורן און פאַסאַזשירן געזען, ווייל אַ סך פון זיי האָבן זיך אַלעמאָל גענומען אויף די זייטיקע וועגן: יעדער אַהיים צו זיך אין זיין דאָרף. צולעצט זענען געבליבן נאָר עטלעכע פורן, וועלכע זענען איצט אויך אַראָפּ אויף אַ שמאָלן וועג.

דער שמאָלער וועג פירט אויף דעם בערגל. פון דער רעכטער זייט שטייט איינגעגראָבן אַ געפאַרבטער סלופּ מיט שוואַרצע און ווייסע פּאַסן. אויף דעם סלופּ איז צוגעשלאָגן אַ שמאָל ווייס ברעטל, אויף וועלכן עס איז אָנגעשריבן מיט שוואַרצע אותיות, ווי עס איז אויסגערעכנט וויפל דעסיאַטין פאַרמאָגט דער גוטבאַזיצער פאַן זאַ־רעצקי, דער ייד שלום רויטמאַן און די פויערים.

צו דעם סלופּ איז אויך געווען צוגעשלאָגן אַ צווייט ברעטל פון אַלטע צייטן מיט אַ חשבון וויפל נפשות, מאַנסבילן און נקבות, עס האָט זיך אין דאָרף געפונען, ווי דער שטייגער איז געווען אין יענער צייט, ווען עס איז נאָך געווען „פּאַנשטשיזנע". נאָר זינט עס

איז געוואָרן אויס „פּאַנשטשיזנע" האָט מען שוין קיין ניי ברעטל מיט דעם חשבון פון די נפשות נישט צוגעשלאָגן, און דאָס אַלטע ברעטל איז פאַרשמירט געוואָרן פון דער צייט און פאַרוואַקסן מיט מאָך, אַזוי, אַז עס איז נישט מער מעגלעך געווען איבערצולייענען, וואָס עס איז דערויף אַמאָל געווען אָנגעשריבן.

די לעצטע פור, וואָס פאָרט אויף דעם וועג קיין סטעפּקיווקע, איז געווען דעם פויער פאַדיי אומנס. ער אַליין האָט אָנגעטריבן די פערד. מיט אים איז געזעסן אויף דער פור זיין ווייב מיט דער טאָכטער און דאָס יידישע מיידל — רחל, לעמלס טאָכטער. זי איז אויך געפאָרן פון דעם יריד.

איר פאָטער לעמל האָט נישט געהאַט קיין אייגענע פור און אפילו ער זאָל יאָ האָבן, וועגט וואָלט זיך געקאָנט מיט איר אָפּגעבן. חייל צו אַ פור מיט פערד דאַרף מען האָבן אַ באַלעבאָס. לעמל אָבער האָט צו קיין שום זאַך נישט געטויגט און רחל האָט געדאַנקט גאָט, אַז זי האָט געקענט פאַרטיק ווערן מיט איר אייגענער אַרבעט. נאָר ווען זי פלעגט דאַרפן פאָרן קיין נעזווינק אויפן יריד פאַרקויפן גרינוואַרג, וואָס איז געוואַקסן ביי איר אין גאָרטן, כדי זי זאָל האָבן עטלעכע מזומנע גראָשן און איינקויפן אין דער שטאָט אויף דער וואָך, פלעגט זי איר גרינוואַרג אַריינלייגן אין אַ קויש און אַרויסגיין צופוס אונטערן דאָרף גלייך מיט דעם וועג קיין נעזווינק, און זי איז ביי זיך זיכער געווען, אַז די פאַרבייפאָרער פון איר דאָרף וועלן זי מיטנעמען אויף זייערע פורן.

אַזוי איז אויך געווען היינטיקן זונטיק. זי האָט געפירט אין שטאָט אַריין פּרוכטן, די ערשטע, וואָס זי האָט אָנגעריסן ביי זיך אין גאָרטן. די שטאָטלייט האָבן ביי איר באַלד אָפּגעקויפט העכע־חי אַ האַלבן קויש אויף צו פאַרגלעזן איינגעמאַכטס, און זי האָט טאַקע געלייזט פאַר זיי זייער אַ גוטן מקח, אַזוי, אַז זי וואָלט איינגנטלעך באַדאַרפט פאָרן אַהיים מיט זייער אַ פריילעך האַרץ, ווי די פויערים, נאָר...

רחל איז איצט געפאָרן זייער אומעטיק פון דעם יריד. פאַדיי אומניס ווייב מיט איר מיידל, וואָס איז געווען כמעט אין איינע יאָרן מיט רחלען, האָבן זיך זייער געוווּנדערט, ווי אַזוי עס קומט, אַז די שטענדיק פריילעכע און זינגענדיקע סטעפּקיווקער שיינהייט, זאָל

פלוצלונג זיין אזוי טרויעריק. זיי האבן זי עטלעכע מאל געפרעגט, וואס מיט איר איז? זי האט אבער דערויף גארנישט געענטפערט.

רחל האט שוין מער ווי א יאר נישט געזען איר סאלאמאנען, און זי איז שטענדיק אזוי געווען פארטראגן אין איר ארבעט, אז זי האט קיין צייט נישט געהאט צו טראכטן, פארוואס איר סאלאמאן מיט די שיינע האר קומט אזוי לאנג נישט צו איר. רחל האט שטענדיק געהאט שווערע ארבעט, זי האט געמוזט ארבעטן פאר דריי, כדי זי זאל אויסקומען מיט דער צייט. עס האט איר זייער ווי געטאן, וואס סאלאמאן קומט נישט צו איר, און נישט איין מאל האט עס איר נעגעבן א שטאך אין הארצן, ווען זי האט זיך דערמאנט אן אים, איבערהויפט ווען זי פלעגט נאך זיין אוועקפארן ארויסטרייבן אירע שאף און די קו אין וועלדל, זיך שפילן מיט די האר פון די שאף און זיך דערמאנען אין דער שיינער אמתער מעשה, וואס די אלטע פריידע האט איר אמאל, ווינטער, ביינאכט, ביי דעם שפינען לייוונט, דערציילט:

עס איז אמאל געווען א ייד ר׳ עקיבא. ער איז ארויסגעקומען נישט פון א גרויסער משפחה; ער איז נישט געווען געלערנט און דערצו איז ער נאך געווען זייער ארעם; בשעת ער איז נאך א ייננגל געווען, האט ער זיך געשטעלט צו זיין א פאסטוך ביי א גרויסן גביר, וועלכן מען האט גערופן „כלבו שבוע״. דעם גבירס טאכטער, זייער א שיין מיידל, האט זיך פארליבט אין דעם עלנטן, ארעמען פאסטוך, נאר איר רייכן פאטער איז נישט אנגעשטאנען, אז זיין טאכטער זאל חתונה האבן פאר זיין ארעמען פאסטוך.

דאס שיינע מיידל איז אבער אזוי שטארק פארליבט געווען, אז זי האט אוועקגעלאזט איר פאטערס רייכע הויז מיט זיין גאנץ עשירות; זי האט מיט זיך גארנישט מיטגענומען, חוץ אירע אייגענע צוויי שווארצע אויגן, וואס האבן געגלאנצט ווי טייערע בריליאנטן און אירע שווארצע לאנגע צעפ, וואס האבן באשיינט איר פלייצע און איר קאפ, ווי א גאלדענע קרוין. זי איז געגאנגען איבער פוסטע וועלדער און פעלדער, וואלד אויס, וואלד איין, איבער טאלן און בערג, ביז זי איז געקומען צו דעם הויכן בארג, ווו דעם פאסטוכס ארעם צעבראכן שטיבל איז געשטאנען. זי האט ברייט געעפנט די טיר און אים געזאגט: „אט קומט אריין דיין ווייב אין דיין שטוב אריין!״ עקיבא איז זייער פויילעך געווארן. ער האט זי שטארק געקושט און

פון זיין מויל האָבן זיך אוי זיסער האָניק געגאָסן קלוגע רייד. זי האָט געהערט און געהערט... זי איז געווען זייער גליקלעך און האָט צו איר געליבטן געזאָגט: „דו וועסט זיין אַ גרויסער ליכטיקער שטערן און דיינע שטראַלן וועלן באַלייכטן אַלע וועגן פאַר כּל ישׂראל! נאָר באַלד האָט זי ביי איר אָרעמען מאַן אין שטוב אָנגעהייבן צו ליידן הונגער און קעלט, אָבער מער האָט זי געליטן צו זען, ווי איר מאַן הונגערט.

ר׳ עקיבאס ווייב האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון דעם באַרג, ביז זי איז אָנגעקומען אין שטאָט אַריין. זי האָט זיך אַנידערגעשטעלט אינ־מיטן מאַרק און האָט אויסגעשריען: „ווער וועט מיר געבן אַ מעסטל גערשטן פאַר מיין קרוין: די צעפּ, וואָס איך טראָג אויף מיין קאָפּ? מען האָט איר געגעבן אַ מעסטל גערשטן און זי האָט דערפאַר זיך געלאָזט אָפּשניידן אירע שיינע צעפּ. ווען זי איז צוריקגעקומען אויף דעם באַרג, האָט זי געזאָגט צו איר מאַן: עקיבא! איך האָב מיט וואָס אנצוזעטן דיין גוף, נאָר דיין נשמה איז הונגעריק און פאַר איר קען איך קיין עסן נישט קריגן; גיי אויף דער וועלט אין די שטעט און זעטיק דיין נשמה מיט חכמה, און איך וועל דאָ בלייבן. איך וועל שפּינען וואָל און פאַשען דיינע שאָף און וועל אַרויסקומען אויף דעם וועג, פון וועלכן דו וועסט זיך אומקערן אַזויווי די זון קומט צוריק אויף דעם הימל צוצוטרייבן דאָס פינסטערניש פון דער נאַכט.

עקיבא איז אַוועקגעגאַנגען.... עס זענען פאַרגאַנגען זיבן יאָר ביז ער איז אַהיימגעקומען, און ווי ער איז צוגעקומען צו זיין הויז, האָט ער דורך דעם פענסטער געהערט, ווי זיין ווייב זאָגט צו אַ צווייטן:

— ווען דער, וואָס איך האָב ליב מיט דעם גאַנצן האַרצן, זאָל קומען און מיר זאָגן: איך האָב מיך אומגעקערט צו דיר, כּדי דו זאָלסט נישט וויינען, נאָר איך האָב נאָך ווינציק געלערנט, וואָלט איך אים געענטפערט: „גיי צוריק און לערן נאָך״.

און עקיבא, הערנדיק אַזעלכע רייד, איז ער אַוועק פון זיין הויז. נאָך זיבן יאָר זענען פאַרגאַנגען.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט מען אויף דעם וועג, ווו עס איז געשטאַנען זיין שטיבל, געהערט רעשן אַ סך מענטשן. צווישן זיי איז געגאַנגען אַ הויכער מענטש, זיין פּנים האָט געשיינט ווי די זון. פון זיינע ליפּן האָבן זיך געגאָסן ווערטער זיסער פון האָניק.

אַלע מענטשן האָבן זיך פאַר אים געבוקט און מיט גרויס ליבשאַפט האָבן זיי אים גערופן: „גרויסער רבי!"

אין דער מינוט האָט זיך צווישן דעם גרויסן עולם דורכגע־שטופּט אַ פרוי. זי איז געפאַלן אויף דער ערד און האָט אַרומגע־נומען דעם רבינס פיס; דאָס שפּינדל, אויף וועלכן זי פלעגט שפּינען וואָל, איז איר אַרויסגעפאַלן פון די הענט. אַנגעטאָן איז זי געווען זייער אָרעם! זי האָט אויסגעזען זייער בלאַס און מיט איינגעפאַלענע אויגן. „אַוועק, דו אָרעמע!" האָבן מענטשן געשריען. נאָר דער גרויסער רבי האָט זי אויפגעהייבן פון דער ערד; ער האָט זי שטאַרק צוגע־דריקט צו זיין האַרץ.

דער הויכער מענטש איז געווען ר' עקיבא, וואָס איז נאָך פערצן יאָר צוריקגעקומען אַהיים, מיט פיראונצוואָנציק טויזנט תּלמידים, און און די פרוי איז געווען זיין ווייב.

— מיין גאַנץ לערנען און חכמה האָב איך צו פאַרדאַנקען מיין ווייב,—האָט ער געזאָגט צום עולם און האָט געוואָלט אויף איר קאָפּ אַרויפלייגן אַ גאָלדענע קרוין, מיט טייערע איינגעזעצטע פּערל און זאָגן: דו, מיין ווייב, האָסט אַמאָל פון דיין קאָפּ אָפּגעשניטן דיינע שיינע צעפּ, כּדי דו זאָלסט האָבן פון וואָס מיך אָנצוזעטן, איצטער וויל איך באַשיינען דיין שטערן מיט אַ רייכער קרוין.

זי האָט אים צוגעהאַלטן די הענט און אויפגעהייבן אויף אים אירע צוויי שיינע שוואַרצע אויגן און האָט אים געזאָגט:

— רבי! גרויסער לערער! דיין שם טוב איז מיין גאָלדענע קרוין!"

די שיינע מעשה פון ר' עקיבא מיט זיין געליבטער פלעגט רחלען נישט אַרויס פון דעם קאָפּ, און זייט איר סאָלאָמאָן איז אַוועקגעפאָרן אין שטאָט אַריין לערנען, פלעגט זי אויך פון טאָג אויף טאָג האָפן, אַז באַלד, באַלד, וועט ער צוריקקומען אַ געלערנטער און אַלע וועלן זי מקנא זיין, און ער, סאלאמאן, וועט זיין איר גאָלדענע קרוין. ווען סאלאמאן זאָל איצט קומען צו איר און זאָגן: „רחל, איך בין צוריק־געקומען, כּדי דו זאָלסט נישט וויינען, נאָר איך האָב נאָך ווינציק געלערנט אין שטאָט", וואָלט זי אים געענטפערט אַזוי ווי ר' עקיבאס ווייב: „גיי און לערן נאָך, דורך דעם וועט מיין קרוין ווערן שענער און טייערער".

נאָר איצטער איז זי געווען אין געזווינק אויף דעם יריד און

האָט שוין אָנגעהייבן אַרויסגיין פון דער שטאָט אויף צו פאָרן אַהיים. אינמיטן וועג האָט זי אָפּגעשטעלט אַ יונגע פריצטע און האָט ביי איר אָפּגעקויפט דעם רעשט פּרוכטן. רחל האָט געזען, אַז איר סאָלאָ-מאָן איז אויך געשטאַנען מיט דער פּריציטע, אויך אָנגעטאָן פּריציש, באָרנישט, ווי פריער, און ער איז געווען אזוי פאַרטראָגן צו באַדינען אַ מיידל מיט אַ שוואַרץ פּנים און מיט שיינע קליידער, וואָס איז בעוועגן לעבן אים, אַז ער האָט אַפילו קיין צייט נישט געהאַט אַ קוק צו טאָן אויף איר, זיין רחלען.

רחל האָט זיך פאַרשעמט און נישט געקענט נאָכאַמאָל אויפהייבן די אויגן און אַ קוק טאָן אויף איר סאָלאָמאָנען... זי האָט קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסרעדן... און ווי אַזוי זאָל זי איצט קענען רעדן מיט אים, וואָס גייט גאָר אָנגעטאָן, ווי דער רייכסטער פאַרנעמסטער פּאַניטש?...

זי האָט אַפילו פאַרגעסן איבערצוציילן, וויפל מען האָט איר באַ-צאָלט פאַר אירע פּרוכטן. דערוויל איז פאַרבייגעפאָרן פאדיי אומגי מיט זיין ווייב און טאָכטער און רחל האָט זיך געזעצט אויף זיין פור אַהיימצופאָרן קיין סטעפּקיווקע.

אַז דער וואָגן האָט צוגעפירט רחלען צו איר הייזל, האָט זיך שוין אין איינקע שטיבלעך געלייכט, און פאַר דער טיר האָט שוין געוואַרט רחלס קו, וועלכע איז שוין לאַנג געקומען פון דער „טשע-רעדע”, און געוואַרט, מען זאָל איר געבן עסן און זי אויסמעלקן.

רחל האָט זיך ווידער גענומען צו איר געוויינלעכער אַרבעט און מינוטנווייז האָט זי פאַרגעסן, וואָס זי האָט היינט געזען אויף דעם יריד אין נעזווינק...

די קרעטשמע.

אין דאָרף סטעפּקיווקע האָט זיך שוין אין אייניקע שטיבלעך געלויכטן. נישט תּמיד לייכט זיך אין פּויערישע הייזלעך, ווייל זומער־צייט צינדן די פּויערים כּמעט קיין ליכט נישט אָן; זיי לייגן זיך שלאָפן אינדערפינסטער און עסן וועטשערע ביים ליכט פון דעם ליטערן הימל. נאָר היינט איז געווען זונטיק, און לכּבוד דעם טאָג האָט זיך כּמעט אומעטום געלויכטן. פון אַלע זייטן פונם דאָרף האָט מען געהערט אַלערליי קולות, רעדן און זינגען פאַרשידענע פאָלקס־לידער. אַפילו קינדער און אַלטע פּויערים מיט גרויע קעפּ האָבן מיטגעזונגען. אַלע דאָרפלייט זענען געווען פריילעך, ווייל אַ גאַנצע וואָך האָט יעדער מיט שווייס געאַרבעט און היינט רוען זיי.

אין דער קרעטשמע. וואָס איז געשטאַנען אינמיטן דאָרף, האָבן זיך פאַרשפּעטיקט ביי די פלעשער בראָנפן אַ סך דאָרפלייט מיט זייערע פורן. עס איז שוין ביי זיי אַזוי איינגעפירט, אַז ווען מען פאָרט פון דעם יריד אַהיים, מוז מען פריער אויף אַ מינוט צופאָרן צו דער קרעטשמע. נאָר פון דער מינוט ווערט אַ האַלבע נאַכט. די ליבשאַפט פון די דאָרפלייט צו דער קרעטשמע איז גאָר אָן אַ שיעור. די קרעטשמע, דער שענק, פאַרנעמט ביי זיי אַלץ, וואָס ביי די שטאָטישע זענען טעאַטערס און קלובן. דאָרטן אין קרעטשמע איז זייער איינציקע צעשטרייונג, וווּ זיי קענען האָבן פאַרגעניגן, וווּ זיי זענען פריי און פאַרגעסן אין זייערע זאָרגן. דאָרט ביי דעם גלעזל בראָנפן הערן זיי אַלע־ליי ווערלטנייס, אויף וועלכע דער דאָרפישער עולם איז שטענדיק זייער נייגעריק.

איצט איז אויך געווען פול די קרעטשמע מיט סטעפּקיווקער באַלעבאַטים און מען האָט איבערגעשמועסט פון אַלערליי נייס. מען האָט גערעדט פון דער מלחמה, מען האָט דערציילט, אַז די רוסן האָבן שוין איינגענומען פּלעווּנע און אַז באַלד וועט ווערן שלום. איי־ניקע האָבן דערציילט, אַז זיי האָבן געהערט, אַז וויבאַלד עס וועט ווערן שלום, וועט מען אַלע יידן אַוועקשיקן צום טערק, אָדער מען וועט זיי ערגעץ אַנדערש פאַרשיקן, ווייל דער קיסר איז געוואויר גע־וואָרן, אַז די יידן זענען איבערגעקויפט פונם טערק און האָבן אים מיטגעהאָלפן מיט געלט. דערפאַר וויל זיי שוין דער קיסר מער ביי זיך נישט האַלטן. ער וואַרט נאָר ביז די מלחמה וועט זיך ענדיקן און דערנאָך וועט מען זיך נעמען צו די יידן.

איינער האָט זיך אַפילו אַריינגעמישט און געזאָגט, אַז עס איז נישט צו גלויבן, אַז דער רוסישער קייסער זאָל הייסן אַרויסטרייבן די יידן, ווייל, אַז יידן זאָל באמת זיין פאַרקויפט דעם טערק, וואָלט מען ביי זיי קיין סאָלדאַטן נישט גענומען.

אַן אַנדערער האָט זיך אַריינגעמישט און האָט געזאָגט, אַז דאָס האָט אים דער פּאַן פּיסאַר וואָדאָפּיאַנאָוו אַליין פאַרגעלייענט פון די צייטונגען.

אַלע וואָלטן שוין איצט געגלויבט, ווייל וואָס עס שטייט אין די צייטונגען, מוז דאָך זיין אמת. נאָר עטלעכע סאָלדאַטן, וואָס זענען געזעסן צווישן דער חברה, וועלכע זענען צוריקגעקומען פון דער מלחמה פאַרוואונדעט, האָבן געזאָגט: ווי אַזוי קען דאָס זיין, אַז די יידן זענען פאַרקויפט צום טערק, אַז זיי אַליין האָבן געזען, ווי מען האָט יידישע פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן געשענקט מעדאַלן, גלייך מיט די קריסטלעכע סאָלדאַטן, ווייל די יידן האָבן זיך מיט גבורה געשלאָגן און נישט געלאָזט צונעמען די „פּאַן" פון זייער פאָלק.

נאָך דעם געשפּרעך וועגן יידן, איז מען איבערגעגאַנגען אויף שטאָט-זאַכן. יעדער, וואָס איז געקומען פון דעם יריד, האָט דער־ציילט נייס פון שטאָט.

דער וועכטער פון וואָלאָסט, דרוטשאַק, וואָס איז איצט אויך געווען אין דער קרעטשמע, איז עפּעס געשטאַנען ווי פאַרשעמט, ווייל אַ גאַנצע וואָך איז ער געווען דער איינציקער דערציילער פון די וועלט-נייס. יעדער פלעגט ביי אים פרעגן. יאַכטעס האָט געטראָגן די גאַ-זעטן מיט די פּאַקעטן פון דער שטאָט-פּאָסט אין וואָלאָסט, האָט ער

געוווסט פון אַלע נייסן. נאָר איצט, אַז יעדער איז געווען אין שטאָט אויף דעם יריד, האָט מען זיינע נייס נישט באַדאַרפט, אַזוי, אַז יאַכטעם האָט געמוזט אַליין זיך צוהערן צו די נייס, וואָס די פויערים האָבן דערציילט. צום סוף האָט יאַכטעם זיך פאָרט אַריינגעמישט אין דעם געשפּרעך און האָט דערציילט, אַז דער פאַן פּיסאַר האָט אים פאָרגעלייענט פון די גאַזעטן, אַז ווען מען וועט נאָך דער מלחמה אַרויסטרייבן די יידן, וועט מען זייער פאַרמעגן צעטיילן צווישן די אָרעמע רוסישע דאָרפסלייט, אַזוי, אַז עס קען זיין, אַז די ערד, וואָס געהערט צו דעם „זשיד" חיים, וועט מען צעטיילן די סטעפּ־קיווקער באַלעבאַטים. דער פאַן פּיסאַר האָט אים געזאָגט, אַז דעמאָלט וועט אים, יאַכטעם דרוטשאַק, אָנקומען אויף זיין חלק עטלעכע דע־סיאַטין ערד מיט דעם הויף, ווו פאַן חיים וווינט, און עס קען זיין, אַז ער וועט ווערן אויס וועכטער, מען וועט אים מאַכן פאַר אַ „סטאַרשינע".

דער סטעפּקיווקער סטאַרשינע, וואָס איז גראָד דערביי אויך געווען אין קרעטשמע, האָט דערפאַר, וואָס דרוטשאַק וויל צונעמען זיין שטעלע, אים אָנגעהייבן שלאָגן, און ווער ווייסט וואָס צווישן זיי וואָלט פאָרגעקומען, ווען עס זאָלן זיך נישט געווען אַריינמישן מענטשן, וואָס האָבן געזאָגט, אַז דרוטשאַק איז גאָרנישט שולדיק, ווייל ער האָט שוין צופיל געטרונקען און מען האָט געפּסקנט, אַז ביידע זאָלן קויפן בראָנפן און אַלע האָבן דעם בראָנפן געטרונקען ביז שפּעט אין דער נאַכט.

* * *

ווען די פויערים זענען זיך שפּעט צעגאַנגען פון דער קרעטשמע, איז מען נאָך ביי פאַני אסתרקע נישט געשלאָפן. אין אַלע פענסטער האָט נאָך געלייכט, ווי אויף אַ באַל.

היינט איז ביי פאַני אסתרקע געווען אַן אָוונט, ווייל עס איז פונקט געוואָרן אַ יאָר צייט איר סאַלאָמאָן האָט אָנגעהויבן לערנען

אין שטאָט. דער אָוונט איז געווען נאָר פאַר היימישע און נאָענטע פריינט. דאָ האָט זיך געפונען דער אַלטער פריץ פאַן יאַן מיט דעם גלח דאַנילאָוו, מיט זייערע ווייבער און קינדער, און עס פאַר־שטייט זיך, אַז פאַן קאַרל מיט דעם פיסאר וואַדאָפּיאַנאָוו זענען געווען פון די ערשטע געסט.

די אַלטע באָבע פריידע האָט אויך געשיקט רופן איר רחלען, „מיין נחמהס קינד", ווי זי פלעגט זי רופן. רחל האָט אַפילו נישט געוואָלט גיין, ווייל, ערשטנס, איז זי געווען זייער מיד און טרויעריק פון דעם „שלעכטן יריד", און, צווייטנס, ווייל זי איז אַ גאַנצן טאָג נישט געווען אינדערהיים, איז איר געבליבן אַ סך אַרבייט; נאָר, אַז די „באָבעניו" רופט, מוז מען גיין. רחל האָט געוווּסט, אַז ביי דער באָבען וועט זיין אַ שמחה — עס וועלן זיין מענטשן, און אַז מען קומט צווישן מענטשן, דאַרף מען נישט פאַרשעמט ווערן. מען מוז אויך אַ פנים האָבן, ווי לייט. זי האָט איבערגעפלאָכטן אירע צעפּ, זיך אָנגעטאָן דאָס איינציקע שבתדיקע קליידל מיט די נייע שיך, וואָס זענען שטענדיק געווען באַהאַלטן אין קאַסטן; צו איר שבתדיק קליידל האָט זי אויך אָנגעטאָן אַ ווייסע אויסגעוואַשענע קאָפטע, אויף וועלכער זי האָט אַליין מיט פאַרשידנפאַרביקער זייד אויסגענייט קוויטן און איז געגאַנגען צו דער באָבען. פאַרבייגייענדיק לעבן איר גאָרטן, האָט זי אויסגעריסן אַ שמעקנדיקע פרישע בלום און זי איינגעשטעקט אין די האָר פון איר קאָפּ. אויך האָט זי אַ צווייטע בלום צוגעשפיליעט מיט אַ שפּילקע צום קלייד.

און רחל איז געווען אויף דעם אָוונט.

קיינער האָט זי דאָרטן נישט באַמערקט, ווייל ווען די איז אריינגעקומען, איז זי גלייך צוגעגאַנגען צו דער באָבע פריידע, וואָס איז געזעסן אויף אַ גאַנץ ברייטער ווייכער שטול. רחל האָט זיך לעבן דער שטול צוגעזעצט. אַזוי זענען זיי געזעסן ביידע גאַנץ שטיל און די באָבע האָט דערווייל אַ דרעמל געטאָן.

נאָר פאַן קאַרל האָט פון רחלען קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט דעם גאַנצן אָוונט. רחל האָט איצט, מיט איר טרויעריק געזיכט פיל שענער אויסגעזען אין זיינע אויגן, ווי געוויינלעך.

פאַני אסתּרקע איז געווען זייער פריילעך, און אַז זי האָט גע־פרעגט קאַרלען, פאַרוואָס ער זיצט אַזוי טרויעריק, האָט ער איר איינגערוימט אין אויער, אַז ער מוז אָוועקפאָרן פון סטעפּקיווקע.

— פאַני אסתרקע, — האָט ער איר געזאָגט, — מיר דאַכט זיך, איר דאַרפט שוין לאַנג פילן מיין האַרץ. פאַרגעסט נישט, אַז איך בין שוין מיט אייך צוזאַמען אַזאַ צייט, וואָס-זשע וועט זיין דער סוף? איך בין נאָך אַ יונגערמאַן און קען אַזוי שטאַרבן לעבן אייך. איך מוז מיך באַשליסן אָפּצושיידן מיט אייך, אפשר וועל איך אייך פאַרגעסן. ווי שווער און ביטער אָבער איז אַזאַ באַשלוס!...

פאַני אסתרקען האָבן קאַרלס ווערטער אין האַרצן זייער גע-פרייט; זי האָט אים פאַרזיכערט, אַז זי וועט נישט דערלאָזן, ער זאָל פון איר אָוועקפאָרן, ער זאָל נישט מיינען, אַז איר איז אַזוי גרינג זיך צו שיידן מיט אים.

חיים מיט זיינע געסט, פאַן יאַן און גלח דאַנילאָוו, האָבן ווי שטענדיק צווישן זיך גערעדט וועגן זייערע באַלעבאַטישע זאַכן און פון וועלטנייס.

שפעט אין דער נאַכט זענען די געסט זיך צעפאָרן, צעפרידן און פריילעך, נאָר פאַן פיסאַר מיט פאַן קאַרלען זענען פון פאַן חיימס הויז אָוועקגעפאָרן נישט צעפרידן, אין כעס און צעקאָכט.

* * *

אומעטום איז מען שוין געשלאָפן, אין אַלע הייזלעך איז געווען פינסטער, אַ טייל זענען געשלאָפן אין די הייזער און אַ טייל אינ-דרויסן, אונטער דעם פרייען הימל, לעבן דער שטוב אָדער אויף די סקירדעס היי.

זינט חיים האָט חתונה געהאַט, האָט אים פאַני אסתרקע מער נישט געלאָזט שלאָפן אינדרויסן אויף דעם היי, ווי זיין פאָטער האָט זיך אַמאָל נוהג געווען, פונדעסטוועגן פלעגט ער דאָך שלאָפן אויף דער פרייער לופט, אויף דעם גאַנעק פון זיין הויז, וואָס איז אַריינ-געגאַנגען אין גאָרטן. היינט, אין דער שיינער זומערנאַכט איז ער אויך געשלאָפן אויף דעם גאַנעק.

אומעטום איז שוין געווען פינסטער, נאָר אין איין שטוב איז

נאָך געווען ליכטיק. פאַן קאַרל מיט דעם פאַן פיסאַר האָבן נאָך נישט געשלאָפן און האָבן געשמאַק גערעדט, נישט אויפהערנדיק צו טרינקען...

— וואָס בין איך שולדיק אין דעם, ליבער פאַן קאַרל? גלויב מיר, ווען דער ווילדער, נאַרישער יאַכטעם דרוטשאַק זאָל פאַראַיאָרן נישט געווען אויספּויקן אין דאָרף, אַז איך מיט דיר האָבן בײַנאַכט געוואָלט אַרויסגנבענען רחלען, וואָלסטו שוין לאַנג צו דײַן צוועק געקומען. נאָר באַרעכן גוט, ווען איך אָדער דו וועלן אין דעם איצט עפּעס טאָן, וועט מען שוין וויסן, אַז דאָס איז אונדזער אַרבעט, און די סטעפּקיווקער יונגעלײַט וועלן אונדז די אויגן אַרויסנעמען! הײַנ־טיקע מוזשיקעס זענען שוין נישט, ווי אַמאָליקע. וואָס מען האָט גע־וואָלט, האָט מען געטאָן מיט זיי; זיי וועלן אונדז נישט שווײַגן. דערפאַר האָבן מיר זייער גלײַך געטאָן, וואָס מיר האָבן די גאַנצע צײַט זיך אָפּגעהיט.

— פאַן פיסאַרזשע! בײַ מיר איז שוין אַלצאיינס! עס מעג שוין דערנאָך זײַן, וואָס עס וועט זײַן... איך האָב ליב רחלען, איך קען אָן איר מער נישט לעבן!

— הער נאָר, פאַן קאַרל, איך האָב שוין לאַנג באַקלערט און באַטראַכט, אַז עס וועט אַלץ אויסקומען גוט, ווען מיר וועלן דעם זשידס פאַרמעגן אינגאַנצן צונעמען און פון רחלען איז שוין גאָר קיין רייד נישט. באַרעכן נאָר, וואָס עס וועט זײַן, ווען מיר וועלן זײַן די באַלעבאַטים, וועט דאָך די קרעטשמע אויך געהערן צו אונדז! און שטעל זיך נאָר פאָר, ווען מיר וועלן רחלען מיט איר פאָטער אָנהייבן אַרויסוואַרפן פון דער קרעטשמע — פאַרשטאַנען, וואָס דערפון קען אַרויסקומען?

— פאַן וואָדאָפּיאַנאָוו! — האָט אים פאַן קאַרל איבערגעשלאָגן די רייד עפּעס ווי דערשראָקן. — איך פאַרשטיי אייך נישט, וואָס הייסט? וויאַזוי קען דאָס זײַן, אַז איך מיט דיר זאָלן ווערן די באַ־לעבאַטים פון חיימס פאַרמעגן?

— איך דערצייל דיר נישט קיין פוסטע פּאָטשטן, איך דערצייל דיר אַ זאַך, וואָס איך האָב גוט באַקלערט, און עס וועט געוויס אַזוי זײַן, נאָר עס פאַרשטייט זיך, אַז דו מוזט אין דעם אויך עפּעס טאָן. לאָמיר זיך נישט נאַרן, פאַן קאַרל, דו ביזט שוין נישט קיין ייִנגעלע, וואָס דו זאָלסט אַלץ לעבן אונטער דעם טאַטנס פאַרטוך.

איך ווייס גאַנץ גוט, אַז דו וואָלסט נישט געגאַנגען אין דיין פּאַטערס וועגן, נאָר וואָס קענסטו טאָן, אַז דו מוזט נאָך יעדן גראָשן צו אים אָנקומען? די עטלעכע הונדערט רובל, וואָס פּאַני אסתּרקע לייט דיר אַמאָל, זענען דיר אויך צו ווייניק אויף צו לעבן, ווייל דו ביזט אַ גדלן גלייך מיט אַלע פּאָליאַקן. דיר ווילט זיך איר דאָס געלט אָפּגעבן, נאָר דו האָסט נישט, דערפאַר וואַגסטו שוין נישט ביי איר מער צו באָרגן... מיט איין וואָרט, פאַן קאַרל, אַזוי צו לעבן, אָפּהענגיק צו זיין פון יעדן, איז נישט גוט; עס איז שוין צייט צו שטיין אויף אייגענע פיס. דעריבער זאָג איך דיר: היינט ביינאַכט וועט עפּעס געשען. איך האָב שוין אַלץ באַשטעלט, נאָר אויף מאָרגן זאָלסטו וויסן, וואָס צו טאָן... דו וועסט טאָקע דאַמאָלט ביי פּאַני אסתּרקע אַלץ פועלן, נאָר דערפון וועלן מיר שוין נאָכדעם רעדן.

די צוויי בוטע ברידער האָבן אין דערדאָזיקער נאַכט זייער שפּעט גערעדט.

* * *

אין דערדאָזיקער נאַכט האָט געגאָסן אַ רעגן ווי מיט צעבערס, אַז מען האָט דורך דער געדיכטער פינסטערניש נישט געקענט זען, וואָס עס קומט פאָר לעבן ברעג פונם סטעפּקיוועקער טייך: נישט ווייט פון דער מיל שטייען פיר פיגורן, וואָס האָבן אָפּגעשלאָגן אויף דעם וואַסער פון דעם טייך פיר שוואַרצע שאָטנס... צוויי האָבן געהאַלטן אַ גרויסן פולן זאַק און די אַנדערע צוויי זענען געשטאַנען און האָבן געוואָרט. די ערשטע צוויי האָבן צו די אַנדערע געזאָגט:

— נו, וואָס וועלן מיר זיך האַלטן מיט דעם פּעקל, לאָמיר עס אַריינוואַרפן... אַ שטיין האָבן מיר שוין צום פּעקל צוגעבונדן.

— וואַרט אויס אַ מינוט, — האָט זיך אָנגערופן איינער פון די צוויי, וואָס זענען געשטאַנען מיט ליידיקע הענט. — טאָקע נאָר איין מינוט, ווייל עס וועט באַלד דונערן, וועלן באַלד דערנאָך זיין בליצן, וועלן מיר קענען זען, צי דאָס איז ער, דערווייל עפן דעם זאַק...

אין דער רגע האָט אַ גרויסער בליץ געטאָן, אַז עס האָט דעם גאַנצן הימל אַרום און באַלויכטן מיט גרויס פייער. די פיר מענטשן האָבן אין דעם אָפּענעם זאַק דערזען אַ בלאַס טויט פּנים מיט צוזאַמענגעקוועטשטע ליפּן און ציין...

— יאָ, דאָס איז דער „זשיד" חיים, — האָבן אַלע שטיל געזאָגט איינער צום צווייטן.

אין דעם געריוש פון דער נאַכט, פון דעם דונער און דעם רעגן, האָט מען נאָך געהערט אַ גרויסן פּליוסק אין דעם טייך, ווייל מען האָט געשווינד פון דער בריק אַראָפּגעוואָרפן אַ שווערע זאַך... די בײַלען וואַסער, וואָס האָבן זיך פון דעם פּליוסק אויפגעהייבן ווי קליינע וועלן, האָבן זיך אָפּגעגילדט פון נייע בליצן.

צווישן די פיר מענטשן האָט זיך אויך געפונען דער וועכטער יאַכטעם דרוטשאַק און „פּאַטיאַזשקע", וועלכער איז אויך געווען פון וואָדאָפּיאַנאָווס חברה.

עס איז געוואָרן שטיל, און די נאַכט האָט געשוויגן...

פּעטערבורגער האָטעל.

אויף דער שענסטער אָדעסער גאַס, פונוואַנען די איינוווינער זעען די שענסטע פּאַנאָראַמע אויפן שוואַרצן ים, און די שיפן, וואָס שטייען ביי דעם ברעג אויסגעצירט מיט פאַרשידענע זעגלען און פאָנען, וווינען די רייכסטע לייט. דאָ געפינען זיך אויך די רייכסטע האָטעלן.

אין דעם „פּעטערבורגער האָטעל", וואָס שטייט פּונקט אויף דעם עק פון אַ צווייטער שיינער גאַס, האָט איינער פון די האָטעל־געסט אַ קלונג געטאָן ביי זיך אין צימער, ווו ער איז איינגעשטאַנען. עס איז באַלד אַריינגעקומען דער קעלנער פונם האָטעל.

— רופט מיר אַריין דעם פּאַרוואַלטער, — האָט ער געזאָגט, און

האָט זיך, זעצנדיק אויף אַ שטול, פאַררויכערט אַ ציגאַר, וואָס האָט פאַרשמעקט דאָס גאַנצע צימער.

דער קעלנער איז אַרויסגעגאַנגען.

דער גאַסט האָט אויסגעזען פון אַ יאָר אכטאונצוואנציק; ער איז געווען זייער רייך געקליידט. אינגאַנצן האָט ער אַ פּנים געהאַט פון אַן אויסלענדישן סוחר. זיין ערנסט פּנים האָט אויסגעדריקט גרויסע זאָרגן, געוויס איבער גרויסע געשעפטן. אין דעם בוך פון דעם האָטעל איז ער געווען פאַרשריבן: „בערטאָלד ליודאָרף פון בעלגיען, אויסלענדער, הויפּליפעראַנט". ער האָט שוין אין דעם נומער געוווינט צוויי טעג.

— וואָס פאַרלאַנגט איר, הער ליודאָרף? — האָט געפרעגט, אַריינ-קומענדיק דער פאַרוואַלטער.

— ווו איז אייער סוחר, איוואַן בוראַקאָוו, וועגן וועלכן איר האָט מיר דערציילט, אַז ער וועט ביי מיר קויפן בעלגישע פעל? איר האָט אים געוויס נישט פאַרגעסן צו זאָגן, אַז פון פּאַרטיקער אַרבעט, איבערהויפּט פון פּרויען-שיך, קען איך מער פּראָצענט אַראָפּלאָזן ווי פון לעדערנע פעל? — האָט ער געזאָגט, און אין אַ ביכל מיט רעכענונגען, וואָס איז געלעגן אויפן טיש, עפּעס פאַרשריבן און ווייטער געזאָגט: — נאָך צוויי פּראָצענט קען איך אַראָפּלאָזן הער בוראַקאָוו, ווייל ווי איר האָט מיר געזאָגט, האַלט ער דעם גרעסטן לע-דערמאַגאַזין אין אָדעס און קען קויפן ביי מיר אויף דער סומע, ווי איך האָב אייך פאָרגעלייגט.

— איך האָב מיט אים אַלץ גערעדט, ווי איר האָט מיר איבער-געגעבן, — האָט דער פאַרוואַלטער געענטפערט, — נאָר ער פאַרלאַנגט, אַז איר זאָלט אים מער פּראָצענט אַראָפּלאָזן פון מענער-שיך. ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט זיין ביי אייך היינט פאַרנאַכט. איך האָף, אַז ער וועט באַשטיין אויף אייערע פּרייזן. אָט גייט ער, — האָט דער פאַרוואַלטער זיך געגעבן אַ כאַפּ אין דער זייט, ווו די טיר האָט זיך געעפנט און עס איז אַריינגעקומען הער בוראַקאָוו, וועלכער איז זייט צוועלעף יאָר אין אָדעס באַקאַנט דורך זיינע גרויסע לעדערגעשעפטן. דער פאַרוואַלטער האָט זיך געלאָזט גיין צו דער טיר מיט די ווערטער:

— גלייכט אייך אויס מיט די פּרייזן, איך האָף, אַז מיין מעק-לעריי וועט איר מיר שוין געבן. איך מוז באַלד אַוועקגיין.

— גיין, נאָך וואָס דאַרפט איר אַוועקגיין? פאַרקערט איר קענט מיטהעלפן, מיר זאָלן זיך אויסגלייכן.

איך מוז גיין צו מיין אַרבעט, איך בין נישט קיין שטענדיקער מעקלער. איך דין דאָ אין האָטעל. נאָר איר האָט מיך געבעטן, איך זאָל אייך רעקאָמענדירן אַ קונה, פאַרוואָס נישט? נאָר אָפּגעבן זיך דערמיט, האָב איך קיין צייט נישט. איך מוז גיין צו מיין שטענדיקער אַרבעט. ווען מיין מעקלעריי וועט זיין מער אָדער ווייניקער מיט עטלעכע רובל, מאַכט נישט אויס. גלייכט אייך נאָר אויס, און אַז איר וועט האַלטן ביים פאַרענדיקן, וועט איר מיך דורך דעם קעלנער רופן, איך זאָל מיט אייך מיטטרינקען „מאַגאַריטש".

דער פאַרוואַלטער איז נאָך די ווערטער אַוועקגעגאַנגען, און קוים האָט ער הינטער זיך צוגעמאַכט די טיר, זענען די צוויי, וואָס זענען געבליבן אין דעם נומער, זיך געפאַלן אויף די העלדזער.

איינער איז געווען לאַווערענטי לגונאָוו און דער צווייטער האָט זיך גערופן אַנדריי פעליכאָוו.

נאָכן צעקושן זיך האָבן די צוויי פריינט זיך צערעדט:

— וואָס מאַכסטו, לאַווערענטי?

— איצט, אַנדריי, איז נישט די צייט צו פרעגן, וואָס מען מאַכט. די מלחמה, וואָס רוסלאַנד פירט מיט דער טערקיי, איז באַלד געענדיקט און נישט אַזוי ווי אונדזער הויפּט־קאָמיטעט אין דער שווייץ האָט געדענקט. מיר זעען איצט, אַז די מלחמה וועט זיך ענדיקן גליקלעך פאַר רוסלאַנד און פאַר אונדז איז דאָס דער גרעסטער אומגליק. אונדזער האָפענונג ווערט צעשלאָגן. איך האָב דיך שוין לאַנג דערוואַרט, ווייל איך האָב געוווּסט, אַז עס וועט זיין די טעג ביי אונדז נייע אַרבעט. איך האָב שוין אַפילו פאַרמערט אונדזערע מיטגלידער; איינער אַ נייער, וואָס איך האָב צוגענומען, האָט אויסגעפירט עטלעכע זאַכן גאָר אויסגעצייכנט. ער הייסט טייטלשוואַם. עס איז זעלטן צו געפינען אַזאַ מענטשן, וואָס איז פעיק צו אַלץ. — אַזוינעם דאַרפן מיר נייטיק האָבן צו אונדזער אַרבעט.

— אומזיסט האָסטו איצט צוגענומען נייע מענטשן. איך פאָר איצט אַרום איבער פאַרשידענע געגנטן, אום מודיע זיין אין דעם נאָמען פון אונדזער קאָמיטעט, אַז קיינער זאָל זיך נישט דערוועגן עפּעס צו טאָן ביז די מלחמה וועט נישט זיין געענדיקט. דערנאָך וועלן זיין נייע באַפעלן וועגן דעם, וואָס מען האָט צו טאָן. אונדזער

קאָמיטעט האָט איצט דערזען אַ נייעם וועג, דורך וועלכן ער קען זיינע פּלענער אויספירן. דעם וועג האָבן פריער די סאָציאַליסטן נישט געקאַנט פאַרויסזען. איך מיין די נייע חברה, וואָס האָט זיך געבילדעט אונטער דעם נאָמען „אַנטיסעמיטיזם". זי האָט געשאַפן דער דייטש „שטעקער". די חברה ווערט אַלעמאָל גרעסער און פאַרברייט זיך איבער גאַנץ אייראָפּע. זי אַרבעט אויך צווישן דעם פּראָסטן פאָלק. די אַנטיסעמיטן פאַרשטייען גאָרנישט, אַז מיט זייער פּרעדיקן צווישן דעם פּראָסטן פאָלק טוען זיי די גרעסטע טובות אונדזער אַרבעט, און טאַקע דורך זיי וועלן מיר גיכער אויספירן דאָס, וואָס מיר וואָלטן אַזוי גיך נישט געקאָנט דערגרייכן אָן זיי.

— איך פאַרשטיי דיך נישט, אַנדריי. וואָס קערן זיך אָן אַנטיסעמיטישע פּרעדיקן מיט סאָציאַליזם?

— איך האָב געוווּסט, אַז דו וועסט מיך דאָס פרעגן. קיינער האָט נישט דערוואַרט, אַז די פּלענער פון די סאָציאַליסטן זאָלן בלינד העלפן די אַנטיסעמיטן. נאָר הער מיך אויס און לייג צו קאָפּ. פאַרוואָס מ׳ר, סאָציאַליסטן, איידער מיר פירן דורך עפּעס אַ פּלאַן, קומט עס אונדז אָן אַזוי שווער. מיר פאַרלירן אַ סך מענטשן, וועלכע פאַלן אַריין אין די תּפיסות. מיר פאַרלירן אַ סך געלט און ווער ווייסט, אויב נאָך דעם אַלעמען וועלן מיר אַמאָל קענען אונדזער צוועק דערגרייכן. כּדי אָבער מיר זאָלן קומען צו אונדזער צוועק, איז פאַר אַלעם נייטיק, מיר זאָלן דאָס פאָלק פאַר אונדז געווינען, ווייל אָן דעם פאָלק איז גאָרנישט... דאָס פאָלק דאַרף זיין מיט אונדז, ד. ה., אַז מיר וועלן אים זאָגן: נעמט דריקעס, קאָסעס, ביקסן און גייט מיט אונדז זיך שלאָגן פאַר אונדזערע אידעאַלן, זאָל דאָס פאָלק גאָרנישט מאַכן קיין שאלות און זאָל אונדז בלינד פאָלגן. נאָר ווי אַזוי קען מען דאָס פאָלק דערצו ברענגען? ווייסן מיר נאָך אַליין נישט, ווייל דער פּראָסטער, רוסישער פויער האָט זיך פיינט צו בונטעווען. חוצדעם, ציטערט ער אַפילו פאַר דעם „סאָטסקי" פון זיין דאָרף, בפרט אַז ער זעט אַ „קנעפּל", האָט ער געוויס מורא. דער רוסישער מוזשיק וועט בעסער אַוועקגעבן דאָס לעצטע העמד, איידער האָבן צו טאָן מיט אַ פּאָל־ציאַנט אָדער מיט אַן אַנדער קנעפּל און די געזעצן פונם לאַנד זענען ביי אים הייליק. נאָכמער — דער מוזשיק האָט אפילו דרך־ארץ פאַר יעדן עלטערן פון זיך, אַפילו ווען ער טראָגט נישט קיין קנעפּל. דעם פריץ פון דעם דאָרף גיט ער אָפּ דעם גרעסטן

כביד, ווייל ער ווייסט, אַז דער פּריץ איז רייכער, קליגער און גע־לערנטער פון אים; דער פויער רעכנט, אַז ער געהערט צו דער ני־דעריקער קלאַס מענטשן, און דאָס אַרט אים גאָרנישט. פאַרקערט, ער מיינט, אַז ער דאַרף זיך טאַקע בויגן פאַר דעם העכערן קלאַס. ווי אַזוי זשע קען מען דערוואַרטן פון אים ער זאָל זיך בונטעווען קעגן דעם העכערן קלאַס? דאָס רוסישע פאָלק איז מיט אַלעם צופ־רידן און ווינטשט גאָר קיין בעסערס נישט, ווען עס האָט נאָר אַ שטיקל פראָסט ברויט. אָט וועל איך דיר באַווייזן, וואָס איך האָב אַליין צוגעזען אין לעבן.

— נאָרנדיק קיין אָדעס, איז מיר אויסגעקומען פאַרבייצופאָרן דורך אַזוינע ערטער, ווו די באַן גייט נישט. איך האָב מיך אָפּגע־שטעלט אין אַ קרעטשמע. דאָרט האָב איך מיך צערעדט מיט די מוזשיקעס. איך האָב זיי געפרעגט, ווי עס גייט זיי? און יעדער האָט מיר געענטפערט: אַ דאַנק גאָט, מיר האָבן צו אים קיין טענות נישט. נאָר איינער האָט מיר דערציילט, וואָס פאַר אַן אומגליק ער האָט גע־האַט פאַראַיאָרן. ביי אים איז נישט געראָטן די תבואה, זיינע בהמות זענען אויסגעפּגרט און ער האָט אַפילו נישט מיט וואָס צו פאַרזייען זיין שטיקל ערד אויף דעם נייעם יאָר. ער איז געצוווּנגען געווען צו פאַרדינגען זיין ערד אַן אַנדערן פאַר אַ קלייניקייט. אָבער פון דעם, וואָס ער באַקומט דערפאַר, קען ער נישט לעבן אַ גאַנץ יאָר: ביז דעם נייעם געראַטעניש. זיין אייגן ברויט האָט ער נישט, געלט אויף צו קויפן ברויט האָט ער אפשר קוים אויף אַ חודש און דאָ דאַרף מען לעבן ביז אין נייעם יאָר און דערנאָך דאַרף מען געלט אויף פאַר־זייען דאָס פעלד.

— איך דאַרף האָבן געלט, — האָט מיר דערציילט דער מוזשיק,— האָב איך געזען, אַז איך מוז גיין אין שטאָט אַרבעטן.

— ער איז אַוועק קיין קיעוו און האָט געאַרבעט אַ גאַנץ יאָר אין אַ פאַבריק. ער האָט צונויפגעקלאַפּט עטלעכע רובל, און אין איינ־וועגס איז ער שוין געווען אויף „באָגאָמאַליע‟ אין די קיעווער הייליקע „לאַוורעס‟ און דערנאָך צוריקגעקומען אַהיים. ער האָט געקויפט נייע בהמות, און איז געוואָרן צוריק אַ באַלעבאָס עד היום. צוהערנדיק, ווי דער מוזשיק האָט אַזוי דערציילט, האָב איך מיך דערמאָנט אין מיינע קינדעריאָרן און אין מיין שטעטל, ווו איך בין דערצויגן געוואָרן. און ווען איך בין אויסגעוואַקסן און געקומען אין אַזאַ גרויסער שטאָט,

ווי קיעוו, האָב איך זייער חשק געהאַט צו די גרויסע, שיינע מויערן, צו די שיינע קאַרעטעס, וואָס מען זעט דאָרט פאָרן איבער די גאַסן. עס האָט זיך מיר שטאַרק געגלוסט אַזוי גוט צו עסן און אַזוי שיין צו לעבן, ווי די רייכע מענטשן לעבן אין די גרויסע שטעט. איך האָב מיך אָנגעהייבן רייסן צו אַזאַ לעבן, נאָר איך האָב נישט געקאָנט דערלאַנגען און האָב געלעבט אָן אַ חשבון, ביז איך האָב מיין גאַנץ געלט פאַרלעבט און האָב שוין אפילו קיין אָרעם לעבן, ווי פריער אויך נישט געקאָנט פירן און האָב אָנגעהייבן צו הונגערן, און פון דער צייט אָן האָט מיך אָנגעהייבן פאַרדריסן: פאַרוואָס קומט דאָס די רייכע צדיפיל און מיר גאָרנישט? און עס איז ביי מיר געבליבן, אַז דאָס גאַנצע עשירות אויף דער וועלט דאַרף מען צעטיילן אַלע מענטשן גלייך. דאָס דערציייל איך דיר אַ מעשה פון מיינע אַמאָליקע יאָרן... איך האָב מיך אין איר דערמאַנט, ווען דער מוזשיק האָט מיר דערציילט, אַז ער איז געווען אין דער גרויסער שטאָט קיעוו. איך האָב אים געפרעגט, צי האָט ער אויך געהאַט חשק צו רייכקייט, ווי איך.

— איז דיר קיעוו געפעלן? האָסטו געזען דעם שיינעם „קרע־שטשאַטיק״?

— געוויס האָב איך אים געזען און נאָך אַנדערע שיינע זאַכן האָב איך אויך געזען.

— געפעלט דיר עפּעס דאָרטן?

— מיר געפעלט דאָרט אַלץ! די הייזער זענען שיין. עס זענען דאָ אַזוינע שיינע מאַגאַזינען, שיינע קאַרעטן פאָרן איבער די גאַסן און נאָך שיינע זאַכן, וואָס איך האָב זייט איך לעב נישט געזען ביי מיר אין דאָרף. די אויגן האָבן מיר אַזש געפינקלט צו קוקן אויף די אַלע זאַכן.

— אָבער, זאָג דעם אמת, דו וואָלסט אויך געוואָלט וווינען אין אַזאַ שיין הויז, פאָרן אין אַזוינע קאַרעטן, ווי דו האָסט געזען אין קיעוו?

דער מוזשיק האָט מיך אָנגעקוקט, ווי אַ משוגענעם:

— וווינען אין אַזאַ גרויסן מויער? וואָס וועל איך דאָרט טאָן? ווער־זשע וועט ביי מיר אינדערהיים אַרבעטן? אַכטונג געבן אויף מיין ווירטשאַפט? מיין ווייב און קינדער קענען זיך אָן מיר נישט אָפּ־פאַרטיקן אינדערהיים...

— הייסט עס, נאָך דיין מיינונג, אַז אין אַזוינע שיינע מויערן

איז נישט גוט צו וווינען? אז רייך איז נישט גוט צו זיין? און דיר גלוסט זיך אפילו נישט צו וווינען אזוי שיין און צו פארן אין קארעטן?

— פארוואס נישט? איך זאג גארנישט, אז עס איז נישט גוט רייך צו זיין... ווען מען זאל מיך געוועזן ארייַנלאזן אין א שיין הויז אויף דעם „קרעשטשאטיק", וואלט איך דארט מיט פארגעניגן אפגע-ווינט א טאג, אנגעקוקט אלע שיינע געמאלטע דירות מיט דעם טייערן מעבל און וואלט מיר צוריק אוועקגעגאנגען אהיים און אין דארף אלעמען דערציילט פון די שיינע זאכן, וואס איך האב געזען.

— דערפאר וואלסטו געוואלט וווינען א טאג אין א שיינער און רייכער וווינונג.

— וואס דען? אונדזער מוזשיק האט אויך ליב אנצוקוקן שיינע זאכן, אפילו אויף קאמעדיעס און אין טעאטער צו גיין.

— נו, אבער א גאנץ יאר וואלסטו נישט געוואלט וווינען אין אזא שיין הויז?

— א יאר? אפילו נישט קיין אכט טאג. וואס וואלט איך דארט געטאן, אין די גרויסע צימערן? איך וואלט דארט פארנודיעט געווארן.

— דו וואלסט דארט אויך געפונען אן ארבעט, עס זאל דיר נישט לאנגווייליק זיין. איז דיר אינדערהיים, אין דארף, לאנגווייליק?

— אינדערהיים, זאגט איר? — אינדערהיים איז גאר עפעס אנדערש,— האט ער געזאגט מיט א שמייכל, פון וועלכן מען האט געזען, אז עס פרייט אים, וואס מען דערמאנט אים זיין היים.—דארט האב איך אזויפיל ארבעט, אז איך ווייס אפילו נישט ווי די צייט קומט אהין. א דאנק גאט, וואס מען האט כאטש זונטיק אביסל צייט צו זיצן פאר-לייגט די הענט.

— איך האב געזען,—האט אנדריי פעליוכאוו ווייטער דערציילט,— אז איך קען זיך ביי אים נישט דערפרעגן, וואס איך האב געוואלט. האב איך נאכאמאל אנגעהייבן פון אנהייב צו פרעגן ביים פויער:

— זאג מיר נאר, דו ביזט גארנישט מקנא, וואס יענער איז רייך, וואס יענער לעבט שענער פון דיר?

ער האט אויף מיר אויסגעגלאצט א פאר אויגן און מיט א גע-לעכטערל געענטפערט:

— וואס איז מיין געשעפט, וואס יענער איז רייך? מסתמא האט ער מזל און האט פארדינט. אז איך וועל פארדינען, וועל איך אויך

זיין רייך. און וואָס דאַרף איך מיך גאָר יאָגן נאָך רייכקייט! ווען איך וועל זיין רייך, וועל איך האָבן אַ סך צרות און זאָרגן, מען זאָל מיך נישט באַגנבענען אָדער מען זאָל מיך נישט דערהרגענען און צונעמען ביי מיר דאָס געלט... אויך וואָלט איך שטענדיק מורא געהאַט, די מייז זאָלן נישט אויפעסן די פּאַפּירענע אַסיגנאַציעס, אַז איך זאָל זיך דערנאָך דאַרפן אויפהענגען פאַר צרות. ווי עס האָט זיך דאָ נישט לאַנג געטראָפן ביי אונדז אין דאָרף מיט מעלניאַק, דעם גביר, וועלכן מען האָט ביינאַכט געהרגעט און זיין ווייב און קינדער געבראָכן די ביינער, זיי זאָלן אויסזאָגן די גנבים, ווו ער האָט זיין געלט באַהאַלטן; דאָס ווייב האָט זיך טאַקע נישט געקענט איינהאַלטן, ווען זי האָט געזען, אַז מען וויל זי מיט אַ האַק דערהרגענען, און האָט אויסגעזאָגט, ווו דאָס געלט איז באַגראָבן אין דער ערד אונטער דעם פּאַס מיט וואַסער, און די גנבים האָבן דאָס געלט צוגענומען. און אין אַן אַנדער דאָרף האָט זיך אַמאָל אַ מוזשיק גענומען איבערציילן דאָס געלט, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט אין קאַסטן נאָך צען יאָר אַרבעט, און האָט דערזען, אַז די מייז האָבן די העלפט אַסיגנאַציעס אויפגעפרעסן פונקט ווו די בומערן זענען... פאַר ווייטיק האָט ער זיך אויפגעהאנגען... הייַנט, נאָך וואָס דאַרף איך קריכן פון דער הויט אַרויס און וועלן זיין רייך אויף צו האָבן אומזיסטע צרות? איך בין רייך, ווען איך מיט מיין ווייב זענען געזונט, און אויף מיין ערד גערעט דאָס ברויט, וואָס איך האָב פאַרזייט, אַז איך זאָל האָבן צו עסן מיט מיין ווייב און קינדער ביז איבעריאָר. און אַז גאָט שטראָפט, עס גערעט נישט אַזוי ווי מען דאַרף, ווערט מען אויך נישט פאַרפאַלן; גייט מען אַרבעטן אין שטאָט און גאָט פאַרלאָזט מיך נישט. הייַנט, וואָס נוצן מיר יענעמס שיינע הייזער, יענעמס רייכקייט, אויף וועלכע איך האָב נישט געאַרבעט? מיר, מוזשיקעס, האָבן פיינט אַזאַ פאַרמעגן, נישט האָבנדיק געאַרבעט אויף דעם. מיר גלויבן, אַז דאָס, וואָס קומט אָן גרינג, פאַרלירט זיך גרינג.

— הייַנט, מיין ליבער לאַוורענטי, — האָט אַנדריי געענדיקט זיין שמועס — וואָס קענען מיר מאַכן מיט אונדזערע פאַרשלאָפענע, רויקע, צופרידענע מוזשיקעס?

דער הפקר־מענטש.

אין איינעם פון די אדעסער טראַקטירן, ווו עס הערט נישט אויף כמעט אַ מינוט צו שפּילן אַ שפּיל־קאַסטן, פון וועלכער די באַזוכער קווען גאָר אָן און טאַנצן אַ ביסל אונטער ביים טיי טרינקען; אין דעם טראַקטיר „דוואָריאַנסקי זאַל״, ווו מען זעט קיינמאָל נישט אַריינגיין קיין לייטישן „דוואָריאַנין״, און מען רופט עס „דוואָריאַנסקי״ נאָר דערפאַר, וואָס אַ פּאָרציע טיי קאָסט טייערער מיט צוויי קאָפּיקעס, איז צווישן עולם איצט געזעסן ביי אַ באַזונדער טישל מיכל טייטלשוואַם. אויף זיין טישל זענען געשטאַנען אויסגעליידיקטע טעלער פון אַ פּאָרציע „ביפשטעקס״ און אַ פּאָר „טשייניקעס״ פון אויסגעטרינקענע טיי. אויף דעם טישל איז אויך געלעגן שטיקלעך פון אויסגערויכערטע פּאַפּיראָסן.

טייטלשוואַם איז איצט געווען פאַרטראָגן אין לייענען אַ בריוו. דער קעלנער פון דעם טראַקטיר האָט שוין לאַנג פון אַ ווינקל אַכטונג געגעבן אויף טייטלשוואַמען, ער זאָל זיך שוין אויפהייבן פון זיין אָרט און אים באַצאָלן, וואָס עס קומט, כדי ער זאָל אים שוין נישט מער דאַרפן היטן. נאָר ווי אויף צוזעצעניש איז טייטלשוואַם געווען זייער שטאַרק פאַרטראָגן אין לייענען דעם בריוו, וועלכן ער האָט שוין צום צענטן מאָל איבערגעלייענט. דער אינהאַלט פון דעם בריוו איז געווען דערדאָזיקער:

בני היקר מו"ה מיכל נ"י.

„ראשית מעלדע איך דיר, אז דו האסט געטראפן אין דיין מכתב צו אונדז, אז דו ביזט אפילו נישט ווערט מען זאל דיין בריוו לייענען און נאך ווייניקער מען זאל דיר ענטפערן. קארג בזיונות מיט צרות האסטו אונדז אנגעטאן און פארפלעקט אונדזער גאנצן יחוס פון אונדזער משפחה, אז איבער דיר קען איך שוין מיט די איבעריקע קינדער, וואס זענען גאט די נשמה שולדיק, נישט טאן קיין לייטישע שידוכים... נאר וואס זאל איך דיר אויסרעכענען אלע דיינע מעשים, איז דען מעגלעך דאס אין א בריוו ארויסצושרייבן? והשנית שרייב איך דיר, אז איך מוז דיר זאגן דעם אמת, אז איך האב דיר שוין גאר נישט געוואלט ענטפערן, ווייל איך האב דיך שוין אויסגעמעקט ביי מיר אין הארצן פאר א זון; רק אמך היקרה לאזט מיך נישט לעבן, אז מיר זאלן דיך נעמען אהיים. זי איז דאך א מאמע, טוט איר וויי דאס הארץ אויף א קינד, מער ווי א פאטער. איך האב מיך דערפאר אויך מיישב געווען, דו ביזט פארט מיין בלוט און פלייש. איך האב נישט וויניק אויסגעבראכט, איידער מיר האבן דיך אויפגעצויגן. האב איך מיט איר, ווי א טאטע מיט א מוטער באשלאסן נאכאמאל רחמנות צו האבן אויף אונדזער קינד און דיך ווידער נעמען צו אונדז אהיים, נאר בזה האופן, אז וויבאלד דו וועסט קומען, זאלסטו באלד א חתן ווערן און האבן חתונה, וועט דאס ווייב דיך מאכן א ביסל לייטישער און דו וועסט שוין ווערן א מענטש. גראד רעדט מען דיר איצט זייער א פיינעם שידוך: ר' יידל שדכן מעיר נעזווינק שרייבט מיר היינטיקע וואך, אז ער לייגט אונדז פאר פונדיינעטוועגן זייער א גוטן שידוך, טאקע פון נעזווינק. דו קערסט אויך קענען דעם גביר ר' יואל רידערסקי. זיינס א מיידל, ציפע, איז די כלה, כאטש ווען דו זאלסט נישט האבן דעם שם רע, וואלט איך דעם שידוך נישט געוואלט, ווייל וועדליק איך האב זיך נאכגעפרעגט, איז דאס מיידל א גאנצע אריסטאקראטקע, פון דער היינטיקער וועלט, מיין איך. די מאמע וויל זי נישט פאר קיין שנור און אונדזער משפחה שטייט זי געוויס נישט אן. נאר וואס זאלן מיר טאן? מיט דיר מוזן מיר זיך א ביסל אראפלאזן. וואס טוען דען נישט

עלטערן פאַר זייערע קינדער? איר פאָטער איז פאָרט אַ גביר און אַ איש חשוב ביים רבין אין נעזווינק און אין דער גאַנצער שטאָט האָט ער אַ גרויסע דעה. חוצדעם, גיט ער שיינע עטלעכע טויזנט רובל נדן. איך האָב מיך באַטראַכט, ווייל דו ביזט שוין אויך אַ וועלטלעכער יונגערמאַן, איז טאַקע אפשר גלייכער, אַז דו זאָלסט האָבן אַן אַריסטאָקראַטקע פאַר אַ ווייב: טאָמער וועסטו זי ליב האָבן און זי פאָלגן און ווערן אַ „סטאַ-טעטשנער" מענטש. אויך וועט ער דיר געבן קעסט, וויפל דו וועסט נאָר ווען. בקצור, מיין זון, אַז דו וועסט דיך נאָר פירן, ווי דיין טאַטע-מאַמע שטייט אָן, וועט דיר מיט גאָטס הילף זיין גוט און מיר וועלן נאָך זוכה זיין אין דיר האָבן פיל נחת. רק למען השם, אויב דו האָסט זיך באַשלאָסן תשובה טאָן און קומען צו אונדז, זאָלסטו אויך ביי דיר פועלן צו פאָלגן טאַטע-מאַמע, וועט דיר זיין גוט. מיין קאָמיסיאָנער אין אדעס, ר' כייקל טאלנער, האָב איך שוין געשריבן, אַז דו וועסט קומען צו אים, זאָל ער דיר געבן על חשבוני אויף הוצאות, דו זאָלסט האָבן מיט וואָס צו פאָרן לביתי, און למע"ה באַלד ווי דו וועסט נעמען דאָס געלט, זאָלסטו טאַקע באַלד פאָרן, וואָרים איך האָב שוין טעלעגראַפירט קיין נעזווינק להר' יידל שדכן, אַז וויבאַלד דו וועסט קומען, זאָל מען פאָרן אָנ-קוקן די כלה. איך בעט דיך, מיין זון, דו זאָלסט שוין אויף אונדז רחמנות האָבן און ווערן אַ מענטש, ווי אונדזער משפחה שטייט אָן. יותר אין חדשות רק חיים ושלום.

אביך, וואָס האָפט דיך איינגיכן צו זען.

אמך גריסט דיך וכל ב"ב און בעטן דיך, דו זאָלסט שוין זיין אַן ערלעכער ייד, אמן סלה".

זעליק בהרב המאור הגדול בוצינא
קדישא מיכל דק"ק סאָקאָליווקא".

מיכאל טייטלשוואָם, ווי ער פלעגט זיך רופן, זייט ער איז געוואָרן אַ וועלטלעכער יונגערמאַן, האָט באַטראַכט דעם בריוו פון אַלע זייטן און האָט אים ענדלעך אַריינגעלייגט אין בוזעם-קעשענע און געהייסן דעם קעלנער, ער זאָל אים ברענגען אַ פּאָרציע ראָסל-פלייש פאַר צען קאָפּיקעס און אַ קניש מיט קעז פאַר צוויי קאָפּיקעס.

— אזוי בלייבט עס, — האָט ער געזאָגט, ווען ער האָט אַריינגע־כאַפּט צווישן די ציין אַ האַלבן מילכיקן קניש און פאַרביסן מיט אַ שטיקל פליישׂ, — יאָ, אַזוי בלייבט עס. איך פאָר אַהיים, וואָרים וואָס וועל איך מיך האַלטן דאָ אין וויסטן אָדעס? לגונאָוו צאָלט מיר שוין אויך נישט די שכירות צו דער צייט, און איידער איך נעם ביי אים אויף מיטאָג, קריכט מיר אַרויס די נשמה פון הונגער. ער זאָגט, אַז איצט איז פאַר מיר קיין אַרבעט נישטאָ, און ווידער, ווען איך דאַרף נעמען ביי אים אַ גילדן, ווייס איך אים נישט ווי צו געפינען. עס גייען אַוועק טעג, וואָס איך זע אים נישט און ווייס אַפילו נישט, ווו זיין היים איז, סיידן איך באַגעגן אים אין די טראַקטירן און אין די שענקן. עס ווייזט אויס, אַז ער אַליין איז אויך אַזאַ קבצן, ווי איך, נאָר וואָס קען דאָס שוין זיין פאַר אַ שטעלע, אַז כ׳קען נישט וויסן ווער מיין באַלעבאָס איז. ווידער איז מיר שוין נמאס דאָס גאַנצע אָדעס מיט די דירות און וואַנצן, די טראַקטירן מיט די וויסטע עסנס, ווו פאַר אַ קניש מיט קעז גיט מען אַ שטיקל טייג מיט ווייסע ווערעם. דער ראָסל־פלייש זעט אויס, ווי אַ שטיקל אַלטע לעדער און עס שמעקט פון אים מיט אַ ריח אויף דריי וויאָרסט. ביי אונדז אינדער־היים וואָלט עס די קאַץ נישט געוואָלט עסן. אַזוי, אַזוי, איך וועל פאָרן אַהיים! וואָרים וואָס וועט מיר דען שלעכט זיין? דער טאַטע וויל, איך זאָל נישט אַנדערש נאָר חתונה האָבן, איז טאַקע גאַנץ גלייך, וואָרים איך וועל פאַרשפּאָרן צו זיין ביי דעם טאַטן, ווו מען לאָזט מיך נישט פירן מיין פריי לעבן; איך וועל האָבן געלט, אַ יונג מיידל פאַר אַ ווייב... אַ גביר איז איר טאַטע אויך. מיין טאַטע וועט מיר אויך געבן נדן און אויסקליידן... טאָמער וועל איך נישט קענען לעבן אַזוי פריי, ווי איך האָב ליב? דאָס איז בלאָטע! ביז אהער בין איך געווען אַ נאַר, איצט ווייס איך שוין, ווי אַזוי צו לעבן מיט די יידעלעך... איך וועל טאַקע זיין אַ ביסל פרומער, כלומרשט נאָכטאָן, וואָס שווער און שוויגער און מיינע עלטערן ווילן. אַ ביסל פאָלגן דעם ווייב, זיין אין שטאָט דער ווילער יונגערמאַן, דעם גבירס איי־דעם, אומעטום זאָגן אַ דעה און טאַקע היינטערווייל־עכטס לעבן, אַזוי־ווי איך וויל לעבן. ווי וועל איך נישט פאָרן עטלעכע מאָל, לפנים, צוליב מסחר, קיין אדעס אָדער קיין אויסלאַנד און דאָרטן אַ ביסל אונטער־לעבן?.. דאָס וועט שוין ווערט זיין, איך זאָל אַ ביסל צוליב טאָן און פאָלגן שווער און שוויגער. מיט איין וואָרט — עס וועט מיר זיין גוט,

ווי די וועלט: אַרבעטן וועל איך נישט דאַרפֿן, קעסט מיט דעם ווייב וועל איך האָבן. אי, עס וועלן זיך אַמאָל אויסלאָזן די קעסט און איך וועל דעמאָלט דאַרפֿן מפרנס זיין ווייב און קינד? — קאָפּ אין דער וואַנט! וואָס דאַרף איך איצט זאָרגן, וואָס שפּעטער וועט זיין? דער־ווייל וועל איך לעבן.

טייטלשוואָם האָט אָנגעהייבן רייבן זיין שטערן און ווייטער געריבט:

— יאָ, יאָ, איך וועל מיינע עלטערן פֿאָלגן, פֿאָלג איך דען איצט לגונאָוון נישט? וואָס טוט דען נישט אַ מענטש צוליב געלט, אַז מען זאָל קענען לעבן אַ גוטן טאָג!

טייטלשוואָם האָט זיך נאָך פֿאַרזאָמט אין אדעס צוויי טאָג. ער האָט זיך געזעגנט מיט זיינע באַקאַנטע. ער האָט אויך זיך געזען מיט לגונאָוון, וועלכער האָט אים געזאָגט, אַז ער האַלט אים נישט אָפּ; ער קען קריגן אין אדעס אַזוינע הונדערטער יונגעלייט, וואָס וועלן טאָן זיין „אַרבעט".

אויף דעם דריטן טאָג איז טייטלשוואָם אַוועקגעפֿאָרן אַהיים צו זיינע עלטערן אין סאָקאָליוווקע.

מען שרייבט תנאים.

דער זומער איז שוין לאַנג אַוועקגעגאַנגען. די בלעטלעך פֿון דיביימער זענען שוין געל און אָפּגעבליאַקעוועט געוואָרן און די בלעטן פֿון דעם טייך האָבן שוין אָנגעהייבן פֿאַרפֿרוירן ווערן. שוין לאַנג, אַז אויף דעם נעזווינקער בולוואַר האָט מען נישט געזען זיך דרייען מענטשן און נישט געהערט שפּילן מוזיק.

אַוועק איז דער זומער מיט זיין גאַנצער פֿריילעכקייט, מיט זיינע גרינע ביימער, גרעזלעך, בלומען, מיט זיינע לויטערע וואַרעמע טעג און ברילאַנטענע ליכטיקע נעכט. פּונקט ווי אַלץ איז מיטאַמאָל אַנט־

שלאָפן געוואָרן אויף אייביק און די פויגל, וואָס שפּילן און זינגען אַ גאַנצן זומער, זענען צוזאַמען מיט דעם זומער אַוועק און האָבן אַפילו קיין שפּור פון זיך נישט איבערגעלאָזט. אומעטום, וווּ און אויף וואָס מען האָט נאָר אַ קוק געטאָן, האָט אויסגעזען טרויעריק, בייז. אַלץ האָט אויסגעוויזן, אַז דער ווינטער מיט זיין אייז און פראָסט דאַרף באַלד-באַלד אָנקומען.

אויפן הימל האָבן זיך געיאָגט איינע נאָך די אַנדערע שוואַרצע דיקע שטיקער וואָלקנס; אויף דער גאַס האָט מען געזען נאָר אַזעלכע מענטשן, וואָס די נויט טרייבט אַרויס פון דער שטוב. די אַלע, וואָס פלעגן זיך זומער שטענדיק דרייען אין די גאַסן, בולוואַרן, גערטנער,— גייען זעלטן אַרויס שפּאַצירן אין גאַס.

אַלץ האָט זיך איבערגעאַנדערשט. אַפילו ביי יאַכצי די מלמדקע אין הויז האָט זיך אויך איבערגעאַנדערשט. יאַכצי האָט אַפילו פאַרלייגט די הענט און אַוועקגעוואָרפן איר זאַק דרייען. יאַכצי האָט גע-ווּסט, אַז הייִנטיקן טאָג פאַסט נישט, זי זאָל אַרבעטן אַ זאַק, און ווידער איז זי אַ גאַנצן טאָג געווען פאַרנומען מיט אַנדערע טויזנטער געשעפטן, אַז זי האָט גאָר פאַרגעסן אירע שפּיזלעך מיט דער זאַק.

יאַכצי האָט היינט צוזאַמען מיט אַ סאַרווערן געקאָכט פיש, צימעס און געבאַקן פרישע בולקעס, צוקערגעבעקס און קאָרענעם לעקעך. ערשט שפּעט פאַרנאַכט איז זי פאַרטיק געוואָרן. זי האָט זיך אָפּגע-וואַשן אַפילו דעם האַלדז, אָנגעטאָן איר שענסטע שבתדיקע קלייד, אויפן קאָפּ אָנגעטאָן איר נייע געל זיידן טיכל, מיט אַ שיינעם ברייטן שלייף אונטער דער גאָמבע, וואָס איר גאָלדע האָט אַליין פאַרקניפּט, אַז עס זאָל אויסקומען ווי אַ „פּאַוער". גאָלדע האָט ליב געהאַט אַכטונג צו געבן, אַז ווען די מאַמע פלעגט זיך אָנטאָן שבתדיק, זאָל אויסזען שיין. יאַכצי האָט איצטער אַרויסגעבלישטשעט פון אונטער דעם געלן זיידענעם טיכל, ווי אַ מעשענער אָפּגעפּוצטער סאַמאָוואַר, אין וועלכן מען קען זיך אָנשפּיגלען, ווי אין אַ שפּיגל. יאַכצי האָט טאַקע געשיינט פאַר פרייד: אַ קלייניקייט! זי האָט דערלעבט איר איינציק קינדס קנסמאָל:

כאָטש גאָלדשמיד מיט גאָלדען זענען כמעט פון קינדוויז אָן געווען חתן-כלה, נאָר זייט גאָלדשמיד איז געקומען פון אַדעס, האָט זיך שפּיצבוים, זייער „פּעטער", ווי זיי פלעגן אים רופן, נישט איינ-מאָל געקליבן דערמאַנען חתן-כלה, אַז עס איז צייט צו מאַכן אַ

קנסמאָל, ווי דער מנהג איז ביי יידן צו שרייבן תנאים. ער האט געוואָלט, מען זאָל שוין טאַקע באַשטימען דעם זמן החתונה, נאָר עס האָט זיך אַלץ נישט געמאַכט, אַלעמאָל איבער אַן אַנדער סיבה. איינמאָל האָט זיך שוין שפּיצבוים דערצו ערנסט גענומען און האָט שוין געוואָלט צונויפרופן גוטע פריינט, איז ער פּלוצלונג קראַנק געוואָרן, אַזוי, אַז מען האָט געמוזט ווידער אָפּלייגן, ביז מען האָט באַשטימט אויף היינטיקן אָוונט דאָס קנסמאָל און אין עטלעכע חדשים אַרום זאָל זיין די חתונה אין אַ גוטער שעה.

יאַכצי איז עולה לגדולה געווען פון דעם, וואָס ביי איר טאָכטער איז אַ קנסמאָל. זי פלעגט אַלץ ביז אַהער טראַכטן:

— איך ווייס, ווער קען היינטיקע וועלט פאַרשטיין? יידישע קינדער גייען שוין קורץ געקליידט. יידישע מיידלעך גייען שוין, ווי די פּריצעס. מען ווערט חתן־כלה אָן אַ שדכן! ווען מיינער, ער זאָל האָבן דעם ליכטיקן גן־עדן און אונדז אַלע דערמאָנען צום גוטן, זאָל איצטער אויפשטיין פון קבר און זען ווי זיין איינציק קינד גייט שוין גאָרנישט אָנגעטאָן, ווי אַ יידיש מיידל, נאָר ווי אַ פּריצטע, און ער זאָל זען ווען ער וועט האָבן פאַר אַן איידעם, וואָלט ער נאָכאַמאָל געשטאָרבן. אוי, ווען ער זאָל לעבן, וואָלט ער מיר כאָטש דערציילט, וואָס דאָס איז פאַר אַ נייער מין וועלט. יידן לעבן שוין אַזוי לאַנג, נאָך אַז דאָס בית־המקדש איז געשטאַנען זענען שוין יידן אויך געווען, און מען האָט קיינמאָל נישט געזען, וואָס מען זעט היינט. ער איז געווען אַן ערלעכער ייד און וואָלט מיר אַלץ אויפגעקלערט. אָבער איך? וואָס ווייס איך? וואָס פאַרשטיי איך? עס זאָל נישט זיין קיין פאַרזאָגערין אין שול, וואָלט איך אפילו נישט געוווּסט, וואָס מען דאַוונט.

יאַכצי האָט זיך אומגעקוקט אויף אַלע זייטן, ווי גלייך זי האָט געזוכט עמעצן, מען זאָל איר דערקלערן, וואָס איז אַזוינס היינטיקע וועלט, דערנאָך האָט זי ווידער אָנגעהייבן רעדן צו זיך:

— וויאַזוי־זשע קען איך פאַרשטיין, וויאַזוי מיין גאָלדעניו מיט איר חתן, זאָלן לעבן און געזונט זיין און מיינע ביינער איבערלעבן, פירן זיך אויף? וואָס זאָל איך זיי זאָגן? נאָר איך בין דאָך פאָרט אַ מאַמע, האָב איך געזאָגט: קינדערלעך! נישט אַזוי פירן זיך חתן־כלה. נישט אַזוי פירן זיך יידישע קינדער, נישט אַזוי האָט זיך מיינער — ער זאָל האָבן דעם ליכטיקן גן־עדן — בעפירט. ער איז גע־

ווען אַן אמתער, ערלעכער ייד. איר און אייערע קינדער זאָלן מיר זוכה צו זיין, ווי ער. וואָס נאָך קען איך זיי זאָגן, אַז זיי ווילן מיך נישט פאָלגן? מיט קינדער גט מען זיך נישט. וואָס טוט דען בתיה, די גבירטע, וואָס איך פאַרמאָג נישט איר מיסט, מיט איר טאָכטער ציפּע, וואָס איז אויך אַן אַריסטאָקראַטקע, פון דער נייער וועלט? בתיה איז אויך אַ כשרע יידענע, גלייך מיט מיר, און אפשר נאָך מער, וואָרים ווען בתיה לייענט אין שול דעם טייטש פון דאַוונען, שיטן זיך פּערל פון איר מויל, זי איז דאָך אָקעגן מיר אַ רביצין, וואָס-זשע טוט זי איר ציפּען, אַז זי וויל זיך גאָר מיט קיין יידישן נאָמען נישט רופן, נאָר „סיציליע"? עס איז נאָר פּאָר אונדזערע זינד אַ שלעכטע וועלט. מען מוז צוזען, ווי די אייגענע קינדער פירן זיך און שווייגן. אַוודאי, אַז מייַנער זאָל לעבן, וואָלט גאָר אַנ-דערש געווען. ער איז אַ מאַנסביל, ער וואָלט נישט דערלאָזט, אָבער איך? איך קען גאָרנישט טאָן, איך האָב פאָרט ליב אברהמלען, ער איז אויך ביי מיר פון קליינערהייט אָן איינגעבאַקן אין האַרצן, ווי מיין אייגן קינד, לאָזן זיי זיין געזונט און שטאַרק און גאָט זאָל זיי נישט רעכענען זייערע זינד, וואָס זיי פירן זיך נישט, ווי ערלעכע יידישע קינדער דאַרפן זיך פירן. זיי זענען פאָרט יונגע קינדער מיט יונגן שכל, וואָס פאַרשטייען נישט, און אַז זיי וועלן עלטער ווערן, וועלן זיי ווערן קלוגער. ווען איך בין געווען אַ מיידל, בין איך געווען נאַרישער, ווי איצט. נאָר דער אויבערשטער זאָל מיר כאָטש העלפן, איך זאָל זוכה זיין צו זען ביי זיי דאָס קנס-מאָל, דערנאָך די חתונה, און שפּעטער אַ ברית ביי מיין אייניקל... נאָר ווער ווייסט, צי עס וועט גאָר זיין אַ קנס-מאָל, צי אַ חתונה, ווי ביי יידן דאַרף זיין... אברהם האָט שוין געזאָגט, אַז עס גאָר איבעריק אַ קנס-מאָל, עס וועט נאָר קאָסטן עטלעכע אומזיסטע רובל. אפשר וועלן זיי מאַכן אַ חתונה, ווי ביי דייטשן? אָן אַן אויפרופנס, אָן אַ פריילעכן שבת, אָן זמירות און אָן אַ שמחה...

אַזוי פלעגט יאַכצי אָפט טראַכטן ביי איר זאָק דרייען, און דאָס שטענדיק אַראָפּשלינגען מיט טיפע קרעכצן און זיפצן. היינט אָבער איז זי די גליקלעכסטע אין דער וועלט. יאַכצי האָט זיך איצט בעצפילט נאָכמער גליקלעך, ווען אברהמל האָט געזאָגט, אַז מען זאָל מאַכן אַ קנס-מאָל מיט שרייבן תנאים, ווי עס פירט זיך ביי יידן.

זיצנדיק איצט לעבן דער וואַרעמער הרובע, האָט יאַכצי אָנגע-

קוואַלן, זי האָט געקוקט, ווי אין שטוב איז אין יעדן ווינקעלע ליכ-
טיק, זויבער, ריין, ווי דער טיש איז באַדעקט מיט אַ ווייס טישטוך.
אויפן טיש שטייען אויסגעריבענע, ווי גאָלד, מעשענע לייכטער, פלעשלעך,
גלעזלעך, טעלערלעך און פון דעם אויוון אַרויס האָט אַזוי געשמעקט! —
אָט וועט באַלד קומען דער רב, דער שוחט און נאָך שיינע יידן און
ווייבער אָנגעטאָן יום-טובדיק. זיי וועלן אַריינקומען און זאָגן: „אַ גוטן
אָוונט דיר, יאַכצי! מזל-טוב דיר, מחותנתטע, זאָלסט דערלעבן אין
זיי פיל נחת צו זייער חופה און דערנאָך אייניקלעך". דערנאָך וועט
מען טרינקען „לחיים", און מען וועט ווידער ווינטשן יאַכצין פון אַלע
זייטן, אַז זי וועט קוים האָבן צייט צו ענטפערן יעדן באַזונדער אויף
זיין „לחיים". אויך וועט מען דערמאנען „אירן" צום גוטן, מען וועט
זאָגן צו יאַכצין: „ער" זאָל האָבן דעם ליכטיקן גן-עדן, און יאַכצי
וועט דערביי פאַרגיסן עטלעכע טרערן, און די ווייבער וועלן זי
טרייסטן און זאָגן: אַז פאַר דעם מת איז נישט גוט, אַז מען
וויינט, און אַ בעל-שמחה טאָר נישט וויינען. יאַכצי וועט זיך אויס-
ווישן מיט דעם נייעם נאָזטיכל די אויגן און וועט זאָגן: אַז גאָט
האָט מיך אַזוי געשטראָפט, לאָז ער מיר כאָטש העלפן, איך זאָל דער-
לעבן פיל נחת ביי מיינע קינדער. די ווייבער וועלן איר אויף דעם
ענטפערן: דיר, יאַכצין, וועט גאָט געוויס העלפן, דו האָסט, דאַכט
זיך, קיין שום שלעכטס נישט געטאָן אַקעגן זיין ווילן. דו דאַרפסט
איצט זיין פריילעך און לויבן גאָט, וואָס דו האָסט דערלעבט דיין
קינדס קנס-מאָל. יאַכצי וועט איצט ווערן פריילעך און וועט ווייזן
דעם עולם, אַז זי קען זיין אַ מחותנתטע. זי וועט כאַפּן אַ שטיק-
טענצל, די געסט וועלן דאָס באַמערקן און אָנהייבן פּליעסקען און
זינגען און מאַכן פון יאַכציס וועגן אַ „ראָד". דער עולם וועט אָנ-
קוועלן און צו איר שרייען: בראַוואָ, אַ מחותנתטע אַ קאָזאַק! שטאַר-
קער! שטאַרקער! פריילעכער! מען וועט זינגען אַ שיין, טאַלנער
ניגונדל, דערנאָך וועט מען לייענען אויף לשון-קודש פון אַ פּאַפּיר
און מען וועט דערמאנען יאַכצין איר טאָכטער מיט דעם חתן, ברעכן
טעלער, און אַ קלויז-יונגערמאַן וועט זיך געוויס אַריינכאַפּן אין קיך
און געפונען דעם טאָפּ, אין וועלכן מען זייערט באָרשט, און וועט
אַריינלויפן אין שטוב און אַ וואָרף טאָן אים אויף דער ערד מיט אַ גע-
שריי: „מזל-טוב"! אַז יעדער זאָל זיך דערשרעקן. יאַכצי וועט
זאָגן: איך שפּאָר אייך נישט מיינע אַלטע טעפּ, אַז גאָט האָט מיר

יאַ געהאָלפן, איך האָב דאָס דערלעבט... דערנאָך וועט מען עסן, טרינ־
קען און וויפל מאָל וועט מען דערבײַ ווינטשן „לחיים". אויף מאָרגן
וועלן אַלע ווײַבער אומעטום דערציילן, אַ בײַ יאַכצין אויף דעם קנס־
מאָל זענען געווען אַזוינע פיש, אַז זיי זענען זיך פּשוט צעגאַנגען
אין מויל.

מיט דידאָזיקע גאָלדענע געדאַנקען איז איצט יאַכצי געשטאַנען
לעבן דער הרובע. זי איז איצט געווען די גליקלעכסטע אין דער
גאַנצער וועלט. און ווער קען זיך נאָך גלײַכן צו איר גליק?..

• • •

די שיינע גאָלדע — די כּלה — וואָס איז נאָך געווען פאַרנומען
מיט קליינע אַרבעטן, איז איצט געווען אָנגעטאָן, ווי אַ יידישע כּלה,
און קוקנדיק אויף איר האָבן אַלע געזאָגט, אַז עס איז קיין שענערס
גאָר נישטאָ ווי אַ יידישע כּלה, און אייניקע האָבן זיך אָנגערופן:
נישט אומזיסט זאָגט מען בײַ יידן — „די כּלה איז שיין ווי אַ קייסע־
רינע". און אונדזער הייליקער שבת איז אויך געגליכן צו אַ כּלה!

די כּלהס שיינע, בלאָנדע האָר זענען געווען פאַרפלאָכטן אין
צוויי לאַנגע צעפּ, איינגעפלאָכטן מיט אַלערליי בלומען, אין לעבע־
דיקע ווייצענע און קאָרענע זאַנגען, וואָס זי אַליין האָט אויסגע־
שטיקט. קיינער אין געזווינק האָט אַזוינס נישט געקענט פאַרמאָגן.
ווער האָט נאָך אַזוי געקעגט שיין העפטן, ווי די שיינע גאָלדענע
העפטערין, וואָס העפט פּרוכתן און איז באַרימט אין דער גאַנצער
געגנט?

גאָלדע האָט זיך געוויס געמעגט היינטיקן אָוונט אַזוי אָנטאָן,
וואָרים זי האָט היינט געזאָגט צו זיך:

— אַ קנס־מאָל איז בײַ אַ מענטשן נאָר איין מאָל אין לעבן!
און אַז מען ווערט אַ כּלה פאַר דעם, וואָס מען האָט באמת ליב,
מעג מען זיך אַוודאי אָנטאָן אין די שענסטע קליידער און זיין
פריילעך.

און נאָלדע איז טאַקע געווען זייער פרייכען און גליקלעך, נישט ווייניקער גליקלעך, ווי איר מוטער יאַכצי!

* * *

דער געבעטענער עולם האָט זיך שוין אָנגעהייבן צונויפצוקומען אויפן קנס-מאָל. יאַכצי האָט יעדן געעפנט ברייט די טיר, געענטפערט אויף יעדנס גוטן אָוונט מיט די ווערטער: „גם אתם, איר זאָלט דער־לעבן ביי אייערע קינדער, און פיל נחת האָבן, וועלן מיר אייך אָפּדינען!"

גאָלדע האָט אויך יעדן מיט אַ זיסן שמייכל געענטפערט אויף יעדנס אָנווינטשן, אָפּגעגעבן יעדן גלייך כבוד און אַלעמען פריינטלעך געבעטן זיצן.

צווישן דעם עולם איז געווען דער רב, דער שוחט, דער שטאָט-חזן, דער אונטער-חזן און אפילו זלמן מקובל, דעם חתנס פאָ־טער, כאָטש ער האָט שוין אַמאָל אויסגעמעקט זיין אברהמלען פאַר זיינעם אַ זון דערפאַר, וואָס ער איז געוואָרן אַן אפּיקורוס און איז אַוועקגעפאָרן אין דער ראַבינערשולע, נאָר שפּיצבוים און חתן כלה זענען געווען ביי אים און האָבן אים געבעטן אויף דעם קנס-מאָל. זלמן מקובל האָט אפילו נישט געוואָלט גיין, נאָר יידל שדכן האָט זיך דאָ אויך אַריינגעמישט און אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז פון קינדער האָט מען, פאַרשטייט איר מיך, היינטיקע צייטן נאָר צרות, אָבער ער וועט טאָן אַ גרויסע עבירה, אַז ער וועט נישט זיין אויף זיין זונס קנס-מאָל און וועט דאָס מיט קיין שום תשובה נישט קענען אָפּמעקן.

זלמן האָט זיך דערשראָקן און האָט געפרעגט אַן עצה דעם רב, צי מעג ער גיין אויף דעם קנס-מאָל פון זיין זון, דעם גרויסן אַפּיקורוס, און דער רב האָט אים געענטפערט, אַז דער, וואָס גייט אין שלעכטן וועג, דאַרף מען אים מצרף זיין צו אַ מצווה. אַ סימן, אַז צו אַ מנין, ווען עס איז מער נישטאָ ווי ניין און עס פעלט אַ צענטער,

מעג מען מצרף זיין אפילו אן אפיקורוס, וואס האט געטאן כל עבירות שבעולם. דער טעם דערפון איז — טאמער וועט ער פון דער מצווה אן זיך שוין געוויינען צו א סך אנדערע מצוות און וועט ווערן אן ערלעכער ייד. דעריבער, האט ער געזאגט, איז א גרויסע מצווה, אז ר׳ זלמען זאל גיין צום קנס-מאל, ובפרט נאך, ווען ער איז אן אייגענער טאטע, און א פאטער איז מחויב צו געוויינען קינדער צו מצוות.

יידל שדכן איז אויך געגאנגען צו די תנאים, כאטש ער האט זיך שטענדיק נוהג געווען צו זיין אויף יעדן קנס-מאל און אויף יעדער חתונה. און אפילו אזוי אויף א שמחהלע. יידל איז אומעטום געווען א היימישער, דער ערשטער און דער לעצטער; דא פלעגט ער דעם בעל-שמחה העלפן באדינען דעם עולם, דא האט ער זיך אזוי געדרייט און זיך מיטגעפרייט. יידל שדכן האט דערצו קיינמאל נישט דער-לייגט.

וואס יידל איז געווען ביי יאכצין אויף דעם קנס-מאל, איז נישט קיין ווונדער: יאכצין איז נישט אנגעשטאנען, אז איר טאכטער זאל א כלה ווערן אן א שדכן און מען זאל נישט געבן קיין שדכנות-געלט. האט זי אים אליין געבעטן, אז ער זאל קומען אויפן קנס-מאל און האט אים צוגעזאגט, אז ער וועט דערצו נישט דערלייגן. און ווידער האט יאכצי דאס געמוזט טאן, ווייל יידל פלעגט צו איר שטענדיק האבן א טענה:

— יאכצי, איך זאג אייך פריער, אז עס איז גארנישט מיין עסק, פארשטייט איר מיך, וואס אייער בתולה האט זיך אן מיר גע-פונען א חתן... מיין שדכנות-געלט קומט מיר סיי ווי סיי. אייער מיידל איז פון תמיד אן געווען פארשריבן ביי מיר אין ביכל, פארשטייט איר מיך, און יעדער ווייסט, אז יידל איז דער נעזווינקער שדכן און אז פון נעזווינק ווערט איינער א חתן אדער איינע א כלה, איז נישט מיין געשעפט, פארשטייט איר מיך, און יידלען קומט שדכנות-געלט... דאס וועט אייך אפילו א קליין קינד אויך זאגן, בפרט נאך איר, יאכצי, זענט ב״ה א קלוגע יידענע, און ווען אייער אלטער ע״ה זאל לעבן, וואלט ער מיט מיר קיין שום טענות נישט געמאכט, פארשטייט איר מיך...

אויף די תנאים זענען אויך געווען דעם חתנס צוויי ברידערלעך, בערל מיט כייקלען, וואס איינער איז געווען א שלאסער און דער-

אַנדערער אַ שמיד און זייער פאָטער זלמן האָט זיי נאָך עד היום געהאַלטן פאַר למד-וואָניקעס.

די הויפּט-מחותנים זענען געווען דער אַלטער שפּיצבוים און דער דאָקטאָר פרידמאַן מיט זיין פאַמיליע.

סאלאמאן איז געקומען שפּעטער פון אַלע.

• •

מיט אַ טאָג פריער האָט סיציליע גערעדט וועגן די תנאים ביי גאָלדשמידן מיט סאלאמאנען.

— מאָרגן איז שוין דאָס קנס-מאָל ביי דער נייטאָרין און דו, סאלאמאן, ביזט פאַרבעטן אַהין? דו וועסט דאָרט זיין? האָט זי געזאָגט. ליגנדיק אין בעט פון נעכטן אָן, ווייל זי האָט געזאָגט, אַז זי איז קראַנק. — און דו וועסט זען, ווי מיין גרעסטער שונא פרייט זיך? ניין, סאלאמאן. ווען דו זאָגסט, אַז דו האָסט מיך ליב און ביזט צוליב מיר גרייט אויף אַלץ, דאַרפסטו מיינע שונאים פיינט האָבן.

— נו, וועל איך נישט גיין. איך וועל זיצן ביי דיר לעבן דיין בעט.

— ניין, ניין, דו זאָלסט בעסער יאָ גיין! — האָט זי געגעבן אַ געשריי און אים שטאַרק אָנגעכאַפּט פאַר ביידע הענט.

סאלאמאן האָט איצט פון איר זיינע אויגן נישט אַראָפּגענומען; ער האָט געזען פאַר זיך אַ יונג מיידל מיט פייערדיקע שוואַרצע אויגן, ליגנדיק אין אַ שיין בעט, אונטער אַ דינער, זיידענער קאָלדרע, און אירע שוואַרצע האָר האָבן זיך צעוואָרפן איבער אַ ווייסן באַטיסטן קישן. קוקנדיק אויף איר, האָט ער זיך געפילט פאַר דעם גליקלעכסטן מענטשן אויף דער וועלט. אייביק וואָלט ער לעבן איר געזעסן און קיין אויג פון איר נישט אַראָפּגענומען. און סאלאמאן האָט זיך דערביי געטראַכט:

— איך ווייס, פאַרוואָס זי וויל, איך זאָל דווקא זיין אויף דעם קנס-מאָל. נאָר קען איך איר דען זיין דערווידער אפילו מיט איין

וואָרט? איך פיל מיך גאָרנישט אימשטאַנד זיך צו באַהערשן. אַליין בין איך קעגן איר שוואַך. איך פיל, אַז איך בין נישט ביי מיר אין די הענט. איך בין איר קנעכט און וואָס זי וויל, קען זי מיט מיר טאָן. איך ווייס, אַז איך בין שלעכט, אַז זי מאַכט פון מיר אַ שלעכטן מענטשן — נאָר וואָס קען איך טאָן? צו זיין מיט איר איין שעה צוזאַמען בין איך גרייט אַוועקצוגעבן מיין גאַנץ לעבן, מיין גאַנצע וועלט.

מיט די געדאַנקען האָט ער ציפּעס האַנט שטאַרק צוגעדריקט צו זיין האַרצן און האָט זיך געפילט אַזוי גליקלעך, אַז ער האָט גאָרנישט געפילט, צי זיצט ער ביי איר אויפן בעט און בכלל נישט געוווּסט ווו ער געפינט זיך. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער שלאָפט מיט אַ זיסן געשמאַקן שלאָף און איז צוזאַמענגעוואַקסן אינאיינעם מיט סיצ'ליען, אַז ער טראָגט זי אינגאַנצן אויף זיין האַרצן און פליט אַזוי מיט איר אין אַ זומערדיקער ליכטיקער נאַכט אונטער דעם בלויען הימל אַזוי וויט, אַזוי וויט, איבער פעלדער און איבער וועלדער, ווו עס שמעקט אַזוי גוט פון די גרינע ביימער און פון די פאַרטיקע נאָך נישט אָפּגעשניטענע זאַנגען, און הערט אַזוי שיין זינגען די פויערשע מיידלעך, ווען זיי שניידן אָפּ דאָס ערשטע מאָל פרישע גרינע היי!...

אַ געוויין האָט פּלוצלונג אים זיינע געדאַנקען צעשלאָגן און האָט אים אויפגעוועקט פון זיין זיסן שלאָף; ער האָט געזען, ווי זיין סיצ'יליע באַוואַשט זיך מיט טרערן. סאָלאָמאָן האָט מיט דעם ווייסן ליילעך פון דער קאָלדרע אָפּגעווישט אירע אויגן, די באַקן און איר נאַקעטן האַלדז.

— סיצ'יליע, וואָס וויינסטו? וואָס גייט דיר אָפּ? וואָס איז דיר? זאָג, איך בעט דיך! איך וועל אַלץ טאָן, אַבי דו זאָלסט נישט וויינען, דו זאָלסט זיין גליקלעך...

סיצ'יליע האָט אים נישט געלאָזט וויטער רעדן און האָט זיין האַנט צוגעדריקט שטאַרקער צו איר האַרצן.

— סאָלאָמאָן, דו פרעגסט נאָך פאַרוואָס איך וויין? איך מעג וויינען, איך קען מער נישט לעבן. איך וועל שוין מער פון מיין בעט נישט אויפשטיין. און ווי אַזוי קען איך לעבן? פון אַלע מיינע פריינט ביזטו מיר איינער איבערגעבליבן. איך האָב זיך דיר איבער־געגעבן און ביזט מיר פאַלש און נישט געטריי.

— איך? איך? האָט זיך סאלאמאן אויפגעכאַפּט ווי אַן אָפּגע־בריטער, ווי נאָר אַ יונגערמאַן קען זיך אָפּבריען מיט זיין אייגן הייס בלוט.

— יאָ, דו, דו! איבער דיר וועל איך יונג פון דער וועלט גיין.

— פייניק מיך נישט, זאָג מיר! — האָט ער אַ געשריי געטאָן נישט מיט זיין קול.

— דו האָסט פאַרגעסן, אַז כּל־זמן די נייטאָרין וועט לעבן, קען איך נישט לעבן! איך האָב שוין לאַנג געקויפט און דיר געגעבן... צום סוף איז שוין אַזאַ צייט אַוועקגעגאַנגען און דו האָסט גאָרנישט געטאָן, ווי גלייך ביי דיר איז דאָס גאָרנישט...

— איך האָב עס אויסגעשיט אין טייך. איך האָב נישט געקאָנט... עס האָבן מיר אַלע אברים געציטערט... סיציליע, איך האָב נישט געקאָנט!..

— מאָרגן וועסטו זיין אויף דעם קנס־מאָל. איך וועל דיר אַלץ אָנגרייטן. דו וועסט עס קענען טאָן גאָר גרינג. מאָרגן איז דער בעסטער טאָג דערצו.

סיציליע האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן ביז ער איז אָן ווערטער אַרויפגעפאַלן אויף איר האַלדז און האָט ביטער געוויינט אַ לאַנגע צייט...

די היינטיקע נאַכט האָט סאַלאָמאָן נישט געקענט שלאָפן. דעם מאָרגנדיקן טאָג איז ער אַרומגעגאַנגען ווי משוגע, נאָר ציפּע, וויסנ־דיק אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד ער געפינט זיך, איז זי מיטאַמאָל געזונט געוואָרן, אויפגעשטאַנען פון בעט און אים נאָכגעגאַנגען דעם גאַנצן טאָג, נישט אָפּלאָזנדיק אים אויף אַ מינוט. אין דעמדאָזיקן טאָג איז זי געווען ליבלעך מער ווי אַלעמאָל, און אים נישט אויפ־געהערט צו האַלדזן און קושן און האָט אַלץ מעגלעכס געטאָן, סאַלאָ־מאָן זאָל זיך פילן גוט און פריילעך.

ער האָט אין דעם טאָג ווייניק גערעדט. און וואָס זי האָט גע־זאָגט, האָט ער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

עס האָט זיך אָנגערוקט די נאַכט. סאלאמאן האָט באַדאַרפט גיין אויף דעם קנס־מאָל, האָט אים סיציליע געזאָגט, אַז ער זאָל זיך אָנטאָן זיין שענסטן קאָסטיום און איידער ער וועט גיין, וויל זי אים זען ווי ער זעט אויס.

ער האָט אַזוי געטאָן. זי האָט געזאָגט, אַז ער זעט אויס זייער

שיין. ער האָט זיך מיט איר געזעגנט און איז אַוועק צו גאָלדשמידן
אויף די ת א ם.

ווען סאַלאַמאַן איז געקומען אויף דעם קנס-מאָל, האָט ער קוים נאָכגעשלעפּט זיינע אייגענע פיס, אַזוי האָט ער זיך געפילט קראַנק. ער האָט דעם ווייסן פּראָשעק, וואָס סיצילייע האָט אים געגעבן צעטיילט אויף צוויי טיילן, איינגעוויקלט אין שטיקלעך פּאַפּיר און געזאָגט צו זיך:

— דערנאָך וועל איך אַליין שטאַרבן אין איין צייט מיט איר... סיציליען מוז איך פאָלגן, כּדי זי זאָל קענען לעבן גליקלעך און רויק.

מיט די געדאַנקען איז סאַלאַמאַן אַריינגעקומען צו יאַכצין. די כּלה, דערזעענדיק סאַלאַמאַנען, האָט אים געזעצט לעבן זיך, אַלע געסט האָבן זיך מיט אים פריינטלעך געגריסט. גאָלדע, די כּלה, האָט אים געפרעגט, פאַרוואָס ער איז אַזוי טרויעריק; דער איבעריקער עולם האָט געקוקט און געפרעגט אויף אים און זיך דערמאָנט אין אַמאָליקע יאָרן, ווען ר׳ שלום איז פלוצלונג פון דער העלער הויט געוואָרן אַ מוזשיק. די אַלטע יידן האָבן דערווייל ביי דעם טיש דערציילט די גאַנצע מעשה, ווי ר׳ שלום איז אַמאָל געווען אַ גאַנץ איידעלער ייד, אַ וויל-לערנער, און ווי ער איז פלוצלונג משוגע געוואָרן, און האָט פאַר-קויפט די קלייט און די שטוב און איז געוואָרן, אויף לייטישע גע-לעכטער — אַ יידישער מוזשיק, אַ דאָרפגוי.

אַלע האָבן איצט אָנגעוויזן מיט די פינגער אויף סאַלאַמאַנען:

— אָט דאָס איז דעם יידישן מוזשיקס אייניקל.

סאַלאַמאַנען איז אָבער אַזוי געווען פאַרדרייט דער קאָפּ, אַז ער האָט אַפילו נישט באמערקט, אַז מען רעדט פון אים.

* * *

אין דערזעלבער צייט האָט סיצילייע שפּאַצירט ביי זיך אין שטוב, אָנגעטאָן אין אַ זיידענעם כאַלאַט. אַלעמאָל האָט זי אַ קוק געטאָן אין שפּיגל און פאַרוואָרפן אויף די פּלייצעס די האָר.

— דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז ווען ער וועט קומען פון די

קיעווער קאָנטראַקטן, וועט ער איינלייגן דעם נדן און עס וועט זיין
ביי מיר אַ קנס-מאָל. די חתונה וועט מען אָפּלייגן אויף ראש-חודש
ניסן. אוי, וויאַזוי האָב איך נישט געוואָלט, ווען ער איז מיך גע-
קומען אָנקוקן, אַז ער זאָל אַזוי גיך אַוועקפאָרן. יידל שדכן האָט מיר
געזאָגט, אַז ער האָט מורא, איך זאָל אים נישט געפעלן! געטראָפן!
ער אַליין האָט מיר געזאָגט, אַז ער וואָלט שוין גאָרנישט געוואָלט
פון מיר אַוועקפאָרן. וואָס פאַר אַ בריוו ער שרייבט מיר! נישט אומ-
זיסט איז ער שוין אויסגעווען אַ וועלט, אַפילו אין פּאַריז אויך. ווי
שיין ער איז, וואָס פאַר אַ שיינע מאַניערן ער פאַרמאָגט!! איך וווּנ-
דער מיך נאָר: ווי קומט צו אַזאַ חסיד אַזאַ געבילדעטער וועלטלע-
כער יונגערמאַן? ווי גלייך ער איז ביי אַ פּוילישן מאַגנאַט געבוירן
און אויפגעצויגן געוואָרן. ער האָט גאָרנישט קיין יידיש פּנים. נישט
ווי גאָלדשמיד, כאָטש ער איז געווען אַ סטודענט און גייט קורץ
געקליידט, פונדעסטוועגן ליגט אים דער ייד אויפן פּנים. מיך פרייט
זייער, וואָס עס האָט זיך אַזוי געמאַכט. ווען מען וועט פרעגן,
וועט יעדער זאָגן, אַז טייטלשוואָם איז שענער פון גאָלדשמידן. ווער
איז גאָלדשמיד? מער נישט, ווי אַן אַדוואָקאַט און פאַרנעמט זיך מיט
לערערײַ. אַ קבצן איז ער... ווער זענען זיינע עלטערן? זלמן מקובל;
זיינע ברידער — שמידן. טייטלשוואָם אָבער, חוץ וואָס ער איז אַ
שיינער, לעבעדיקער יונגערמאַן, זענען זיינע עלטערן רייך און מיט
אַ נאָמען. דער טאַטע איז אויך צופרידן פון דעם שידוך. איך קען
מיר גאָרנישט ווינטשן קיין בעסערן חתן, ווי טייטלשוואָם איז. אַי,
איך האָב פאָרט ליב גאָלדשמידן... איך האָב אים טאַקע ליב, נאָר
דאָס אַלץ איז בלאָטע... איך וועל מיך נייטן צו פאַר-
געסן אין גזלן, וואָס האָט מיר פאַרביטערט מיינע יונגע יאָרן, מיין
גאַנץ לעבן... ער איז געווען דער איינציקער, וועלכן איך האָב באמת
ליב געהאַט, נאָך פון דער צייט, ווען איך האָב אים דאָס ערשטע
מאָל געזען אין אדעס און ווען עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז איך
האָב אים אויפגעדעקט מיין האַרץ, וואָס דאָס פּאַסט פריער פאַר אַ
מאַנספּערזאָן, האָט ער מיך אָנגעקוקט, ווי גלייך ער זעט מיך דאָס
ערשטע מאָל... ניין, דאָס קען איך נישט מוחל זיין. איך וויל אים
פיינט האָבן און איך קען נישט... נאָר דעמאָלט וועל איך קענען
לעבן רויִק, ווען איך וועל וויסן, אַז ער איז אומגליקלעך... איך וועל
מיך נוקם זיין אָן אים, איך וויל אים טרעטן מיט די פיס... און זי

טאָר נישט לעבן. זי וועט נישט חתונה האָבן מיט גאָלדשמידן... איך וויל אַזוי! איך וועל אַלץ מקריב זיין פאַר סאלאמאנען. יאָ, ער וועט דאָס טאָן! קיינער קען עס נישט טאָן, נאָר סאלאמאן... ער האָט מיך ליב... ער איז מיין רעכטע האַנט. וואָס איך וויל, טו איך מיט אים... נאָר ווי דערלעבט מען שוין!!..

מיט די געדאַנקען האָט זי זיך אויסגעטאָן און האָט זיך געלייגט שלאָפן. נאָר לאַנג, לאַנג האָט זי נישט געקענט אנטשלאָפן ווערן...

נישט דערוואַרטע געסט.

אויפן קנס-מאָל איז שוין געווען נאָך אַלעמען. מען האָט שוין אָפּגעלייענט די תּנאים, געבראָכן די טעפּ און טעלער, אָפּגעגעסן די וועטשערע. דער פרעמדער עולם האָט זיך שוין אָנגעהייבן זיך צעגיין אַהיים; יאכצי האָט זיך נאָך אַלץ געדרייט ווי אַ מחותּנתטע. זי האָט אָנגעקוואָלן פון גרויס נחת און מען האָט געזען, ווי זי ווערט פאַר שמחה ברייטער, ווי לענגער. דער היימישער עולם איז געבליבן זיצן, און יאכצי האָט געזאָגט, אַז זי וועט די היימישע געסט נישט אָפּלאָזן אַהיים, ביז זיי וועלן נישט האָבן געטרונקען טיי, צו וועלכער זי האָט צוגעגרייט אַ גוט פלעשעלע מיט ראָם. יאכצי האָט אויפגעשטעלט ביידע סאַמאָווארן: איינעם אַ קליינעם, וואָס מען פלעגט אויפזידן אַלע אינדערפרי און אויף דער נאַכט, און איינעם אַ גרויסן, וואָס פלעגט שטיין אויסגעפּוצט פון איין פסח צום אַנדערן. מען האָט אים קיינמאָל נישט חמצדיק געמאַכט, נאָר היינט, צוליב גאָלדעניוס תּנאים, האָט זי אים געלאָזט אויפשטעלן מיט חמצדיקן וואַסער.

— אויף פסח, אַז מיר וועלן אי״ה אַלע דערלעבן און געזונט זיין, וועל איך אים געבן „אויסווייסן״, וועט ער ווייטער זיין פסחדיק — האָט יאכצי געזאָגט.

איידער די סאַמאָוואַרן זענען אויפגעזאָדן, האָט דער עולם צווישן זיך געשמועסט. יעדער האָט דערציילט עפּעס נייס. איינער האָט דערציילט פרישע נייס וועגן דער „וועלט פּאָליטיק”, דער פון שטאָט-זאַכן, און דער גלאַט שיינע מעשיות. יידל שדכן האָט אויך דערציילט פון אדעס, וואָס ר' יואל רידערסקיס חתן האָט אים דער־ציילט, — ווייל דעם שידוך מיט ר' יואל רידערסקיס מיידל, האָט ער, יידל שדכן, אויסגעפירט און האָט פון ביידע צדדים באַקומען אַ סך שדכנות-געלט, אויך באַזונדערע מתנות פון דעם חתן, וועלכער פירט גרויסע געשעפטן אין אדעס.

דעם דאָקטאָר פרידמאַן האָט גערעדט מיט סאלאמאנען און אים דערציילט:

— איך בין די טעג געווען אין סטעפּקיווקע און מיך וווּנדערט וואָס דו געפינסט זיך שטענדיק אין שטאָט. עס וואָלט, דאַכט זיך, גלייכער געווען, אַז דו זאָלסט היינט וווינען אין דאָרף. ווען דיין טאַטע האָט געלעבט, איז אַנדערש געווען. אַלץ האָט זיך געפירט אַזוי ווי עס דאַרף צו זיין. אָבער היינט, אַז דער טאַטע איז נישטאָ, וואָלט פיל גלייכער געווען, דו זאָלסט דיך פאַרנעמען אינגדערהיים מיט ווירטשאַפט. דו ביזט פאַרט אין דעם קלאָרער, ווי דיין מוטער, און ווידער ביזטו שוין נישט קיין קינד. איך וווּנדער מיך שטאַרק אויף דיר, וואָס דו ווילסט נישט אַוועקוואַרפן די שטאָט.

סאלאמאן, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן פאַרטראָגן און האָט כמעט נישט געזען און נישט געהערט, וואָס עס טוט זיך אַרום אים, האָט נאָר דערהערט עטלעכע ווערטער, וואָס דער דאָקטאָר האָט אים געפרעגט און האָט אים געענטפערט, נאָכדעם ווי דער דאָקטאָר האָט אים נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט:

— איך ווייס? איך ווייס אַליין נישט פאַרוואָס איך קום נישט אין דאָרף... — האָט סאלאמאן געענטפערט.

— איך פאַרשטיי דיך נישט, סאלאמאן. איך האָב דיך תמיד גוט געקענט און האָב דיך געהאַלטן פאַר אַ קלוגן, פאַר אַן איבער־לייגטן מענטשן, ווי קומט צו דיר אַזאַ ענטפער „איך ווייס?”

— די מאַמע שרייבט מיר, אַז די ווירטשאַפט פירט זיך, ווי עס דאַרף צו זיין; זי האָט געמוזט צונעמען פאַן קאַרלען פאַר אַ פאַרוואַלטער אויף געהאַלט. איך קען גוט פאַן קאַרלען; ער איז מיט מיר געבוירן אין סטעפּקיווקע, און מיין טאַטן ע"ה איז ער געווען

דער בעסטער פריינט. ביי אונדז אין הויז איז ער, ווי אן אייגענער. איך אליין האב אים אויך זייער ליב. איך ווייס, אז ער איז קלאר אין ערדארבעט, ווי זיין פאטער פאן יאן און ווצט געוויס גוט פירן אנדזערע געשעפטן. די מאמע שרייבט, אז צייט דער טאטע איז גע־שטארבן, קען זי שוין נישט זיין אזוי אפגעהיט און פריי, ווי ביי דעם טאטנס לעבן; און ווען איך זאל זיין אינדערהיים, וואלט איר גרינגער געווען, נאר זי וויל, איך זאל נאך לערנען א פאר יאר אין שטאט. היינט וואס האב איך מיך צו איילן פארן אין דארף אריין? איך בין נאך יונג, איך וועל נאך צייט האבן צו ארבעטן. מיר האבן נאך ב״ה פון וואס צו לעבן, און אז מיר קענען האלטן א פאר־וואלטער, מעג איך נאך בלייבן אין שטאט. די מאמע האט טאקע רעכט.

דער דאקטאר, אויסהערנדיק סאלאמאנען, האט מער גארנישט געזאגט, נאר עפעס געמאכט מיט די ליפן און פארדרייט דעם קאפ ווי איינער זאגט: „איך ווייס? ווייס? אפשר?״

נאכדעם איז ער איבערגעגאנגען אויף אן אנדער שמועס:

— און מען האט טאקע נישט געפונען קיין עבור פון די גזלנים, וואס האבן דיין פאטער געהרגעט?

— דערפון ווייס איך גארנישט... איך האב שוין געוואלט פרעגן אייך וועגן דעם. איך ווייס נאר פון דער ערשטער או ספארשונג, וואס די סטעפקיווקער גוים האבן אפגעגעבן ביי דעם נעזווינקער געריכט־אויספארשער, אז זיי האבן געכאפט פיש און האבן ארויסגעשלעפט א שווערן זאק, ווו עס איז געלעגן א טויטער מענטש מיט א שטיין צוגעבונדן אויפן האלדז. אין דעם טויטן האט מען באלד דערקענט מיין אומגליקלעכן טאטן. ווען דער אויספארשער האט זיי געפרעגט, וועמען זיי זענען חושד, האבן די פויערים געענטפערט, אז זיי ווייסן נישט, ווייל מיין פאטער האט מיט יעדן געלעבט גוט און קיין שונאים נישט געהאט. די דאקטוירים וואס האבן באטראכט דעם הרוג, האבן געפונען, אז מען האט אים דערוואָרגן און דאס איז נישט מער ווי א מעת־לעת צייט, אז מען האט אים געהרגעט. דער סטעפקיווקער „וואלאסט״, האט צונויפגערופן דאס גאנצע דארף, און מען האט גע־פרעגט: צי האט עמעצער נישט באמערקט מענטשן שטיין ביי דעם טייך. א טייל האבן געענטפערט: אז דאס פארברעכן איז געוויס גע־שען אין דער פינסטערער נאכט, אין ווען עס איז געווען דער גרויסער שלאקסרעגן מיט דונערן און בליצן און קיין לעבעדיקער

מענטש איז דעמאָלט נישט געווען אינדרויסן, דעריפאַר האָט קיינער נישט געקענט עפּעס באַמערקן. מיין פאָטער האָט מען באַלד געבראַכט צו קבר־ישראל, ווייטער ווייס איך גאָרנישט. אונדזער הארץ איז אַזוי פאַרביטערט, אַז מיר האָבן מער נישט געוואָלט איבערפרעגן און פון דעמאָלט אָן, קען איך פאַר צרות נישט געפונען קיין מוט אין דאַרף צו קומען.

— שוין לאַנג, אַז איך האָב דעם אויספאָרשער געפרעגט וועגן דעם פּראָצעס, — האָט זיך אָפּגערופן דער דאָקטאָר. — ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער דענקט, דער סטעפּקיווקער וואָלאָסט וועט אים געבן צו וויסן, אַז עס איז שוין דאָ עפּעס אַ שפּור, נאָר ביז איצט האָט מען נאָך גאָרנישט געפונען, און אַז מען וועט מוזן אויפהערן דעם פּראָצעס.

סאָלאָמאָן האָט מער נישט געהערט דעם דאָקטאָרס רייד. מיט אים האָט אָנגעהייבן רעדן גאָלדע. זי האָט אים געשטראָפט, פאַרוואָס ער איז אַזוי טרויעריק אויף איר שמחה. דער דאָקטאָר האָט זיך אַריינגעמישט אין שמועס, וואָס שפּיצבוים, יידל שדכן און גאָלדשמיד מיט דעם איבעריקן עולם האָבן געפירט פון וועלטזאַכן.

דערווייל האָט דער סאַמאָוואַר אויפגעזאָטן און גאָלדע איז אַוועק־געגאַנגען אָנגיסן טיי. סאָלאָמאָן איז ווייטער געבליבן אַליין מיט זיינע טרויעריקע געדאַנקען.

צום טיש האָט מען דערלאַנגט די ערשטע גלעזער טיי. ביי דעם טרינקען האָט דער עולם נאָכמער זיך פאַרשמועסט.

ווען סאָלאָמאָן האָט אויסגעטרונקען די ערשטע גלאָז, האָט ער גענומען זיין ליידיק גלאָז און נאָך אַ ליידיק גלאָז פון דעם טיש, און האָט זיך אָנגערופן צו גאָלדען, וואָס איז געשטאַנען ביי דער זייט און האָט געוואַרט דער עולם זאָל אָפּטרינקען די ערשטע גלאָז, כדי זי זאָל קענען אָנגיסן די צווייטע:

— גאָלדע, איר זענט היינט אַ כלה און דעם גאַנצן אָוונט שפּרינגט איר אַרום און באַדינט יעדן און האָלט אין איין אַרבעטן. אַ כלה דאַרף נאָר זיצן אויף איין אָרט און קוקן אויף איר חתן. איצט וועל איך באַדינען דעם עולם און אייך אויך. איך וועל אייך צוטראָגן אַ גלאָז טיי...

— אויף מיין שמחה דאַרף אַ מענטש נישט זיצן פאַרלייגט די הענט, און, געוויס, ביי יעדן בעל־שמחה דאַרף זיין דאָס גרעסטע פאַר־

געניגן צו באַדינען זיינע געסט. נאָר אַז דו ווילסט, איך זאָל מיך אַ ביסל אָפּרוען, פאַרוואָס נישט? איך וועל נישט באַליידיקן אַזאַ פיין יינגל... נו, גיי אָנגיסן טיי, נאָר מאַך עס גוט, ווי אַ באַלעבאָסטע!

סאָלאָמאָן איז מיט די צוויי ליידיקע גלעזער אַוועקגעגאַנגען צום סאַמאָוואַר, וועלכער איז געשטאַנען אין קיך אויף אַ באַנק.

ווען איינער זאָל געווען איצט אָנקוקן סאָלאָמאָנען אין קיך, וואָלט ער אים גאָרנישט געוווּן דערקענט: ער איז געווען אַזוי בלאַס, אַזוי דערשראָקן, אַלע גלידער האָבן זיך אין אים געטרייסלט פאַר גרויס שרעק, אַז עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז די אויגן קריכן אים אַרויס פון קאָפּ און זיינע אייגענע האָר שטעכן אים. די פיס זענען אים געוואָרן אונטערגעהאַקט. ער האָט געפילט, אַז אָט, אָט, פאַלט ער אום מיט די גלעזער אין די הענט... פונדעסטוועגן האָט ער נאָך געהאַט גענוג שטאַרקייט אַרויסצונעמען צוויי פּראָשקעס, איינעם האָט ער אַריינגעשאָטן אין גאָלדעס גלאָז און דעם צווייטן אין זיין גלאָז, דערנאָך האָט ער אָנגעגאָסן טיי.

ווען ער האָט שוין אָנגעהייבן מיט ביידע גלעזער אין די הענט אַריינצוגיין אין שטוב, וווּ גאָלדע מיט דעם עולם זענען געזעסן, איז אים אַריין אין די געדאַנקען:

— דער עולם... גאָלדע, וועלן דען נישט דערקענען אין מיר, אַז איך בין שטאַרק דערשראָקן... וואָס־זשע טו איך? ווי נאַריש און געמיין דאָס איז... נאָר אַלצאיינס... נאָכדעם מעג זיין וואָס עס וויל... איך וועל נישט לעבן, וועל איך נישט זען, וועל איך מיך נישט שעמען!.. אוי, איך ווייס אַליין נישט וואָס איך טראַכט, איך בין משוגע... דער קאָפּ דרייט זיך מיר... ווי גוט וואָלט געווען, איך זאָל שוין האָבן אויסגעטרונקען... דערנאָך... איז אַלצאיינס... סיציליע...

דער גאַנצער עולם און גאָלדע האָבן דערזען, ווי סאָלאָמאָן איז אַזוי בלאַס, ווי איינער, וואָס פאַלט אין חלשות און האָבן אים געוואָלט פרעגן וואָס איז מיט אים... נאָר אין דער מינוט האָט זיך געעפנט די טיר און ער איז געבליבן ווי פאַרשטיינערט:

— אַ גוט נ'אָוונט אייך אַלע... איך זע, אַז עס איז דאָ אַ שמחה, מזל־טוב אייך! מען האָט מיר געזאָגט, אַז מיין סאָלאָמאָן איז דאָ.

מיט די ווערטער איז אַריינגעקומען אַן אַלטע יידענע אָנגעשפּאַרט אויף דער האַנט פון אַ יונג מיידל מיט צוויי שוואַרצע אויגן,

וואָס האָבן באַשיינט די גאַנצע שטוב, אַז עס איז ליכטיק געוואָרן אין יעדן ווינקל.

— פריידע! רחל! — האָט אויסגעשריען דער דאָקטאָר פרידמאַן.— וואָ טוט איר איצט דאָ?

דער גאַנצער עולם האָט אַרומגערינגלט די אַלטע יידענע מיט דעם יונגן מיידל, וואָס האָט פאַרבלענדט די אויגן מיט איר שיינהייט.

סאָלאָמאָן, וועלכער איז געשטאַנען אין רעדל מיט די צוויי גלעזער טיי אין די הענט, האָט קיין וואָרט נישט געקענט אויסרעדן, נאָר ער האָט פון זיי קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט... פּלוצלונג זענען די גלעזער טיי אַראָפּגעפאַלן פון זיינע הענט אויף דער ערד מיט אַ גרויס געקלונגעריי פון די צעבראָכענע שטיקלעך גלאָז. סאָלאָמאָן האָט שטאַרק אָנגעכאַפּט רחלס האַנט און געפאַלן אויף דער באָבן, נישט אויפהערנדיק זי צו האַלדזן און קושן.

— באַבעניו! מיין טייערע רחל!.. — האָט ער געשריען נישט מיט זיין קול, און טרערן האָבן זיך אים געגאָסן.

סאָלאָמאָן האָט געוויינט, ווי אַ קליין קינד. עס האָט געדויערט אַ ווייַלע. פּלוצלונג האָט ער דערפילט, אַז עס איז אים גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן, די אויגן זענען ליכטיקער געוואָרן און אין קאָפּ ריינער, ווי גלייך ער האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן אַ באַרג מיט ערד.

* * *

ווען די סומאַטאָכע איז אינגאַנצן אַריבערגעגאַנגען, האָט זיך די אַלטע פריידע געזעצט אויף אַ שטול און אָפּגערוט.

רחלען האָט גאָלדע געבעטן זיצן לעבן זיך. זי האָט איר דער-לאַנגט טיי און דערציילט, אַז היינט איז ביי איר דאָס קנס-מאָל; זי האָט איר פונדערווייטנס אָנגעוויזן אויף גאָלדשמידן, אַז דאָס איז איר חתן. רחל האָט איר ווידער דערציילט, אַז די אַלטע פריידע האָט

פלוצלונג געוואָלט פאָרן אין שטאָט אַריין. וואָס דאָס איז אַ גרויס וואונדער, ווייל זי איז שוין אַ סך יאָרן אין שטאָט נישט געווען. זי האָט דורכאויס פאַרלאַנגט, אַז רחל זאָל מיט איר פאָרן, ווען נישט, וועט זי אויך נישט פאָרן.

— כאָטש איך האָב קיין צייט נישט געהאַט היינט, — האָט רחל ווייטער דערציילט, — נאָר צוליב דער באָבעניו האָב איך שוין געמוזט צוועקוואַרפן די אַרבעט.

גאָלדע האָט זי אויסגעפרעגט, ווי עס קומט, אַז פריידע האָט זיך פלוצלונג באַשלאָסן צו פאָרן און וואָס איז דאָרט אַזוינס געשען, וואָס זי איז געקומען זוכן סאַלאַמאַנען דאָ אויפן קנס-מאָל. רחל האָט איר געענטפערט, אַז זי ווייסט אַליין נישט ווער און וואָס און ווען.

— גאָר פלוצלונג, היינט בייטאָג, — האָט רחל דערציילט, — איך בין אַזוי געזעסן ביי מיר אין שטוב, ביי מיין געוויינלעכער אַרבעט, איז צוגעפאָרן די באָבע און האָט מיר געזאָגט: „פאָר מיט מיר אין שטאָט אַריין". האָב איך אַוועקגעוואָרפן אַלע אַרבעטן און בין געפאָרן.

— אויף דעם וועג, —האָט רחל ווייטער דערציילט, —האָט די באָבע געזאָגט, אַז זי האָט מיך מיטגענומען דערפאַר, ווייל פאַר אַלטקייט איז איר אַליין שווער צו פאָרן. ווען מיר זענען געקומען אין שטאָט אַריין, זענען מיר צוגעפאָרן צו ר' יואל רידערסקיס שטוב, צו אסתרס שוועסטער, ווו סאַלאַמאַן שטייט איין. זי האָט מיך אַראָפגעשיקט פרעגן, צי סאַלאַמאַן איז דאָ און אַז מען האָט אונדז געזאָגט, אַז ער איז ביי אייך, האָט זי געהייסן גלייך פאָרן צו אייך. ווייטער ווייס איך גאָרנישט. געוויס איז עפעס ביי זיי אין הויז געשען, ווייל צייט איר איינציקער זון, חיים, איז געשטאָרבן, קען זיך געוויס די שטוב נישט אַזוי פירן, ווי פריער. וואָס דאָרט איז אַזוינס? קען איך נישט וויסן, ווייל פרעגן, ווען מען דערציילט מיר נישט, איז נישט מיין געוויינהייט, און ווידער האָב איך גאָר קיין צייט נישט. געוויס וועלן מיר איצט שוין זיך דערוויסן, ווייל נישט אומזיסט איז זי געפאָרן צו סאַלאַמאַנען.

— פונוואַנען-זשע ווייסט איר, אַז דאָרט אין שטוב פירט זיך היינט נישט ווי ביי חיימס לעבן? — האָט גאָלדע געפרעגט.

— אין ערשטן האָב איך אויגן, און, צווייטנס, האָב איך אַ סימן דערפון: זינט איך בין געבוירן, ווינען מיר אין קרעטשמע און פון די דריי דעסיאַטינס ערד, וואָס ס'איז אָפגעטיילט צו דער קרעטשמע,

לעב איך מיט מיין פאָטער. מיין מצמע, זי זאָל האָבן דעם ליכטיקן גן-עדן, פלעגט מיר דערציילן, אַז די ערד האָט אונדז געשענקט סאַלאמאנס זיידע, ר׳ שלום. ביי חיימס לעבן האָט אונדז קיינער נישט געטשעפּעט, נאָר צייט חיים איז געשטאָרבן, פאָדערט דער פאַרוואַלטער פאַן קאַרל, אַז מיר זאָלן נאָר בלייבן ביי דער קרעטשמע, ווייל די ערד, זאָגט ער, געהערט צו רויטמאַנען און זיי דאַרפן די ערד צו פאַראַקערן קאָרן. פאַ קאַרל זאָגט, אַז ער קען מיר ערגעץ אַנדערש אָפּגעבן דריי דעסיאַטין ערד און נאָך אַנדערע פּרעטענזיעס האָט ער צו אונדז. דאָ פאַרנעמט ער מיין קו, ווייל זי האָט געטרעטן אויף די פעלדער. דאָ שיקט מען מיר נישט אַריין קיין היי און קיין שטרוי, ווי פריער. ער האָט מיך שוין איינמאָל דערצו געבראַכט, אַז איך האָב געמוזט בעטן די באָבען זי זאָל אים באַפעלן, ער זאָל מיך נישט טשעפּען. די באָבע האָט דערפון גאָרנישט געוווּסט און האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ פאַר ווייטיק, פאַרוואָס עס קענען גאָר אַזוינע זאַכן פאָרקומען. דערפון קען איך פאַרשטיין, אַז דאָרטן אין שטוב געשען פאָר פיל נייס, ווען עס האָט געקענט דערצו ברענגען, אַז די באָבע זאָל פאָרן צו סאַלאַמאַנען.

גאָלדע האָט גלייך געקוקט רחלען אין מויל אַריין און האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט, וואָס רחל האָט דערציילט. זי האָט זיך געוווּנדערט, ווי קומט עס, אַז אַ דאָרפמיידל זאָל זיין אַזוי שיין, מיט אַזוינע שיינע אויגן.

רחל האָט אויך פון גאָלדען קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט און זיך אויך געוווּנדערט אויף דער כלה, וואָס איז אַזוי שיין און גייט אַזוי שיין אָנגעטאָן, גאָר ווי אַ פּריצע.

די אַלטע פריידע, וואָס איז ביז צהער געזעסן אויף איר שטול אָן ווערטער און זיך אָפּגערוט, ווי נאָך אַ שווערע אַרבעט, האָט זיך פּלוצלונג אָנגערופן צום דאָקטאָר פרידמאַן:

— ה׳ דאָקטאָר, גוט וואָס איר זענט אויך דאָ. איר זענט שטענדיק געווען מיין שלומס בעסטער פריינט. זעצט זיך נעבעטער צו מיר. איך קען נישט הויך רעדן, און דו, מיין טייערער סאַלאַמאַן, זעץ דיך אויך לעבן מיר, איך וויל מיט אייך אַלע רעדן.

גאָלדשמיד און דער איבעריקער היימישער עולם האָבן אָפּגעטרעטן און צוגעלאָזט שפּיצבוימען, דעם דאָקטאָר און סאַלאַמאַנען, זיי אַלע האָבן זיך געזעצט לעבן פריידען.

יאכצי, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען און האָט זיך נאָר געוווּנדערט, וואָס דאָ קומט פאָר, האָט זיך זייער געפרייט, ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אַז די עלטע יידענע איז סאַלאַמאַנס באַבע. אַ גבירטע, וואָס האָט אַן אייגן דאָרף. זי איז ביי זיך זייער גרויס געוואָרן, וואָס די גבירטע איז ביי איר אויף דעם קנס-מאָל. עס האָט איר נאָר באַנג געטאָן, וואָס אַ סך ווייבער זענען זיך שוין צעגאַנגען און האָבן איר גרויסן כּבוד נישט געזען און וועלן ערשט מאָרגן וועגן דעם זיך דערוויסן.

פריידע האָט ווידער אָנגעהייבן רעדן, נאָכדעם ווי זי האָט זיך פריער שטיל גוט אויסגעוויינט.

— נאָר גענוג וויינען. איך האָב שוין גענוג מיינע אויגן אויסגעוויינט, מיט דעם וועל איך גאָרנישט מאַכן...

— מיר האָבן אייך, פריידע, תּמיד געקענט פאַר אַ קלוגע יידענע,—האָט זיך אָנגערופן שפּיצבּוים.—מיר ווייסן אַלע אייערע צרות, אַז גאָט האָט ביי אייך צוגענומען אויף דער עלטער אייער איינציקן זון; פונדעסטוועגן דאַרף מען נישט אַזויפיל וויינען, עס זענען דאָ גרעסערע צרות אויף דער וועלט... איר געדענקט נאָך געוויס, פריידע, אַז פון מיינע טייערע קינדער איז אפילו קיין זכר נישט געבליבן. איך בין שוין אויך אַלט און קראַנק, אַזוי ווי איר, פונדעסטוועגן וויין איך נישט. אַ מענטש איז אויף דעם געבוירן געוואָרן, ער זאָל האָבן צרות, און וואָס מער ער לעבט, טראָגט ער איבער מער צרות. לעת-עתּה האָט אייך גאָט געבענטשט מיט אַ געזונט שיין אייניקל, וואָס איר קענט פון אים נאָך פיל נחת האָבן.

— איר זענט גערעכט, ה׳ שפּיצבּוים, — איז אים פריידע אַריינגעפאַלן אין די רייד. — איך וועל שוין מער נישט וויינען. כּל זמן איך לעב, וויל איך נאָר גוטס טאָן מיינע קינדער, אַזוי ווי מיין שלום, ער זאָל האָבן דעם ליכטיקן גן-עדן, האָט געוואָלט. טאַקע צוליב דעם האָב איך געמוזט אַלטערהייט איצט קומען צו מיין סאַלאַמאַנען — מיין איינציקער האָפענונג. איך דאַרף אייך, ה׳ שפּיצבּוים, נישט דערציילן, ווי איך מיט מיין מאַן ע״ה האָבן אָפּגעאַרבעט אונדזער גאַנץ לעבן צוליב די קינדער. כּל זמן מיין חיים, ער זאָל האָבן דעם ליכטיקן גן-עדן, האָט געלעבט, האָב איך, דאַנקען גאָט, געלעבט אין פאַרגעניגן מיינע אַלטע יאָרן. איך האָב מיך נישט געוואָלט מישן, נישט אין שטוב און נישט אין דער באַלעבאַטישקייט.

מיין חיים האָט געוווּסט ווי צו זיין אַ באַלעבאָס. ער האָט דערויף געלערנט. איך האָב מיך קיינמאָל נישט געמישט אין מיין שנורס געשעפטן, ווי דאָס טוען אַנדערע שוויגערס. איך האָב זי ליב גלייך ווי מיין קינד, ווייל מיין זון האָט זי ליב געהאַט און האָט מיט איר געהאַט מיין אייניקל — ער זאָל מיינע ביינער איבערלעבן. נאָר זינט חיים איז געשטאָרבן, איז אומעטום געוואָרן אַן איבערקערעניש. איך האָב עס ערשט אויפן סוף מיט מיינע אַלטע אויגן דערזען... ווי איז מיר און ווינד אויף מיינע אַלטע יאָרן, וואָס איך האָב עס גאָר דערלעבט... איר זאָגט, אַז מען טאָר נישט וויינען? קען מען דען נישט וויינען? ניין, איך קען מיך נישט איינהאַלטן, אַז איך זאָל מיך נישט אַלע מינוט באַוואַשן מיט מיינע ביטערע טרערן!..

און פון פריידעס אויגן האָבן זיך ווידער אָנגעהייבן גיסן טרערן. קוקנדיק אויף איר, האָבן אַלע שטילערהייט איינגעהאַלטן זיך נישט צו וויינען.

פריידע האָט אויסגעווישט די טרערן און ווידער אָנגעהייבן:

— איך האָב געמיינט, אַז איך האָב שוין קיין כוח נישט איבערצושפּאַנען די שטוב, נאָר צרות שטאַרקן דעם מענטשן. איך האָב גאָרנישט געגלויבט, אַז אין ווינטערצייט זאָל אַזאַ אַלטע און קראַנקע, ווי איך, נאָך זיין אומשטאַנד צו פאָרן פון סטעפּקיווקע קיין נעזווינק און בלייבן לעבן. נאָר לאָם איך אייך דערציילן, נאָך וואָס איך בין געקומען צו אייך.

און פריידע האָט אָנגעהייבן דערציילן:

— ווען מיין חיים איז געהרגעט געוואָרן, האָב איך געמיינט, אַז מיין סאָלאָמאָן וועט קומען פון שטאָט און פאַרנעמען זיין פאָטערס אָרט, כדי אַלץ זאָל זיך פירן אין אָרדענונג. נאָר אסתּר, מיין שנור, האָט מיט מיר אָנגעהויבן צו טענהן. וואָס איז דאָס קינד שולדיק, אַז זיין פאָטער איז געשטאָרבן, ער איז נאָך צו יונג אויף צו אַר־בעטן. עס איז גענוג פונזיינעטוועגן, וואָס ער איז אַזוי יונג געבליבן אַ יתום... עס איז גלייכער פאַר אים, ער זאָל נאָך בלייבן אין שטאָט לערנען און זי וועט צונעמען אַ פאַרוואַלטער און עס וועט זיך אַלץ פירן אין דער בעסטער אָרדענונג, ביז סאָלאָמאָן וועט אַ ביסל אונ־טערוואַקסן און וועט קענען ווערן אַליין אַ באַלעבאָס. איך האָב איר צוליב געטאָן, ווייל איך האָב זי געהאַלטן פאַר אַ געטרייע מוטער, נאָר באַלד האָב איך דערזען, אַז איר פאַרוואַלטער, פאַן קאַרל, וועלכן

מיר האָבן געשעצט און געהאַלטן פאַר אַן ערלעכן מאַן, האָט זיך אָנגעהייבן שלעכט אויפפירן... ער איז געוואָרן ביי אונדז דער גאַנצער באַלעבאָס.

פריידע האָט זיך אָפּגערוט, זיך מיטאַמאָל צעוויינט און האָט ווידער אָנגעהייבן:

— אומעטום איז פאַן קאַרל דער גאַנצער באַלעבאָס. ער האָט נאָך עפּעס אַ שיכּור אַריינגעדרייט, וואָס איז אָנגעקומען פון אַלדע רוחות קיין סטעפּקיווקע פאַר אַ וואָלאָסטנאָי שרייבער. ער מישט זיך אויך אומעטום. מען טוט, מען נעמט, מען פאַרקויפט, וואָס מען וויל. מיין רחלע, וואָס איז איבערגעבליבן איינאיינציקע פון מיין נחמה, און וואָס איז גערעכנט ביי מיר, ווי אַן אייגן קינד, און נאָך מיין שלום, זאָל זיין אַ גוטער מליץ, האָט איר מוטער אַוועקגעשענקט עטלעכע דעסיאַטין ערד מיט דער קרעטשמע — הייסט זי דער פאַר־וואַלטער אַוועקגיין. איך האָב געזאָגט פאַן קאַרלען, אַז ער פירט זיך שלעכט און פאַרגעסט, אַז ער איז מער נישט ווי אַ פאַרוואַלטער און דאַרף אַליין נישט שאַפן. ער מוז זיך פריער אָנפרעגן ביי די באַלעבאַטים, האָט ער מיר געענטפערט, אַז ער האָט אַ פאָלמאַכט פון אסתּרן און אסתּר זאָגט אויך, אַז זיינע אָרדענונגען זענען גוט; דער שיכּור וואָדאָפּיאַנאָוו האָט זיך דאָ אויך אַריינגעמישט. וואָס ער האָט ביי אונדז דעות צו זאָגן, ווייס איך נישט. ביי פאַן קאַרלען איז פאַני אסתּרקע די באַלעבאָסטע. האָב איך געפרעגט אסתּרן, צי עס איז גוט, אַז אונדזער ווירטשאַפט זאָל זיך אַזוי שלעכט פירן, האָט זי מיר געענטפערט, אַז אַזוי ווי איך האָב מיך ביז אַהער נישט געמישט, זאָל איך מיך אויף די אַלטע יאָרן אויך נישט מישן. איך וואָלט מיך אוודאי נישט געמישט, נאָר עס טוט מיר וויי צו זען ווי פרעמדע באַלעבאַטעווען מיט דעם, וואָס איך און מיין מאַן האָבן דערויף אַזוי לאַנג געאַרבעט. אויף מיינע טענות האָט אסתּר מיר געענטפערט: אַזוי ווי עס האָט זיך אַמאָל געפירט, קען זיך היינט שוין נישט פירן. פריער זענט איר געווען די באַלעבאָסטע, היינט בין איך די באַלעבאָסטע, און אַזוי ווי איך וויל, אַזוי וועט זיין! אַז מיין פאַר־וואַלטער האָט עפּעס געטאָן, איז דאָס מסתּמא נישט אָן מיין וויסן. און עס איז זייער גלייך, וואָס ער וויל צונעמען די ערד ביי דעם משוגענעם לעמלען. אויף דער ערד דאַרף מען בויען שפּייכלערס אויף ברויט אָדער די ערד פאַראַקערן. לעמל איז ביי אונדז נישט קיין

יורש, בפרט נאָך אַ יורש פון אַזאַ טייערער זאַך, ווי ערד. און ווידער איך וויל נישט רעדן אויף מיין קינד, אויף מיין אייניקלס מוטער, האָט פריידע מיט אַ זיפץ געזאָגט. עס פעלט נישט קיין טאָג, אַז פּאַן קאַרל זאָל ביי אונדז נישט מאַכן קיין „וועטשערינקעס". עס פאָרן זיך אָן געסט, זיינע באַקאַנטע, און מען לעבט אַ גוטן טאָג. אויף וועמענס חשבון דאָס איז — ווייס איך נישט. דאַכט זיך, אַז פּאַן קאַרל אַליין האָט נישט אַ פּרוטה און אַז זיין פאָטער, דער אַלטער פּאַן יאַן זאָל אים נישט געבן, וואָלט ער נישט געהאַט פון וואָס צו לעבן. און אסתּר הוליעט אויך טאָג ווי נאַכט. מען מאַכט בעלער, מען שפּאַצירט אין קאַרעטן, אַלץ נאָך פּאַן קאַרלס קאָפּ. און וואָדאָפּיאַנאָוו דרייט זיך אויך אינמיטן. מיט איין וואָרט, אַזוי זיך פירן באַלד נאָך אַ מאַנס טויט האָב איך נישט געזען ביי קיין שום לייטישן גוי אַפילו, און בפרט נאָך ביי יידן. אַזוי קענען נאָר לעבן שאַרלאַטאַנעס, ווי פּאַן קאַרל און פּאַני אסתּרקע!

— איך האָב געוואָלט, אַז סאַלאַמאַן זאָל קומען, — האָט פריידע ווייטער דערציילט, נאָר שוין מיט אַ שוואַכער קול פון מידקייט, — אָבער דערפון האָב איך נישט געטאָרט דערמאָנען. איך האָב אַלץ געטראַכט, טאָמער וועט עס זיך איבערדרייען, נאָר אונדזערע אַלטע, גוטע, געטרייע פריינט, דער אַטיעץ דאַנילאָוו מיט דעם אַלטן פּאַן יאַן זענען צו מיר געקומען און האָבן מיר דערציילט, אַז זיי זעען אַלע טאָג ווי אסתּר מיט פּאַן קאַרלען און דער שיכּור וואָדאָפּיאַנאָוו מאַכן אַ תּל פון מיין ווירטשאַפט. די פעלדער פאַרזייעט מען נישט אין דער צייט, מען שניידט נישט צו דער צייט, און פון דעם מזומנעם געלט, וואָס עס פאַלט אַריין, שאַרלאַטאַנעוועט מען, און אַז היינט-מאָרגן וועט אַלץ גיין צו גרונט...

פריידע האָט אויפגעהערט צו רעדן...

אַלע אין שטוב, וואָס האָבן געהערט פריידען דערציילן, זענען געזעסן ווי פאַרשטיינערטע. קיינער האָט זיך נישט גערירט. נאָר דאָס זידן פון די סאַמאָוואַרן, וואָס זענען געשטאַנען אין קיך, האָבן זיך בעלאָזט הערן פונדערווייטנס. וואָס אַ מינוט ווייטער האָבן די סאַמאָוואַרן שטילער געזאָדן; די לעבעדיקע קוילן זענען אַלע מינוט ווייניקער בעוואָרן און די טויטע קוילן מער, כאָטש איין סאַמאָוואַר שטאַרקט זיך איצט מיט די לעצטע כּוחות און טוט נאָכאַמאָל אַ הויכן דינעם קוויטש. נאָר דאָס איז שוין זיין לעצטער אָטעם. אָט

שטאַרבן אַלע זײַנע קינדער און דער סאַמאָוואַר װערט אַלעמאָל קאַלטער און קאַלטער.

די אַלטע פרײדע האָט איצט אויך געפילט גלײַך מיט דעם סאַמאָוואַר, װי איר גײען אויס די לעצטע כּוחות. אָט, אָט פאַרכאַפּט איר דער אָטעם און זי פאַלט אין חלשות.

• •

מיט פיל מי איז דעם עולם געלונגען פרײדען צו דערמינטערן. מען האָט זי אַנידערגעלײגט אויפן בעט. דער עולם האָט געוואָלט זי לאָזן רויִק ליגן און אַוועקגײן פון דעם בעט, נאָר זי האָט געעפנט די אויגן און געזאָגט:

— גײט נישט אַוועק פון מײַן בעט. וואַרפט מיך נישט אַוועק אויף דער עלטער! איך פיל, אַז איך געפין מיך צווישן מײַנע פרײַנט! איך וויל אײַך דערצײלן אַ שרעקלעכן חלום, וואָס איך האָב געהאַט: איך בין געשלאָפן. פּלוצלונג זע איך, ווי איך מיט מײַן מאַן, שלום, מיט אַלע מײַנע קינדער שטײען אַזוי אינמיטן פעלד, צווישן הויכע, געדיכטע, פולע זאַנגען, איך הער דאָס זינגען פון די פויגלען. די זון שײַנט איבער אונדז און די גאָלדענע זאַנגען פליען אין דער לופטן אונטער די „קאָסעס". איך הער ווי די קאָסעס קלינגען און ווי מײַנע קינדער זינגען שײנע לידער... פּלוצלונג, איך ווײס נישט ווי אַזוי, האָבן זיך מײַנע קינדער פאַרטשעפּעט אין די שאַרפן פון די קאָסעס און זיך צעבלוטיקט. איך האָב געזען רינען מײַנע קינדערס בלוט צווישן די פאַרטיקע זאַנגען! פּלוצלונג האָט זיך אונדזער פערד, וואָס איז געשטאַנען אין דער זײַט אײַנגעשפּאַנט, אָנגעהײבן ווילד צו לויפן און איז אויף מײַנע קינדער אַרויף! מײַן זון האָב איך אויך געזען. עס איז געווען טאָג, עס איז געוואָרן נאַכט. איך טו אַ קוק, זע איך פאַר זיך אַ באַרג פון מײַן מאַנס און מײַנע קינדערס צעבראָכענע בײנער; איך האָב געוואָלט שרײַען, װײנען, נאָר איך האָב מיך אויפגעכאַפּט און געזען, אַז עס איז אַ חלום...

— פריידע! — האָט שפּיצבוים זיך צו איר געווענדט מיט טרערן אין די אויגן. — קיינער פילט נישט אַזוי אייער צעבראָכן האַרץ, ווי איך, ווארים קיינער קען נישט וויסן און פילן, וואָס עס הייסט ווייטיקן אין צרות, נאָר דער, וואָס האָט אַליין אַזוינע צרות! איבערגעטראָגן, דער קען אייך פאַרשטיין. און ווער האָט נאָך אַזויפיל צרות איבערגעטראָגן, ווי איך? אייך איז באַקאַנט, ווי יונג מיין ווייב און קינדער האָבן מיך פאַרלאָזט. אַפילו מיין לעצטע טרייסט, מיין איינציקער זון, יוסף, האָבן ביי מיר די „לאָװטשיקעס” אויך אַוועקגעגזלט. מיר האָט זיך דעמאָלט געדאַכט, אַז איך וועל אַ טאָג נישט איבערלעבן. זעט זשע אָבער גאָטס וווּנדער. עס זענען שוין פיל יאָרן פאַרגאַנגען און איך לעב נאָך; אַפּנים, אַז צרות שטאַרקן דעם מענטשן. איך פלעג מיך נישט איינמאָל פרעגן אויף וואָס און צוליב וואָס לעב איך? איך בין געבליבן עלנט, ווי אַ שטיין, און מיינע אייגענע ברידער, וואָס איך האָב ליב און האָב געוואָלט כאָטש פון זייערטוועגן לעבן, האָבן זיך אויך פון מיר דערווייטערט. איך הייס ביי זיי „אפיקורוס”. נאָר פונדעסטוועגן האָב איך נישט קיין חרטה, וואָס איך בין געבליבן לעבן! קוקט אָן, פריידע, אָט די צוויי קינדער, וואָס זענען היינט חתן־כּלה געוואָרן. דאָס זענען צוויי עלנטע קינדער געווען.

— קוקט זיי גוט אָן, פריידע, — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל אויף זיינע צעקנייטשטע ליפּן, — איך האָב זיי דערצויגן און פון זייט געמאַכט, אַז אַלע עלטערן מעגן זיך ווינטשן אַזוינע קינדער. ווען איך טו אַ קוק אויף זיי, דערמאָן איך זיך, אַז מיט מיין לעבן האָב איך זיי נוצן געבראַכט, איז שוין ביי מיר דאָן אַלץ ווערט. זיי זענען מיין טרייסט אויף דער עלטער... און אייך, פריידע, זאָג איך, אַז די אייגענע טרייסט וועט פאַר מיר זיין, ווען איר וועט מיך לאָזן זיין אַ פאָטער פאַר אייערע קינדער, — פאַר אייער סאָלאָמאָנען, דעם איינציקן צווייג, וואָס איז איבערגעבליבן פון מיין בעסטן פריינט, שלום רויטמאַן. ער, וואָס האָט ביי די נעזווינקער יידן קיין אַנדערן נאָמען נישט געהאַט, ווי „דער יידישער מוזשיק”, איז געווען פון די געציילטע מענטשן, וואָס האָט פאַרשטאַנען גלייך מיט מיר די וויכטיקייט פון ערדאַרבעט ביי יידן. ער איז געווען פון די יידן, וואָס האָט דערזען, אַז דאָס יידישע גליק קען זיך ווידער באַווייזן נאָר דורך ערדאַרבעט. ער, וואָס האָט אַלץ אַוועקגעוואָרפן, פיל בזיונות איבערגעטראָגן פון זיינע אייגענע ברידער פאַר זיין אידעע, פיל יאָרן

זיך געפּלאָגט, ביז ער איז דערצו געקומען, ער זאָל זיך און זיינע קינדער גליקלעך פאַרזאָרגן. — שפּיצבוים האָט אָפּגעאָטעמט ווי פון שווערע איבערגעלעבטע מינוטן: — נאָר ווערליק מיר זעען איצט, איז ער פאַר דער צייט געשטאָרבן; פון זיין גאַנצער מי ווערט אַ תל. און ווער שאַפט איבער זיין גאַנץ פאַרמעגן? אַ פּוסטע, נאַרישע קאָקעטקע, ווי „פּאַני אסתרקע", מיט אַ שיכּור אַ שרייבער און אַזאַ שאַרלאַטאַן, ווי פאַן קאַרל! ווער ווייסט, וווהין זיי קענען נאָך פאַר־פירן דעם איינציקן יורש — סאלאמאנען! יאָ, שלום איז פאַר דער צייט געשטאָרבן, נאָר זיין פריינט לעבט נאָך, און כּל זמן איך לעב, וועל איך אַלע מיינע קרעפטן נישט שפּאָרן איך זאָל אַלץ אין אָרדענונג ברענגען. איך האָף, אַז איך מיט מיין אַלטן שכל און מיט מיין גאָלדשמידס יונגע כּוחות וועלן מיר ענדיקן דאָס, וואָס אייער מאַן, מיין אַלטער פריינט שלום, האָט אָנגעהייבן!...

דער אַלטער שפּיצבוים האָט זיך אומגעקוקט אויף אַלע זייטן. ער האָט מיט די אויגן געזוכט גאָלדשמידן מיט סאלאמאנען, כאָטש זיי זענען געשטאַנען נאָענט לעבן אים. ער האָט זיך געווענדט צו זיי ביידע מיט דידאַזיקע ווערטער:

— מיין פריינט שלום רויטמאַנס אידעע, וועלכער האָט ביז זיין טויט מיט שטאָלץ געטראָגן דעם נאָמען „יידישער מוזשיק", מוזן מיר פאָרטזעצן און פאַראייביקן, איך בין שוין אַלט, דאָך מיט מיינע לעצטע קרעפטן וועל איך אייך מיטהעלפן. נאָר די גאַנצע האָפענונג איז אויף אייערע יונגע כּוחות, אויף דיר, סאלאמאן, און אויף דיר, גאָלדשמיד. איך ווייס, אַז דו, סאלאמאן, האָסט דיין לערער גאָלדשמיד ליב און געטרויסט אים אין אַלעמען און מיך האָסטו אויך נישט פיינט. איך גלויב און בין זיכער, אַז דו, סאלאמאן, וועסט אונדז פאָלגן און וועסט גיין אויף דעם וועג, אויף וועלכן מיר וועלן דיר אָנווייזן.

שפּיצבוים איז געבליבן זיצן און מער קיין וואָרט נישט אַרויס־געלאָזט. אַלע האָבן געוואַרט אויף סאלאמאנס ענטפער.

סאלאמאן האָט אייניקע מינוט זיך נישט גערירט פון אָרט. זיינע ליפּן האָבן געפּרוווט עפּעס זאָגן, נאָר זיין האָבן זיך געקרימט און האָבן קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסזאָגן. די טרערן האָבן אים פּלוצ־לונג אָנגעהייבן צו שטיקן אין האַלדז און ענדלעך האָט ער פּלוצלונג אויסגעשריען:

— טייערע באָבעניו! איך וועל אַלץ טאָן, וואָס ה' שפּיצבוים

מיט מיין לערער וועלן מיר הייסן. איך בין שוין נישט דער סאלאמאן, וואס איך בין געווען פריער מיט א שעה... איידער דו, באבעניו, ביזט געקומען... דו, באבעניו, מיט אונדזער רחלען, — אירביידע מיט אייער קומען איצט אהער האט איר מיך געראטעוועט, און מיר גע־עפנט די אויגן!

רחל און די באבע האבן נישט פארשטאנען זיינע רייד, נאר דער חתן גאלדשמיד און די שיינע העפטערין, זיין כלה, האבן יא האלב פארשטאנען, וואס ער מיינט.

— איך האב מיך איצט דערמאנט אין דיינע ווערטער, אברהם,— האט זיך אנגערופן גאלדע שטילערהייט, — דו געדענקסט דעם אוונט, ווען מיר האבן גערעדט וועגן סאלאמאנען, וואס טוט מען מיט אים? און דו האסט מיר געענטפערט: מען קען גארנישט טאן, נאר א צופאל אדער די צייט קען אים פון דעם אומגליק ארויספירן. דאס זעען מיר איצט...

אויף דעם קנס-מאל האט דער עולם זייער פריילעך פארבראכט, און ווען מען איז זיך צעגאנגען, האבן שוין די הענער צום דריטן מאל געקרייט און עס האט אנגעהייבן צו טאגן.

אין דריי יאר ארום.

אין דער צייט האט סיצייליע טאקע אויסגעפירט אירס: זי האט שוין לאנג חתונה געהאט פאר מיכל טייטלשוואס, און שוין געהאט מיט אים א קינד און מיט צווייטן איז זי אויף דער צייט. זייט דעם קנס-מאל ביי גאלדשמידן מיט גאלדען האט זי סאלאמאנען נישט גע־זען. זי האט פון דער צייט אן אויף גאלדשמידן א מאך געטאן מיט דער האנט. „א דארפיינגל" בלייבט טאקע א דארפיינגל" פלעגט זי אפט צו זיך אליין זאגן און צייטנווייז האט זי געווארפן אן אום-חן אויף אלע מאנספערזאנען פון קליין ביז גרויס. זי האט זיי אנגעהייבן

פיינט האָבן און באַקומען אַ מיינונג, אַז מאַנספּערזאָנען שטייען נישט העכער פון הינט, און אַז אַ קלוגע פרוי אָדער אַ פריילן דאַרף נאָר פאַרשטיין אַריינצוכאַפּן די לייט אין די הענט און זיך רייצן מיט זיי, ווי מען רייצט זיך מיט אַ הונט אויף אַ קייט. דערפאַר אָבער איז זי געווען זייער צופרידן מיט איר מאַן. זי האָט אין אים געפונען דעם אמתן „אַריסטאָקראַט", ווי זי פלעגט רופן „דעם שיינעם געבילדעטן" יונגנמאַן.

מיכל טייטלשוואַם האָט נאָך דער חתונה זיך אָנגעהייבן גאָר אַנדערש צו פירן. אָנגעטאָן איז ער געגאַנגען אין די שענסטע קליידער, אַז עס איז געווען אַ פאַרגעניגן אָנצוקוקן: ריין, ציכטיק, ווי אַן אמתער אייראָפּעער. קאָמפּלימענטן פלעגט ער מאַכן זיין פרוי, אַז אַלע נעזווינקער יונגעלייט וואָלטן געמעגט ביי אים הייצן אין אויוון. ביי יעדער געלעגנהייט פלעגט ער זי רופן: „מיין קרוין", „נשמה", „האַרץ", „מיין ענגל". סיציליע האָט זייער ליב געהאַט צו הערן אַזוינע ווערטער פון יעדן, בפרט נאָך פון איר מאַן. איבערהויפּט, ווען זי האָט זיך געפונען צווישן מענטשן, האָט זי גאָר אָנגעקוואָלן פון אַזעלכע לאַקרעץ-זיסע ווערטער, און וואָס פאַר אַ פרוי וואָלט מיט אַזאַ מאַן נישט צופרידן געווען? צו איר גליק און צופרידנהייט פלעגט זיך סיציליע נאָך ווינטשן איין זאַך, ווען טייטלשוואַם פלעגט זי קושן און גלעטן: „ווי וואָלט איך געוואָלט, אַז גאָלדשמיד זאָל דאָס אַלץ זען און הערן, ער וואָלט צעזעצט געוואָרן קוקנדיק, ווי גליקלעך איך בין!"

נאָר גאָלדשמיד איז נישט געווען און נישט געזען איר „גליק". די גאַנצע צייט האָבן זיי זיך קיין איינציק מאָל נישט באַגעגנט און ער האָט שוין געוויס פאַרגעסן, אַז עס איז גאָר דאָ אַ סיציליע אויף דער וועלט.

ווען סאַלאַמאַנען פלעגט זי אויך אַמאָל טראַכטן און זיך ווינטשן, ער זאָל כאָטש נאָך איינמאָל ליגן ביי אירע פיס. זי פלעגט אין כעס ווערן, ווען זי האָט זיך דערמאָנט, אַז סאַלאַמאַן איז נישט מער, ווי אַ שמאַטע, אַ יינגל; זי האָט זיך געטרייסט, — אַז מען דאַרף זיך פון אַזוינע יינגלעך גאָרנישט מאַכן. עס איז געוווּג, וואָס ער וועט פונדערווייטנס וויסן, אַז זי איז איצט זייער גליקלעך.

סיציליע, כאָטש זי איז מיט איר מאַן געווען זייער גליקלעך, אַז אַלע יונגע ווייבלעך האָבן זי מקנא געווען, פלעגט זי פאַרט

שטענדיק זיי דערמאנען. מינוטנווייז פלעגט זי אין זיי פארגעסן און שטאָלצירן מיט איר מאַן, וואָס האָט גערעדט אויסלענדישע שפּראַכן. ער איז אַזוי שיין געלעגן אויסגעצויגן אין דער קאַרעטע מיט סיצילייען, ער פלעגט אַזוי לעבעדיק אַראָפּשפּרינגען פון דער קאַרעטע, און ווי אַן אמתער „אַריסטאָקראַט" דערלאַנגען די האַנט סיצילייען און איר העלפן אַראָפּגיין פון דער קאַרעטע. חוצדעם, איז ער געווען מיט איר אַזוי גוט, ווי עס איז גאָר זעלטן צו זען. ער האָט איר קיין שום דעה נישט געזאָגט. וואָס זי האָט געוואָלט, האָט זי ביי אים אויסגעפירט: שיינע קליידער, פאָרן קיין אויסלאַנד. אים זענען די הוצאות נישט שווער אָנגעקומען, ווייל אַ דירה, עסן און טרינקען האָט ער געהאַט ביי דעם שווער, ביי וועלכן זיי זענען געווען אויף קעסט, און דעם נדן, וואָס ער האָט באַקומען צו דער חתונה, האָט אים איינגעטראָגן היבשע פּראָצענט און זיין קאַפּיטאַל איז אים שטענדיק געוואַקסן.

אין נעזווינק האָט טייטלשוואָם באַקומען אַ נאָמען, ווי עס פּאַסט פאַר אַן איידעם פון אַזאַ גביר, ווי ה׳ רידערסקי. ער האָט טאַקע נישט אַנדערש געהייסן, ווי דעם „גבירס איידעם". דער נאָמען איז אין נעזווינק שוין געווען, מען זאָל אַזאַ „איידעמל" אומעטום אָפּגעבן כבוד, אַריינגעמען פאַר אַ חברהמאַן, פאַר אַ דעה-זאָגער, און אַז אומעטום זאָל ער שמען פאַר אַ שיינעם לייטישן יונגנמאַן.

אייניקע אין שטאָט האָבן געפרעגט, ווי קען דאָס זיין? טייטלשוואָם, וועלכער האָט זיך געפירט, ווי אַן אייראָפּעער, האָט געטראָגן קורצע קליידער, פלעגט פאָרן אין טעאַטער, ווי-זשע קומט עס, אַז די נעזווינקער יידן, חסידים און פרומע לייט, זאָלן פון אַזאַ מענטשן, פון אַזאַ „דייטש" האַלטן, אים כבוד אָפּגעבן, אים צונעמען פאַר אַ דעה-זאָגער? נאָר וויבאַלד אָבער דער דייטש האָט אַ סך געלט, ער איז אַ גביר, מעג ער אפילו גאָלן די באָרד און עסן חזיר, הייסט ער דאָרט „דער גביר" און מען גיט אים אָפּ כבוד.

אין נעזווינק וועט מען נישט טאָן די קלענסטע זאַך אָן זיין הסכמה, ווער שמועסט, אַז דער „דייטש" האָט נאָך ליב זיי אַמאָל צו חנפענען מיט אַזוינע זאַכן: ווי באַצאָלן גוט פאַר אַן עליה, קריכן מיט דעם צילינדער און מיט אַ קוויטל צום רבין און כאַפּן אַמאָל אַ טענצל אינאיינעם מיט די חסידים — דאַן וועלן די חסידים פאַר אים קיין זאַך בארשט נישט נעמען. אַ, ער גייט מיט אַ געגאָלטער באָרד און עסט

אמאָל די רעכטע זייט פון אַ יונג חזירל, דאָס איז טאַקע פון אים אַן עוולה, זאָגט דער נעזווינקער ייד, נאָר וואָס האָבן מיר זיך צו מישן אין גאָטס זאַכן? גאָט איז אַ גאָט און ווייסט מסתמא, וואָס ער טוט, אַז ער באַשאַפט אַזוינע יידן אויך. מיכל טייטלשוואָם האָט גראַדע נישט געגאָלט די באָרד און מען האָט נישט געהערט ביי אים, ער זאָל עסן חזיר, ווייל ער האָט פאָרט אַ ביסל דרך-ארץ געהאַט פאַר זיין שווער, פונדעסטוועגן האָט מען אים דאָך געהאַלטן פאַר אַ „דייטש". נאָר ווייל ער איז אָבער געווען ר' יואל רידערסקי, דעם גבירס איידעם און מסתמא האָט ער אַליין אויך שוין אַ שטיקל פאַרמעגן, פאַרדינט ער טאַקע מען זאָל אים אָפּגעבן כבוד. חוצדעם, איז ער געווען אַ גרויסער חשוב ביי דעם שווער און שוויגער און אַפילו ביי זיינע אייגענע עלטערן, וועלכע האָבן נישט איינמאָל איבערגערעדט צווישן זיך:

— היינט זע, אַז אַ יידישע נשמה קען מען נישט שאַצן. ווער האָט זיך גערעכט, אַז פון אונדזער מיכלען זאָל ווערן אַזאַ פיינער יונגערמאַן? היינט זעט מען באַשיינפערלעך, אַז אַ מענטש קען פון זיך אַלץ מאַכן, — פלעגט ר' זעליגל, מיכלס פאָטער, זאָגן זיין ווייב,— איבערמאַכן אַ מאַנסביל קען נאָר אַ ווייב און ווער ווייסט, וואָס פון אַלע מאַנסבילן וואָלט געוואָרן, ווען נישט די ווייבער? זעען מיר נישט, אַז זייט אונדזער מיכל האָט חתונה געהאַט, איז ער גאָר געוואָרן אַן אַנדער מין מענטש? גאַרנישט דער מיכל, וואָס אין אדעס.

ווידער אין דאָרף.

ביי וואָדאָפּיאַנאָוו, דעם פאַן פּיסאַר, סאָלאָמאָנען, גאָלדשמידן און אַלע אַנדערע, וואָס געפינען זיך איצט אין סטעפּקיווקע, איז אין די לעצטע דריי יאָר זייער פיל פאָרגעקומען אין זייער לעבן.

ווען די באַבע, פריידע, האָט צוריקגעבראַכט סאָלאָמאָנען קיין סטעפּקיווקע, האָט ער שוין נישט געקוקט אויף אַלץ מיט קינדערשע

אויגן, ווי ביזאהער. איצט האָט ער אויף אַלץ געקוקט: אויף דער ווירטשאַפט, אויף זיין מוטערס אויפפירונג און אויף פאַן קאַרלען האָט ער געקוקט מיט אויגן פון אַ דערוואַקסענעם מענטשן. זיין באַבע האָט אים איצט אויך מער באַקאַנט געמאַכט מיט דער פאַרגאַנגענהייט פון זיין זיידן שלום, וואָס ער איז פריער געווען, און וויאַזוי ער איז געוואָרן אַן ערדאַרבעטער, מיט וויפל מי ער האָט דערוואָרבן זיין ווירטשאַפט אין דאָרף, און וואָס פאַר אַ צוואה ער האָט איבערגעלאָזט זיין זון חיים, סאָלאָמאָנס פאָטער.

סאָלאָמאָן האָט איצט אַלץ גאָר אַנדערש פאַרשטאַנען; ער האָט נישט אָפּגעלאָזט פון זיך זיין געטרייען לערער גאָלדשמיד, וועלכן מען האָט געמאַכט פאַר אַן אַפּיטרופּוס איבער סאָלאָמאָנען, ביז ער וועט ווערן אַ דערוואַקסענער מענטש. אַחוץ דעם, האָט אים סאָלאָמאָן פאַרגעלייגט צו ווערן פאַרוואַלטער אויף אַ געוויסן געהאַלט. עס פאַרשטייט זיך, אַז פון די אַלע ענדערונגען האָט מען געמוזט פריער דערוויטערן פאַני אסתרקעס פאַרוואַלטער — פאַן קאַרל, דערנאָך פאַני אסתרקע אַליין, וועלכע האָט די גאַנצע ווירטשאַפט אין זינען געהאַט ווי דעם פאַראַיאָריקן שניי און האָט זיך אינגאַנצן פאַרלאָזט אויף פאַן קאַרלען.

פאַן קאַרל, ווען ער האָט זיך פון אַלץ דערוווּסט, איז ער אַריינגעלאָפן צו אסתרן און געזאָגט:

— מיט פיל ווייטיקן און האַרצן מוז איך מיך פון דיר שיידן. איך קען מער נישט איבערטראָגן די בזיונות פון דיין זון סאָלאָמאָן. איך וואָלט שוין לאַנג דאָ נישט געווען, נאָר צוליב דיר... מיר איז שווער מיט דיר זיך צו שיידן, נאָר וואָס זאָל איך טאָן, אסתרקע?..

פאַני אסתרקע האָט מיט אַ שטיל געלעכטער אַרויפגעלייגט אויף אים ביידע הענט און געטרייסט:

— איצט זע איך דיין געטרײַשאַפט צו מיר. איך בין גליקלעך... זיי רויק — סאָלאָמאָן, וועט דאָס צווייטע מאָל נישט וואַגן דיך צו קרענקען.

זי האָט באַלד געשיקט אַריינרופן צו זיך סאָלאָמאָנען.

סאָלאָמאָן איז די מינוט געקומען. ער איז פריער צוגעגאַנגען צו דער מוטער און איר אַ קוש געגעבן, דערנאָך זיך באַגריסט מיט פאַן קאַרלען.

— סאָלאָמאָן, — האָט זי געזאָגט, — פאַן קאַרל האָט מיר איבער-

געגעבן, אַז כאָטש איך האָב אַזויפיל מי אַוועקגעלייגט און דיך געלאָזט לערנען אין שטאָט, ביזטו נאָך אַלץ ייִנגליש, נאַריש און דאַרפיש. דו האָסט מיטגעבראַכט דיין לערער און מאַכסט אים פאַר אַ באַלעבאָס. עס פּאַסט גאָרנישט, אַז מען זאָל אַ שטובלערער געבן אַזויפיל רעכט. דו ווילסט וווינען אין דאָרף און האָסט דיר מיטגענומען אַ לערער — זייער שיין! איך שפּאָר דיר נישט קיין געלט אויף אַזוינע זאַכן, אָבער דער לערער זאָל זיך נישט מישן אין אונדזערע היימישע געשעפטן, זאָגן אַ דעה פון קאַרלען, אונדזער פּאַרוואַלטער... דאָס איז זייער נישט שיין, מיין קינד, אַז פון אונדזער זייט זאָל באַליידיקט ווערן אַזאַ געטרייער מענטש, וואָס איז דיין פאָטער שטענדיק געווען איבערגעבן. און איצט, אַז דיין פאָטער איז געשטאָרבן, וואָס וואָלטן מיר געטאָן אָן פון קאַרלען? ער איז געבליבן אונדזער איינציקער גוטער פריינט, וואָס גיט אַכטונג, אַז פון אונדזער פאַרמעגן זאָל נישט ווערן קיין תּל. איך בין מער נישט, ווי אַ יידענע, אַן אלמנה און דו, אַ יונגער יתום, וואָס וואָלטן מיר געטאָן אָן אים? און דו ביזט אים גאָרנישט דאַנקבאַר! באַרעכן זיך, סאָלאָמאָן, אַז דו ביזט נאָך יונג און קיינער האָט דיך נישט צו לערנען. דו דאַרפסט זיך אַליין שוין באַמיען צו זיין אַ מענטש, דאָס וועט כאָטש זיין מיין טרייסט, וואָס גאָט האָט מיך געשטראָפט און איך בין אַ יונגע אַלמנה געבליבן...

אסתּר האָט גענומען דאָס טיכל צו די אויגן. סאַלאַמאַן איז זייער טרויעריק געוואָרן, נאָר באַלד האָט ער זיך געשטאַרקט. ער האָט געמאַכט עטלעכע טריט נענטער צו דער מוטער און האָט אָנגעהייבן שטיל און געלאַסן צו רעדן:

— עס איז מיר זייער שווער צו זען, וואָס איך האָב דיך מיט מיינע לעצטע אויפפירונגען געבראַכט צו טרערן. נאָר גאָט ווייסט דעם אמת, אַז איך בין אין דעם נישט שולדיק. דו וויינסט איצט אומזיסט. דיך וואָלט באַדאַרפט פרייען, ווען דו זאָלסט זיך וועלן צוקוקן צו דיין איינציקן זון; דו וואָלסט געדאַרפט זען, אַז ער איז שוין נישט קיין קינד מיט אַ קינדערשן שכל, ווי דו מיינסט. איך פיל מיך איצט אומשטאַנד אַליין צו זיין באַלעבאָס און צו האַלטן אַ פּאַרוואַלטער וועמען איך פאַרשטיי און וויל. ווערדליק אין קען פון קאַרלען, איז ער אַ רייכן גוטבאַזיצערס אַ זון. ער דאַרף באַר־

נישט אַזאַ שטעלע. ווי זאָגט איר, פאַן קאַרל? — האָט זיך סאָלאָמאָן צו אים געווענדט.

פאַן קאַרל איז געווען אָנגעצונדן פון כעס; ער האָט פאַר־קוועטשט די ליפּן צווישן די ציין און איז נישט געווען אומשטאַנד אַרויסצורעדן איין וואָרט. אים וואָלט פיל גרינגער געווען זיך איצט אַרויפצוּוואַרפן אויף דעם יונגן זשידעק, וועלכער שטייט שטענדיק, ווי אַ ביין אין האַלדז, און אים צערייסן אויף צווייען. נאָר עס איז אים געבליבן אַ שטיקל זכרון צו געדענקען, אַז סאָלאָמאָן איז פיל קרעפטיקער פון אים און וואָלט זיך זיין שטעטל געקענט באַשטיין.

אסתּר האָט קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט פון פאַן קאַרלען און פון איר זון. זי האָט גוט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ גייט פאָר, אַז איר זון האָט אָנגעהייבן צו פאַרשטיין אירע אויפפירונגען און מען קען אים שוין מער נישט אָפּנאַרן. נאָר פונדעסטוועגן האָט זי זיך אָנגערופן:

— סאָלאָמאָן, דו זעסט דאָך, כאָטש עס איז אים קיין נויט נישט, ווי דו מיינסט, פונדעסטוועגן שענקט פאַן קאַרל אונדז זיין טייערע צייט. נאָר צפּעס רעדסטו אַזוי מיט דיין מוטער, וואָס איך האָב מיך אויף דיר קיינמאָל נישט גערעכט; דו ביזט נאָך אַזוי יונג און ווילסט שוין אַזוי פרי באַווייזן דיינע רעכט אויף אַלץ; ווילסט שוין ווערן באַלעבאָס אויף דעם, וואָס איך מיט דיין פאָטער האָבן אונדזער גאַנץ לעבן שווער געשאַפן.

זי האָט ווייטער גענומען דאָס טיכל צו די אויגן.

סאָלאָמאָן איז איר געפאַלן אויפן האַלדז.

— גלויב נישט, מאַמע, אַז איך מיין דיך צו שטעלן נידעריקער, חס־ושלום, פון דעם שטאַנד, וואָס דיר קומט, מיין נישט, אַז איך וויל זיין איבער דיר באַלעבאָס. איך וויל נאָר איבער מיר אַליין זיין באַלעבאָס. איך בין שוין מער קיין קינד נישט. אויך פאַרגעס נישט, מאַמע, אַז איך האָב נאָך אַ מוטער, די באָבע פריידע, וועלכע האָט מיך דערצויגן און אויף די הענט מיך געטראָגן.

סאָלאָמאָן האָט ווייטער געוואָלט רעדן, נאָר אסתּר האָט זיך אויפגעכאַפּט פון איר אָרט און מיט אַ ווילד קול זיך צעשריען:

— נאָך אַ מוטער האָסטו? — די שוויגער מיינסטו? איצט פאַר־שטיי איך שוין אַלץ! איבער איר קען איך נישט לעבן אין מיין הויז! איך וויל נישט, זי זאָל זיין ביי מיר אין שטוב...

פאַן קאַרל האָט אויך אַזוי געזאָגט, אַז די אַלטע פריידע דאַרף נישט וווינען אונטער איין דאַך מיט אסתרקען.

סאָלאָמאָן איז אַרויפגעפאַלן אויף זיין מוטערס האַלדז. שטיל האָט ער זי עטלעכע מינוט באַוואַשן מיט טרערן, דערנאָך האָט ער ווייטער אָנגעהייבן.

— דו ווייסט, מאַמע, אין וואָס פאַר אַן אומגליקלעכער לאַגע איך געפין זיך איצט? פון איין זייט מיין מוטער, וועלכע איך האָב ליב, וויפל אַ קינד קען נאָר זיין מוטער ליב האָבן, און פון דער צווייטער זייט — מיין עלטער-מוטער, די באָבעניו, וועלכע האָט מיך דערצויגן. איר ביידע, וואָס זענט מיר אַזוי ליב, פירט אַ קריג פאַר מיינע אויגן און איך מוז דאָס צוזען! איך בעט נאָר ביי גאָט, ער זאָל מיינע כוחות שטאַרקן דאָס אַלץ איבערצוטראָגן. איך נעם זיך פאַר אַלץ צו טאָן נאָך מיין פאַרשטאַנד און בעט דעם פאָטער פון אַלע יתומים, ער זאָל מיר מיטהעלפן, אַז אַלץ זאָל זיך אויסלאָזן צו גוטן. נאָר, מאַמע, איך קען שוין מער נישט זיצן פונדערווייטנס פאַרלייגט די הענט, ווי ביז אַהער און צוזען, ווי פון מיין זיידנס און פאָטערס שווערע אַרבעט זאָל ווערן אַ תל; איך קען אונדזער ווירטשאַפט נישט מער פאַרטרויען פאַן קאַרלען! דאָס זאָג איך אים אָפן אין די אויגן!..

פאַן קאַרל האָט שוין מער נישט געקענט שווייגן:

— סאלאמאן, דו ביזט ביי מיר קיין באַלעבאָס נישט. איך קען נאָר פאַני אסתרקען.

סאלאמאן האָט געפונען פאַר איבעריק אים אַפילו צו ענטפערן. ער האָט ווייטער געזאָגט צו דער מוטער:

— איך וויל נישט און וועל קיינמאָל נישט וועלן, מאַמע, זיין קעגן דיר. טו דיר, ווי דו פאַרשטייסט, נאָר ווייס, מאַמע, אַז פון דער צייט, וואָס איך בין אַהיימגעקומען, וויל איך מיך פאַרנעמען מיט ערדאַרבעט און מיט אונדזער פאַרמעגן, ווי מיין זיידע און מיין טאַטע האָבן געטאָן און האָבן געוואָלט. עס זאָל אַזוי זיין אויך מיט מיר. מער וויל איך דערפון נישט רעדן.

מיט די ווערטער איז ער אַרויסגעגאַנגען פון זיין מוטערס צימער.

זינט עס איז פאָרגעקומען דער געשפרעך צווישן סאָלאָמאָנען מיט זיין מוטער, איז אַוועקגעגאַנגען דער גאַנצער ווינטער.

סאָלאָמאָנען מיט גאָלדשמידן איז געלונגען אין דער צייט אַלץ

צו ברענגען אין אָרדנונג, חוץ אַזוינע זאַכן, וואָס עס איז שוין נישט מעגלעך געווען צוריקצושטעלן אַזויווי פריער.

ווען פאַן קאַרל האָט בעזען, אַז ער קען באַין אופן מער נישט זיין קיין באַלעבאָס, האָט ער אָנגעהייבן וויניקער אַריינצוגיין צו פּאַני אסתרקע אין שטוב, דערפאַר אָבער פלעגט ער טאָג ווי נאַכט אָפּליגן ביי דעם פאַן פּיסאַר.

— וואָס טוט מען מיט דעם זשידעק? — פלעגט ער אָפּט זיך ווענדן צום פאַן פּיסאַר.

— דו פרעגסט מיך איצט, וואָס טוט מען מיט אים? ווי ביזט געווען אין דער צייט, וואָס מען האָט געקענט מיט אַלע יידן עפּעס טאָן? קיין בעסערע צייט האָבן מיר נישט געהאַט, זיך אָפּצורעכענען מיט די יידן, ווי אין דער צייט, ווען עס איז געווען די מלחמה מיט טערקיי. אין אַזאַ אומרויקער צייט קען מען מיט אַ פאָלק אַלץ מאַכן, אָבער איצטער? איצטער שטעל אַרויס די צונג, פאַן קאַרל!

וואָדאָפּיאַנאָוו האָט טאַקע דערביי פאַן קאַרלען אַרויסגעשטעקט די צונג, וועלכע איז תמיד געווען פאַרבערענט פון בראַנפן.

פאַן קאַרל איז געבליבן שטיין און האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן; ער האָט איצט פון וואָדאָפּיאַנאָווס צונג פאַרשטאַנען, אַז רחל איז פון אים אַזוי ווייט, ווי גלייך זי איז נישט קיין יידישן קרעטשמערס אַ טאָכטער, נאָר ווי זי וואָלט געווען אַ פּוילישן פירשטס אַ טאָכטער, און ער האָט דערביי אַ שטאַרקן זיפץ געטאָן:

— נאָר וואָס טוט מען מיטן יונגן זשידעק, סאָלאָמאָן? וויאַזוי קומט מען פּאָרט צו רחלען? — האָט ער נישט אָפּגעטרעטן פון זיין פריינט, אין וועלכן ער האָט בעגלויבט, אַז ער קען אַלץ טאָן און אים אַרויסהעלפן.

— אָט דאָס איז שלעכט מיט דיר, פאַן קאַרל, וואָס דו האָסט נאָך פריינט איין זשיד, וועלכער שטערט דיר אין דיין פּערזענלעכן לעבן. ווען דו זאָלסט אָבער פיינט האָבן אַלע יידן, וואָלט גאָר אַנ-דערש געווען...

— לאָז זיין אַלע! איך בין היינט אויף אַלעם גרייט. איך האָב פריער נישט געוווּסט, ווי אַזוי דיינע רייד צו שעצן, מיין ליבער וואָדאָפּיאַנאָוו!

— פאַרשטיי-זשע אָבער, מיין ליבער פאַן קאַרל, אַז איצטער, אין דער צייט, ווען עס איז שלום אין רוסלאַנד און די רעגירונג

היט גוט אָפּ אירע אינעווייניקסטע אָרדנונג, איז שווער עפּעס אויס-צופירן. מען מוז אָפּוואַרטן אויף אַ גוטער געלעגנהייט. דערווייל טו איך און אַלע אונדזערע לייט, וואָס מען קען נאָר. מען שרייבט אין גאַזעטן און אין ביכער, מען רעדט, מען טראַכט, מיט איין וואָרט, פאַן קאַרל, מען זיצט נישט ליידיק.

— איך מוז דיר זאָגן דעם אמת, אַז איך זע נישט, עס זאָל עפּעס דערפון אַרויסקומען, און איך פאַרשטיי נישט, וואָס פאַר אַ געלעגנהייט מען קען דאָ אָפּוואַרטן. אַז רוסלאַנד זאָל אַזוי גיך ווידער מלחמה פירן, איז שווער צו דערוואַרטן. וואָס-זשע דען?

— וואָס פרעגסטו גאָר אַזוינע נאַרישקייטן? געפינען אַ גע-לעגנהייט יידן צו דערווערגן, דאַרף מען דען עפּעס האָבן אַ סך? מען דאַרף גאָר דערצו נישט האָבן קיין גרויסע אורזאַכן. דאַכט זיך, אַז אַ מינדסט קינד קען דאָס טאָן. אָט וועל איך דיר ווייזן: ערשט נישט לאַנג איז געווען אין קיטאַיס, אין קאַווקאַז, אַ פּראָצעס אויף יידן, וואָס אויף אַלע יידן אין גאַנץ רוסלאַנד האָט גוט געציטערט די הויט; ווער האָט פאַרקאָכט די גאַנצע קאַשע? אַי, עס האָט זיך מיט גאָרנישט געענדיקט, מען האָט דערוויזן, אַז די יידן זענען נישט שולדיק און מען האָט זיי באַפרייט — דאָס אַרט מיר גאָר ווייניק. דערווייל האָבן ניין זשידעס זיך געוואַלגערט אין פעסטונג אַ גאַנץ יאָר, און אַ גאַנץ יאָר האָט מען געהאַט יידן צו שטעכן די אויגן! בפרט נאָך איצטער, אין אַ צייט, וואָס פון אונדזערע לייט האָבן זיך געבילדעט חברות, אומעטום אונטער דעם נאָמען „אַנטיסעמיטן", וואָס האָבן עפנטלעך מודיע געווען, אַז זייער צוועק איז צו פאַרניכטן די יידן אויף דער וועלט! איינער פון אונדזער חברה האָט עפנטלעך געשריבן אין די צייטונגען, אַז מען דאַרף די יידן ערגער פאַרפּאָלגן, ווי די ווילדע וועלף אין וואַלד. „קען מען דען צוגעבן, האָט ער געזאָגט אין זיין אַרטיקל, אַז וועלף זאָלן טענהן, אַז זיי האָבן דאָס רעכט צו לעבן אויף דער וועלט, ווייל זיי זענען גאָטס באַשעפעניש און האָבן אויך אַ מויל צו עסן, ווי די יידן טענהן אין זייערע צייטונגען?.." היינט פאַרשטייסטו שוין וויאַזוי מען קוקט אויף יידן? נאָר מען מוז פאָרט אָפּוואַרטן אַ צו-פאַל, ליבער פאַן קאַרל!

אין אַזוינע רייד פלעגן די צוויי פריינט גאַנץ אָפט פאַרברענ-גען די צייט, און ענדיקן פלעגט זיך עס דערמיט, אַז מען האָט

פאַרטרונקען מיט עטלעכע פלעשער ווײַן און אַזוי אָנגעשיכּורט, אַז פאַן קאַרל פלעגט בלײַבן ליגן, ווי אַ טויטער אויפן בעט און וואָ־דאָפּיאַנאָוו האָט מיט דער צונג נישט געקענט רירן, נאָר דאָס וואָרט זשיד האָט ער שיכּורערהייט אַזוי לאַנג געקײַט, ביז ער איז אײַנגעשלאָפן געוואָרן.

* * *

פאַני אסתּרקע האָט זיך אין דער צײַט אויך אַ סך פאַרענדערט, כאָטש זי פלעגט זיך אָפּט זען מיט פאַן קאַרלען, נאָר אָבער נישט אַזוי־ווי פריער. דערפאַר איז איר געבליבן מער צײַט זיך אָנצוקוקן אין שפּיגל. זי האָט אָנגעהייבן ביסלעכווײַז צו באַמערקן, אַז זי איז שוין נישט מער די אַמאָליקע שיינע „יונגע פאַני אסתּרקע", די באַקן זענען עפּעס, ווי אַ ביסל אײַנגעטריקנט, נאָר פונדעסטוועגן איז זי בײַ זיך נישט אַראָפּגעפאַלן.

— כאָטש איך זע שוין נישט אַזוי יונג אויס, — פלעגט זי זאָגן, זיך אָנקוקנדיק אין שפּיגל, — פונדעסטוועגן וועל איך מיך נאָך נישט בײַטן מיט קיין יונגער. אי, פאַן קאַרל איז אַ ביסל ברוגז און קומט נישט אַזוי אָפּט, נאָר אייביק וועט אַזוי נישט זײַן... איך וויל נאָך לעבן... איך קען נישט זײַן בייז אויף פאַן קאַרלען, זיי האָבן אים פון מיר פאַרטריבן. זיי ווילן נישט, אַז איך זאָל לעבן. פאַן קאַרל האָט מיך ליב און פאַרלאַנגט, אַז אַלץ זאָל זײַן אַזוי־ווי פריער. איך וועל אַזוי טאָן—זיי אַלע אויף צעזעצעניש. איך בין באַלעבאָסטע און קיינער האָט מיר קיין דעה נישט צו זאָגן... אַ קינד דאַרף זײַן בײַ מיר אַ קינד, אָבער נישט קיין אויבערהאַר איבער מיר. כּל זמן איך לעב, וויל איך האָבן פאַרגעניגן פון מײַן לעבן, דאָס האָט מיר אַפילו מײַן מאַן נישט פאַרווערט. צו וואָס דען האָב איך פאַר אים חתונה געהאַט? און זיי ווילן עס מיר פאַרווערן. די אַלטע כלבטע — די שוויגער און מײַן אייגן קינד געטרויען מײַן פאַרמעגן פרעמדע מענטשן. איך וועל דאָס גאָרנישט איבערטראָגן! נאָר איך וועל עס נישט דער־

לאָזן! פֿאַן קאַרל איז דער איינציקער מענטש, וואָס קען מיר אין דעם מיטהעלפֿן...

אַזוי פּלעגט זי אָפּט מיט זיך טענהן ביז זי פּלעגט זיך צעוויינען, אָדער משונה זיך צעלאַכן.

און אַמאָל, ווען זי איז געזעסן מיט אַזוינע געדאַנקען, איז צו איר אַריינגעקומען פֿאַן קאַרל פֿאַרטראָגן, דערשראָקן, מיט די ווערטער:

— פֿאַני אסתּרקע! זע, אַז דיין איינציקער פֿריינט קומט צו דיר, כאָטש איך ליַיד געגנוג פֿון דיין הויז, נאָר איך בין דיר געטריי און קען עס דיר איצט באַווייזן. איך וואָלט זיך נישט באַדאַרפֿט מישן, נאָר אַז איך האָב דיך ליב, האָב איך דיין קינד אויך ליב. ווייס-זשע, אַז איך האָב זיך דערוווּסט, אַז דיין איינציקער זון וויל חתונה האָבן פֿאַר דעם אָרענדאַרסקע מיידל, פֿאַר לעמלס טאָכטער „רחל", וואָס איך וואָלט זי אַפֿילו פֿאַר קיין דינסט צו מיר אין שטוב נישט אַריינגענומען.

אסתּרקע איז אונטערגעשפּרונגען און אויסגעשריען נישט מיט איר קול:

— מיט איר! דאָס וועט נישט זיין! נאָר פֿונוואַנען ווייסטו דאָס? עס איז נישט מעגלעך!

— איך האָב עס אַליין געהערט פֿון זיין מויל.

אסתּרקע איז געפֿאַלן חלשות אויף קאַרלס האַלדז, ווייל ווען פֿאַן קאַרל זאָגט, אַז ער האָט געהערט, איז עס געוויס אמת, און ווער האָט אים אַזוי געגלויבט, ווי זי, אסתּר?

אמאָל און איצט.

כאָטש פאַן קאַרל איז געווען באַוווסט פאַר אַ גרויסן ליגנער, נאָר דאָ האָט ער גראָדע געזאָגט דעם אמת. דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען עס האָט אָנגעהייבן ווערן זומער.

אַ גאַנצן ווינטער זיצט יעדער ביי זיך אין שטוב און איז פאַרנומען מיט זיין אַרבעט, אַזוי, אַז זעלטן קומט אויס זיך צו באַגעג־נען מיט די אַלטע באַקאַנטע, ובפרט נאָך צווישן די דאָרפּלייט, ווען די פרעסט מיט דעם שניי פאַרגליווערן, פאַרשטיינערן אַלץ: די ביימער, דאָס פעלד, די קליינע הייזלעך מיט זייערע פענסטערלעך, אַז מען זעט אַפילו נישט די שיין פאַר זיך. און אין דער טרויעריקער ווינ־טער־צייט, האָבן זיך סאָלאָמאָן מיט רחלען נאָר זעלטן געקענט זען, כאָטש סאָלאָמאָן האָט גרויס חשק געהאַט מיט איר צו רעדן יעדן טאָג. נאָר, ערשטנס, איז ער געווען שטאַרק פאַרנומען מיט דער ווירטשאַפט, וועלכע איז געווען זייער אָפּגעלאָזט. ער האָט, אמת, געהאַט לעבן זיך אַ גוטן העלפער, אברהם גאָלדשמיד, נאָר עס איז געווען אַזויפיל אַרבעט, אַז ווען זיי זאָלן האָבן צען הענט, וואָלטן זיי אויך געהאַט גענוג צו אַרבעטן. צווייטנס, האָט ער זיך געשעמט צו גיין צו רחלען. וויפל מאָל ער האָט זיך געשטאַרקט דאָס האַרץ און ביי זיך באַשלאָסן צו איר צו גיין, האָט ער פאָרט נישט געוואַגט... דאָס האָט אים שטאַרק געפּלאָגט און ער איז שטענדיק געווען פאַרט־אַכט, פאַרטראָגן און פלעגט אָפט טרויעריק ווערן.

גאָלדשמיד האָט באַמערקט סאלאמאנס בענקשאַפט נאָך רחלען, און האָט אים געפרעגט. סאלאמאן האָט זיך באַשלאָסן זיין גאַנץ האַרץ

אויסצוגיסן פאַר זיין לערער. ער האָט אים דערציילט, ווי ער האָט זיינע קינדעריאָרן פאַרבראַכט מיט רחלען און האָט זיך צעוויינט, ווי אַ קליין קינד.

— וואָס-זשע וויינסטו?

— איך פיל, אַז עס ווערט מיר גרינגער פון די טרערן, וועלכע האָבן מיך געשטיקט די גאַנצע צייט, צייט איך בין אין דאָרף גע־קומען. גאָלדשמיד! איר האָט מיך גליקלעך געמאַכט מיט דעם, וואָס איר האָט מיר געגעבן די געלעגנהייט, איך זאָל פאַר אייך מיין האַרץ אויסרעדן.

סאלאמאן איז אים געפאַלן אויף דעם האַלדז און האָט אים אָנגעהייבן קושן.

— סאלאמאַן, איך פאַרשטיי דיך נישט, דו זאָגסט, אַז דו האָסט רחלען ליב?

— יאָ, מיט מיין גאַנץ האַרץ, מיט מיין גאַנץ לעבן!

— נו, ווער זשע שטערט דיר? דאַכט זיך, דו דאַרפסט זיך איצט האַלטן פאַר גליקלעך, וואָס דו ביזט נישט מער פאַרפירט, פאַרבלענדט געוואָרן פון סיציליען.

— דערמאַנט מיר נישט איר נאָמען.

— און ווידער, דו האָסט ליב רחלען... איך מיין, אַז זי האָט דיך אויך ליב, דאַכט זיך, אַז זי וועט זיך אויך פילן גליקלעך, דער־וויסנדיק זיך, אַז דו האָסט זי ליב.

— איך ווייס נישט, גאָלדשמיד, צי זי האָט מיך איצט ליב, און אפילו זי זאָל יאָ וועלן פאַר מיר חתונה האָבן, ווייס איך נישט, צי זי וועט דאָס האַלטן פאַר איר גליק. איך האָב פיל צעווינדיקט קעגן איר...

— פאַרוואָס-זשע רעדסטו מיט איר נישט? פאַרוואָס גייסטו נישט צו איר? דו וואָלסט געקאָנט באַלד וויסן דעם אמת. אפשר דענקסטו וועגן איר נישט ריכטיק.

— עס קען זיין, נאָר דאָס איז מיין אומגליק. איך וואַג זיך נישט צו באַגעגענען מיט איר. וויפל איך האָב מיך נישט געפרוווט אָנהייבן צו רעדן, קען איך נישט און קען איר אין די אויגן נישט קוקן... עפעס ווערן מיינע ליפן פאַרשלאָסן.

— איך פאַרשטיי דיך נישט, סאלאמאַן, דו זאָגסט, אַז קינדווייז האָט איר זיך ליב געהאַט און דערפון גערעדט גאַנץ אָפן און זיך נישט געשעמט, וואָס-זשע האָסטו דיך איצט צו שעמען?

— דאָס וויל איך דאָך פרעגן ביי אייך, ווייל איך קען אַליין נישט פאַרשטיין... דעמאָלט בין איך געווען מיט איר אַזוי היימיש, אַזוי פּראָסט, אַז ווען איך האָב געוואָלט, בין איך צו איר געגאַנגען, און וואָס איך האָב געוואָלט, האָב איך מיט איר גערעדט. מיר פלעגן זיך באַגעגענען אומעטום: אין פעלד, אויפן גראָז, ביי דעם וואַלד, לעבן די ביימער, ביי דער קרעניצע, וווּ מען שעפּט וואַסער... מיר האָבן זיך גאָרנישט געשעמט און מיר זענען קיינמאָל נישט רויט געוואָרן און איצט... איצט, ווייס איך אַליין נישט פאַרוואָס, אַז וויבאַלד מיר דערזעען זיך נאָר פונדערווייטנס, הייב איך אָן רויט צו ווערן און קען די אויגן נישט אויפהייבן אויף איר... ווי גלייך מיר קענען זיך גאָרנישט און זעען זיך צום ערשטן מאָל.

פון סאַלאמאַנס רעדן מיט גאָלדשמידן וועגן רחלען איז גאָרנישט געוואָרן.

אַזוי האָט זיך אַוועקגעצויגן דער גאַנצער ווינטער, און סאַלאמאַן מיט רחלען האָבן צווישן זיך קיין וואָרט נישט גערעדט.

רחל, זינט סאַלאמאַן מיט די שיינע בלאָנדע האָר איז געקומען פון שטאָט און וווינט אין דאָרף, האָט אָנגעהייבן פאַר אים עפּעס ווי מורא צו האָבן, און קוים פלעגט זי אים דערזען פאַר אַ ווי־אָרסט ווייט, האָט איר אָנגעהייבן קלאַפּן דאָס האַרץ.

רחל האָט נישט געהאַט קיין שום גוטן פריינט, קיין גאָלדשמידן, אַזוי ווי סאַלאמאַן, זי זאָל האָבן פאַר וועמען זיך אויסצורעדן און אויסגיסן איר האַרץ, זי האָט, נעבעך, געמוזט אַלץ אַראָפּשלינגען און אַמאָל זיך אויסרעדן פאַר זיך אַליין, ווען זי פלעגט די קו מעלקן, אָדער ווען זי האָט אירע שאָף פאַרטריבן אין דער קאַמער.

— ווי בין איך אומגליקלעך! ווי אַזוי בין איך זינדיק! איך בין שוין נישט קיין קליין מיידעלע, ווי אַמאָל, אַז איך זאָל נישט פאַרשטיין צו באַטראַכטן וואָס איך טו. סאַלאמאַן איז אַ גוטבאַזיצערס אַ זון, אונדזער פּריצס זון, אַליין איז ער אַזאַ געלערנטער, און איך האָב אים ליב!... וויפל עבירות באַגיי איך דערפאַר. מעג דען אַן ערלעך מיידל אַזוי טראַכטן פון אַ פרעמדן יונגנמאַן? די באָבע פריידע האָט מיר געזאָגט, אַז יידל שדכן רעדט מיר אַ שידוך, אַ שטאָט־יינגל, דעם שול־שמשס אַ זון. זי זאָגט, אַז ער איז זייער אַ ווויל יינגל, אַ יינגל פון לערנען, און וועט אַמאָל זיין אַן ערלעכער ייד, און איך טראַכט גאָר פון אונדזער פּריצס זון, זאָל מיך גאָט דערפאַר

נישט שטראָפן. איך בין אַזוי אויך זינדיק, גאָט האָט מיך שוין גענוג געשטראָפט מיט דעם, וואָס ער האָט ביי מיר אַזוי יונג צוגענומען מיין יונגע מאַמע. דאָס איז אַלץ פאַר מיינע עבירות... האָט דאָס דען מיין פרומע מוטער פאַרדינט, אַז איר איינציקע טאָכטער זאָל זיין אַזוי נישט ערלעך? איך וועל נישט מער זינדיקן!... זאָל מיר גאָט מוחל זיין!

רחל האָט זיך צעוויינט מיט הייסע טרערן, אַז זי האָט געמוזט אָפּלאָזן די אייטער פון דער קו, ווייל זי האָט מער נישט געקענט מעלקן.

די קו האָט דערוויילי באַנוצט די געלעגנהייט, ווען זי האָט דערזען, אַז אין איין צעבער איז שוין נישטאָ קיין קלייען, האָט זי געגעבן אַ קלאַפּ מיט די הערנער אין דעם ליידיקן צעבער, זיך אַנידערגעלייגט און אָנגעהייבן שטאַרק סאָפּען און מיט אירע גרויסע קיענע גוטע, שוואַרצע אויגן האָט זי געקוקט, ווי איר שטענדיקע פריילעכע באַלעבאָסטע „רחל" זיצט אויף דעם קליינעם בענקל מיט דעם שעפל אין דער האַנט פאַרוויינט און פאַרטרויערט. עס האָט אויסגעוויזן, אַז זי העלפט מיט איר באַלעבאָסטע זיפצן און קרעכצן. עס האָט אויסגעוויזן, אַז די קו מיט איר סאָפּען זיפצט און קלאָגט צוזאַמען מיט איר באַלעבאָסטע.

רחל איז געווען אַזוי מיד און צעבראָכן, אַז זי האָט דעם אָוונט אפילו נישט צעגאָסן די מילך פון דעם מעלקשעפל אין די לאַדישטשעס. זי האָט נאָר דאָס מעלקשעפל גוט איינגעדעקט מיט אַ ברעטל און איז ווי אַ געהרגעטע אַנידערגעפאַלן אויף איר געלעגער און אַנטשלאָפן געוואָרן.

זעלטן, זייער זעלטן האָט זיך רחלען געחלומט, ווייל די מענטשן, וואָס זענען אַ גאַנצן טאָג פאַרנומען מיט אַרבעט, חלומט זיך כמעט קיינמאָל נישט. מערסטנטיילס חלומט עס זיך נאָר די, וואָס גייען אַרום ליידיק און טוען גאָרנישט. ווייל דער מענטש, וואָס גייט אַרום ליידיק, טראַכט פון פוסטע זאַכן, וואָס ער וואָלט געטאָן, ווען ער זאָל זיין רייך, ווי אַזוי ער וואָלט זיך אויפגעפירט. ביינאַכט חלומט זיך אים דאָס אַלץ, אַז ער איז אַ גביר, און אינדערפרי דערזעט ער מיט גרויס האַרצווייטיק, אַז פון אַלע זיינע חלומות האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך.

דער, וואָס אַרבעט, האָט קיין צייט נישט צו טראַכטן; ער לעבט נאָר מיט דעם, וואָס איז באמת, מיט דעם, וואָס ער זעט פאַר די

אויגן. ער האָט פּיינט צו בויען שלעסער אינדערלופטן, און אַז מען טראַכט נישט פון אַזוינע זאַכן בייטאָג, פאַרשפּאָרט זיך צו חלומען ביינאַכט. זיי ווערן פון זייער אַרבעט באַלד געשמאַק אַנטשלאָפן, אַז זיי ווייסן נישט, ווי די נאַכט פליט אַריבער.

רחלען האָט זיך אויך קיינמאָל נישט געחלומט, נאָר דעם אָוונט האָט זי די גאַנצע נאַכט געזען, ווי יידל שדכן איז געקומען און מען האָט מיט איר אַ שידוך געטאָן מיט דעם שמשס זון, זייער אַ שיינער יונגערמאַן, מיט געקרייזלטע שוואַרצע האָר און זי האָט אים אַזוי ליב. זי האָט חתונה מיט אים און ער העלפט איר אַרבעטן אויף איר ערד. ביינאַכט זיפצט ער און לערנט מיט אַזאַ שיין קול, אַז עס צעגייט זיך אין יעדן אבר. אָט איז געוואָרן טאָג, די זון שיינט, זי אַרבעט מיט איר מאַן אין גאָרטן. דערווייל האָט איר מאַן געזען פאַרבייגיין דעם יונגן גוטבאַזיצערס זון, פאַן סאלאמאן. ער האָט פאַר אים דאָס היטל אַראָפּגענומען. רחל האָט אים אויך פריער אָפּגעגעבן דעם „גוט מאָרגן", ווי אַ פריץ קומט. דער יונגער פריץ האָט זיי געענטפערט אויף זייער גרוס און געווינטשט, ווי דער שטייגער איז ביי ערדאַרבעטער, „מיט גאָטס הילף צו דער אַרבעט". ער האָט זי אויסגעפרעגט, ווי עס גייט אין דער אַרבעט. זיי האָבן אים דערציילט. זייערע ווערטער זענען דעם פריץ געפעלן און ער האָט זיי געגעבן נאָך אַ „דיסיאטינע" ערד אויף אויסצוצאָלן. רחל מיט איר מאַן זענען געוועזן אַזוי גליקלעך דערפון און האָבן פאַני אסתרקעס זון זייער הארצלעך געדאַנקט.

ווען רחל האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט זי זיך געפילט אַזוי גוט, אַזוי צופרידן, אַז זי האָט געזאָגט צו זיך:

— כאָטש איך ווייס, אַז עס איז אַ חלום, נאָר עס איז פאָרט נישט קיין חלום, אַזוי וועט טאַקע זיין.

פון דער צייט אָן האָט רחל אָנגעהייבן טראַכטן: יידל שדכן וועט איר אויספירן אַ שידוך, זי וועט חתונה האָבן, וועט זי האָבן ווער עס זאָל איר מיטהעלפן אין דער אַרבעט. זי וועט האָבן קינדערלעך, די קינדערלעך וועלן אויסוואַקסן און וועלן איר אויך מיטהעלפן, און אַז זי וועט דעמאָלט דאַרפן מער ערד, וועט איר דער יונגער גוטבאַזיצער געבן אויף אויסצוצאָלן, ווייל ער איז אַ גוטער. און איר מיט די קינדערלעך וועט אויך זיין אַזוי גוט!

פון דער צייט אָן, ווען רחל האָט זיך באַגעגנט מיט סאלאמאנען,

האָט זי דרך־ארץ געהאַט פאַר אים, ווי אַן ארענדאַרס אַ קינד דאַרף זיך פירן קעגן אַ פריץ.

אַזוי האָט זיך רחל אויפגעפיר'ט און אַזוי האָט זי זיך פאָרגע־שטעלט דעם גאַנצן ווינטער איר לעבן, ווען זי וועט חתונה האָבן מיט דעם יונגנמאַן, וואָס יידל שדכן רעדט איר אַ שידוך.

דער זומער איז געקומען, אַלץ האָט אויפגעלעבט, און פאַר רחלען מיט סאָלאָמאָנען האָט זיך אויך געעפנט אַ נייע וועלט.

די נאַקעטע פעלדער האָבן זיך אָנגעהייבן באַדעקן מיט פריש גראָז, און רחל האָט ווי אין די פריערדיקע צייטן אָנגעהויבן אַלע פאַרנאַכט אונטער דעם שאָטן פון דעם וועלדל צו טרייבן אירע עט־לעכע שאָף מיט דער קו זיך פאַשען אויף דעם פרישן גראָז.

די זאַנגען פון דעם יידישן מוזשיקס פעלדער האָבן אויך אָנ־געהייבן ביסלעכווייז זיך אָנצעפילן, און דעם יידישן מוזשיקס איי־ניקל סאָלאָמאָן, אַלס באַלעבאָס צוזאַמען מיט זיין פאַרוואַלטער גאָלד־שמיד, האָבן אויך אָנגעהייבן אָפטער צו פאַרברענגען אין פעלד.

איינמאָל האָט זיך סאָלאָמאָן פאַרשפּעטיקט אויפן פעלד. זיין פאַרוואַלטער איז שוין לאַנג אַהיים געפאָרן, און ער, סאָלאָמאָן האָט זיך שוין אויך געלאָזט אַהיים אויף זיין קאָרע פערד, האָט ער פּלוצ־לונג באַמערקט, ווי רחל פאַרנעמט איר קליינע טשערעדע לעבן וואַלד, זי צו טרייבן אַהיים. ער האָט אין דעם אויגנבליק פאַרגעסן, אַז ער איז עלטער געוואָרן. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער איז נאָך דער אייגענער סאָלאָמאָן, ווי אַמאָל: אָט האָט ער דערזען רחלען ביים וואַלד און איז צוגעלאָפן צו איר, ווי אַ קליין קינד און זיי האָבן גערעדט, געלאַכט, דערציילט, עס איז געווען פריילעך. סאָלאָמאָן האָט אַ קוק געטאָן אַרום זיך און האָט געזען דעם אייגענעם פאַרוואַקסע־נעם גרינעם וואַלד, דעם אייגענעם בלויען הימל, און ווי די זון פאַרגייט איצט אונטער דעם וועלדל מיט דיזעלביקע גאָלדענע פּאַסן אַקוראַט ווי אַמאָל.

— אוי, ווי גוט עס איז, וואָס אַלץ איז אַזוי ווי אַמאָל! —האָט ער זיך געטראַכט רייטנדיק אויף דעם פערד און איז אַלעמאָל נענטער און נענטער צו רחלען צוגעקומען. —ווי גליקלעך בין איך, וואָס איך פיל זיך איצט ווי אַמאָל. אַפילו די פייגל פון דעם וואַלד זינגען מיט די אייגענע טרעלן, ווי אַמאָל...

נאָר ווי פאַרוואונדערט איז סאָלאָמאָן געוואָרן, ווען ער איז צו־

געקומען בענטער צו רחלען און האָט אין איר געפונען אַ גרויסע פאַרענדערונג. ער האָט שוין פאַר זיך נישט מער געזען דאָס קליינע מיידעלע רחל, נאָר אַ שיין, יונג, דערוואַקסן פריילין מיט ברייטע, שלאַנקע אַקסלען, לעבעדיקע שוואַרצע אויגן און מיט לאַנגע צעפּ.

רחל, אָנגעטאָן אין איר פּראָסט קליידל מיט אַ קווייטנדיק אויס־געהעפט ווייס־לייוונטן העמד, מיט אַ רויטער סטענגע פאַרפלאָכטן די האָר, האָט אויסגעזען ביי סאָלאָמאָנען אין די אויגן אַזוי שיין, אַזוי ליב, אַז ער האָט פון איר קיין אויג נישט געקענט אַראָפּלאָזן. אַחוץ רחלען האָט ער פאַר זיך גאָרנישט געזען.

נאָך דעם היינטיקן זעלטן שיינעם טאָג האָט זיך די זון באַזונ־דערס שיין אַראָפּגעלאָזט, און סאָלאָמאָן, וואָס האָט שטענדיק ליב גע־האַט צוצוזען, ווי די זון גייט אויף און פאַרגייט, האָט איצט גאָרנישט באַמערקט. ער איז געווען אַזוי פאַרטיפט און באַצויבערט פון רחלען, וועלכע איז מיטאַמאָל אַזוי שיין און צייטיק אויסגעוואַקסן, אַז די לייצן פון זיין פערד האָבן זיך אַרויסגעלאָזט פון זיינע הענט, און דאָס פערד, דעפּיקנדיק זיך פריי, האָט אָנגעהייבן לויפן אַהיים צו זיין שטאַל, נאָר ער האָט אָנגעכאַפּט צוריק די לייצן און פאַרקערעוועט אין דער זייט, וווּ ער האָט רחלען געזען.

ער האָט נישט געדענקט, וויאַזוי ער איז דערנאָך אַראָפּ פון פערד און איז צוגעלאָפן צו רחלען. ביידע האָבן קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסרעדן.

עטלעכע מינוט זענען זיי אַזוי געשטאַנען שטיל אָן ווערטער, ווי גלייך זיי זענען צוזאַמענגעוואַקסן אינאיינעם. נאָר פּלוצלונג האָט רחל אָפּגעטרעטן פון אים אויף עטלעכע שריט. סאָלאָמאָן האָט זיך נישט גערירט פון זיין אָרט; ער האָט זיך געפילט ווי צוגעקאָוועט צו דעם אָרט, גלייך ווי די ביימער אין וואַלד צו זייערע שטאַרקע וואָרצלען.

סאָלאָמאָן האָט אָנגעהייבן רעדן, נאָר רחל האָט אים איבער־געשלאָגן:

— סאָלאָמאָן, — האָט זי זיך ענדלעך אָנגערופן, אָבער אַזוי שטיל, אַז נאָר אַ דאַנק דער שטילקייט פון דעם רויקן זומעראָוונט האָט ער זי געקענט דערהערן, — סאָלאָמאָן! — האָט זי ווידער זיך אָנגערופן — מעג איך דאָס טאָן? איך בין שוין נישט קיין קליין מיי־

דעלע, ווי אַמאָל, ווען מיר זענען ביידע קליינע קינדער געווען און האָבן קיין שום חכמות נישט געוווּסט, און אויך נישט געוווּסט קיין חילוק פון גרויס ביז קליין, פון רייך ביז אָרעם. מיר האָבן זיך דע־מאָלט ביידע געפילט גלייך, אָבער איצט, סאָלאָמאָן, איצט ווייס איך, אַז איך בין אַן עלנטע יתומה, דעם אָרעמען אומגליקלעכן לעמלס טאָכטער, און ווען נישט דיין באַבעס גוטסקייט צו אונדז, וואָלטן מיר אַפילו נישט געהאַט פון וואָס צו לעבן! איך בין נישט געלערנט, סאָ־לאָמאָן, און דו ביזט רייך און אַ סך געלערנט! דו האָסט אין מיר אַ גרויסע עבירה, ווען דו רעדסט מיט מיר אַנדערש, ווי אַ פּריץ דאַרף רעדן מיט זיין קרעטשמערס מיידל. איך מיין, אַז ווייל מיר זענען פון קינדווייז אָן אויף איין ערד אויפגעוואַקסן, ביזטו מיר גע־וויס אַ גוטער פריינט, דעריבער בעט איך דיך, אַז אַזעלכע רייד זאָלן צווישן אונדז מער נישט פאָרקומען און דו זאָלסט מיך מער נישט קרענקען מיט אַזאַ אויפפירונג.

— רחל! דו ביזט גערעכט, מיר זענען שוין נישט קיין קינדער און מיר דאַרפן שוין טאַקע מער נישט זיין קיין קינדער. לאָמיר רעדן ווי גרויסע, ווי דערוואַקסענע און אָוועקוואַרפן די קינדערשע שיכ־לעך: דיר, רחל, איז גוט באַקאַנט מיין איצטיקע לאַגע און דער צושטאַנד פון מיינע עלטערנס באַלעבאַטישקייט. איך וועל מיט דיר דערפון קיין סך נישט רעדן. דיר איז אפשר נאָכמער באַקאַנט, ווי מיר, ווי מען האָט געמאַכט פון אַלץ אַ תל, און ס'האָט זיך ביי אונדז געפירט אַ צייט אָן אַ באַלעבאָס. ווייל איך דיר זאָגן, אַז איצט, ווען אונדזער באַלעבאַטישקייט זאָל זיך פירן ווי עס דאַרף צו זיין, מוז זיין אַ באַלעבאָס און נאָכמער אַ באַלעבאָסטע.

ביי די ווערטער זענען זיי ביידע רויט געוואָרן און רחל איז פון אים נאָך ווייטער אָפּגעטרעטן.

— רחל, — האָט ער ווייטער אָנגעהייבן רעדן, — מיר האָבן נישט פאַרוואָס רויט צו ווערן, און דו דאַרפסט זיך פאַר מיר נישט דער־ווייטערן. אמת, איך האָב פיל קעגן דיר געזינדיקט, נאָר איך בין אין דעם נישט אַזויפיל שולדיק... די שטאָט! די שטאָט!.. איך וואָלט אַ סך אָוועקגעגעבן, איך זאָל גאָרנישט געווען קענען די וויסטע שטאָט. נאָר עס איז שוין פאַרפאַלן!.. איצט אָבער וויל איך לעבן מיט דיר, ווי מיין זיידע שלום האָט מיט דער באָבע פריידען געלעבט!

רחל איז אים ווידער אַריינגעפאַלן אין די רייד:

— איז דען מעגלעך, סאָלאָמאָן, אַז מיר זאָלן אַזוי לעבן, ווי דער זיידע מיט דער באָבען האָבן געלעבט? די ביזט דאָך אַ געלערנ־טער, ווי קומט עס, דו זאָלסט אַזוינס זאָגן?

— איך פאַרשטיי נישט, רחל, וואָס דו ווילסט זאָגן, דו מאַכסט מיך טרויעריק מיט אַזוינע ווערטער, ווייל איצט איז דער איינציקער צוועק פון מיין לעבן נאָר זיך איינגאַנצן איבערגעבן דער ערדאַרבעט, ווי מיין זיידע, און דו, רחל, וואָס איך וויל, אַז דו זאָלסט מיט מיר דאָס לעבן טיילן, זאָגסט, אַז עס איז נישט מעגלעך...

— לאָז מיך אויסרעדן, סאָלאָמאָן, דו ווייסט, אַז איך בין נישט קיין געלערנטע... איך האָב אין מיין לעבן גאָרנישט געלערנט און ווייס גאָרנישט, חוץ דאָס, וואָס די באָבעניו פריידע האָט מיר נאָך קינד־ווייז דערציילט, „אַז די גאַנצע וועלט, הימל און ערד, מיט אַלע וועלדער און פעלדער, טייכן און ימים, טאָל און בערג, חיות און עופות און אַלע באַשעפענישן, — פון דעם מענטשן ביז צום קלענסטן ווערעמל, זענען פריער גאָרנישט געווען!..” נאָר איין גאָט איז גע־ווען. ערשט גאָר, גאָר לאַנג שפּעטער, האָט ער אַלץ, וואָס מיר זעען פאַר זיך איצט, באַשאַפן: דעם שיינעם הימל מיט די שטערן, די גאָלדענע זון מיט דער זילבערנער לבנה. און אַז ער האָט אַלץ באַשאַפן, האָט ער פאַר יעדער באַשעפעניש געשאַפן שפּייז, נאָר מיט דעם באַדינג, אַז יעדער דאַרף אַרבעטן נאָך זיין פאַרשטאַנד און זיין כּוח — דער מענטש, ווי אַ מענטש, דאָס פערד, ווי אַ פערד, און פאַר יעדער זאַך, וואָס מיר געניסן, דאַרפן מיר אים ליבן און דאַנ־קען, וואָרים אַלץ איז זיינס... נאָר צו וואָס דערצייל איך דיר דאָ אַזוינע מעשיות פון דער באָבען, דו ווייסט עס דען אַליין נישט? דו האָסט אפשר אין שטאָט די גאַנצע תּורה אויסגעלערנט, און די באָבע האָט געזאָגט, אַז אין דער תּורה שטייט אַלץ, אַפילו וויאַזוי די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, היינט, וואָס האָב איך דיר צו דערציילן...

— דערצייל ווייטער, דערצייל, רחל, איך וויל דיך הערן...

— קוקסטו אָן דעם שיינעם וואַלד מיט זיינע שיינע ביימער און בלומען, וואָס וואַקסן אויף דער ערד און שמעקן אַזוי גוט!.. די פייגעלעך, וואָס זינגען אַזוי שיין און מיר האָבן אַזויפיל פאַרגעניגן... אויך צוליב אונדזער פאַרגעניגן רייסן מיר אָפּ די לעבעדיקע רויזן און צווייגן, מיר כאַפּן די פרייע פייגעלעך, ווי גלייך אַלץ געהער צו אונדז! ניין, סאָלאָמאָן, דאָס אַלץ געהער צו גאָט, מעגן מיר

אזוי טאָן? נאָר מיר זענען דאָך אָבער זינדיקע מענטשן, דערפאַר דאַרפן מיר שטענדיק לויבן און בעטן גאָט, ער זאָל אונדז מוחל זיין אונדזערע זינד.

רחל איז פּלוצלונג אַנטשוויגן געוואָרן. סאָלאָמאָן האָט זי גע-בעטן ווייטער דערציילן.

— צו וואָס? דו וועסט נאָר לאַכן פון מיר, אַ פּראָסט מיידל... דו ביזט דאָך אַזאַ געבילדעטער!

— איך ווייס נישט, פאַרוואָס זאָל איך לאַכן פון דיר. איך בעט דיך, דערצייל.

— די באָבע האָט מיך אויסגעלערנט זייער שיינע און טייערע ווערטער, ווי אַזוי מען לויבט און מען בענטשט גאָט, בשעת מען שטייט אויף אינדערפרי, ווען מען עסט אָפּ און ווען מען לייגט זיך שלאָפן. ווייטער האָב איך גאָרנישט געלערנט און פאַרשטיי נישט. איך האָב אויך אויגן און זע און וואָלט אויך געוואָלט אַ סך וויסן, אַזיווי דו! איך זיץ נישט איינמאָל אַזוי פאַרטראַכט און קוק אויף דעם הימל, ווי די לבנה גייט, ווי די שטערן פליען און בייטן זיך, און מיר גלוסט זיך אויך צו וויסן, אַזוי געלערנטע מענטשן ווייסן, פאַרוואָס און ווי אַזוי גייט די לבנה, ווי אַזוי עס ווערט טאָג, וואָס עס טוט זיך אין דער ווייטער, ווייטער וועלט, ווו דער הימל מיט דער ערד קומען זיך צוזאַמען... עס גלוסט זיך מיר אַזוי דאָס צו וויסן, סאָלאָ-מאָן, אַז ווען איך זאָל האָבן פליגלען וואָלט איך געפלויגן אַזוי ווייט אין דער וועלט און געוווסט אַלץ, ווי די געלערנטע ווייסן, ווי דו, סאָלאָמאָן, ווייסט! איצט פאַרשטייסטו שוין, סאָלאָמאָן, פאַרוואָס איך מיט דיר קענען נישט צוזאַמען לעבן, ווי דיין באָבע מיט דיין זיידן האָבן געלעבט. זיי זענען געווען גלייכע מענטשן, ביידע גלייך גע-לערנט. מיר ביידע אָבער זענען איינער פון דעם אַנדערן אַזוי ווייט!..

— רחל! דו זאָרגסט, וואָס דו ביזט נישט געלערנט! איך שווער דיר ביי מיין לעבן, אַז איך וואָלט גערעכנט זיך פאַר גליקלעך, איך איך זאָל נישט מער וויסן, ווי דו ווייסט, אַז קיין שום זאַך אין דער גאַנצער וועלט געהער נישט דעם מענטשן, נאָר גאָט, און אים דאַרף מען תמיד לויבן און דאַנקען. איידער איך האָב געלערנט אין שטאָט, האָב איך אויך מער נישט געוווסט, נאָר פון זינט איך האָב געוווינט אין שטאָט, האָב איך זיך דערוווּסט אַ סך זאַכן...

— אין שטאָט זענען אַלע געלערנטע, אַלץ ווייסן זיי!..

סאָלאָמאָן האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק און האָט ווייטער גערעדט:

— איך האָב זיך דערוווּסט, אַז צווישן מענטשן איז דאָ קנאה און שנאה. אַז אַ מענטש איז הונגעריק, גיט מען אים נישט קיין שטיקל ברויט ער זאָל ווערן זאַט, און טאָמער האָט ער דערטאַפּט דאָס שטיקל ברויט, און האָלט עס שוין צווישן די ציין, טוט מען אַלץ וואָס מעגלעך איז און מען רייסט עס אים אַרויס פון די ציין. גאָט האָט געהייסן „אַרבעטן אויפן ברויט", נאָר אַ סך מענטשן אַרבעטן און עסן זיך קיינמאָל נישט זאַט אָן מיט דעם שטיקל ברויט... מער מענטשן טוען אָבער גאָרנישט און געניסן פון דער וועלט אַלץ, אַ סך, אַ סך! און די איבעריקע האָבן אַפילו קיין ביסן ברויט נישט...

רחל איז בלאַס געוואָרן און שטאַרק דערשראָקן. זי האָט קוים שטיל געריררט מיט די ליפּן:

— אוי, אַזוינע מענטשן זענען דאָ אויף דער וועלט! און דו האָסט אַזוינע געזען? געלעבט מיט זיי, צווישן זיי?

— יאָ, רחל, איך אַליין בין אויך שוין געווען, ווי זיי.

רחל האָט אַ ציטער געטאָן מיט אַלע אירע אברים און נישט ווילנדיק האָט זי זיך פון אים אַוועקגערוקט.

סאָלאָמאָן האָט דאָס נישט באַמערקט און ווייטער גערעדט:

— איך האָב געלערנט און זיך דערוווּסט, וויאַזוי די שטערן גייען, ווי די ערד דרייט זיך, וויאַזוי יעדע זאַך לעבט אויף דער וועלט... דערנאָך האָב איך אָנגעהייבן זוכן גאָט, וואָס איז ער אייגנטלעך אַזוינס...

— אוי, סאָלאָמאָן, איך האָב מורא...

ער האָט ערשט איצט באַמערקט, ווי רחל טרעט אָפּ אַלעמאָל ווייטער און ווייטער פון אים.

— רחל, דו אַנטלויפסט פון אַ געלערנטן?.. נאָר איצט בעט איך דיך, רחל, אַנטלויף נישט פון מיר. איך וויל נישט זיין העכער פון דיר, איך וויל נישט וויסן מער ווי דו און וועל זיך באַמיען אַלץ צו פאַרגעסן, וואָס איך ווייס... איך וועל לערנען ביי דיר צו וויסן, וואָס דו ווייסט... דו ביזט ביי מיר הייליק, ווי די תּורה, וועלכע די באַ-בע לויבט דיר אַזוי שטענדיק. יאָ, רחל, דו ביזט מיין תּורה. איך וויל לעבן, ווי דו לעבסט. מיר וועלן לעבן, ווי דער זיידע מיט דער

באַבען האָבן געלעבט. דו געדענקסט, וואָס די באָבע האָט מיר איבער־געגעבן די לעצטע ווערטער פון דעם זיידן, ווען ער איז געשטאָרבן?

רחל האָט אָנגענומען סאָלאָמאָנען ביי דער האַנט. זי האָט געוואָלט רעדן, נאָר זי האָט נישט געקענט. די טרערן האָבן איר געשטיקט. זי האָט קוים אויסגערעדט די ווערטער:

— סאָלאָמאָן!.. גיב אַכטונג אויף מיינע שאָף. איך וועל באַלד קומען!..

רחל איז אַריינגעגאַנגען אין וואַלד און ביי דעם ערשטן געדיכטן בוים האָט זי זיך אָנגעשפּאַרט מיט דעם קאָפּ אויף די הענט און האָט זייער לאַנג געוויינט:

— מאַמע! מיין ליבע מאַמע! ווו ביזטו, אַז דו זאָלסט מיר געבן דיין ברכה צו מיין פאַרבינדונג מיט סאָלאָמאָנען? ווער קען מיר איצטער פאַרטרעטן דיין אָרט?.. איך האָב נאָר איין אומגליקלעכן פאָטער, ער קען מיר קיין גוט וואָרט נישט זאָגן... נאָר דו, גאָט אין הימל, ביזט מיין איינציקער פאָטער! פאַרגיב מיר אַלע מיינע זינד און זיי מוחל סאָלאָמאָנען פאַר זיינע גרויסע זינד!.. מיר וועלן דיך ליב האָבן, מיר וועלן דיך לויבן. שענק אונדז נאָר אַ גליקלעך לעבן!

רחל האָט אויפגעהערט צו וויינען. זי האָט זיך אויסגעווישט די אויגן. אין דער שטילקייט פון דעם פאַרנאַכט, אין דעם שווייגנדיקן וואַלד האָט זי געזען און געהערט, ווי איר מוטער נחמה שטייט אויף די קני, פאַר דעם רבונו של עולם און בעט פאַר איר איינציק עלנט קינד און גאָט פאַרשפּרייט זיינע הייליקע הענט און בענטשט זי מיט אַלע זיינע טייערע ברכות...

רחל איז מיטאַמאָל פריילעך און גליקלעך צוריקגעקומען צו סאָלאָמאָנען.

— נו, סאָלאָמאָן, עס איז שוין צייט צו טרייבן מיינע שאָף אַהיים. איבער אונדז האָבן זיי פאַרשפּעטיקט. דו האָסט געוויינט, סאָלאָמאָן?

— יאָ, רחל, איך האָב אויך אויף וואָס צו וויינען. איך האָב יאָ אַ מוטער... נאָר, רחל, גענוג וויינען, — אַז מיר וועלן פאַרטרייבן די שאָף, וועלן מיר גיין צו אונדזער ביידנס מוטער,—צו דער באָבע פריידע, זי וועט אונדז בענטשן. זי וועט אירע קינדער געבן אירע

ברכות. איצטער זענען הימל און ערד געווען אונדזערע צוויי עדות, די באָבע וועט זיין דער דריטער עדות!..

אַז רחל איז פאַרטיק געוואָרן מיט איר אַרבעט, האָט זי אָנגעטאָן דאָס שענסטע קלייד, וואָס זי האָט פאַרמאָגט, און סאָלאָמאָן איז מיט איר געגאַנגען צו זיין מוטער אסתר און צו דער באָבע פריידע בעטן, מען זאָל זיי ווינטשן גליק.

זיי האָבן גערעכנט, אַז ביים וואַלד זענען געווען נאָר צוויי עדות, נאָר עס איז געווען אַ דריטער עדות — ער איז באַלד געלאָפן אַלץ מודיע זיין פאַני אסתרקען, און איידער סאָלאָמאָן מיט רחלען זענען געקומען צו איר, האָט אסתרקע שוין געוווּסט פון אַלץ, וואָס צווישן דעם יונג פאָרפאָלק איז פאַרגעקומען.

וואָס טוט גאָט?

— ער זיצט אויבן און מאכט לייטערלעך;
דעם לאזט ער אראפ און דעם שלעפט ער ארויף.

— אין דער שטאָט נעזווינק, אויפן מאַרקפּלאַץ, ווו עס געפינען זיך די גבירישע הייזער, איז איצט אַ גרויס גערודער. מען לויפט, מען גייט, מען רעדט, מען סודעט זיך אויפן אויער, מען סמאָטשקעט מיט די ליפן און מען וווּנדערט זיך! איינער לויפט נאָך דעם אַנדערן, אַ טייל ווייסן פאַרוואָס זיי לויפן, און אַ טייל ווייסן נישט און לויפן אויך. מען זעט אויף אייניקע ערטער קליינע און גרויסע רעדלעך שטיין. די, וואָס ווייסן נאָך נישט, קריכן פון דער הויט אַרויס און זענען נייגעריק צו הערן וואָס דאָ איז אַזוינס?

— אָ-וואַ, אָ-וואַ! — האָבן געסמאָטשקעט מיט די ליפן די, וואָס האָבן געוווּסט נאָך וואָס זיי זענען געלאָפן. — האָט איר געהערט וואָס

עס קען זיך פארלויפן אויף דער וועלט! ווער האט זיך געקענט ריכטן?..

— וואס איז? וואס איז? וואס לויפט מען עס? — האט מען געהערט פון מענטשן, וואס זענען אויך געלאפן און האבן אבער נישט געוווסט פארוואס זיי לויפן.

— איך ווייס אויך נישט, — האט געענטפערט איינער, — מען לויפט, לאמיר אויך נאכלויפן, מסתמא וועלן מיר שוין געוואר ווערן.

— וווּנדערלעך איז, — האט זיך אנגערופן אן עלטערער מענטש,— וואס האט מען צו לויפן, אז מען ווייסט נישט, ווו מען לויפט? מיר לאכן פון אזא מענטשן. נאר מיר באמערקן קיינמאל נישט, ווי מיר אליין אין אונדזער לעבן לויפן, גייען, טוען, רעדן, לאכן, קערן אי-בער וועלטן, און ווייסן נישט צוליב וואס! יענער לויפט—מוז מען אים נאכלויפן, יענער טאנצט — מוז מען נאכטאנצן. פרווּט, שטעלט אפ אזא מענטשן און פרעגט אים, וואס לויפסטו, וואס טאנצסטו נאך, אז דו ווייסט נישט וואס? איז דען נישט גלייכער, דו זאלסט זיך אפ-געבן מיט דעם, וואס דו ווייסט און וואס דו קענסט? וואס דארפסטו דיך שטופן אהין, ווו דו דארפסט נישט? וועט ער אייך געבן א שליידער, אז איר וועט זיך דריי מאל איבערקערן און וועט אייך ענטפערן: „וואס שלאגסטו מיר איבער מיין וועג? איך לויף נאך, למאי יענער לויפט! איך טאנץ נאך, למאי יענער טאנצט!.. וואס איז? יענער מעג, און איך נישט? אפשר בין איך נישט אזא מענטש, ווי ער? און ער לויפט טאקע ווייטער נאך יענעם. וויפל געזונט, וויפל כוחות יעדער פארלירט פאר דעם נאכלויפן און נאכטאנצן, קען יעדער וויסן פון זיך אליין...

— זע נאר, ווי מען לויפט! — האט מען איצט פון פיל מענטשן נישט אויפגעהערט צו הערן אויף דעם געזווינקער מארקפלאץ—גיכער, גיכער, לאמיר נאכלויפן!

אט זענען זיי געקומען צו א גרויס הויז מיט א גרויסן גאניק פון פארנט. דא האבן זיי זיך אפגעשטעלט, ווייל ווייטער איז נישט מעגלעך זיך דורכצושטופן, אזא ענגשאפט איז דא! די טירן, די פענסטער, דאס גאנצע הויז איז באלאגערט מיט מענטשן, אז קיין שפילקע איז נישט דורכצווארפן. עס שטייט ביי די טירן פאליציי און מען לאזט נישט יעדן אריין, נאר געציילטע מענטשן. דורך די

פענסטער זעט מען, אז אין שטוב דרייען זיך מענטשן מיט קנעפלעך.

דער עולם רעדט צווישן זיך:

— אָ-וואַ, אָ-וואַ, אַזאַ מעשה זאָל זיך טרעפן, ווער האָט זיך געקענט ריכטן, אַז מיט אים זאָל זיך אַזוי אויסלאָזן?

— יאָ, ווער האָט זיך געקענט ריכטן?

— דאַכט זיך, אַז קיינער האָט נישט געקענט זאָגן אויף אים, אַז ער איז אַן אָרעמאַן.

— ווער האָט נישט געוווּסט, אַז ר׳ יואל רידערסקי איז אַן אדיר, אַ גביר!

— זעסטו פּאָרט, וואָס עס האָט זיך פון אים אויסגעלאָזט!

— און מען האָט אים נאָך נישט באַהאַלטן?

— זעסט דאָך, וואָס עס טוט זיך, וואָס-זשע פרעגסטו?

— ער האָט עס פונדעסטוועגן נישט פאַרדינט... ער איז פּאָרט געווען אַן ערלעכער ייד און דער שענסטער באַלעבאָס אין שטאָט.

— און אַ סך אלמנות און יתומים זענען איצט געבליבן אומגליקלעך...

— טאַקע נאָר אַזוינע קבצנים, ווי איך מיט דיר, איז ער נישט שולדיק קיין געלט. זעסט, וואָס דאָ טוט זיך פאַר אַ ליאַרעם, אַ געשריי, אַ געפּילדער...

— וואָס-זשע, מען וויל אים איינזאַלצן? פאַרוואָס באַהאַלט מען אים נישט?

— וואַרט נאָר, וואָס האָסטו קיין צייט נישט? מיר זענען דאָך נאָר וואָס געקומען... מיר וועלן נאָך אַ ביסל שטיין, וועלן מיר שוין געוואָר ווערן...

— און דעם איידעם, זאָגט מען, זעט מען גאָרנישט... מען שמועסט, אַז ער איז היינט ביינאַכט אַוועק... אפשר איז דאָס געווען אַן אָפּגערעדטע זאַך, ווער קען עס וויסן!..

אַזעלכע רייד פון הונדערטער מענטשן האָט מען געקענט הערן, נאָר דערפרעגן זיך אַקוראַט, וואָס? ווער? און ווען? איז נישט מעגלעך, ווייל אַלע האָבן גערעדט און פון זייער ליאַרעם האָט מען געקענט הערן נאָר איינציקע ווערטער.

— אויב איר ווילט וויסן, וואָס איז אַזוינס פאָרגעקומען ביי ר׳ יואל רידערסקי אין הויז, — האָט זיך איינער אָנגערופן צום עולם,

מוז מען זיך אומקערן צוריק מיט אַ יאָר, צו דער צייט, ווען עס איז געווען די לעצטע מלחמה צווישן רוסלאַנד מיט טערקיי.

— ווער עס האָט דאַן נאָר געהאַט אַ גראָשן אין קעשענע, — האָט ער דערציילט, — איז געפלויגן ווי אַ רוח קיין רומעניע, בולגאַריע פאַרדינען געלט. פון די גבירים איז גאָר קיין רייד נישט, זיי זענען אַהין געפאָרן מיט גאַנצע זעק שעפּן רוסישע רענדלעך, און אַפילו דער אביון, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן גאָרנישט געהאַפּט צו פאַרדינען, האָט אויך אַוועקגעוואָרפן דעם וואַרעמען אויוון און איז געפאָרן ווערן אַ „פּאָגאָנעץ" ביי וועגן מיט פערד, זיך געמוטשעט ביים „פּאָדריאַדטשיק" אַ יאָר דערפאַר, וואָס ער האָט אים אויסגעליגן אויף אַ פּאָר פערד מיט אַ וואָגן. דאָס רוב האָבן זיך אַהין געלאָזט יונגעלייטלעך און שיינע ששי־יידן, וועלכע האָבן זיך צוביסלעכווייז אונטערגעשוירן די בערד און פיאות און אונטערגעהאַקט די פּאָלעס פון די קאַפּאָטעס, אַוועקגעלייגט די גאַרטלען, זיך אָנגעהייבן קליידן קורץ, ווי די דייטשן. דאָרטן, אויף דער מלחמה, האָבן די שיינע יידן, די זיידענע יונגעלייט געגעסן טריפות, נישט געוווסט פון שבת און יום־טוב, געפירט באַקאַנטשאַפטן מיט „דאַמען" און „פריילנס".

— אַהיים צו זייערע ווייבער אין זייער שטאָט, — האָט אַ צווייטער דערציילט,—פלעגן זיי שרייבן, אַז מען גייט אין גאָלד און זיי וועלן ברענגען טויזנטער אַהיים. זייערע ווייבער פלעגן ווערן ברייטער ווי לענגער פון דעם, אַז אָט־אָט וועט קומען דער מאַן און וועט ברענגען די טויזנטער און זי וועט ווערן אַ גבירטע. אייניקע פלעגן באַקומען גרוסן, אַז זייערע מענער זענען געוואָרן אויס יידן און שפּאַצירן מיט אויסגעפּוצטע מאַלדאַוואַנקעס.

די ווייבער האָבן זיך אָבער געטראַ־ט: „איך וויים דען נישט, וויאַזוי מ־ין מאַן פירט זיך אויפן דונאַי? נאָר אַ גבירטע צו זיין קומט נישט אָן גרינג — מוז מען אַ ב־סלליידן... און ווידער, אַז ער וועט קומען מיט די טויזנטער, וועט ער ווייטער זיין אומעטום דער שיינער ייד און דער זיידענער יונגערמאַן און יעדער וועט אונדז אָפּגעבן כבוד.

אַז דער מאַן האָט צוגעשיקט דעם ווייב הונדערט רובל אויף דער פּאָסט, איז געווען דער קלאַנג אויף דער שטאָט, אַז ער האָט געשיקט צענטויזנט און באַלד וועט ער שיקן צוואַנציקטויז־ט און אַליין וועט ער קומען מיט הונדערטטויזנט... דערווייל איז דאָס ווייב געוואָרן

אומעטום אַ בטוח. פון אַלע קלייטן האָט מען געטראָגן דער נייער גבירטע אַלערליי סחורות, מען האָט זיך געמאַכט טויזנטער שמאַטעס, וואָס האָבן אָנגעצטראָפן אַ סך טויזנטער. די ווייבער, וואָס זייערע מענער זענען געבליבן אינדערהיים, האָבן זיך פאַרנומען בשלום מיט זייער שטענדיקער פרנסה, קוקנדיק אויף די נייע פרישגעבאַקענע גבירטעס, פלעגן נאָר אָבקען און אויקען, קוקנדיק אויף זייערע מענער, פאַרוואָס זיי זענען נישט אויף דעם דונאַי. עס איז געקומען דערצו, אַז ווייבער פון בעלי-מלאכות, האָבן זייערע מענער אַוועקגעטריבן פון זייער שטענדיקער אַרבעט און זיי האָבן אויך געמוזט פאָרן צו דעם דונאַי.

— איך וויל שוין מער נישט זיין קיין שוסטערקע, קיין שניידערקע, גענוג! אַז עס איז יאָ אַזאַ צייט, וויל איך שוין אויך זיין אַ באַלעבאָסטע! — האָבן געשריען אויף זייערע טענער אַלע נעזווינקער שניידערקעס און שוסטערקעס.

דער גביר, ר׳ יואל רידערסקי, וואָס האָט מיט אַלץ געהאַנדלט און זיך געכאַפּט צו יעדן געשעפט, איז אויך געפאָרן קיין בולגאַריע מיט שיינע עטלעכע טויזנט רובל. ער האָט אָנגענומען „פּאַדריאַד“, און דערלייגט געלט אויפן פוד, כאָטש ער האָט גוט געוווּסט, אַז ער דערלייגט נישט זיינס, ווייל דאָס גאַנצע געלט האָט ער אָנגעליען ביי זיך אין שטאָט. פונדעסטוועגן האָט ער זיך באַטראַכט, אַז מען מוז עפּעס אויפטאָן, זיין גבירישער נאָמען זאָל נישט פאַלן. ער האָט געטאָן, וואָס אַלע גבירים האָבן געטאָן אין בולגאַריע, בשעת זיי האָבן געבראָכן רוק און לענד: ער האָט אָנגעהייבן שרייבן און טעלעגראַפירן אַהיים, אַז ער פאַרדינט הונדערטער טויזנטער, און אויף ר׳ יואל רידערסקין האָט מען געקענט גלויבן. ווער דען קען פאַרדינען אַזויפיל געלט, ווען נישט ער? ער איז אויך אַלעמאָל געפאָרן אַהיים, און עס פאַרשטייט זיך, אַז דאָ האָט מען געמוזט קימען צו זיך אַהיים מיט אַ גרויסן קנאַק. פאַר דעם לעצטן געלט האָט מען געבראַכט אַהיים דעם ווייב מיט דער טאָכטער טייערע מתנות: קליידער, טערקישע שאַלן, אַזוינע טייערע אוירינגלעך און פינגערלעך, וואָס מען האָט נאָך אין נעזווינק קיינמאָל נישט געזען, און די גאַנצע שטאָט האָט געקלונגען פון די גליקן, וואָס ער מאַכט אויף דעם „דונאַי“, און ר׳ יואל רידערסקי איז נאָכמער בטוח געוואָרן. מען האָט אים אויפדאָסניי אָנגעהייבן טראָגן געלט און ער האָט גענומען, ווייל ווי

מען האָט גערעדט אין שטאָט, האָט ער ווייטער אָנגענומען „פּאָדריאַדן", פאַר וועלכע מען מוז אַריינטראָגן „זאַלאָגן". דאָסמאָל האָט ר' יואל רידערסקי אויך מיטגענומען זיין איידעם, ער זאָל אים העלפן אין די געשעפטן, און, ווידער, ווייל מיכל טייטלשוואָם איז אַ וועלטלעכער יונגערמאַן. טייטלשאָם האָט זיך אויפן דונאַי אויפגעפירט, ווי עס פּאַסט זיך פאַר אַ גרויסן „פּאָדריאַדטשיקס" אַן איידעם.

אַז די מלחמה האָט זיך געענדיקט און עס זענען שוין שלעכטע געשעפטן אויך נישט געווען און מען האָט געמוזט פאָרן אַהיים, האָט ר' יואל רידערסקי באַשלאָסן, אַז מען מוז קומען אַהיים נישט ווי אַ נאַר: ער האָט אָפּגעשניטן אַלע זיינע ביטערע געשעפטן, פון אַלץ, וואָס נאָר מעגלעך האָט ער געמאַכט מזומן געלט, כדי ער זאָל האָבן אויף ברייטע הוצאות צו פאָרן אַהיים, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ מיליאָנער. אינדערהיים דאַרף אַזאַ גביר קיין געלט נישט. מען טראָגט אים געלט אַקעגן און מען בעט אים נאָך, ער זאָל צונעמען אויף אַ קליי-נעם פּראָצענט אָדער גאָר אָן פּראָצענט. ער האָט ווייטער אָנגעקויפט רייכע מתּנות דעם ווייב און קינדער און איז מיט זיין איידעם אַהיימגעפאָרן.

מיט וואָס פאַר אַ גרויסן כּבוד די שטאָטלייט פון נעזווינק האָבן באַגעגנט דעם גרויסן מיליאָנער, איז איבעריק צו דערציילן. אַזוינס האָט מען דעמאָלט געזען אין אַלע יידישע שטעט, בשעת די „דונאַ-יער גבירים" זענען צוריקגעקומען פון דער מלחמה.

ר' יואל רידערסקי, האָט באַלד איבערגעבויט זיין דירה אויף אַ נייער, געקויפט אַ שענערע קאַרעטע מיט פערד. זיין ווייב, חיה, האָט אויך זיך אַרויפגעשלעפּט אַ סך נייע קליידער מיט אַזויפיל שליאַרקעס פון די טייערסטע סטענגעס, אַז ווען מען זאָל זי געווען אויפ-הענגען פאַר אַ שילד לעבן אַ גאַלאַנטעריי-קלייט, וואָלטן זיך געוויס אַ סך ווייבער געווען אָפּגעשטעלט און געגעבן צו לייזן. זי האָט אָנגעטאָן אַזוינע אוירינגלעך, אַז זיי האָבן איר שיעור אָפּגעריסן די אויערן, נאָר עס איז אַלץ כּדי געווען, ווען די ווייבער פלעגן אויף איר קוקן אין שול.

סיציליע האָט ערשט אויפדאָסניי אָנגעהייבן אַ לעבן און זיך בוקם געווען אין גאָלדשמידן. זי איז געווען זיכער, אַז גאָלדשמיד ווייסט פון איר רייכקייט, און אַז ער קוקט איר נאָך אויף יעדן שריט, ווי אַזוי זי לעבט, און ער ווערט נאָר צעזעצט קוקנדיק.

— אָ, — פלעגט זי בײַ זיך טראַכטן, — ער װאָלט שױן איצט מיר נישט געענטפערט, װי אַמאָל, נאָר עס איז שױן פאַרפאַלן... איך האָב טאַקע אַזױ געװאָלט... ער זעט איצט װער סיצילי איז און װי אַזױ זי לעבט... און ער... װער איז ער? אַ באַדינער בײַ מײַן מומע אסתּר?

סיצילי איז קײנמאָל נישט אײַנגעפאַלן, אַז גאָלדשמיד װאָלט איצט אױך נישט פאַרביטן זײַן גאָלדען פאַר סיציליען. קײן טאָג איז נישט אַװעקגעגאַנגען זי זאָל נישט טראַכטן פון גאָלדשמידן און ז׳כער זײַן, אַז עס טוט אים באַנק, און אַז ער איז אומגליקלעך מיט גאָלדען. װען זי פלעגט טראַכטן, אַז גאָלדשמיד איז אומגליקלעך, פלעגט זי זיך פילן זײער צופרידן.

טײטלשװאָם האָט נאָכמער געהוליעט פון איר. נישט אײנמאָל, װען טײטלשװאָם פלעגט ליגן אױסגעצױגן אין דער קאַרעטע, שפּאַצירנ-דיק נאָך אַ גוטן מיטאָג, פלעגט ער זיך טראַכטן:

— אין דער הײַנטיקער װעלט דאַרף מען גאַרנישט טאָן, מען דאַרף נאָר זײַן קלוג. װי ערשט נישט לאַנג בין איך געװען אַ ייִנגל, אַ נאַר, װי אַלע הײַנטיקע חסידישע ייִנגלעך, װאָס װערן משכּילים. איך בין אױך נישט געװען צופרידן מיט מײַנע עלטערן, מיט זײער חסידישער אױפפירונג. איך בין אױך געװאָרן אַ משכּיל און האָב אָנ-געהױבן לערנען און לײענען הײַנטיקע ביכלעך און האָב געגלױבט אין זײ, װי אין גאָט. איך האָב געמײנט, אַז קײן בעסערס פון דעם איז גאַרנישטאָ. איך האָב אָנגעהײבן צו טראַכטן,—װי אַלע משכּילים, װאָס געפינען זיך אונטער דער „אָפּעקע" פון חסידישע עלטערן, — צו פאָרן אין דער װעלט אַרײַן לערנען, לעבן אין נױט, װי יענע מענטשן לעבן צוליב דעם לערנען און בין אומזיסט געװען פאַרשװאַרצט געװאָרן. איז מיר דען איצט נישט בעסער? איך לעב מיר, װי אַ גראַף, פרײַ, און עבירות קען איך אױך טאָן, װיפל איך װיל. אײ, איך קען נישט עפנטלעך רױכערן אַ ציגאַר שבת, רױכער איך, אַז קײנער זאָל נישט זען. דערפאַר בין איך אומעטום דאָס „שײנע, װױלע אײדעמל", און װען מען דאַרף, בין איך אױך אַ משכּיל, און װען מען דאַרף, בין איך אױך אַ חסיד... מיט אײן װאָרט, מען דאַרף נאָר האָבן שׂכל, װי צו לעבן אין דער הײַנטיקער װעלט, קען מען גליקלעך לעבן!

אַזױ האָט ר׳ יואל רידערסקי מיט זײַן הױזגעזינט געלעבט גביריש און געװיס װאָלט ער נאָך װײַטער אַזױ געלעבט, און ייִדעלעך, קעסט-קינדער, מחותּנים פון חתן-כּלה, יתומים און אלמנות װאָלטן אים

ווייטער געטראָגן אַלע טאָג נײַ געלט אויף פּראָצענט, אָדער אָן פּראָצענט, אַבי זייערע אָנגעקליבענע גראָשנס זאָלן ליגן אויף אַ זיכער אָרט. נאָר פּלוצלונג איז ר׳ יואל רידערסקי קראַנק געוואָרן אויף עטלעכע וואָכן. ווען אַן אַנדערער זאָל ווערן קראַנק, קען זיין, אַז עס וואָלט גאָרנישט אויסגעמאַכט. ער וואָלט אָפּגעלעגן עטלעכע וואָכן און וואָלט געזונט געוואָרן. נאָר ר׳ יואל רידערסקי האָט נישט געטאָרט קראַנק ווערן אַפילו אויף איין טאָג. ער האָט געמוזט זיין מאַשין פון נעמען און געבן געלט לאָזן אַרבעטן יעדן טאָג: בײַ דעם נעמען געלט, דעם אָפּגעבן און נאָכמער נעמען. אַרויסנעמען פון איין לאָך און פאַרשטופּן צען לעכער, אָדער פאַרקערט, כּדי די מאַשין זאָל נישט בלייבן שטיין. קיינער האָט זיין אָרט נישט געקאָנט פאַרטרעטן. זיין ווייב האָט שטענדיק געמיינט, אַז דאָס געלט צאַפּט זיך בײַ איר מאַן. נאָר ווי מען נעמט עס און נאָך אַזוינע פראַגן זענען איר קיינמאָל נישט איינגעפאַלן. פון זיין טאָכטער מיט דעם איידעם און די אַנדערע קינדער, איז גאָר קיין רייד נישט: זיי זענען געוויינט געוואָרן נאָר קומען צום גרייטן. עס פאַרשטייט זיך, אַז אַ קראַנקער, ער מעג אַפילו זיין אַ גביר, טראָגט מען נישט אָקעגן נײַ געלט אויף פּראָצענט. דערפאַר אָבער זענען אַלעמאָל נײַע טערמינען אָנגעלאָפן, וואָס אַ טאָג מערער און מערער. ווען מען איז געקומען מאָנען, האָט מען אַקעגן געטראָגן אַ תּירוץ: אַז דער באַלעבאָס איז קראַנק און מען האָט געמוזט וואַרטן.

אַז ר׳ יואל רידערסקי איז אין דריי-פיר וואָכן געקומען צו זיך, האָט ער גוט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, און ווי ער דאַרף איצט ענטפערן די אַלע אָנגעלאָפענע „טערמינען". פאַר יסורים איז ער נאָך ערגער קראַנק געוואָרן. דערווייל זענען נײַע טערמינען אָנגעלאָפן, געלט אויף פּראָצענט האָט מען נישט געבראַכט. אין שטוב איז די הוצאה געוועזן גלייך ווי פריער און אפשר נאָך גרעסער, ווייל מען האָט באַדאַרפט אָראָפּברענגען די גרעסטע דאָקטוירים און געלט האָט זיך געגאָסן, ווי וואַסער. עס איז געקומען דערצו, אַז אין שטוב איז פּשוט נישט געווען אויף דער הוצאה, כאָטש עס האָט זיך דאָרטן געפונען גענוג צירונג, זילבער, פּערל, בריליאַנטן, טייערע קליידער און מעבל.

אין נאָמען פון דעם קראַנקן ר׳ יואל רידערסקי האָט מען אָנגעהייבן בסוד סודות אַרייַנגיין צו די גוטע פריינט לייען הונדערט

און צווייהונדערט רובל. אין אָנהייב האָבן די גוטע פריינט נישט געקענט אָפּזאָגן, נאָר שפּעטער האָבן זיי, ווי דער שטייגער איז, אָנגעהייבן פֿאַרדרייען מיט דער נאָז, און מען האָט געמוזט בסוד סודות צוועקפירן אין אַ פרעמדער שטאָט זילבער, אָדער אַ שנור פּערל, בריליאַנטענע אוירינגלעך, אַפילו אַ טייער קלייד פֿאַרקויפן. אַזאַ סוד קען אָבער לאַנג נישט געדויערן און מען איז טאַקע באַלד געוואָר געוואָרן פון די אַלע סודות. אויף אַלע קרעדיטאָרן האָט אָנגעהייבן ציטערן די הויט, די בעלי-חובות האָבן שוין אָנגעהייבן באַרעכענען וויפל דאָס מעבל מיט ר׳ יואל רידערסקיס באַלעבאַטישקייט באַטרעפט.

ר׳ יואל רידערסקי איז געווען שטאַרק קראַנק, נאָר זיין שכל איז געבליבן די גאַנצע צייט געזונט, און דאָס איז אפשר געווען זיין געפערלעכסטע קרענק. ליגנדיק אויפן בעט, האָט ער גוט פאַרשטאַנען, וואָס עס טוט זיך אין שטאָט וועגן אים און נאָכמער, ווי אומגליקלעך זיין פאַמיליע איז.

— וואָס איז מיר, — פלעגט ער צו זיך רעדן, ליגנדיק איינער אַליין, — איך בין שוין קיין יונגערמאַן נישט, און אַז עס איז מיר באַשערט צו שטאַרבן, איז שוין אפשר צייט. איך האָב פיל גליק געהאַט אין מיין לעבן. איך האָב גענאָסן פון אַלע פאַרגעניגנס. און אין וואָס פאַר אַ גוטס האָב איך מיך נישט געבאָדן: אין כבוד, אין עשירות... וואָס איך האָב נאָר געוואָלט, האָב איך אויסגעפירט. מיר איז געווען גוט און איך קען נישט האָבן קיין טענות צו דעם, וואָס לעבט אייביק. אי, איך בין איצט קראַנק? וואָס-זשע איז? קיינער לעבט נישט אייביק, נאָר ווי אומגליקלעך זענען מיין ווייב מיט די קינדער! מיט וואָס לאָז איך זיי איבער? מילא, מיין ציפּעניו האָב איך שוין פאַרזאָרגט: זי האָט אַ מאַן, ער וועט אַרבעטן און איר געבן ברויט... אוי! — האָט ער זיך פלוצלונג אַ כאַפּ געטאָן און אויסגעשריען — אומגליקלעכע!.. איך האָב פאַרגעסן, אַז זייערע עטלעכע טויזנט רובל נדן, וואָס יעדעס פּאָרפאָלק מוז האָבן, ווען מען רירט זיך אַרויס אין דער וועלט אַריין, געפינען זיך אויך ביי מיר אויף פּראָצענט... נאָר וואָס זאָל איך זאָרגן פאַר זיי? ציפּעס מאַן איז יונג, ער וועט אַרבעטן, וועט ער האָבן. איך בין אויך געווען אַמאָל אָרעם. נאָר מיין ווייב מיט די איבעריקע קינדער, וואָס וועלן זיי, נעבעך, טאָן? אויף וועמען לאָז איך זיי איבער? איך וועל נאָר צומאַכן אַן אויג, וועלן די בעלי-חובות אַלץ צעטראָגן ביז לעצטן העמד...

ער האָט זיך אויף עטלעכע מינוט שטאַרק פאַרטראַכט.

— נאָר וואָס העלפט מיר דאָס זאָרגן? וואָס דאַרף איך זאָרגן מער פון אַלע יידישע גבירים? זעלטן, זעלטן, ווען אַ יידישער גביר, אַ סוחר, זאָל עפּעס איבערלאָזן נאָכן טויט, אַז זיין פאַמיליע זאָל זיין באַוואָרנט מיט ברויט. דער גרעסטער טייל פון אונדזערע סוחרים, כּל-זמן זיי לעבן, דרייען זיי, כאַפּן דאָ, פאַרשטופּן דאָרט, נאַרן אָפּ די וועלט און זיך אַליין, אָבער ווען עס דערנענטערט זיך דער טויט, זעט יעדער איין, אַז מען האָט זיך אומזיסט געמאַטערט דאָס גאַנצע לעבן. עס איז קיינער נישטאָ אויף דעם גבירס אָרט, וואָס זאָל קענען נאָך דעם גבירס טויט ווייטער דרייען. האָב איך דען פריער נישט געוווסט, אַז ביי מיין קראַנק ווערן אָדער ביים שטאַרבן וועט זיך אַלץ מיט מיר אַזוי אויסלאָזן, ווי עס לאָזט זיך אויס מיט דעם רוב יידישע סוחרים? היינט, וואָס נעם איך מיך אַזוי צום האַרצן? איך בין אַ ייד, אַ סוחר, אַ דרייער, אַ פליער, און האָב געלעבט פון ווינט גלייך מיט אַלע יידן. עס איז נאָר צום באַוווּנדערן, וואָס עס געפינען זיך נאָך מענטשן, צום מייסטן קריסטן, וואָס זענען אונדז מקנא מיט דעם, וואָס מיר, יידן, זענען סוחרים. זיי מיינען, אַז מיר שאַרן געלט מיט לאָפּעטעס. פאַר קנאה זענען זיי אונדז שונאים און רעדן אויף אונדז כּל-רע שבעולם, אַלץ דערפאַר, ווייל זיי מיינען, אַז מיר, יידן – סוחרים, זענען גאָר גליקלעך און פאַרדינען גרינג געלט. נאָר ווי פאַרווונדערט וואָלטן זיי געוואָרן, ווען זיי זאָלן קענען אַ קוק טאָן אינעווייניק אין דעם יידישן סוחרס האַרץ. וויפל מאָל אין מיין לעבן האָב איך די פּרנסה געוואָלט אַוועקוואַרפן! ווער וואָלט עס געגלויבט, אַז ווען איך פאָר אין וועג, צעלייגט אויף דער קאַרעטע, און זע, ווי דער פויער אַרבעט אין פעלד מיט זיין ווייב און קינדער ביי דעם אַקער, און אַז ער זעט מיך – דעם יידישן גביר – דורכפאָרן, נעמט ער אַראָפּ פאַר מיר דאָס היטל. ווער וואָלט עס גלויבן, אַז איך וואָלט זיך געווונטשן זיין אויף דעם פּראָסטן מוזשיקס אָרט! איך וואָלט אים אַוועקגעשענקט אַלע מיינע קאַרעטן און געמאָלטע דירות מיט אַלע זיידענע קליידער, וואָס מיין ווייב און קינדער טראָגן פאַר זיין שטיקל שוואַרצע ערד! ווער וואָלט דאָס געגלויבט, אַז איך האָב אין מיין לעבן שוין נישט איינמאָל ביי מיר באַשלאָסן צו ווערן אַן ערדאַרבעטער. איך בין איבערצייגט, אַז פיל יידן, וואָס ווייסן דעם ביטערן טעם פון דעם יידישן מסחר, וואָלטן

זיך אויך געביטן מיט דעם מוזשיק פאַר זיין שטיקל שוואַרצע ערד! וואָרים וואָס פאַר אַ לעבן האָבן מיר? מיר ווייסן דען פון אַ טאָג רו? מען איז שטענדיק ווי אין אַ מלחמה, שטענדיק לויפט מען, מען פליט, מען איילט זיך, אַז מען קען קיינמאָל נישט אָפּעטעמען. אייביק האָט מען קיין צייט נישט, קיינמאָל ווערט נישט אָפּגעטריקנט דער שווייס אויפן פּנים. פרעגט-זשע אונדז, צו וואָס לויפן מיר און אויף וואָס אַרבעטן מיר אַזוי? נאָך וואָס זענען מיר מקריב אַפילו אונדזער געוויסן, אונדזער מענטשלעכן געפיל, נאַרן אָפּ יעדן באַזונדער און מאַכן אומגליקלעך איינער דעם אַנדערן, אפשר צוליב דעם שטיקל ברויט, וואָס אַ מענטש מיט זיין פאַמיליע דאַרף עסן? ניין. אויף דעם וואָלט מען גאָרנישט באַדאַרפט אַזויפיל אַרבעטן מיט דעם ביטערן שווייס, אַז עס זאָל נאָך זיין כדאַי צו פאַרקויפן דאָס געוויסן. נאָר וואָס-זשע דען צווינגט אונדז צו שפּרינגען פון דער הויט? נישט דאָס ברויט, ניין, נאָר דער לוקסוס, וואָס האָט זיך איינגעוואָרצלט ביי יידן פון קליין ביז גרויס! יאָ, די העלדזער פּערל, די זיידענע קליידער — זיי זענען אונדזער אומגליק! נאָכמער פאַרקירצט אונדז די יאָרן אונדזער חשק צו קומען צו גרויסע שידוכים, צו טייערע איידעמלעך, און אַז מען דאַרף אַ קינד חתונה מאַכן, זאָל דער „גאַרדעראָב” מיט חתונה-הוצאות צונעמען אַ גאַנץ פאַרמעגן! וועט מען דאָך פרעגן, אַז איך קען אַזוי גוט די סיבה פון מיין אומגליק, פאַרוואָסזשע האָב איך זיך אַזוי שלעכט אויפגעפירט? פרוּוון אַנדערש לעבן— וועל איך דען הייסן אַ שיינער באַלעבאָס, און וואָס פאַר אַ סוחר וועל איך זיין? די העלדזער פּערל מיט די טייערע קליידער זענען פאַר דעם יידישן סוחר די גאַנצע קוועלע פון זיין קרעדיט! דאָס איז דאָס גאַנצע אומגליק!

— גוט האָט אַמאָל געטאָן שלום רויטמאַן, — האָט דער קראַנקער יידישער סוחר ווייטער געטראַכט,—ער האָט אַלץ פאַרקויפט פון קליין ביז גרויס און איז געוואָרן אַ יידישער מוזשיק אין דאָרף... נאָר דאָס האָט מען געקענט אַמאָל טאָן, אָבער נישט היינט. היינטיקע יאָרן וואָלט אַפילו שלום רויטמאַן דאָס אויך נישט אויסגעפירט. אַמאָל האָבן מיר, יידן, געהאַט פּראָסטע, ערלעכע ווייבער, אמתע מאַמעס פאַר זייערע קינדער, זיי האָבן נישט ליב געהאַט צו זיצן פאַרלייגט די הענט, — מיט זיי האָט מען זיך געקענט באַשליסן אויף אַלץ... מיט אַזאַ פרוי, ווי פריידע, האָט שלום אַלץ געקענט, אָבער היינט, ווי

האָב איך געקענט פאַרלאַנגען אַזאַ זאַך פון מיין ווייב? איר גאַנץ לעבן באַשטייט דאָך נאָר אין אַ סך זיידענע שמאַטעס מיט פערל, זי זאָל זיך קענען באַרימען פאַר די ווייבער שבת אין שול... היינט האָב איך גאָר געקענט רעדן מיט איר פון אַזוינע זאַכן? זי וואָלט מיך אָנגעקוקט פאַר אַ משוגענעם און וואָלט מיר אָנגעהייבן אַריינ־שיטן אין טיי פּראָשקעס פון דער אַלטער כישופמאַכערין, איך זאָל גאָרנישט וויסן, כּדי איך זאָל צוריק קלאָר ווערן. איר שטייט נאָך עד־היום נישט אָן, וואָס איר שוועסטער אסתר איז דעם יידישן מוזשיקס שנור.

— זאָל איך געוועזן רעדן דערפון מיט מיין טאָכטער ציפּע, וואָס איז פון דער היינטיקער וועלט און קליגער פון דער מאַמען, וואָלט אַוודאַי געווען אומזיסט. זי איז טאָג ווי נאַכט פאַרטראָגן מיט איר טואַלעט און מיט שפּאַצירן, מיט וויזיטן, מיט קאָוואַליערן און מיט ביין אין טעאַטער. מיינע קלענערע קינדער זענען אויך דערצויגן פּריציש, מיט בלאַסע פּנימלעך און ווייסע הענטלעך. ניין, נישט מיט אַזוינע לייט קען מען ווערן אַן ערדאַרבעטער.

— אַזוי פלעג איך אַלעמאָל טראַכטן און די אַלע פראַגן פלעגן מיר שטיין, ווי אַ ביין אין האַלדז. און ווידער, האָט דען אַ סוחר אָפּט צייט צו טראַכטן? ווען איך האָב זיך דערמאָנט, האָב איך גע־טראַכט... דערנאָך זענען אַזוי אַוועקגעגאַנגען אַלע מיינע יאָרן און איך בין טאַקע געבליבן אַ סוחר און בין געקומען צו מיין איצטי־קער שרעקלעכער לאַגע!

די טרויעריקע געדאַנקען, וואָס פלעגן אים קיין רו נישט לאָזן, האָבן ר׳ יואל רידערסקיס קרענק נאָך פאַרערגערט.

דעם לעצטן טאָג, ווען ר׳ יואל רידערסקי האָט געפילט, אַז ער וועט שטאַרבן, האָט ער געהייסן אַריינרופן דעם איידעם. ער האָט געבעטן אַלעמען אַרויסגיין און איז מיט אים געבליבן אַליין. ער האָט אים געוויזן, אַז די חובות טרעפן אָן צען מאָל אַזויפיל, ווי זיין פאַרמעגן, און ווען ער וועט נאָר אַן אויג צומאַכן, וועלן די קרע־דיטאָרן אַלץ צונעמען, דעריבער בעט ער אים נאָך זיין טויט זאָרגן פאַר זיין ווייב מיט די איבעריקע קינדער, וועלכע וועלן בלייבן, נעבעך, ווי אויפן וואַסער.

טייטלשוואַם האָט ביז איצט נישט געגלויבט אַז זיין שווער

געפינט זיך אין אַזאַ שלעכטן שטאַנד, כאָטש ער האָט תמיד גע-ווּוסט, אַז ער איז אַ סך שולדיק.

— עס ווייזט אויס, — פלעגט ער שטענדיק טראַכטן, — אַז ביי מיין שווער זענען אַפילו די האָר נישט זיינע, און לעבן לעבט מען זייער רייך. נאָר איך קען מיך פאַרלאָזן אויף אים. ער איז נישט קיין נאַר, ער וועט זיך נישט לאָזן אריינשפּייען אין דער קאַשע. ער וועט שטענדיק שכל האָבן נישט צו בלייבן פון יענער זייט טיר. און אַפילו, ווען עס וועט אים שוין גאָר אויסקומען ענג און די וועלט וועט געוואָר ווערן, און ער וועט מאַכן אַן אָנזעץ, וועט שכל האָבן פאַר זיך אויך איבערצולאָזן, ווי עס שטייט אָן אַ גרויסן אָנזעצער, און ערשט דאַן וועט ער ווערן אַ געזונטער גביר...

דערמיט איז ער זייער רויִק געווען און האָט נאָר געדענקט שיין צו לעבן אויף דעם שווערס חשבון. גאָר איצט, אַז ער האָט זיך דערוווּסט פון אַזאַ מיאוסן סוף, אַז אַפילו זיין נדן-געלט איז אויך נישטאָ, איז אים שטאַרק קאַלט געוואָרן אויפן האַרצן. ער האָט פונ-דעסטוועגן נאָך נישט געוואָלט גלויבן און האָט געענטפערט דעם שווער:

— איך האָב קיינמאָל נישט דערוואַרט... איך וואָלט נישט געגלויבט...

— מיר דאַכט זיך, מיין קינד, דו האָסט שוין געקאָנט באַמערקן אין דער לעצטער צייט, ווי אַזוי אונדזער הויז פירט זיך... מען ניי-טיקט זיך פראָסט אין אַ פּאָר רובל...

— ווייס איך? איך האָב גערעכנט, אַז עס פּאַסט אַזוי צום געשעפט, — האָט דאָס איידעמל געענטפערט.

— ניין, מיין קינד, עס איז דער אמת אַזוי...

טייטלשוואם האָט דערזען, אַז עס איז זייער שלעכט. שרייען פאַר זיין נדן, האָט ער פאַרשטאַנען, איז אומזיסט. ער איז גלייך אַוועקגעגאַנגען אין זיין צימער און האָט אָנגעהייבן צו באַטראַכטן די נייע לאַגע.

— גענוּג, עס איז געקומען די צייט... מען דאַרף אָנהייבן צו טראַכטן עפּעס טאָן... אָפּגעלעבט עטלעכע יאָר — גוט — זייער ווויל! איצט מוז מען באַטראַכטן ווי אַזוי ווייטער צו לעבן פריי אויף דער וועלט, נאָר זיך נישט באַנאַרעשן... ווארים וואָס? איבערבלייבן דאָ? דאַרף איך אַרבעטן פאַר דעם ווייב מיט די קינדער, און האָבן אין זינען דעם ווייבס אָרעמע משפחה בין איך גאָרנישט מחויב! און

ווידער ביי וואָס זאָל איך אַרבעטן? מיט וואָס זאָל איך זיך פאַר־נעמען? קיין געלט האָב איך נישט, פאַרדינען קען איך נישט, קיין בעל־מלאכה בין איך נישט. אַי, עס זענען דאָ אַ סך אַזוינע מענטשן, פונדעסטוועגן פאַרדינען זיי פאַר ווייב און קינדער ברויט און אַמאָל ווערט זיי נאָך גוט אויך, נאָר וויפל צרות האָבן זיי פריער, איידער זיי קומען צום ביסן ברויט! איך קען קיין צרות נישט איבערטראָגן. איך בין דערצו נישט געוווינט... איך וויל נישט!... אַי, עס איז נישט ערלעך קעגן מיין ווייב און קינדער?... נאָר וואָס איז מיר אַ ווייב מיט קינדער? איך דאַרף נישט קיין ווייב, איך דאַרף נישט קיין קינדער. איך וויל נישט אַרבעטן אַ גאַנץ לעבן איבער זיי. איך זאָל זיין אַ גביר, וואָלט איך זיי אויך געגעבן, אָבער פלאָגן זיך פון זייערטוועגן וויל איך נישט... איך וויל אויך נאָך לעבן... ווען איך וועל זיין אַ מענטש אַליין, וועל איך אויף דער וועלט נישט פאַרפאַלן ווערן. אַי, עס איז נישט ערלעך! נאָר ווער עס איז ערלעך, דעם איז שלעכט אויף דער וועלט, און איך וויל נישט עס זאָל מיר זיין שלעכט!...

מיט גיכע טריט האָט ער אָנגעהייבן שפּאַנען איבער דעם צימער, מינוטנווייז געריבן דעם שטערן, געביסן די נעגל, אָדער מיט אַלע פינף פינגער זיך אויף גיך געקעמט די האָר, ווי מיט אַ קעמל.

— מען טאָר נישט אָפּלייגן אויף קיין מינוט, ער איז געפערלעך קראַנק און יעדע מינוט קען ער שטאַרבן, דאַן וועט שוין זיין צו שפּעט.

דאָס גבירישע איידעמל האָט נאָך היינט זיין פּלאַן אויסגעפירט:

ער האָט פון דער שאַפע אַרויסגענומען דעם ווייבס און דער שוויגערס צירונג, דאָס שטוב־זילבער און זיינע קליידער און איז פאַר־נאַכט אַוועקגעפאָרן און האָט אין שטוב געזאָגט, אַז ער פאָרט ברענגען אַ נייעם דאָקטאָר, וועלכער וווינט עטלעכע מייל פון דער שטאָט, ווייל דער שווער איז שטאַרק קראַנק. די שוויגער און דאָס ווייב האָבן אים געוווּנטשן אַ גליקלעכן וועג און אים אָנגעזאָגט נישט צו שפּאָרן קיין געלט, נאָר גיכער ברענגען דעם דאָקטאָר. קיינער האָט נישט באַמערקט, ווי ער האָט פאַרנומען דאָס גאַנצע זילבער און צירונג.

ווען טייטלשוואַם איז אַרויסגעפאָרן אונטער דער שטאָט און האָט דערזען די פרייע פעלדער און וועלדער, איז ער זייער פריילעך גע־

וואָרן. ער האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן—נישט אַרויסצוזאָגן זײַן שמחה:

— איצט בין איך ווידער אַ פרײַער פֿייגל... די וועלט איז גרויס, ליכטיק, שיין און איך וויל נאָך לעבן! איך וועל נישט פֿאַרפֿאַלן ווערן. איך בין איצט איינער, פֿרײַ, קיינער איז צו מיר נישט צוגעבונדן. אויף מיין פּנים איז אויך נישט אָנגעשריבן, אַז איך האָב אַ ווייב מיט קינדער. לאָם איך נאָר אַרײַנפֿאָרן אין אַ יידישער שטאָט—וויפֿל שידוכים וועט מען מיר אָנשלאָגן!... איך קען נאָך קומען צו דעם שענסטן שידוך מיט אַ שיין פֿריילן און מיט אַ סך געלט און קעסט... וואָס וועט מיר אָפּגיין? עס איז טאַקע זייער גוט צו זײַן אַ ייד. ביי יידן בינדט מען זיך נישט צו, און אַז מען איז נאָר קלוג, קען מ׳מען אָפּלעבן די יאָרן זייער גליקלעך. זאָג נאָר, אַז דו ביזט אַ בחור, אַן אָפּגעגטער, אָדער אַן אַלמן, וועט מען דיר באַלד אַקעגן טראָגן אַ ווייב מיט נדן.

טייטלשוואם איז אַזוי פֿריילעך און צופֿרידן געווען, אַז ער האָט פֿאַר פֿרייד געגעבן אַ פֿייף אויף קאַצאַפּיש און צוגעזאָגט דעם בעל-עגלה „נא וואָדקו״, כדי ער זאָל פֿריילעכער פֿאָרן.

* * *

אויף מאָרגן איז ר׳ יואל געשטאָרבן. די גרויסע קרעדיטאָרן, וואָס האָבן אים שוין לאַנג געהיט די נשמה, זענען באַלד, ווי ער האָט נאָר די אויגן צוגעמאַכט, און איידער מען האָט אים צו קבורה געבראַכט, געקומען מיט דעם פּריסטאוו איבערשרייבן „פֿון גרויס ביז קליין״, וואָס האָט זיך נאָר געפֿונען אין הויז.

די קליינע קרעדיטאָרן, וועלכע זענען באַשטאַנען פֿון כמעט דער גאַנצער שטאָט נעזוויזק, זענען ערשט איצט געוואָר געוואָרן, אַז דער גרויסער גביר ר׳ יואל רידערסקי האָט אָנגעזעצט. די נייס האָט זיך, ווי אַ דונער צעטראָגן איבער דער גאַנצער שטאָט, און עס איז געוואָרן אַ געלויף פֿון אָרעמע אלמנות און יתומים און אַנדערע

מענטשן, וואָס זייער גאַנץ פאַרמעגן איז באַשטאַנען פון די עטלעכע רובל, וואָס זענען געלעגן ביי ר׳ יואל רידערסקי.

— היינט גיי גלויב יענעם! וועמען זאָל מען שוין גלויבן, אַז מיט אַזאַ גביר איז מען אויך נישט פאַרזיכערט! — האָט מען נאָר גע-הערט אָבקען און אויקען לעבן ר׳ יואל רידערסקיס הויז, וווּ מען איז געגאַנגען און געשטאַנען. נאָכמער האָבן זיך פאַרוווּנדערט די מקבלים, תהלים-זאָגערס און אַזוי אביונים. ווען זיי האָבן דער-הערט, אַז דער גביר איז געשטאָרבן, האָבן זיי זיך אַ ביסל דער-פרייט, ווייל זיי האָבן גערעכנט, אַז מען וועט טיילן פאַר דער מטה צו קערבלעך און צו הצלבע קערבלעך, נאָר ווי טרויעריק זענען זיי געוואָרן, ווען זיי האָבן געזען, אַז מען טיילט אַפילו קיין גראָשנס נישט, און דער גרויסער גביר איז גאָר געוואָרן אַן אָרעמאַן.

— וואָס זאָלן מיר שוין זאָגן, אַז אַזאַ גביר איז אויך אַן אָרעמאַן גלייך מיט אונדז? — האָבן זיי גערעדט צווישן זיך.

— וואָס דען מיינט איר? אַ מענטש ווייסט דען, צי ער איז אַ גביר אָדער אַן אָרעמאַן? עס קען זיין, אַז מיר זענען גאָר די גבירים און דאַרפן דאַנקען און לויבן גאָט, וואָס עס איז אונדז ערגער. אַז מיר וועלן שטאַרבן, וועט אונדז געוויס קיינער נישט שעלטן, ווי מיר הערן איצט שעלטן דעם גביר, ר׳ יואל רידערסקי.

די מקבלים און די אָרעמעלייט האָבן נישט אויפגעהערט צו רעדן.

— גלויבט מיר, ברידער, אַז מען קען נאָך גאָרנישט וויסן, — האָט זיך אָנגערופן אַ פרייליכער קבצן, — אַ מענטש ווייסט גאָרנישט, וואָס מאָרגן קען זיך מיט אים טרעפן. עס קען זיין, אַז מיר זאָלן נאָך אויך ווערן גבירים, פאַרוואָס נישט? מיר זענען דען נישט קיין מענטשן און האָבן דען נישט קיין גאָט גלייך מיט אַלע?

— עט, דאָס קען שוין נישט זיין! — האָט איינער אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט.

— פאַרוואָס? כלבבן, שמערל, עס קען נאָך זייער גוט זיין, אַז איך מיט דיר זאָלן זמאַל ליגן צעשפּרייט אין אַ קאַרעטע.

— דו ביזט משוגע, ווען דו זאָגסט דאָס, — האָט שמערל זיך אָנגערופן.

— איך בין גאָרנישט משוגע, און פאַרוואָס זאָלסטו נישט גלויבן?

וויבאַלד עס האָט זיך געקאָנט טרעפן, אַז דער גביר, ר׳ יואל רידערסקי, זאָל ווערן אַ קבצן, קען זיין, אַז מיר זאָלן ווערן נגידים.

— איך וווּנדער מיך טאַקע, ווי עס קומט, אַז מיט ר׳ יואל רידעוּרסקין זאָל זיך אַזוי אויסלאָזן.

— וואָס וווּנדערסטו זיך דאָ? דו ווייסט דען נישט, וואָס גאָט טוט אויבן?

— איך ווייס? ער פירט מסתמא די וועלט.

— עס פאַרשטייט זיך, אַז גאָט פירט די וועלט. נאָר ווי אַזוי און מיט וואָס? למשל שניידעריי פירט מען מיט אַ שער און אייזן? שוסטעריי מיט נאָדלען און דראָטווען. מיט וואָס-זשע פאַר אַ געצייג פירט גאָט די וועלט?

— איך ווייס?

— נו, זאָלסט וויסן, אַז מיט לייטערלעך... גאָט איז אַ לייטער-מאַכער. ער זיצט אויבן און מאַכט לייטערס,—דעם שלעפּט ער אַרויף, און דעם לאָזט ער אַראָפּ. אָט האָט ער איצט אַראָפּגעלאָזט ר׳ יואל רידערסקין און מאָרגן קען ער מיך און דיך אַרויפשלעפּן אויף זיינע לייטערלעך...

נאָך אַ סך אַזוינע רייד האָט מען געקאָנט הערן דעם גאַנצן טאָג צווישן די אַלע רעדלעך, ביז דער פּריסטאַוו האָט געענדיקט איבערשרייבן דאָס גאַנצע פאַרמעגן, און מען האָט ענדלעך ר׳ יואל רידערסקין צו קבורה געבראַכט.

אַ יום-טוב און אַ חתונה.

אין אַלע דערפער האָט מען היינט, דעם נייַנצענטן פעברואַר, געפייערט דעם גרויסן יערלעכן יום-טוב, וועגן דער באַפרייונג די פּויערים פון „פּאַנשטשיזנע״ — פון קנעכטשאַפט ביי די פּריצים, און דאָס גאַנצע דאָרף סטעפּקיווקע האָט געפילט, אַז היינט איז באמת אַ

גרויסער יום-טוב. אַפילו בײַ דעם אָרעמסטן מוזשיק האָט איצט אויך געשײַנט אין זײַן הײַזל: פּרײַלעכע לידער האָבן זיך אינדערלופטן גע-הערט פון אַלע זײַטן. אויף דעם גאַנצן וועג, וואָס ציט זיך קיין סטעפּקיוקע איז געווען אילומינאַציע — נישט ווי אין די גרויסע שטעט מיט גאַז, — נאָר אויפן וועג זײַנען געזעסן קינדער מיט סנאָפּעס שטרוי און האָבן אַלעמאָל אונטערגעצונדן אַ פרישן סנאָפּ, און יעדעס מאָל, ווי נאָר אַ „סנאָפּ" שטרוי האָט אָנגעהייבן פלאַקערן, האָט מען געהערט זינגען באַפרייונגס-לידער.

צו דעם אַלעמען איז אין סטעפּקיוקע דעם טאָג געווען נאָך אַ באַזונדער יום-טוב — עס איז אין דאָרף געווען אַ חתונה.

דורך אַ באַזונדער צופאַל איז פּונקט דעם נײַנצעטן פעברואַר געווען אין דאָרף אַ חתונה מיט קלעזמער פון דער שטאָט, וועלכע מען האָט אומישנע געבראַכט אויף דער גאַנצער צײַט פון דער חתונה, ווײַל דער פּאַרוואַלטער פון שלום רויטמאַנס פעלדער האָט חתונה גע-האַט מיט דער „גאַלדענער העפטערין". סאָלאָמאָן, וועלכער איז איצט געווען פּולקאָמער באַלעבאָס פון זײַנע עלטערנס פאַרמעגן, האָט צוליב די צווײ יום-טובים פון דעם נײַנצעטן פעברואַר און די חתונה גע-שענקט בראָנפן מיט פּאַרבײַסן פאַר אַלע מוזשיקעס און באַצאָלט די קלעזמער, אַז זיי זאָלן שפּילן פאַר דעם עולם, און די יידישע מו-זשיקעס פון רויטמאַנס פעלדער האָבן צוזאַמען געטאַנצט מיט אַ קאָזאַק אַ „פּוילישׂ" און אַ „יידיש".

די אַלע געסט פון דער חתונה האָבן אָנגעקוואָלן קוקנדיק.

דער גוטבאַזיצער פאַן יאַן און דער גלח אטיעץ דאַנילאָוו האָבן זיך דאָ אויך געפונען און צוגעזען, ווי די פּויערים מיט די יידן טאַנצן צוזאַמען.

— איר זעט, פּאַן יאַן, — האָט זיך אָנגערופן דער גלח, — ווי עס איז פּאָרט מעגלעך, אַז אין דעם גרויסן רוסלאַנד זאָלן אַלע פעלקער נישט נאָר קענען לעבן בשלום,—אַפילו טאַנצן אויך צוזאַמען.

— איך וואָלט דאָס געוואָלט טאַקע זען אַזוי אין גאַנץ רוסלאַנד.— האָט געענטפערט דער אַלטע פּאַן יאַן.

— יאָ, פּאַן יאַן, — האָט געענטפערט אטיעץ דאַנילאָוו, — עס וואָלט געוויס אַזוי געווען, ווען דאָס גאַנצע רוסישע פאָלק זאָל דער-קענען אַזוי ווי מיר. מיר האָבן אונדזערע אייגענע מיינונגען און ווייסן מיט וואָס עס איז גוט און מיט וואָס עס איז נישט גוט צו לעבן

אויף דער וועלט. אָבער אונדזער פאָלק? די מאַסע? אונדזער פאָלק איז ערלעך, רויִק און קען מיט יעדן לעבן גוט, נאָר ווען קיינער זאָל אים נישט רייצן. די מאַסע איז ווי אַ קינד, און מוז שטענדיק האָבן אַ לערער, נאָר ווי ביטער איז אָבער, ווען שלעכטע מענטשן ווערן פאָלקסלערער! פון אַזוינע לייט קען דאָס בעסטע פאָלק שלעכט ווערן און טאַקע פאַרדאָרבן אויך. אָט זעט, ווער האָט אויסגעלערנט אונדזערע פויערים צו רעדן אונטער דער נאָז: „זשיד", „פאָליאַק"! דאָס קומט אַרויס פון די פּלאַפּלערייען, וואָס געוויסע צייטונגען דרוקן.

— מיר דאַכט זיך, — האָט געזאָגט פאַן יאַן, — אַז דער סאָרט צייטונגען און ביכער קענען גיכער אויפרייצן די העכערע קלאַס מענטשן, וועלכע לייענען זיי, אָבער נישט דאָס פּראָסטע פאָלק, וואָס איז שטענדיק פאַרטראָגן מיט זיין אַרבעט און קען גאָרנישט לייענען.

— ווען מען וויל קענען אַ פאָלק, איז נישט גענוג מיט אים צוזאַמען צו וווינען, מען מוז נאָך מיט אים אָפּט און אַ סך רעדן. איך קען זאָגן, אַז איך קען אונדזער מאַסע זייער גוט, וואָרים איך האָב שטענדיק געשעפטן מיט איר, אַלע זונטיק און ימים-טובים אין דער קירכע. אינדערוואָכן גייט אויך נישט אַוועק אַ טאָג, איך זאָל זיי נישט האָבן פאַר די אויגן: ביי דעם ווערט געבוירן אַ קינד, ביי דעם איז אַ חתונה אָדער אַן אַנדער שמחה, און דאָס גיט מיר די געלעגנהייט צו זיין ביי זיי אין הויז און מיט זיי צו פאַרברענגען. איך קען אייך שווערן, אַז כאָטש די מאַסע קען נישט לייענען, פונדעסטוועגן איז נישטאָ קיין נייס אין די צייטונגען, וואָס זי זאָל פון איר נישט וויסן. די מאַסע האָט עפּעס אַ באַזונדערן חוש-הריח פון אַלץ באַלד זיך צו דערוויסן. אָט קוקט איר אָן דעם פויער, ווי ער אַרבעט אויף זיין ערד אַ גאַנצע וואָך און האָט אַפילו קיין צייט נישט אָפּצוּווישן די נאָז, נישט נאָר צו לייענען גאַזעטן, נאָר פּרובירט זיך צוהערן וועגן וואָס זיי רעדן, ווען זיי רוען זיך אָפּ פון דער אַרבעט: זיי שמועסן פון פּאָליטיק, פון ביסמאַרקן, פון גאַמבעטאַ, פון אַלץ, וואָס עס גייט פאָר אין דער וועלט! מיינט איר אפשר, אַז זיי רעדן עפּעס נאַרישקייטן? אָ, ניין? די מאַסע האָט איר אייגענעם קריטישן בליק, גלייך מיט דעם געבילדעטן קלאַס, נאָר דער חילוק איז, וואָס די מאַסע קען צען מאָל אין טאָג איבערבייטן איר מיינונג. עס דאַרף נאָר קומען איינער, וואָס זי האַלט אים פאַר אַ קליגערן, קען ער זיי אַראָפּפירן פון דעם וועג, דאַן, ווען דער געבילדעטער איז שטאַרקער

אין זיין מיינונג. אַט וועל איך אייך ווייזן: איך קען אַלע פּויערים פון די דערפער אַרום סטעפּקיווקע, וויפל איז שוין דאָ צווישן זיי, וואָס האָבן אָנגעהייבן פיינט צו האָבן יידן און וואָלטן זיך געקילט אין זייער בלוט! פרעגט זיך, ווי האָבן זיי דאָס גענומען? דאָס האָט מען צו פאַרדאַנקען די „וואָלאָסטנאָי שרייבערס", ווי אונדזער סטעפּקיווקער וואָדאָפּיאַנאָוו. ער איז נישט איינער אַזעלכער.

— ווי-זשע זענט איר, גייסטלעכער, מיט אייערע הייסע ווערטער? — האָט געפרעגט דער דר. פרידמאַן, וועלכער האָט זיך אויך געפונען דאָ אויף דער חתונה.

— וואָס העלפן אונדזערע רייד? צו מיין גרויס קרענקונג מוז איך אייך זאָגן, אַז אונדזער מאַסע פאַרמאָגט אַזוינע וואָדאָפּיאַנאָווס, וועלכע שיכורן צוזאַמען מיט זיי, ווירקן מער ווי אַלע גייסטלעכע. אומעטום הערשט נאָך ביי דער מאַסע שלעכטסקייט מער ווי גוטסקייט.

דער יונגער פאַן קאַרל, וואָס איז געווען ביי דעם געשפּרעך און איז שוין לאַנג געווען אָנגעשמעקט מיט וואָדאָפּיאַנאָוון, האָט נישט געקענט אָפּשווייגן און האָט זיך אָנגערופן:

— געערטער אָטיעץ! איר באַשולדיקט צופיל אייערע אייגענע ערלעכע ברידער, ווייל זיי האָבן אַ שלעכטע מיינונג וועגן יידן. איר איר מיינט געוויס אַזוינע יידן, ווי מיר זעען איצט דאָ פאַר זיך, איך מיין, ווי דער פאַן דאָקטאָר פרידמאַן אָדער דער פאַן גאָלדשמיד, אָבער די איבעריקע יידן אין די שטעט מיט זייער האַנדל און וואַנדל...

פאַן קאַרל האָט געהאַט דעם אייגענעם טאַקט, ווי דאָס רוב קריסטן, וואָס דרייען זיך אַרום די שיינע יידישע טעכטער, אָדער וואָס זענען זייער גוט באַקאַנט מיט עטלעכע אינטעליגענטע יידישע פאַמיליעס, וועלכע נעמען זיי אויף פאַר גוטע פריינט און פאַרטרויען זיך פאַר זיי, ווי פאַר אייגענע ברידער. און דער קריסט מיינט, אַז ער מאַכט די יידישע פאַמיליעס גליקלעך, וואָס ער איז מיט זיי אַ גוטער ברודער, כאָטש ער האָט געבילדעטע יידן נאָכמער פיינט, ווי די פּראָסטע זשידעס. אונטער די אויגן מאַכט ער פון זיי חוזק, נאָר אַז ער קומט מיט זיי צוזאַמען און עס ווערט אַ שמועס וועגן יידן— הייבט ער אויך אָן נאָכצוזאַגן און לויבט די געבילדעטע יידן, וועלכע ער וואָלט טאַקע הינטן אַרום דערשטאָכן מיט אַ מעסער.

פאַן קאַרל האָט אויך אָנגעהייבן צו לויבן די אינטעליגענטע

יידן: אדוואקאטן, דאקטוירים און אנדערע געבילדעטע, נאר אויף די שטעטישע יידן „עקספלואטאטארס", בלוטזויגערס, האט ער נישט אויפגעהערט אנצופאלן.

— אמת, — האט גאלדשמיד אים געענטפערט, — צווישן יידן געפינען זיך אויך נישט קיין ארינטלעכע, אבער אזוינע לייט געפינען זיך אויך צווישן יעדן פאלק. אין א ים געפינען זיך אלערליי פיש. עס ליגט שוין אזוי אין דער נאטור, אז לויטער גוטע אדער שלעכטע מענטשן קענען נישט זיין. אבער מען טאר נישט באשולדיקן א גאנץ פאלק איבער א טייל שלעכטע מענטשן. אבער יידן באשולדיקט מען אלעמאל דורך עטלעכע שווינדלער.

סאלאמאן האט מיט גרויס אינטערעס ציגעהערט דעם גאנצן געשפרעך; ער האט נישט איינמאל זיך געפרעגט: וואס רעדן זיי, וואס וויל יעדער מיט זיינע רייד באווייזן? ער האט גארנישט געקענט פארשטיין, וואס מען האט אזויפיל צו טאן מיטן יידן, וואס וויל מען פון אים און פארוואס האט מען אים אזוי פיינט. עס האט אים אלעמאל אונטערגעטראגן און ער האט געוואלט רעדן. עס האט זיך אים אויסגעוויזן, אז ער האט עפעס זייער פיל צו זאגן, נאר ער האט נישט געזאגט.

— וואס וועל איך מיך דערמאנען צווישן עלטערע מענטשן, וועלכע ווייסן געוויס מער פון מיר. איך בין נאך צו יונג דערצו.

נאר פאן קארלס לעצטע ווערטער האבן אים אזוי אפגעבריט, אז ער האט גאר פארגעסן, צי עס פאסט פאר אים צו רעדן, אדער נישט. ער האט זיך אויפגעכאפט פון זיין שטול, די באקן און דאס גאנצע פנים האבן אים געפלאמט און ער האט אנגעהייבן מיט א ציטערדיק קול:

— און איר, פאן קארל, ווער זענט איר, פאליאק, ווער זענט? און פונדעסטוועגן זוכט מען גארנישט אויף אייך אזויפיל הסרונות, ווי אויף יידן!

— א, א, דער זשיד האט זיך אין אים אנגערופן, — האט פאן קארל געוואָרטשעט אונטער דער נאז, אז קיינער זאל נישט הערן. דערנאך האט ער געזאגט, אז אלע זאלן הערן:

— מיר הייסן נישט שכנים, און איר, יידן, יא. מיר זענען איבערגעבליבן זיצן אויף אונדזער אייגענער פוילישער ערד, ווו אונדזערע עלטערן האבן זעלבסטשטענדיק געלעבט. איר, אבער, זענט

אָנגעקומען ערגעץ פון אַזיע אָדער פון אַנדערע לענדער. איר זענט אָנגעלאָפענע פון דער פרעמד.

די תשובה האָט סאָלאָמאָנען אונטערגעצונדן, ווי מיט פייער.

— מיר, זאָגט איר, זענען פרעמדע, איינגעבעטענע... איך בין אויך אַ ייד, און איר וועט אפשר זאָגן, אַז אַזאַ יידן, ווי איך, האָט מען מער ליב, ווייל איך בין אַן ערדאַרבעטער, איך קום אַרויס פון ערדאַרבעטער און מען האָט נאָר פיינט די שטאָטיידן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט האַנדל? ניין! דער אמתער קריסט, וועלכער לערנט, אַז מען דאַרף יענעם ליב האָבן ווי זיך אַליין, האָט גלייך ליב דעם דעם יידן, דעם ערדאַרבעטער און דעם יידן, דעם סוחר, ווייל יעדער אין זיין פאַך ברענגט נוצן די מענטשן און דער מדינה. אַזוינע מענטשן, ווי דער פיסאַר וואָדאָפּיאַנאָוו, האָבן פיינט אַלע יידן גלייך: דעם פאַקטאָר, דעם סוחר, דעם פּראָפעסאָר און דעם יידישן ערדאַרבעטער אויך. איר וועט פרעגן, פאַרוואָס האָבן אַזוינע לייט, ווי וואָדאָפּיאַנאָוו פיינט יידן? מוז איך אייך זאָגן, אַז דאָס איז גאָר אָן אַ שום אורזאַך, עס קומט נאָר אַרויס דערפון, ווייל זיי אַליין זענען פאַרדאָרבענע מענטשן, וועלכע עס קרענקט פאַרוואָס יענער לעבט; די לייט, האָבן נישט נאָר פיינט יידן, נאָר איבערהויפּט מענטשן. אי, פאַרוואָס שרייען זיי נישט אויף קריסטן? ווייל זיי ווייסן, אַז פאַר שרייען אויף קריסטן וועט מען זיי באַלד פאַרמאַכן די מיילער, נאָר אויף יידן איז שוין אָנגענומען, אַז יעדער מעג זאָגן אויף זיי, וואָס מען וויל. די לייט פאַרדריסט, פאַרוואָס יענער לעבט און זיי זענען זיך נוקם אין דעם שוואַכערן — אין דעם יידן. ווען איר פרעגט זיי, פאַרוואָס זיי שרייען אויף יידן? מוזן זיי זאָגן דעם אַלטן אויסגעדראָשענעם תירוץ, אַז יידן זענען אָנגעלאָפענע, פרעמדע, זיי אַרבעטן נישט און טוען גאָרנישט. און וואָס טוט וואָדאָפּיאַנאָוו? ער ראַבעוועט אוודאי ווייניק דעם אָרעמען מוזשיק? און צאַפּט דען נישט אויס פון אים דאָס בלוט? פון יעדן גראָשן, וואָס דער מוזשיק פאַראַרבעט אַ גאַנץ יאָר, מוז ער דעם פאַן פיסאַר געבן... אויך פון קאַרטאָפּעל, פון ווייץ, קאָרן און דאָסגלייכן... דאַרף דער מוזשיק אַ מעטריקע, צי אַזוי עפּעס אַ שטיקל פּאַפּיר פונם וואָלאָסט, מוז ער דעם פאַן פיסאַר אָוועקגעבן דעם לעצטן רובל און דער פאַן פיסאַר פאַרשיכורט דאָס געלט. און די אַנדערע וואָדאָפּיאַנאָווס, וואָס האָבן אין די לעצטע יאָרן אָנגעהייבן וואַקסן אין רוסלאַנד, ווי קראָפּיווע,

אַרבעטן אַ סך? זיי עקספּלואַטירן דען נישט זייער פֿאָלק: די מיט צייטונגען און פֿינסטערע ביכלעך, די מיט שענקען און פּראָצענט... זיי פֿאַרפֿירן דאָס פֿאָלק מיט פֿאַרשידענע פּאַסקווילן אויף ייִדן, כּדי מען זאָל זיך אויף זיי אַליין נישט אומקוקן. אָבער דאָס פֿאָלק אַליין וואָלט שטענדיק געלעבט מיט ייִדן אין אחדות. נאָר דאָס אומגליק איז, וואָס ביי דעם פֿאָלק איז אַ צייטונג ווי אַ תּורה. אַז מען שרייבט אין די צייטונגען, איז מסתּמא אמת. אויף דעם רעכענען טאַקע דידאָזיקע יונגעלייט און הערן נישט אויף צו העצן דאָס פֿאָלק און דערציילן, אַז ער איז דער באַלעבאָס, און ייִדן זענען איינגעבעטענע, אָנגעלאָפֿענע, פֿרעמדע! פֿרעגט מיך בחרם, פֿאַן קאַרל, פֿונוואַנען איך בין אָנגעקומען קיין רוסלאַנד — ווייס איך נישט! איך ווייס נאָר, אַז מיין טאַטע, מיין זיידע און עלטערזיידע האָבן דאָ געוווינט אויף דער ערד, ווו איך געפֿין זיך איצט, קיין אַנדער פֿעלד, קיין אַנדער הימל האָב איך נישט געזען, נאָר דעם...

ווער ווייסט ביזוואַנען סאָלאָמאָן וואָלט נאָך אַזוי זיך געהיצט און גערעדט, ווען פֿאַן קאַרל זאָל אים נישט געווען אַריינפֿאַלן אין די רייד:

— וואָס פֿייערסטו אַזוי סאָלאָמאָן? איך האָב פֿריער געזאָגט, אַז אַזוינע ייִדן, ווי דו און גאָלדשמיד, האָב איך אויך ליב, אָבער די שטאָטייִדן...

— אומזיסט היצט איר אייך אַלע, — האָט זיך אָנגערופֿן דער אָטיעץ דאַניִלאָוו, — אַזעלכע וואָדאָפּיאַנאָווס וועלן אויך פֿיינט האָבן אַזאַ ייִדן, ווי דו, סאָלאָמאָן, און ווי דר. פֿרידמאַן מיטן ייִדישן סוחר אָדער שענקער גלייך. נאָר דערפֿאַר וואָס דו גיסט אים נישט אַוועק דיין ערד, דער דר. זיין דיפּלאָם און דער שענקער זיין ביסל בראָנפֿן. מיט דיין פֿאַרענטפֿערן זיך, סאָלאָמאָן, וועסטו ביי אַזעלכע לייט גאָרנישט פּועלן. גלויב מיר, סאָלאָמאָן, אַז דער אמתער רוס, וואָס האָט באמת ליב זיין פֿאָלק האָט די לייט אויך נישט זייער גערן, וואָרים אין אמתן האָבן מיר, רוסן, אונדזערע אייגענע צרות, אונדזערע אייגענע פֿעלערן, וואָס מיר וואָלטן געדאַרפֿט אויסבעסערן.

דער גלח האָט אויסגעגלייכט זיין באָרד און זיין פּנים האָט זיך באַדעקט מיט טרויער.

— נאָר וואָס זאָל מען טאָן, אַז די פֿאַלשקייט און שלעכטקייט האָט אין אונדזערע צייטן מער סגולה, ווי דער אמת און די גוטס

קייט! די וואָדאָפּיאַנאָווס זענען היינט אין דער מאָדע און האָבן זיך געגעבן אַ קלינגענדיקן נאָמען „אַנטיסעמיטן", מיט וועלכע עס פאַרנעמען זיך אַלע צייטונגען און ביכער. מען האָט איבער דעם פאַרגעסן די וויכטיקסטע זאַכן פון דעם מענטשלעכן לעבן... נאָר גענוג וועגן דעם צו רעדן. עס איז גענוג טרויעריק. לאָמיר בעסער פריילעך זיין, מיר געפינען זיך אויף אַ חתונה, און צוליב די חתן־כלה דאַרפן מיר זען, אַז עס זאָל זיין לוסטיק און פריילעך. לאָמיר גיין זען, ווי דער עולם טאַנצט.

סאָלאָמאָן האָט דעם גלח געדריקט די האַנט און געדאַנקט פאַר זיינע רייד.

דער גלח האָט זיך שטאַרק געוווּנדערט, וואָס ביי דעם שמועס האָט שפּיצבוים זיך נישט אָנגערופן מיט קיין איינציק וואָרט. ער האָט אפילו געהערט פון דעם געבילדעטן יידן. נישט ווייניקער האָט עס אים געוווּנדערט, וואָס דער יידישער דאָקטאָר מיט דעם חתן זענען געזעסן, ווי שטומע.

שפּיצבוים האָט דאָס באַמערקט אויף דעם גלחס פּנים און ער איז צוגעגאַנגען צו דעם עולם, ווו מען האָט געטאַנצט און האָט זיך געווענדט צום גלח:

— איך ווייס, אַז איר ווונדערט זיך, וואָס איך האָב זיך אין דעם געשפּרעך נישט אַריינגעמישט. מיר איז געווים זייער אָנגענעם צו רעדן מיט אייך, נאָר אַז מען הייבט אָן צו רעדן פון די אַנטי־סעמיטן און ווי זיי הייסן אַלע דאָרט — געפין איך גאָר קיין ווערטער נישט. זאָל איך אָנהייבן מיך אויסטענהן מיט פאַן קאַרלען? צוואָס וועט דאָס פירן? מיר האָבן שוין עפּנטלעך, פאַר דער גאַנצער וועלט אַרויסגעזאָגט אונדזערע פעלערן, און דערוויזן, אַז מיר זענען אויך נישט מער, ווי מענטשן, אַז עס געפינען זיך צווישן אונדז גוטע און שלעכטע אַזוי ווי ביי אַלע פעלקער, נאָר וואָס קומט אַרויס פון אַלע אונדזערע רייד? דערטאַפּט מען ביי אונדז עפּעס אַ פעלער, — פּויקט מען אויס איבער דער גאַנצער וועלט. ווילן מיר זיך פאַרענטפערן — הערט מען אונדזערע רייד נישט. דערפאַר איז מיין איבערצייגונג, אַז עס איז אַלצאיינס — צי פאַרענטפערן זיך יידן אָדער נישט. אפשר איז גאָר שווייגן בעסער. חוצדעם, איז שוין פשוט נמאס גע־וואָרן זיך פאַר יעדן שרייער צו פאַרענטפערן זיך. טאַקע נאָר אַזאַ יונגער, נישט דערפאַרענער מענטש, ווי סאָלאָמאָן, קען רעדן מיט אַזאַ

פייער, ווייל ביי אים איז דאָס אַ נײַ־ס, עס פאַרדריסט אים! סטייטש, ער רעדט רוסיש, ווי אַ רוס, ער האָט ליב רוסלאַנד. מיט זיין שווייס אַרבעט ער אויף רוסישער ערד, אין רוסלאַנד איז ער געבוירן און דערצויגן, זיינע עלטערן זענען אויך אין רוסלאַנד געבוירן, און צום סוף קומט אַ ליידיקגייער, ווי פאַן קאַרל, אָדער אַ שיכּור, ווי וואָדאָפיאַנאָוו און זאָגט אים, אַז ער איז אַ פרעמדער — אַ גר אין דעם לאַנד. ווען סאָלאָמאָן וועט עלטער ווערן, וועט ער, דער יונגער יידישער מוזשיק, געבוג זען פאַר זיך און איבערלעבן קאַלטס און וואַרעמס, און וועט זיך אויפהערן צו היצן פון אַזעלכע פאַן קאַרלס. ער וועט זיך מוזן צוגעוויינען צו אַ סך ערגערע זאַכן... יאָ, געערטער אטיעץ, עס איז שוין אַזוי, אַז ווען דער אומגליקלעכער ווערט געווינט מיט זיינע צרות, רעדט ער שוין גאָרנישט און קלאָגט זיך נישט, און עס געפינען זיך אַזוינע מענטשן, וואָס מיינען, אַז דאָס, וואָס ער שווייגט, איז אַ באַווייז, אַז עס איז אים נישט שלעכט, ווען נישט — וואָלט ער געשריען... גלויבט מיר, אַז שווייגן באַטרעפט אַמאָל מער פון שרייען... נאָר געבוג צו רעדן פון טרויעריקע זאַכן, איך בין היינט אויף צוויי שמחות: ערשטנס, וואָס גאָט האָט מיר געהאָלפן צו דערלעבן די חתונה פון צוויי קינדער, וואָס איך האָב אויפגעצויגן, און צווייטנס, איז היינט דער גרויסער יום־טוב פון דער פויערים־באַפרייונג, וועלכן מיר כאָטש דעם היינטיקן טאָג, ווען מען האָט מענטשן באַפרייט פון קנעכטשאַפט, נישט רעדן פון אַזעלכע שוואַרצע מענטשן, ווי די פאַן קאַרלס און וואָדאָפיאַנאָווס.

נישט אַלע פרייען זיך אויף אַ שמחה.

דער ליאַרעם פון די צוויי שמחות איז אַלעמאָל גרעסער גע־וואָרן. אויף דעם הויף און אַרום דער שטוב, ווו די פויערים האָבן געהוליעט און אין שטוב, ווו די פאַרבעטענע מחותנים זענען געווען — אומעטום האָט זיך געהערט פריילעכע קולות. נאָר דריי מענטשן זענען נישט צופרידן געווען: פאַן קאַרל, וואָדאָפּיאַנאָוו און די הויפּט מחותנת־טע יאַכצי, דער כּלהס מוטער.

מילא, פאַרוואָס די ערשטע זענען נישט געווען צופרידן ווייסט מען: וואָדאָפּיאַנאָוו איז נאָכמער געקרענקט געווען, ווייל מען האָט אים גאָרנישט געבעטן אויף דער חתונה, פונדעסטוועגן איז ער אַליין געקומען און איז שיעור צעשפּרונגען געוואָרן, וואָס „פּאַני אסתּרקע", אין וועלכער ער איז שטאַרק פאַרליבט געווען, האָט אַפילו קיין איינציק מאָל אויף אים אַ קוק נישט געטאָן און האָט נאָר גערעדט מיט פאַן קאַרלען. און ווידער, ווי אַזוי קען מען נישט זיין געקרענקט און בייז, און ווי קען אים גאָר ניחא זיין דאָס לעבן, ווען מען זעט, ווי יידישע פרויען און טעכטער זענען שיין, ווי זיי האָבן חתונה און עס שפּילן קלעזמער, און ער, וואָדאָפּיאַנאָוו, — דער רוס, מוז דאָס צוזען מיט זיינע אויגן און קען פונדעסטוועגן גאָרנישט טאָן!

פאַן קאַרל איז אויך נישט אומזיסט אומצופרידן געווען. ער האָט אַלעמאָל גוט געזען די שיינע רחל, ווי זי האָט איצט נאָך שענער אויסגעזען און איז אין דער לעצטער צייט אויסגעוואַקסן, ווי אַ שיינע בלום, און ער, פאַן קאַרל, האָט זי אַזוי ליב, אַז ער וואָלט אַפילו־

אויעקגעוואָרפן וואָדאָפּיאַנאָוון מיט זיין גאַנצער פריינטשאַפט, אַבי זי צו געווינען, און זי, רחל, ווייל אויף אים אַפילו נישט אַ קוק טאָן! אַלע זיינע פּלענער, וואָס ער האָט טויזנט מאָל איבערגעקלערט צוזאַמען מיט זיין פריינט וואָדאָפּיאַנאָוו, זענען זיך צערונען, ווי וואַסער, ווייל ער האָט רחלען אויף תּמיד פאַרלוירן!

נאָר פאַרוואָס איז יאַכצי נישט צופרידן געווען? עס דאַכט זיך, אַז זי וואָלט זיך באַדאַרפט פילן פאַר דער גליקלעכסטער מוטער, וואָס זי האָט דערלעבט איר אייציקס קינד חתונה. נאָר ניין, זי איז פאָרט נישט צופרידן, זי פילט זיך אומגליקלעך און האָט די גאַנצע צייט פון דער חתונה נישט איינמאָל געוויינט... און ווי אַזוי זאָל זי נישט וויינען? — נאָך באַלד נאָכן קנס-מאָל, ווען די ווייבער האָבן זי באַגעגנט אין מאַרק און האָבן איר אָפּגעגעבן „מזל-טוב" און גע-פרעגט, ווי דער שטייגער איז, אויב זי האָט געהאַט אַ שיין קנס-מאָל, האָט יאַכצי געענטפערט:

— אַזאַ יאָר זאָל איך האָבן! אַפילו ווען מיין מאַן, ער זאָל האָבן דעם ליכטיקן גן-עדן, זאָל געווען לעבן, וואָלט איך מיר נישט גע-ווונטשן קיין שענער קנס-מאָל, ווי ביי מיין קינד איז געווען. איך זאָל נאָך דערלעבן מיט אייך אַזאַ קנס-מאָל ביי מיינע אייניקלעך און ביי אַלע יידישע קינדער, רבונו של עולם, אַז עס זאָל זיין מיט ישועות ונחמות און יידן זאָלן שוין אויסגעלייזט ווערן פון דעם גלות.

אינדערעמתן איז טאַקע ביי יאַכציס טאָכטער געווען אַ שיין קנס-מאָל און יאַכצי איז געווען צופרידן און גליקלעך, אַז אַ גאַנצן חודש נאָכדעם האָט איר נישט געקענט אַרויס פון קאָפּ דער גערויש מיט דעם נחת, וואָס זי האָט איבערגעלעבט. עס האָט איר נאָר באַנגק געטאָן, וואָס דעם אָוונט, ווען אַלע האָבן זי גערופן מתותנתטע, האָט זיך אַזוי גיך געענדיקט, און זי פלעגט זיך דערנאָך אָפּט טרייסטן:

— עט, דאָס איז נאָך בלאָטע, וואָרים וואָס איז אַ קנס-מאָל? איין אָוונט, און איידער מען קוקט זיך אַרום, גייט אַוועק די נאַכט און עס זענען אַפילו קיין קרעזמער נישטאָ. מען אַרבעט זיך נאָר אָן אומזיסט און עס קאָסט אַ סך געלט און ווייטער גאָרנישט! אָט, אַז גאָט וועט מיך, יאַכצין, וואָס איך בין נישט ווערט זיין נאָמען צו דערמאַנען, לאָזן דערלעבן מיין גאָלדעניוס חתונה, וועט גאָר עפּעס אַנדערש זיין! אַ חתונה געדויערט אפשר אַכט טעג, עס גייען אַוועק אַ פּאָר וואָכן מיט באַקן לעקעך און מיט נייען די חתונה-קליידער.

וואָס נענטער עס איז געקומען די צייט פון דער חתונה, האָט יאַכצי מער געפּילט, אַז זי איז אַ מחותּנתטע. פּיר וואָכן פאַר דער חתונה האָט יאַכצי זיך גענומען צו די חתונה-קליידער. ווי דער שטייגער איז, האָט זי צונויפגערופן אַלע אירע באַקאַנטע ווייבער און האָט זיי מכבד געווען מיט לעקעך און מיט איינגעמאַכטס, בשעת דער שניידער האָט אָנגעהייבן צו שניידן דאָס חופּה-קלייד. זי האָט אָנגעקוואָלן יעדן טאָג, וואָס די שניידערס זענען בײַ איר אין שטוב געזעסן און האָבן זי אַלעמאָל גערופן „מחותּנתטע".

— מחותּנתטע, זענען די פּעלבלעך גענוג געדיכט? וואָס פאַר אַ ראַנד זאָל מען מאַכן צום קלייד? — האָבן די שניידער אַלעמאָל געפרעגט יאַכצין און דערבײַ האָט זי זיך דערמאָנט אין אירע יונגע יאָרן, וואָס פאַר אַ קלייד מיט וואָס פאַר אַ שליאַרעס מען האָט פאַר איר, יאַכצין, אַמאָל גענייט, ווען זי איז געווען אַ כּלה פאַר „אירן", ער זאָל האָבן דעם ליכטיקן גן-עדן. די שניידערס האָבן איר אויף דעם געענטפערט, שאָקלענדיק מיט די קעפּ:

— יאָ, יאָ, אַמאָל האָבן מיר גענומען פאַר אַ חופּה-קלייד פיר גילדן און מיר, בעל-מלאכות, האָבן געהאַט ברויט און קוילעטש מיט דעם פולן מויל, און היינט נעמען מיר פיר קערבלעך און מיר האָבן אפילו נישט אויף שבת.

יאַכצי מיט די שניידערס האָבן צוזאַמען געלויבט די אַמאָליקע יאָרן און באַקלאָגט די היינטיקע פאַלשע זינדיקע וועלט.

— נאָר וואָס זאָל מען טאָן, — זאָגן ווייטער די שניידערס,—מיט היינטיקע קינדער, אַז די מאָדע פאַרלאַנגט, מען זאָל גיין אָכצן שליאַרעס? מען מוז זיי נאָכגעבן.

יאַכצי לאָזט דערבײַ אַ טרער. דערווייל קומען אָן די נאָענטע שכנטעס אויך אָנקוקן, ווי עס ליגט אויף דער כּלה דאָס חופּה-קלייד, און טרעפן פלוצלונג יאַכצין פאַרוויינט. די ווייבער הייבן אָן זי צו זידלען:

— שעמט אייך, מחותּנתטע, וואָס וויינט איר? איר דאַרפט ווערן ברייטער, ווי לענגער, אַלע מאַמעס וואָלטן זיך געווונטשן צו זיין אויף אייער אָרט.

יאַכצי ענטפערט די ווייבער:

— גלויבט מיר, מײַנע ליבע, איר זענט געוויס גערעכט. מען דאַרף טאַקע נישט וויינען, אַז מען איז ווערט בײַ דעם, וואָס לעבט

איבּיק, צו פירן אַ קינד צו דער חופּה... אוודאי דאַרף מען נישט וויינען, נאָר אַז מען הייבט זיך אָן צו דערמאָנען... מען איז דאָך פאָרט אַ מוטער, עס טוט פאָרט ווי דאָס האַרץ, פּלוצלונג אוועקצוגעבן אַ קינד אַן אַנדערן... קאָרג בלוט האָב איך פאַרגאָסן איידער איך האָב זי געהאַט, איידער זי איז ביי מיר, מיינע ביינער זאָל זי איבּערלעבן, אויסגעוואַקסן... און איצט וואָס?

— וואָס זאָל מען טאָן, אַז די זינדיקע וועלט איז אַזוי באַשאַפן געוואָרן?

דערווייל האָבן די ווייבער געקוקט אויף דעם חופּה-קלייד און באַמערקט. „זייער יאָר זאָל אַזוי שיין זיין, ווי דאָס קלייד איז שיין".

די שניידערס האָבן זיך געהייסן געבן אויף בראָנפן, זיי האָבן געטרונקען צו יאַכצין לחיים און געווונטשן איר, זי זאָל דערלעבן צו נייען די חתונה-קליידער פון אירע אייניקלעך, דעמאָלט וועט זי מוזן צאָלן טייערער און זי וועט זיך שוין גאָרנישט דינגען, ווי זי האָט זיך געדונגען ביי דער טאַטעס קליידער.

יאַכצי זאָגט זיי צו און ווינטשט זיי, אַז ביי אירע אייניקלעכס חתונה זאָלן זיי שוין גאָר קיין שניידערס נישט זיין: זיי זאָלן ווערן אַליין גרויסע באַלעבאַטים...

די שניידערס ענטפערן:

— עט, יאַכצי, אַ שניידער בלייבט אַ שניידער. מיר וועלן שוין קיין „פּראָסטאַקעס" נישט זיין. לאָמיר אין אונדזער מלאכה האָבן פּרנסה, די וועלט קען נישט זיין אָן שניידערס.

— אמת, אמת, — זאָגט יאַכצי מיט די ווייבער און באַטראַכטן צווישן זיך די וועלט, רעדן פון אַ סך זאַכן און פאַרזיכערן, אַז איידער דער מענטש ווערט נאָך באַשאַפן, צייכנט מען אים שוין אָן אויף יענער וועלט, וואָס יעדער זאָל זיין: צי אַ „שניידער" אָדער אַ „פּראָסטאַק".

נאָר דאָס איז אַלץ גאָרנישט, האָט יאַכצי געטראַכט ביי זיך, דער אמתער יאַריד וועט זיך ערשט אָנהייבן, ווען עס וועט קומען נענטער צו דער חתונה, ווען די סאַרווערינס וועלן קומען צו איר אָנהייבן באַקן און בראָטן. איינע וועט פרעגן: „מחותנתטע, ווי מיינט איר, איז דער קאָרענער לעקעך גענוג „אויסגעשלאָגן?" איז ד'ער צוקערלעקעך שוין „אויפגעגאַנגען?" „וויפל פיש ווילט איר קויפן און וואָס פאַר עופות וועט איר נעמען". די אַנדערע וועט פרעגן, וויפל זי

וועט אויסבאַקן חלות, דערנאָך דער שבת פון דעם אויפרופן, ווען אַלע ווייבער וועלן קומען פירן יאַכצין, די מחותנתטע, אין שול אַריין. יאַכצי וועט גיין פאַר אַלע ווייבער אויסגעשלייערט און אפשר צוויי הונדערט ווייבער וועלן איר נאָכגיין! פון אַלע הייזער וועלן די מיידלעך, וואָס גייען נישט אין שול אַריין דאַוונען און די „ניאַנקעס" מיט די קליינע קינדער אויף די הענט, אַרויסלויפן אויף דער גאַס זען, ווי מען פירט יאַכצי די מחותנתטע. אַלע וועלן פרעגן און אָנווייזן מיט די הענט אויף איר.

— וועלכע איז יאַכצי די מחותנתטע?

— אָט די מיט דעם ווייסן, זיידענעם טיכל, איז יאַכצי די מחותנתטע.

— וואָס פאַר אַ שיין קלייד יאַכצי טראָגט!

ווער וועט איצט דען נישט דערמאָנען יאַכצין? אַלע צוויי הונדערט ווייבער, וואָס וועלן זי פירן אין שול אַריין, וועלן נאָר וועגן איר רעדן, נאָר דאָס אַליין איז נאָך גאָרנישט. דאָס רעכטע וועט זיך אָנהייבן ביי דער „וועטשערע", נאָך דער חופה, און עס וועט געוויס געדויערן אַ וואָך צוויי, איידער דער רעש פון דער חתונה וועט אַוועק.

מיט די געדאַנקען האָט זיך יאַכצי אַרומגעטראָגן אַ גאַנצע צייט, נאָר שטעלט אייך פאָר, ווי זי האָט אַראָפּגעלאָזט די נאָז, אַז פון דעם אַלעמען האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך. די חתונה האָט געמוזט זיין אין דאָרף. קיין אויפרופן מיט צווייהונדערט ווייבער איז גאָרנישט געווען. קיין „ניאַנקעס" מיט קינדער און יונגע מיידלעך זענען נישט אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס זען, ווי מען פירט יאַכצי די מחתנתטע. קיין „חתן-מאָל" איז אויך נישט געווען. עס איז נאָר געווען אַ שיינע חופּה-וועטשערע. לעקעך מיט אַלע אַנדערע זאַכן האָבן רויטמאַנס דינסטן אָפּגעבאַקן אָן געפּילדער, אָן רעש און מען האָט דערביי אפילו יאַכצים נאָמען נישט דערמאַנט... האָט נאָך דעם אַלעם יאַכצי געקאָנט זיין צופרידן?

סאָלאָמאָן מיט רחלען זענען עפּעס אויך נישט געווען, ווי צוויי יונגע מענטשן דאַרפן זיין אויף אַ חתונה. מען קען נישט זאָגן, אַז זיי זענען נישט געווען צופרידן מיט דער חתונה. פאַרקערט, עס האָט זיי זייער געפרייט, ווייל זיי האָבן זייער ליב געהאַט גאָלדשמידן מיט זיין כלה. ווען זיי זענען אַרויס פון שטאָט אין דאָרף, פלעגט סאָלאָמאָן אַלע זיינע סודות פאַרטרויען פאַר גאָלדשמידן און זיין

כלה. פונדעסטוועגן האָט מען זייער פרייד אויף דער חתונה גאָרנישט באַמערקט. פאַרקערט, יעדער האָט געזען, אַז סאָלאָמאָן און די פריי-לעכע רחל זענען טרויעריק. די גאַנצע צייט איז רחל געשטאַנען פון איין זייט לעבן דער באָבע פריידע, וועלכע איז מער געשלאָפן מיט אַ האַלב פאַרוויינט פּנים...

סאָלאָמאָן איז געזעסן אין אַ באַזונדער ווינקל צווישן די מאַנסלייט, שטאַרק פאַרטראַכט און עפּעס אויך ווי פאַרוויינט. איינס צום אַנדערן האָט נישט געטאָרט צוגיין, וואָרים זיין מוטער, פאַני אסתּרקע, האָט זיך אַרומגעדרייט און יעדן געוויזן, אַז זי איז אַ „פאַני", און פאַן קאַרל האָט מער נישט געטאָן, ווי אַכטונג געגעבן, אַז סאָלאָמאָן מיט רחלען זאָלן נישט רעדן איינס מיטן אַנדערן, כאָטש דאָס האָט זיי נישט געהאָלפן, ווייל זיי האָבן דאָך אַ ביסל גערעדט און געטאַנצט צוזאַמען, ווען די כלה האָט זיי געבעטן. נאָר דאָס גאַנצע רעדן און טאַנצן איז געווען זייער טרויעריק און עס איז גאָר קיין וווּנדער נישט: זיי האָבן געהאַט אויף וואָס צו קלאָגן און טרויערן.

די ליבשאַפט צווישן סאָלאָמאָנען און רחלען איז געוואָרן אַלע-מאָל שטאַרקער, שוין נישט ווי אַמאָל, ווען זיי זענען קינדער געווען. די צוויי אומשולדיקע יונגע מענטשן האָבן אין זייער ערלעכן וועג נישט געזען, אַז זייער באַשלוס — זיך אויף אייביק צו פאַרבינדן וועט באַטראַכט ווערן פאַר אַ פאַרברעכן, און טאַקע דעם אייגענעם אָוונט, ווען זיי האָבן ביי דעם וועלדל געשמועסט, אַז ער, סאָלאָמאָן, וועט זיין איר באַלעבאָס און זי, רחל, זיין באַלעבאָסטע, זענען זיי געלאָפן דאָס נייס דערציילן דער באָבע פריידע.

די באָבע האָט זיי געענטפערט:

— כאָטש מיינע אויגן זענען שוין פאַר אַלטקייט שוואַך און אַצעך גאָר ווינציק, נאָר איך האָב שוין לאַנג געזען, אַז מיין נחמהס קינד וועט זיין מיין שלומניוס כלה. מיט אַזוינע קינדער, ווי רחל איז, דאַרפן מיר אונדזערע יידישע מוזשיקס קינדער טיילן זייער לעבן און זייער מי וועט האָבן אַ קיום לדור דורות. דיין זיידע האָט געזאָגט: אין אַן אַקער טאָר מען על פּי דעם יידישן דת נישט איינשפּאַנען קיין אָקס מיט אַ פערד צוזאַמען. הלוואַי וואָלט דיין מאַמע אַנדערש געווען, וואָלטן מיר צו אונדזערע צרות נישט געקומען. פון אונדזער אַרבעט וואָלט קיין תּל נישט געוואָרן, נאָר שלומניו, לאָז מיר גאָט מוחל זיין — נישט איך דאַרף דיר דערציילן פון דיין מוטער — דו

ביזט איר קינד, מוזטו זי ליב האָבן און שעצן, ווי אַ מאַמע, נאָר אַז אַ מענטש האַלט אין רעדן, רעדט ער, וואָס אים טוט וויי. איך פלעג שטענדיק מקנא זיין דיין זיידן, וואָס ער ליגט שוין לאַנג, לאַנג אין דער ערד און זעט נישט, ווי אַלץ, וואָס ער האָט אויפגעבויט אַזוי גלייך און קלוג, האָט זיך איבערגעקערט פונקט קאַפּויר און נאַריש.

פון אַלטקייט איז די באָבע פריידע מיד געוואָרן, און ווען זי האָט זיך אַ ביסל אָפּגערוט, האָט זי ווידער אָנגעהייבן רעדן:

— איין שטיקעלע טרייסט פלעג איך האָבן: אין דיר שלומניו, און אין דיר, מיין טייערע רחל. איר ביידע צוזאַמען וועלן קענען ווייטער גיין דעם וועג, וואָס דיין זיידע מיט מיר זענען געגאַנגען. מיר האָבן געהאַט אַזויפיל פיין, מיר האָבן אַריבערגעטראָגן ליטישע רייד און בזיונות מיט געלעכטער, איידער מיר האָבן דעם וועג דורכגעבראָכן. איך, מיינע טייערע קינדער, וועל שוין לאַנג נישט לעבן, איך בעט ביי גאָט נאָר איין זאַך: צו דערלעבן אייער חתונה, דערנאָך וועל איך רויק שטאַרבן. מיט דעם געדאַנק, אַז איר וועט קומען דערצו, צו וואָס אייער זיידע שלום, ער זאָל האָבן דעם ליכטיקן גן-עדן, האָט פאָרגענומען... אויף אונדזערע פעלדער אַרבעטן שוין עטלעכע יידן. זיי זענען פלייסיק, געטריי און נישט ערגער ווי אַנדערע ערדאַרבעטער. מיט פיל זאַכן זענען זיי נאָך בעסער פון די קריסטלעכע אַרבעטער. דו זאָלסט אָבער וויסן, סאָלאָמאָן, ווי שווער דאָס איז אונדז אָנגעקומען, איידער מיר האָבן אין אונדזער געגנט געקריגן פעיקע יידישע מוזשיקעס, ווי שווער עס איז אונדז אָנגעקומען זיי צוגעוויינען צו ערדאַרבעט... מיט די ערשטע יידן האָבן מיר געהאַט מי, דערפאַר אָבער קענען שוין זייערע קינדער נישט לעבן אָן ערדאַרבעט. אין דער לעצטער צייט האָב איך געמיינט, אַז פון אַלץ ווערט אַ תל, נאָר איצט, זע איך, מיינע טייערע קינדער, ווי מיין גרעסטע האָפענונג ווערט דערפילט. עס טוט מיר נאָר באַנג, וואָס דיין זיידע האָט דאָס גלייך מיט מיר נישט דערלעבט! איצט וועל איך רויק שטאַרבן...

זי האָט זיי געקושט, געבענטשט און געוויינט פאַר פרייד. סאָלאָמאָן און רחל זענען אַוועקגעגאַנגען פון דער באָבע פריידען גליקלעך. נאָר ווי זיי זענען אַריינגעקומען צו דער מוטער, וועלכע האָט שוין געוווּסט נאָך וואָס זיי זענען געקומען, ווייל פאַן קאַרל האָט

איר דערציילט, האָט רחל מיט איין בליק אויף פּאַני אסתּרקע פאַר־שטאַנען, ווי זי האַלט. זי איז באַלד אוועקגעגאַנגען אַזוי, אַז סאָלאָ־מאָן האָט דאָס אַפילו נישט באַמערקט.

ווען סאָלאָמאָן האָט זיין מוטער דערציילט פון דעם נייס און ווי אַ קינד געבעטן איר דערלויבעניש, איז אסתּר געוואָרן אַנגעצונדן:

— איך האָב נישט געגלויבט פאַן קאַרלען, אַז ער האָט עס מיר אויס גוטפריינטשאַפט דערציילט, צום סוף זע איך, אַז עס איז אמת: דו מיט דעם קרעטשמערס מיידל?..

— יאָ, עס איז אמת.

— סאָלאָמאָן! דו וואַגסט מיר נאָך צו זאָגן, אַז עס איז אמת? דו פאַרגעסט, אַז איך בין דיין מוטער? ווייס־זשע, אַז עס פּאַסט נישט פאַר מיר, פאַר אונדז אַלע, איך זאָל האָבן דעם קרעטשמערס טאָכטער פאַר אַ שנור. נאָר ווי שעמסטו זיך נישט צו האָבן גע־שעפטן מיט אַזאַ נידעריקן מענטשן? ווי קומט עס גאָר צו מיין קינד?..

— מאַמע!..

— סאָלאָמאָן, דו האָסט מיר דאָ גאָרנישט וואָס צו זאָגן, איך וויל נישט הערן דיינע נאַרישע, יינגלשע רייד. מיין נישט, אַז דאָס וועט דיר אָפּגיין ווי פריער. אָן דיין מוטערס וויסן האָסטו אָנגעהייבן געוועלטיקן מיט אונדזער גאַנץ פאַרמעגן און האָסט אַראָפּגעבראַכט נייע פאַרוואַלטערס מיט נייע „אַפּיעקונעס". איך האָב מיך דעמאָלט מיישב געווען, אַז דאָס איז אַ זאַך פון אַ מאַנסביל, און מיין קינד וויל זיין באַלעבאָס — זייער פיין, און ווידער וואָס האָב איך צו רעדן, עס איז שוין פאַרפאַלן! דו האָסט אָפּגעטאָן, אָבער אין דער זאַך בין איך מוטער!.. איך קען און וועל עס נישט דערלאָזן. איך האָב גענוג בלוט איבער דיר פאַרגאָסן, גענוג צרות איבערגע־טראָגן, איידער איך האָב דיך אויפגעצויגן.

— מאַמע! — האָט סאָלאָמאָן ווידער געוואָלט רעדן.

נאָר אסתּר האָט אים נישט געוואָלט אויסהערן.

— ווי קומט גאָר צו דיר אַזאַ נאַרישקייט, צו האָבן צו טאָן מיט אַזאַ מיידל, וואָס איז גאָרנישט דיין גלייכן? פּאַסט דאָס פאַר דיר, פאַר אונדז? איך מוז דיר זאָגן, אַז דו האָסט נישט אַזאַ מוטער, ווי אַלע נאַרישע יידישע מוטערס, וואָס גלויבן נישט אין ליבע און זעענען זיך אין זייערע קינדער נוקם וויבאַלד עס פאַרלויפט זיך ביי־

זיי אזא מעשה, נאָר באַרעכן פריער, צי עס איז נישט אַ בזיון פאַר דיר און פאַר דיינע עלטערן...

— די באבע פריידע זאָגט, אַז עס איז גלייך, אַז עס פּאַסט און עס קען פאַר מיר קיין בעסערער שידוך נישט זיין. זי האָט אונדז ביידע היינט געגעבן איר ברכה...

— אַ! אַ!.. די באבע! ווער איז דיין באבע? נישט קיין קרעטשמערקע, וואָס האָט אַמאָל פאַרקויפט קעז און פּוטער! דו מיינסט, דיין מאַמע וואָלט אַנגעקומען צו די גראַביאַנעס, נאָר...

פאַני אסתרקע האָט זיך צעוויינט:

— איך וואָלט געקענט אָנקומען אין אַנדערע הענט — פּאַסט צו מיר אַזאַ שוויגער? דו קוקסט אָן אַלץ, וואָס עס איז נאָך דאָ אַ ביסל ייִדיש, אַז אַ ליטישער מענטש קען נאָך אַריינגיין צו אונדז... דאָס איז אַלץ אַ דאַנק מיר, אַ דאַנק מיינע הענט! יאָ, מיין קינד, דיין מוטער, וואָס האָט נאָך געקענט לאַנגע יאָרן זיין יונג, האָט איר לעבן פאַרשפּילט.

— די באָבע האָט...

אסתר האָט אים ווידער נישט געלאָזט אויסרעדן.

— און דו טוסט מיר אָן בזיונות מיט ווייטיקן. איך בין נישט קיין נאַרישע מוטער, ווי אַנדערע ייִדישע מוטערס, איך זאָל מיט דיר טאָן אַ שידוך און דיך נישט פרעגן, אָבער וויאַזוי איז עס מעגלעך, אַז מיין קינד זאָל זיך פאַרליבן אין אַן „אַרענדאַרסקי מויד"? איך בין אויך אַמאָל געווען אַ יונג קינד און האָב מיך אויך פאַרליבט, נאָר איך האָב געוווּסט אין וועמען — אין מיין גלייכן! איך מוז דיר זאָגן דעם אמת, ווען דו זאָלסט זיך אפילו געווען פאַרליבן אין פאַן יאַנס אַ טאָכטער, צי דאָסגלייכן, כאָטש עס איז אויך נישט גלייך, ווייל זיי זענען קריסטן און מיר ייִדן, און כאָטש פון דער ליבע וואָלט אויך גאָרנישט געוואָרן, נאָר צום ווייניקסטנס וואָלט איך כאָטש קיין בזיונות נישט געהאַט. מען וואָלט געזאָגט, אַז מיין קינד האָט זיך פאַרליבט אין אַ פּריצס אַ טאָכטער, אָבער איצט, וואָס קען די וועלט זאָגן? וואָס וועט זאָגן פאַן יאַן און פאַן קאַרל אויף דיר און אויף מיר? ניין, סאַלאָמאָן, איך קען דאָס נישט איבערטראָגן. איך וויל מער נישט הערן קיין רייד שום ווערטער וועגן דעם, אויף ווייטער זאָלסטו מיט איר קיין שום געשעפטן נישט האָבן. דו זאָלסט זיך אפילו מיט איר נישט באַגעגענען. היינט זע איך, ווי פאַן קאַרל איז געווען גע-

רעכט, ווען ער האָט געוואָלט לעמלען מיט זיין טאָכטער אַרויסוואַרפן פון דאָרף, און איך ווייס טאַקע נישט, פאַרוואָס זיי האָבן זיך אָנגעזעצט אויף מיין קאָפּ? יעדע זאַך מוז האָבן אַן ענדע. עס איז דאָ אַ סך אָרעמעלייט. נאָר זאָגן זאָג איך דיר, סאָלאָמאָן, אַז טאָמער וועל איך ווייטער הערן אַזעלכע זאַכן, ווי איך האָב געהערט ביז אַהער פון דיר, וועט זייער פוס נישט זיין ביי אונדז אין דאָרף, דעמאָלט וועט אַלץ נעמען אַ סוף!

וויפל סאָלאָמאָן האָט נישט געפּרוווט רעדן און בעטן, האָט אסתּר גאָרנישט געוואָלט הערן, און איז פון אים אַוועקגעגאַנגען. זי האָט אים איבערגעלאָזט אַליין אין זאַל.

דעם אַנדערן טאָג איז סאָלאָמאָן, ווי תּמיד געלאָפן אויסגיסן זיין האַרץ פאַר גאָלדשמידן מיט דער האָפענונג, אַז דער קלוגער און געטרייער פריינט וועט אים געבן אַ רעכטע עצה, און עס וועט זיך אַלץ ענדיקן צום גוטן, נאָר ווי צעבראָכן איז ער געוואָרן, ווען גאָלדשמיד האָט אים דערויף געענטפערט:

— דיין מוטער איז גערעכט. קיינער קען נישט אָפּלייקענען, אַז זי איז דיין מוטער, און קיינער קען ביי איר די מוטערלעכע רעכט נישט צונעמען, און קיין שום זייטיקער מענטש טאָר זיך אין דער זאַך נישט אַריינמישן. ווען דו האָסט איבערגענומען די ווירטשאַפט און זיך אַ ביסל שטרענג באַגאַנגען מיט דיין מוטער און געטאָן אַלץ מיט דיין שכל — איז אויך געווען אַ שטיקל עוולה. אַ מוטער האָט דאָס רעכט ביי אירע קינדער צו זאָגן אומעטום אַ דעה, נאָר פאַר דעם האָט מען דיך נישט געקענט אַזויפיל באַשולדיקן, ווייל זי האָט אַלץ שלעכט געפירט און עס וואָלט פון אַלץ געקענט ווערן אַ תּל. אָבער אין דער זאַך, ווען זי זאָגט, אַז דו קענסט טאָן אַ גרעסערן און אַ בעסערן שידוך, און עס שטייט איר נישט אָן, אַז רחל זאָל זיין איר שנור, כ׳ווייס... זי איז אַ מוטער גלייך מיט אַלע און מעג זאָגן דעות ביי איר קינדס גליק. חתונה האָבן איז דער וויכטיקסטער שריט ביים מענטשן. פיל יונגע מענטשן טוען דעם שריט און איבערלייגן זיך נישט.

— אָבער, גאָלדשמיד, איר זאָלט עס זאָגן? איר ווייסט דען נישט, אַז איך קען פון קיין אַנדערער אויסער רחלען נישט דענקען? איך קען אַנדערש נישט טאָן, עס זאָלן אַפילו קומען צען מאַמעס מיט

אַלערלײ גרויסע און שײנע שידוכים; און װידער פֿאַרשטײ איך נישט. װאָס האָט מען זיך מיט רחלען צו שעמען?

— איך זאָג דיר נישט, אַז רחל שטײט נידעריקער פֿון אַנדערע,— האָט גאָלדשמיד געזאָגט, — גלױב מיר, און דו װײסט עס אַלײן זײער גוט, אַז די שטילע, פּראָסטע, שײנע און ערלעכע רחל, שעך איך פֿיל מער פֿון אַ סך אַנדערע יידישע מײדלעך. װען עס זאָל זיך װענדן אָן מיר, װאָלט איך דיר געװיס מיט בײדע הענט געגעבן מײן ברכה, נאָר בײ אַזאַ זאַך האָב איך קײן רעכט נישט צוזאָגן דיר דעות... ביז דײן מוטער װעט פֿריער נישט געבן איר הסכמה.

— אַזאַ גוטער פֿרײנט זענט איר מיר, גאָלדשמיד? — האָט סאָלאָמאָן מיט האַרצװײטיק אױסגעשריען.

— ביזטו נישט אַ ײנגל, װען דו זאָגסט דאָס? אױס גוטפֿרײנטשאַפֿט װאָלט איך נאָר דעמאָלט דיר געקאָנט זאָגן אַ דעה, װען איך זאָל זען, אַז רחל איז מיט אַ פֿעלער און דו קאָנסט מיט איר זײן אומגליקלעך, אָדער װען עס זאָל זײן אַ גליקלעכער שידוך און דו זאָלסט צו אים נישט קענען קומען. בײ אַזאַ פֿאַל װאָלט איך דיר אַלס פֿרײנט מיטגעהאָלפֿן מיט אַלעם מעגלעכן, אָבער דאָ איז גאָר עפּעס אַנדערש: רחל איז דיר געפֿעלן און דו רחלען. איר זענט בײדע גלײכע מענטשן. דו ביזט זי װערט און זי דיך. איך װאָלט אױך צו אײער גליק נאָר געקאָנט זאָגן: „מזל־טוב”. נאָר אַז דײן מוטער װיל באַין אופֿן נישט, טאָ װער קען זיך דאָ אַרײנמישן? אַ מוטער איז איר אײגן קינד קײן שונא נישט און װיל אין איר קינד גליק זען, הײנט װער קען דאָ עפּעס זאָגן?

— מײן מוטער איז מיר דערמיט דער גרעסטער שונא!

— זאָג דאָס נישט, סאַלאַמאַן, דו ביזט נאָך אַ ײנגל... אַלע יונגע קינדער האָבן ליב צו גײן מיט זײער שכל און דענקען, אַז דאָס, װאָס די עלטערן זאָגן זײ, איז קרום... עס לאָזט זיך אָבער דאָס רוב אױס, אַז די עלטערן גײען מיט דעם ריכטיקן װעג.

— װאָס טױג מיר, גאָלדשמיד, װאָס איר דערצײלט מיר מעשיות, װער עס איז קליגער? לאָז זײן, אַז די עלטערן. װאָס טוט מען אָבער? איך קען אָן רחלען נישט לעבן... איך בין געקומען צו אײך, איר זאָלט מיר געבן אַ גוטע עצה, װי אַזױ איך זאָל מיך נוהג זײן, כּדי מײן מוטער זאָל מסכּים זײן: איך מוז אײך זאָגן, אַז־איך װאָלט גאָר אױף קײנעם נישט געקוקט, נאָר רחל האָט מיר הײנט געזאָגט.

אז זי וועט מיט מיר נישט חתונה האָבן, ביז מיין מוטער וועט נישט געבן איר הסכמה, און זי וועט געוויס האַלטן וואָרט.

— זעסטו, אַז רחל איז קלוגער פון דיר, און עס קען גאָר אַנדערש נישט זיין. דו מוזט פאָלגן דיין מוטער.

— וואָס הייסט פאָלגן? נישט חתונה האָבן מיט רחלען? דאָס קען גאָרנישט זיין!..

— ווי אַזוי דו זאָלסט פאָלגן דיין מוטער, ווייס איך נישט, נאָר דאָס גלייכסטע וואָלט געווען, דו זאָלסט ביי קיינעם קיין עצות נישט פרעגן און נאָך ווייניקער ביי מיר.

סאָלאָמאָן האָט זיך ווייטער אָנגעהייבן היצן, נאָר ער האָט פון גאָלדשמידן קיין שום ענטפער נישט באַקומען. שפּעטער, ווען סאָלאָמאָן פלעגט אָנהייבן דעם שמועס מיט זיין לערער, האָט גאָלדשמיד נישט געוואָלט הערן, און וויפל סאָלאָמאָן האָט געטענהט מיט זיין מוטער, האָט עס נישט געהאָלפן. זי איז געווען שטאָל און אייזן. רחל האָט נישט געוואָלט הערן פון חתונה האָבן אָן סאָלאָמאָנס מוטערס הסכמה. פאַן קאַרל פלעגט שטענדיק פּאַני אכת־קען איבערגעבן פון יעדער זאַך, וואָס ער האָט געזען און אפילו נישט געזען פון סאָלאָמאָנען און רחלען.

פאַר די יונגע קינדער האָבן זיך אָנגעהייבן זייער טרויעריקע טעג: אויף דעם פעלד אָדער אין גאַס האָבן זיי זיך נישט געטאָרט באַגעגענען און רעדן, נאָר איין טרייסט איז זיי איבערגעבליבן — זיי פלעגן זיך אַמאָל צונויפקומען ביי גאָלדשמידן אין הויז און זיך אָנרעדן פאַר דער גאַנצער צייט. נאָר וואָס האָט עס געהאָלפן, אַז מען פלעגט זיך מוזן פון דאָרט צעגיין מיט צעבראָכענע הערצער און מיט שוואַכע האָפענונגען, אַז איינגיכן זאָלן זיי חתונה האָבן.

אַזוי האָבן די יונגע מענטשן זיך געפּלאָגט; זיי האָבן זיך פאַר קיינעם נישט געקאָנט אויסרעדן דאָס האַרץ, נאָר זייערע אייגענע טרערן פלעגן זיי אין די שטילע נעכט טרייסטן. די געטרייע באָבע פריידע האָט זיי אויך נישט געקאָנט העלפן. פאַר אַלטקייט פלעגט זי כמעט שטענדיק שלאָפן און נישט וויסן, וואָס עס טוט זיך אַרום איר.

דעריבער זענען זיי געווען אַזוי טרויעריק אויף דער חתונה, גלייך מיט פאַן קאַרלען, וואָדאָפּיאַנאָוון און יאַכצין, וועלכע זענען אויך נישט געווען צופרידן...

אַ צייט פאַר גנבים און מערדער.

איין יאָר איז אינגאַנצן אַוועקגעגאַנגען פון דער צייט, זינט מען האָט אין רוסלאַנד געיום־טובט דעם נייַנצעטן פעבּרואַר, דעם טאָג פון דער פּויערים־באַפרייונג. אין דער צייט זענען די אַנטיסעמיטן, און נאָכמער די אָדעסער צייטונג, ווי וואָדאָפּיאַנאָוו האָט געשריבּן, גאָר אַרויס פון די כּלים און האָבּן שוין גאַנץ אָפן גערייצט קעגן יידן און אויסגעטראַכט אויף זיי די שרעקלעכסטע זאַכן. איין צייטונג האָט גאַנץ פריי נביאות געזאָגט, אַז אין דעם רוסישן פּסח וועט מען אין אדעס, אין יעליסאַוועטגראַד און אין אַנדערע שטעט שלאָגן יידן. מען האָט זיך אָבּער אויף דעם גאָרנישט אומגעקוקט. עס איז געווען אין רוסלאַנד רויק און מען איז זיכער געווען, אַז ווייטער וועט אויך אַזוי זיין.

אין דערזעלבּער צייט האָט מען אויף די פּעטערבּורגער גאַסן דערהרגעט אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, און יעדער ייד האָט דערפילט, אַז דער כּעס וועט אויסגעלאָזט ווערן צו יידן.

אַלע זענען אַ לאַנגע צייט געווען ווי דערשלאָגן. ביי יעדן האָבּן זיך אָפּגעלאָזט הענט און פיס. יעדער האָט דערוואַרט, אַז עס וועט עפּעס געשען... איינער דעם אַנדערן האָט געפרעגט: וואָס וועט ווייטער זיין? קיינער האָט נישט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן אויף דער פראַגע. די יידן האָבּן געפילט, אַז וויבאַלד עס וועט נאָר עפּעס געשען, וועט עס זיי צום ערשטן טרעפן, זיי וועלן זיין דאָס ערשטע כּפרה־הינדל.

אזעלכע לייט, ווי פעליכאָוו און לגונאָוו, האָבן ערשט דעמאָלט געעפנט די אויגן. אפילו וואָדאָפיאַנאָוו, וועלכער האָט די לעצטע צייט פאַר צרות גאָר געשיכורט, האָט זיך איצט אויסגעניכטערט און זיך געריבן די אויגן. פאַן קאַרל האָט מודה געווען, אַז דער פאַן פיסאַר איז גערעכט.

אַלע גנבים און מערדער, וואָס פלעגן גאַנצע טעג איבערליגן אין די נאַרעס און נאָר שפּעט ביינאַכט זיך ווייזן אויף גאָטס וועלט, האָבן איצט, אין העלן טאָג, פריי אַרומגעשפּאַצירט אין די גאַסן און האָבן אָנגעהייבן שמעקן און זיך צוהערן וואָס מען רעדט. זיי האָבן אויך דערוואַרט, אַז עפּעס וועט געשען...

מען האָט אָנגעהייבן זייער פלייסיק צו לייענען צייטונגען. אפילו דאָס פּראָסטע פאָלק האָט געוואָלט וויסן, וואָס די צייטונגען שרייבן פאַר אַ נייס. עס זענען אַרומגעפלויגן פּאַטשטן מיט ליגנס, אַ דאַנק וואָדאָפיאַנאָוון און אַנדערע אַזעלכע חברה־לייט.

— איצט איז געקומען פאַר אונדז די צייט צו אַרבעטן, — האָבן די לייט צווישן זיך גערעדט.

די ערשטע פּאַטשט, וואָס מען האָט צעטראָגן איבער שטעט און באַזונדערס איבער די דערפער, איז געווען, אַז אַ ייד האָט געהרגעט דעם צאַר. דאָס פאָלק האָט שוין אָנגעהייבן טייטלען מיט די פינגער אויף יידן. דערנאָך האָבן זיך, ווי פון אונטער דער ערד געהערט נייס אין די דערפער, אַז מען הייסט אַרויסטרייבן יידן פון רוסלאַנד און צונעמען זייער פאַרמעגן, דערפאַר וואָס זיי האָבן געהרגעט דעם „צאַר". מיט אַזעלכע ליגנס האָט מען דאָס פאָלק אונטערגעהעצט און עס האָט נאָר געפעלט אַ שוועבעלע דאָס פייער אָנצוצינדן. די שונאי־ישראל האָבן געאַרבעט אויף אַלע כלים, דאָס פייער זאָל נישט געשטילט ווערן.

דער יום־טוב „פּאַסכאַ" איז געווען פאַר דעם פאָלק דאָס שוועבעלע! מען האָט גאָר קיין געלעגנהייט נישט באַדאַרפט צו זוכן. עס איז געווען גענוג, אַז פון אַ יידישן שענק האָט מען אַרויסגעשטופּט אַ שיכור, וואָס דאָס טרעפט זיך אַלע טאָג, ווען אַ שיכור וויל נישט באַצאָלן, אָדער מען וויל אים נישט מער געבן קיין בראָנפן אויף באָרג. ביי אַנדערע צייטן, וואָלט דערפון גאָרנישט געווען, נאָר איצט — איצט איז עפּעס אַנדערש: דער שיכור האָט גאָר אָנגעהייבן שרייען: „יידן שלאָגן אונדז!" דאָס איז שוין געווען גענוג, אַז אין יעליסאַ־

וועטגראַד זאָל ווערן אַ פּאָגראָם אויף דריי טעג, און יידיש געלט, יידיש פאַרמעגן, יידיש בלוט — זענען הפקר געוואָרן... יידישע טעכ-טער, יידישע שולן, יידישער כּבוד און יידישע ספרי-תּורות האָט מען געשענדט...

נאָך איידער דער יעליסאַוועטגראַדער פּאָגראָם האָט זיך גע-ענדיקט, איז מען שוין פון אים געוווּ'ר געוואָרן אין אַלע דערפער אַרום און אַרום. די וואָקאַסטנאָי שרייבערס, די דאָרטיקע וואָדאָפּיאַנאָוס, האָבן „אויפגעקלערט" דאָס פאָלק, אַז דער „פּריקאַז" אויף יידן איז שוין אָנגעקומען, אַז מען האָט שוין אָנגעהייבן אין יעליסאַוועטגראַד, און איצט קענען זיי גיין פאַרנעמען יידיש גוטס.

מאַן און ווייב, אַלט און יונג זענען מיט זעק געגאַנגען אין שטאָט אַריין און האָבן זיך איבערצייגט, אַז דער פּיסאַר האָט אמת געזאָגט, אַ סימן — זיי האָבן פון דער שטאָט מיטגעבראַכט פיל זעק און פורן מיט יידישע סחורות און שטוב-זאַכן, און געטרונקען יידישן בראָנפן און ווײַן אומזיסט. וויפל מען האָט נאָר געוואָלט. קיינער האָט זיי נישט געשטערט. די יידן אַליין האָבן זיך באַהאַלטן, און אַז מען האָט אַ יידן באַגעגנט, האָט מען אים אַרײַנגעלייגט קלעפּ וויפל מען האָט נאָר געקאָנט. אַהיים איז מען געקומען מיט יידישע גוטס, מיט געזאַנג און מען האָט אָנדערציילט נסים. די, וואָס זענען פריער אינ-דערהיים געבליבן, האָט עס שטאַרק באַנג געטאָן, וואָס זיי זענען נישט געווען אין שטאָט, און כּדי זיי זאָלן זיך האָבן מיט וואָס צו טרייסטן, האָט מען זיי געגעבן די עצה צו מאַכן פּאָגראָמען אין די דערפער און דאָרט צו ראַבעווען דאָס יידישע פאַרמעגן! אַ דאַנק די וואָדאָ-פּיאַנאָווס האָט מען צווישן דעם פאָלק אַלע טאָג אַרומגעטראָגן נייע פאַטשטן מיט באַפעלן אין פאַרשידענע קלענערע שטעט און אין די דערפער.

עס האָט זיך אָנגעהייבן נייע פּאָגראָמען אין קיעוו, סמיעלאַ, זשמערינקע, וואלאטשיסק, אדעס, באַלטע און אין אַנדערע שטעט.

דער „פּאַן פּיסאַר" האָט באַוויזן, אַז ער האָט טאַקע גרויסע פעיִקייטן: ער האָט זיינס אויסגעפירט און אָנגעמאַכט אין סטעפּקיוקע אַ פּאָגראָם! מען האָט געשלאָגן, געראַבעוועט, געריסן יידישע קישנס און בעטגעוואַנט, געבראָכן פענסטער און מעבל, געשענדט יידישע פרויען. עס איז געווען איינער פון די שרעקלעכסטע פּאָגראָמען אין דעם דאָרף סטעפּקיוקע.

צום מייסטן האָט מען זיך פאַרלייגט אויף דעם יידישן „פּאָמעש-טשיק". פון זיין הויז מיט די פעלדער האָט מען געמאַכט אַ תּל, אַפילו די שאָף און די בהמות האָט מען איבערגעהאַקט די רוקנס מיט די פּיס, דאָס ברויט פון די מאַגאַזינען האָט מען צעשיט און פאַרברענט. די תּבואות אויף די פעלדער האָט מען צעטראָטן, קיין גאַנץ בענקל האָט מען דעם רייכן יידישן גוטבאַזיצער נישט איבער-געלאָזט. דעם אָרעמען לעמלס קרעטשמע האָט מען צעטראָגן אין אַ מינוט.

צווישן דער גאַנצער קאָמאַנדע האָט זיך אויסגעצייכנט דער „פּיסאַר" וואָדאָפּיאַנאָוו. ער האָט געאַרבעט אויף אַלע כּלים. מיט אים צוזאַמען האָט מען געזען אַרבעטן דעם וועכטער, יאַכטעם דרוטשאַק, דעם וואלאסטנאַיס זון און נאָך עטלעכע וואָדאָפּיאַנאָווס פריינט. דער גלח דאַנילאָוו האָט געהאַלטן דרשות פאַר דעם פאָלק און זיך אַרומ-געדרייט מיט דעם צלם און מיט די הייליקע בילדער. ער האָט גע-בעטן, געסטראַשעט, געוויינט פאַר די פּויערים, זיי זאָלן זיך צעגיין און נישט גלויבן, אַז עס איז דאָ אַן „אוקאַז" צו ראַבעווען יידן, און מען וועט זיי פאַר דעם שטאַרקן פאַרברעכן, וואָס זיי טוען, שטרענג באַ-שטראָפן. דער אַלטער פּאַן יאַן האָט אים מיטגעהאָלפן, עס איז אָבער געווען אומזיסט. מען האָט די פּויערים צו שטאַרק אויפגעהעצעט און מען האָט גאָרנישט מער געוואָלט הערן פון אַ גלח און פון דעם „פּאַן".

דער פּאָגראָם האָט געדויערט אַ גאַנצע נאַכט. דער עולם איז זיך ערשט צעגאַנגען, ווען עס איז שוין נישט מער געבליבן, וואָס צו ברעכן און צו ראַבעווען. בשעת די פּויערים האָבן געאַרבעט, האָט וואָדאָפּיאַנאָוו דערזען פּאַני אסתּרקע און האָט זי איבערגעגעבן די שיכּורים, נאָכדעם פּאָגראָם האָט מען זי געפונען אויף דער גאַס ליגן. זי האָט נאָך קוים געזשיפּעט, אין עטלעכע שעה שפּעטער איז זי גע-שטאָרבן. די אַלטע פריידע האָט מען באַלד אין אָנהייב מיט איין קלאַפּ דערהרגעט.

סאַלאמאנען, וואָס האָט זיך שטאַרק געראַנגלט מיט די מערדער צו ראַטעווען זיין מוטער, האָט מען פאַרוואונדעט. גאָלדשמיד איז אויך געווען שטאַרק צעשלאָגן, זיין ווייב, גאָלדע, האָט דער גלח באַהאַלטן ביי זיך אין הויז. דעם אָרעמען לעמל האָט מען געמוטשעט. די פּאָ-גראָמשטשיקעס האָבן מיט אים געמאַכט קאָמאַנדעס; זיי האָבן אים געהייבן אינדערלופטן און געלאַכט דאָס גרעסטע געלעכטער, ווען

זיינע פיאות האָבן אַרומגעטאַנצט. דער אומגליקלעכער האָט נאָר גע־שריען „געוואַלד", וואָס האָט נאָכמער געמאַכט לאַכן די שיכּורע חברה.

דעם צווייטן טאָג זענען אָנגעקומען סאָלדאַטן צו שטילן דעם פּאָגראָם און צו מאַכן אויספאָרשונגען. געוואונדערט האָבן זיך אַלע שטאַרק, אַז מען האָט אויף דעם פעלד געפונען פאַן קאַרלען זייער שטאַרק פאַרוואונדעט: איין האַנט איז אים געווען איבערגעהאַקט און איין אויג אויסגעשטאָכן. נאָכמער האָט מען זיך געוואונדערט, וואָס מען האָט נישט געקענט געפינען רחלען, לעמלס טאָכטער. זי איז פאַרשוואונדן געוואָרן, ווי אין וואַסער אַריין. סאלאמאן האָט אין זיין עדות זאָגן דערציילט, אַז ווי דער פּאָגראָם האָט זיך נאָר אָנגעהייבן, איז ער געלאָפן צו לעמלען און האָט שוין געטראָפן די קרעטשמע צעראַבירט, נאָר רחל איז דאָרט נישט געווען. ער האָט זי געזוכט צווישן די פּאָגראָמשטשיקעס און נישט געפונען, האָט ער שוין גע־האַט געניג צו טאָן מיט דעם ראַטעווען זיין מוטער, ביז מען האָט אים אַליין געשלאָגן, אַז ער איז געבליבן אין חלשות און ווייסט נישט, וואָס ווייטער איז געווען.

גאָלדשמיד האָט דערציילט, אַז ווען ער האָט געוואָלט מיט זיין ווייב אַרויס פון דער שטוב, איז אים אַקעגן געקומען דער גלח; ער האָט אים איבערגעגעבן זיין ווייב און האָט אויך געוואָלט לויפן ראַטעווען רחלען, ווייל ער האָט גערעכנט, אַז די פּאָגראָמשטשיקעס וועלן געוויס אָנפאַלן אויף דעם יונגן מיידל. נאָר איידער ער איז צו־געלאָפן צו דער קרעטשמע, האָט ער געהערט די געשרייען פון אסתרן מיט סאלאמאנען, און ער איז געלאָפן גלייך צו זיי. דאָ האָט מען אים דערלאַנגט אַ שטאַרקן זעץ אין קאָפּ, ער איז אַנידערגעפאַלן און נישט געקענט אויפשטיין פון דער ערד.

מען האָט געפרעגט די גויִים, האָבן זיי געענטפערט, אַז זיי האָבן גאָר רחלען די גאַנצע צייט נישט געזען. פאַן קאַרלען האָט מען נישט געקענט פרעגן, ווייל ער איז געלעגן ביי דעם פאָטער אין הויז שטאַרק קראַנק. מען האָט אין אָנהייב אַרעסטירט אַ צוויי־הונדערט פּויערים, דעם אַנדערן טאָג האָט מען אַ הונדערט אַרויסגע־לאָזט, און נאָך אין עטלעכע טעג אַרום זענען נאָר געבליבן צען. די הויפּטשולדיקע אין דעם פּאָגראָם האָט מען נישט געפונען און זיי זענען אַרומגעגאַנגען פראַנק און פריי אויף גאַטס ערד. פון די צען האָט מען אַכט איבערגעגעבן דעם „מיראָוואָי" (פרידנסגעריכט) און

צווי דעם אונטערזוכונגס-ריכטער, און דערמיט האָט זיך געענדיקט די גאַנצע אויספאָרשונג וועגן דעם סטעפּקיווקער פּאָגראָם.

יאַכצי, וואָס האָט זיך בשעת דעם פּאָגראָם באַהאַלטן הינטער אַ קוימען אויף דעם בוידעם, איז ווי עס איז גליקלעך אַנטלאָפן קיין נעזווינק. זי האָט באַוויזן אָפּצוראַטעווען פון דעם פּאָגראָם איר זאַק מיט די שפּיזלעך און ווייטער געדרייט. אָבער נישט לאַנג, ווייל איידער מען האָט זיך אומגעקוקט, איז אין נעזווינק אויך געווען אַ פּאָגראָם. יעדן דריטן טאָג האָט מען געהערט פון אַ נייעם פּאָגראָם. די וואָדאָפּיאַנאָווס האָבן נישט גערוט. סיבות האָט מען באַלד געפונען: דאָ האָט זיך דער פּאָגראָם אָנגעהייבן איבער אַ שיכור, דאָ איבער אַ קינד, — איין פּאָגראָם האָט אויסגעזען, ווי דער אַנדערער.

אברהם גאָלדשמידס ברידער, דעם שמיד מיט דעם שלאָסער, האָט מען צעטראָגן די „קוזניע" מיט דער „סליעסארניע". מען האָט געשלאָגן זייער אַלטן פאָטער „זלמן מקובל" און אויך יאַכצין.

סאלאמאן מיט גאָלדשמידן און זיין ווייב גאָלדע, וואָס זענען געקומען אין שטאָט אַריין זוכן רחלען, האָט אויך געטראָפן דאָס אייגענע אומגליק; זיי זענען פון איין פייער אַריינגעפאַלן אין דעם אַנדערן. סאלאמאן איז געווען פאַרצווייפלט. באַלד, ווי ער האָט געזען, אַז זיין באָבע מיט דער מוטער זענען טויט, האָט ער זיך געוואָלט וואַרפן אין וואַסער אַריין. מען האָט אים אָבער נישט געלאָזט. דער אומגליקלעכער האָט נאָר געשריען:

— איר לאָזט מיך איצט נישט שטאַרבן, נאָר נישט אייביק וועט איר מיך היטן. איך זוך דעם טויט און וועל אים געפינען!

נאָר אַז ער האָט זיך דערוווּסט, אַז זיין רחל איז פאַרפאַלן געוואָרן, האָט ער ווילד געשריען:

— איצט וויל איך לעבן, איצט מוז איך לעבן, ביז איך וועל זי געפינען טויט אָדער לעבעדיק! איך וויל מער נישט קענען סטעפּקיווקע און די ערד, וווּ מען האָט מיין באָבען מיט מיין מאַמען דערהרגעט.

מיט גרויס אויפרעגונג האָט סאָלאָמאָן מיט אַ ציטעריקער שטימע געזאָגט:

— איך וועל אַוועקגעבן די פויערים די נאַקעטע פעלדער, וואָס מיינע עלטערן האָבן באַאַרבעט און וועל אַרויס אין שטאָט. דאָרט וועל איך געפינען רחלען און וועל ווערן אַ שטאָט-ייד, גלייך מיט אַלע

יידן: אַ קרעמער, אַ שענקער, אַ פּראַצענטניק. איך וויל מער נישט זיין קיין פּויער אויף דער ערד, ווי אַזוינע וואָדאָפּיאַנאָווס מעגן טאָן מיט יידן, וואָס זיי ווילן, און די אמתע בעלעבאַטים, די אָרנטלעכע קריסטן, ווי דער גלח מיט פּאַן יאַן, האָבן קיין דעה נישט. דער ערלעכער גלח האָט זיך ביי די פּויערים געבעטן, זיי זאָלן נישט ווערן קיין מערדער — נאָר אומזיסט. וואָדאָפּיאַנאָוו האָט אויך גערעדט און אים האָט מען געפאָלגט. אַלצאיינס: אַ יידישער מוזשיק, אַ פּראָצענטניק, אַ דאָקטאָר, אַ לערער, אַבי אַ ייד.

* * *

באַלד ווי סאַלאָמאָן, גאָלדשמיד און גאָלדע זענען געקומען קיין בעזווינק, איז זייער ערשטער געדאַנק געווען צו זוכן רחלען. נאָר דער נייער פּאָגראָם האָט זיי פאַרשלאָגן דעם קאָפּ, אַז זיי האָבן גאָרנישט געוווסט, וואָס עס טוט זיך מיט זיי. און דאָ האָט מען נאָך זייערע גוטע פריינט, ווי פרידמאַן, שפּיצבוים און נאָך אַנדערע אויך צעראַבירט און געשלאָגן.

די אומגליקלעכע סיצילִיע, וועלכע נאָך איר פאָטערס טויט האָט מען זי ווידער אָנגעהייבן רופן מיט איר יידישן נאָמען „ציפּע" און איז אַזוי־אַרום געבליבן צוזאַמען מיט אירע צוויי קליינע קינדער, האָט נישט געהאַט פון וואָס צו לעבן און האָט זיך אויסגעהאַלטן מיט דעם, וואָס איר מומע אסתר מיט סאַלאָמאָנען האָבן איר געשיקט. זי האָט זיך נישט לאַנג דערוווסט, אַז איר מאַן טייטלשוואַם האָט ערגעץ חתונה געהאַט. זי האָט פאַרזעצט און פאַרקויפט אַלץ, וואָס זי האָט נאָר געהאַט, און איז געפאָרן צו אים נעמען גט. מיט שווערע מי האָט זי דאָס ביי אים געפּועלט און איז נאָך אָרעמער צוריקגעקומען אהיים. איצט איז איר אומגליק נאָך גרעסער געווען, ווייל איר איינציקע היקף און שטיצע האָט זי שוין נישט געהאַט. סאַלאָמאָן איז אַליין אָרעם און איר מומע אסתר איז געהרגעט געוואָרן. איר מוטער האָט די חרפּה פון איר מאַנס באַנקראָט נישט געקענט איבערלעבן און איז באַלד נאָך ר' יואל רידערסקיס טויט געשטאָרבן. די קינדער, ציפּהס ברידערלעך, האָבן צוגענומען די קרובים, און זי איז געבליבן אַליין אויף דער וועלט מיט אירע אייגענע צוויי קליינע קינ-

דער. אין נעזווינק האָט זי דער פּאָגראָם אויך געטראָפן, און מען האָט אַ תּל געמאַכט פון דעם לעצטן. אפילו די קישעלעך פון אירע קינדער האָבן די פּאָגראָמשטשיקעס צעריסן און געלאָזט פליען די פעדערן אינדערלופטן, איר אָרעם שטיבל, ווו זי האָט געוווינט, האָט מען צעטראָגן אויף שטיקלעך, און זי האָט זיך געוואַלגערט מיט אירע קינדער אויף דער גאַס.

דעם „געפּערלעכן עקספּלואַטאַטאָר", יידל שדכן, וועלכער האָט קיינמאָל אויף שבת נישט געהאַט, אים האָט מען אויך צעטראָגן זיינע אַלטע ביינער, די באָרד מיט די פּיאות אויסגעריסן, זיין איינציקע פּערינע, מיט וועלכער זיין ווייב פּלעגט זיך צודעקן ווינטער, האָבן די פּאָגראָמשטשיקעס אויך צעפליקט. אַפילו די פּאָר קאָטשערעס מיט לאָפּעטעס און עטלעכע טעפּלעך, וואָס אין דעם איז באַשטאַנען ר' יידלס גאַנצער פאַרמעגן, האָט מען אויך צעבראָכן אויף שטיקלעך.

דער פּאָגראָם אין דער שטאָט נעזווינק האָט זיך געענדיקט און עס איז שטיל געוואָרן אַ דאַנק דעם, וואָס אין שטאָט איז נישט איבערגעבליבן קיין גאַנץ פענסטער, קיין גאַנץ בענקל אָדער אַ קישן, און אויך אַ דאַנק דעם, וואָס דער איספּראַווניק האָט טעלעגראַפירט צום גובערנאַטאָר, מען זאָל שיקן סאָלדאַטן. ביז דער ענטפער איז אָנגעקומען צום איספּראַווניק און ביז מען האָט אַרויסגעשיקט סאָלדאַטן, איז שוין דערווייל געוואָרן אויס פּאָגראָם. מען האָט שוין געמעגט אַרויסווייזן די נאָז אויף דער גאַס. מען האָט אויסגעקערט די פעדערן, צוזאַמענגעקליבן די צעבראָכענע פּיסלעך פון די טישלעך מיט די בענקלעך, און די אויספאָרשונג האָט זיך אָנגעהייבן. מען האָט אַרעסטירט פירהונדערט פּאָגראָמשטשיקעס. אויפן צווייטן טאָג נאָך דער אויספאָרשונג האָט מען אַרויסגעלאָזט צווייהונדערט. נאָך דער דריטער אויספאָרשונג נאָך הונדערטאונפופציק, און פון די איבערגעבליבענע פופציק האָט מען פינפאונפערציק איבערגעגעבן דעם „מיראָוואי" און פינף דעם אויספאָרשער. צווישן די פינף איז אויך אַריינגעפאַלן דער וועכטער פונם וואָלאָסט, יאַכטעם, מיט אַ פּאָר אַנדערע סטעפּקיווקער גיים. וואָדאָפּיאַנאָוון האָט מען אויך געהאַט אַרעסטירט, ווייל צווישן די סטעפּקיווקער פּויערים, וועלכע האָבן גענומען אנטייל אין דעם פּאָגראָם, האָבן סאָלאָמאָן מיט גאָלדשמידן אָנגעוויזן, אַז זיי זענען געווען די הויפּטפּאָגראָמשטשיקעס. נאָר וואָדאָפּיאַנאָוו אין זיין ערשטן עדות-זאָגן האָט זיך מודה געווען, אַז ער איז טאַקע געווען

צווישן די פּאָגראָמשטשיקעס, נאָר נישט אויף צו ראַבעווען אָדער הרגענען, נאָר ווייל ער איז דער שרייבער פון וואָלאָסט, האָט ער גע־רעכנט, אַז זיין חוב איז צו זיין צווישן דעם פאָלק און נישט דער־לאָזן די פּאָגראָמען, און מען האָט אים דערווייל באַפרייט.

סאָלאָמאָן האָט פאַרזיכערט, אַז ער איז געווען דער הויפּטהע־צער, ווייל ער האָט פאַר די פויערים פאַרגעלייענט גאַזעטן, וואָס שרייבן קעגן יידן. וואָדאָפּיאַנאָוו האָט געענטפערט, אַז ער שרייבט נאָר קעגן די יידן, וואָס עקספּלואַטירן דאָס רוסישע פאָלק. דאָס איז געווען פאַר אים דער בעסטער תירוץ. אין די אויגן פון די אויס־פאָרשער איז ער ווייטער געבליבן אַ רוסישער פּאַטריאָט.

די נעזווינקער יידן זענען דערווייל אַרומגעגאַנגען די הענט פאַרלייגט, דער מיט אַ צעשלאָגענעם קאָפּ, דער מיט אַ צעבראָכענער האַנט. די געשטאָרבענע האָט מען מקבר געווען, און איינער האָט געפרעגט ביים אַנדערן, וואָס מען זאָל טאָן, און צו וואָס זאָל מען זיך נעמען. יעדער האָט פאַרגעלייגט אַן אַנדער פּלאַן. אַלע האָבן אויסגעהערט און מען איז ווייטער אַרומגעגאַנגען און מען האָט גאָר־נישט געטאָן. דער סוחר און דער בעל-מלאכה האָבן זיך מיט זייער שטענדיקער אַרבעט נישט געוואָלט פאַרנעמען. זיי האָבן זיך נאָר פאַר־נומען מיט דעם, וואָס מען האָט פאַרקויפט אַלץ, וואָס איז איבערגע־בליבן פונם פּאָגראָם.

— וואָס טוט איר? — האָט איינער אָפּגעשטעלט דעם אַנדערן און געפרעגט. — נאָך וואָס פאַרקויפט איר אַלץ?

— וואָס הייסט? וואָס דען? — האָט מען געענטפערט. — וואָס דען זאָל איך טאָן?

— וואָס הייסט, וואָס איר זאָלט טאָן? מען מאַכט ווידער אַ קראָם אָדער אַן אַנדער געשעפט.

— איר זענט משוגע, צי חסר-דעה? איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז אַ ייד מאַכט נישט אַזוי גיך אַ קראָם אָדער אַן אַנדער געשעפט. ער אַרבעט געוווג יאָרנלאַנג און דרייט זיך אויס דעם קאָפּ מיט פרעמד געלט, איידער ער קומט צו אַ געשעפט, פון וועלכן ער ציט קוים די פּרנסה. נאָר זאָל זיין, איך וועל מיך לייגן אין דער לענג און אין דער ברייט, איך וועל בעטן, אויסוויינען עפּעס געלט און ווייטער עפענען אַ קראָם, איך זאָל כאָטש קענען האָבן טרוקן ברויט פאַר מיינע קינדער, און וועל ווייטער מיט מיין ווייב אַרבעטן און פאַר־

שוואַרצט ווערן. וואָס-זשע וועט דערפון אַרויסקומען? פאַר וועמענס
וועגן וועט זיין מיין אַרבעט? פאַר די פאָגראָמשטשיקעס? עס וועט
זיך איינער פון זיי אָנשיכורן און די גאַנצע חברה וועט ווידער
מאַכן אַ תל פון דעם, וואָס איך וועל מיר שאַפן אין עטלעכע יאָר. איז
דאָס כדאי? די פאָגראָמשטשיקעס האָבן אין איין שעה געמאַכט אַ
תל פון מיין קראָם און פון אייער שטיבל. האָט איר כאָטש באַרעכנט
וויפל יאָרן מיר האָבן געאַרבעט אויף דער קראָם מיטן שטיבל!..
יידישע פעדערן זענען געפלויגן, ווי שניי, יידישע בענקלעך האָבן
זיך שטיקלעכווייז געוואַלגערט אין די גאַסן, אָבער וויפל יאָרן גייען
אַוועק ביז אַ ייד פאַרדינט זיך אַ בענקל און דעם איינציקן יידישן
לוקסוס — אַ קישן, ער זאָל נאָך אַלע זיינע צרות האָבן וווּ דעם קאָפּ
אַנידערצולייגן? איר פאַרגעסט, אַז דעם לוקסוס — אַ קישן — איז
אויך זעלטן אַ ייד אומשטאַנד אַליין צו קויפן. דאָס באַקומט
ער נאָך פון דער חתונה אין נדן אַריין. יעדער ייד, אַז ער מאַכט
חתונה אַ קינד, ציט ער אַראָפּ פון זיך דאָס לעצטע און מאַכט
דעם קינד בעטגעוואַנט. ער ווייסט, אַז ווען זיינע קינדער וועלן ווערן
באַלעבאַטים, וועלן זיי נאָך נישט זיין אומשטאַנד אויסצוגעבן געלט
אויף באַלעבאַטישקייט.

דערזעלבער ייד האָט ווייטער גערעדט מיט הארץ:

— שווער קומט אָן אַ יידן, ביז ער שפּאָרט זיך אָפּ אַ בענקל מיט
אַ טישל און אפשר אַמאָל אויך אויף אַ שטיקל שפּיגל. אַ ייד דער-
עסט נישט און דערטרינקט נישט; ער וועט בעסער לעבן אַ גאַנצע
וואָך מיט טרוקן ברויט און עסט נאָר פון איין שבת צום אַנדערן אַ
שטיקל פלייש, אַבי זיין שטוב זאָל האָבן אַ פּנים, ווי ביי לייטן גלייך.
בשעת די פאָגראָמשטשיקעס האָבן געוואָרפן אויף דער גאַס און געבראָכן
אונדזער מעבל, האָבן אַפילו די אינטעליגענטע, ניכטערע קריסטן
גערעדט צווישן זיך: איר זעט, ווי יידן לעבן, ווי זיי זענען רייך.
קוק נאָר אָן וואָס פאַר שפּיגלען מיט מעבל זיי האָבן; איצטער זעט
מען טאַקע, אַז זיי זענען רייך, ווייל זיי זענען קרעמערס און פּראָ-
צענטניקעס... היינט גייט און דערציילט זיי, וואָס איז אַזוינס דאָס
יידישע לעבן! גייט דערציילט זיי, אַז צווישן די אַלע יידן, וואָס האָבן
אין שטוב בענקלעך מיט שפּיגלען זענען דאָס רוב אַזעלכע, וואָס האָבן
קוים טרוקן ברויט און זענען אָרעם, ווי דער אָרעמסטער קריסט! גיי
קלער זיי אויף, אַז יידן האָבן ליב אָפּצושפּאָרן פונם מויל, אַבי צו

האָבן אַ שיין מלבוש אויף שבת און אַן אויסגעפּוצטע שטוב, גייט שלאָגט אַריין אין די פאַרשטאָפּטע קעפּ, אַז פרעסן אַלע טאָג אַ סך פלייש און זויפן בראָנפן, ווי זיי טוען עס און דערפאַר האָבן אַזעלכע נישט קיין גאַנץ העמד אויף דעם לייב, הייסט ביי אונדז, יידן, הולטייעס, שיכּורים, זולל-וסובאניקעס אָדער מענטשן, וואָס לעבן אָן חשבון! זיי ווילן גאָרנישט וויסן, אַז דאָס, וואָס דער אָרעמסטער גוי פרעסט אויף און שיכּורט אויס אַ טאָג — פאַרלעבט דאָס נישט אַ ייד מיט זיין גאַנץ הויזגעזינט אַ גאַנצע וואָך.

דער ייד, וואָס האָט אַזויפיל געליטן פון פאָגראָם, האָט זיך נישט אויפגעהערט צו קאָכן:

— עס איז נאָר אַ ווייטיק, אָדער גאָר צום לאַכן, ווי דער קריסט, ווען ער זעט ביים יידן שבת און יום-טוב אַ פיינעם געדעקטן טיש און אַלע זענען שיין אָנגעטאָן לכּבוד שבת, יום-טוב, טראַכט זיך דערביי פאַר זיך: — אַז אין שטוב איז שיין און עס טראָגט אים אויף שיינע מלבושים, ווי אַזוי מוז דער ייד שוין זיין רייך! דערפאַר קוקט אויס נאָך זייער שכל, אַז אַלע יידן לעבן רייך און האָבן אַ סך געלט, און עס פאַרשטייט זיך, אַז דאָס געלט איז נאָר „אָנגעראַבעוועטע" ביי דעם אָרעמען גוי, וואָס האָט אַפילו נישט קיין מעבל אין שטוב און קיין העמד אויף זיך. נאָך זייער פאַרשטעלונג זענען אַלע יידן רייך, דערפאַר מעג יעדער שיכּור זיי באַפאַלן און ראַבעווען. איך ווייס אָבער, אַז יעדעס שטיקל מעבל אין מיין שטוב, וואָס די פאָגראָמשטשיקעס האָבן צעבראָכן, האָב איך זייער שווער און ביטער געאַרבעט אויף דעם. איך האָב מיך יאָרנלאַנג געפּלאָגט. איך האָב נישט דערעסן און נישט דערשלאָפן; דערפאַר וויל איך שוין מער קיין נאָר נישט זיין און ווידער אַרבעטן, אַז אַ שיכּור זאָל מיר דאָס אַלץ צעברעכן. איך וויל אַלץ, וואָס עס איז מיר נאָך געבליבן, פאַרקויפן פאַר וויפל מען וועט מיר נאָר געבן; עס זענען פאַר יידן געקומען אַזעלכע צייטן, אַז זיי טאָרן גאָרנישט פאַרמאָגן, ווייל יעדער שיכּור שרייט, אַז דאָס איז זיינס. איצט פאַרשטייט איר שוין, פאַרוואָס איך וויל פון אַלץ מאַכן געלט!

— איך פאַרשטיי אייך נישט, — האָט אים געענטפערט אַ דריטער. — איר זענט אוודאי גערעכט מיט אייערע טענות, דאָס ווייסן און פילן מיר גלייך מיט אייך. נאָר אַז יעדער וועט אַלץ פאַרקויפן, ווי אַזוי וועלן מיר נעמען אויף צו לעבן? פון די עטלעכע קערבלעך, וואָס

מען וועט נעמען פאַר דעם צעבראָכענעם שטיבל, צי פאַר דער צע־שלאָגענער קראָם און פאַר די צעבראָכענע מעבל, קען אויף קיין סך צייט נישט טראָגן. היינט פונוואַנען וועלן מיר זשע אַלע לעבן?

— אויף צו לעבן? — האָט דער אומגליקלעכער צעראַבעוועטער איבערגעפרעגט און נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן.

— יאָ, אויף צו לעבן! — האָט יענער איבערגעחזרט.

— טשעפּעט זיך אָפּ פון מיר און פרעגט מיך גאָרנישט, וואָרים איך ווייס נישט וואָס אייך צו ענטפערן. איך ווייס אַליין נישט אויף וואָס פאַר אַ וועלט איך גיי אַרום. איר ווילט אייך ווייטער איינפירן הייזלעך מיט קרעמלעך פאַר די שיכּורים — טוט איר ווי איר פאַר־שטייט; איך וויל נישט אָנגרייטן אַ הייזל פאַר די שיכּורים, מערדער און גנבים, זיי זאָלן האָבן דערנאָך וואָס צו ראַבעווען, גזלענען און מיך אומגליקלעך מאַכן. ווען איך וועל גאָרנישט האָבן, וועלן זיי מיך אפשר נישט טשעפּען. און דאָס, וואָס איר פרעגט, ווו וועל איך נעמען אויף צו לעבן? — וואָס מיט אַלע יידן וועט זיין, וועט מיט מיר אויך זיין. דער יידישער גאָט איז נאָך נישט געשטאָרבן. יידן האָבן שוין געהאַט אַזוינע צייטן. און גאָט וועט אונדז אויך ווייטער נישט פאַרלאָזן.

אַזעלכע רייד האָט מען געקאָנט הערן צווישן די יידן אין נעזווינק נאָך דעם פּאָגראָם. יעדער האָט פאַרקויפט פאַר האַלב געלט, וואָס ער האָט נאָר פאַרמאָגט און מען האָט זיך קיין חשבון נישט אָפּגעגעבן, פאַרוואָס און פאַר ווען זיי טוען אַזוי און צי עס איז גלייך אַזוי. מען האָט נאָר געטראַכט וועגן איין זאַך: — מען פאַרקויפט, כּדי די מערדער זאָלן נישט האָבן וואָס צו ראַבעווען און זאָלן פאַרשפּאָרן אָנצופאַלן אויף יעדן און הרגענען. אַליין זענען די יידן אַרומגע־גאַנגען טאָג און נאַכט, זיי האָבן נישט געגעסן און נישט געשלאָפן און גאָרנישט געטאָן, ווי גלייך זיי האָבן גאָר קיינמאָל קיין שום גע־שעפטן נישט געהאַט. נאָר איין באַשעפטיקונג איז פאַר זיי געבליבן: טאָג און נאַכט רעדן וועגן די נייס אין די בלעטער, וועגן די פּאָגראָמען.

ווער איז שולדיק?

דערווייל האָבן זיך די אומגליקלעכע געוואַלגערט אויף דער גאַס אין „פּאַלאַטקעס", וואָס מען האָט אויפגעשטעלט פון זייערטוועגן. יעדער איז געלעגן לעבן זיינע אָפּגעראַטעוועטע זאַכן, ווי נאָך אַ שרפה. מען האָט שוין מער נישט געהערט וויינען און קרעכצן, ווארים וואָס וועט דאָס העלפן? מען איז שוין מיט דעם אומגליק געוויינט געוואָרן. אַרבעטן? נעמען זיך צו עפּעס? דאָס איז גאָר קיינעם נישט איינגעפאַלן, ווארים קיינער האָט נישט געוווּסט, וואָס מען זאָל טאָן? און צו וואָס זאָל מען זיך נעמען?

יעדער האָט דערוואַרט, אַז פון די פּאָגראָמען, וואָס האָבן זיך אַלע טאָג פון אַן אַנדער אָרט געלאָזט הערן, וועט עפּעס אַרויס-קומען. און דערפאַר האָבן זיך אַלע אָנגעהייבן שטאַרק אינטערעסירן, וואָס די בלעטער שרייבן, מען האָט יעדעס בלאַט איבערגעלייענט צען מאָל.

דערמיט האָט מען זיך פאַרנומען טאָג ווי נאַכט. אַפילו יאַכצי מיט יידל שדכן, וואָס האָבן גאָרנישט געקאָנט לייענען, פלעגן זיך פלייסיק צוהערן צו דעם, וואָס אַנדערע פלעגן פאָרלייענען.

שפּיצבוים, סאלאמאן און גאָלדשמיד האָבן זיך אויך געפונען אין די „פּאלאטקעס". דער ד"ר פרידמאַן פלעגט קומען עטלעכע מאָל אין טאָג באַזוכן די פאַרוווּנדעטע.

מער פון אַלץ האָבן זיי אינטערעסירט די באַשרייבונגען פון דעם סטעפּקיוּוקער און נעזווינקער פּאָגראָם, ווייל די פּאָגראָמען האָבן זיי אַליין געזען, איבערגעלעבט און פאַראומגליקט געוואָרן.

סאלאמאן פלעגט מיט גרויס כעס צערייסן און אוועקוואַרפן די בלעטער מיט די באַשרייבונגען וועגן די פּאָגראָמען.

— וואָס טוסטו, סאלאמאן? וואָס וועט העלפן דיין כעס? פלעגט אים שפּיצבוים פרעגן.

— וואָס הייסט? ווי קען מען גאָר לעבן, ווי קען מען אויס־האַלטן? מען קוילעט מענטשן אין די גאַסן, מען ראַבעוועט, מען גזלט... און עס געפינען זיך אַזעלכע צייטונגען, וואָס פאַרענטפערן נאָך די מערדער, די שיכורים, און שרייען נאָך: „בראַוואָ", „שלאָגט ווייטער!" און גיבן נאָך מסירות און באַשולדיקן אונדז — „די גע־שלאָגענע", אַפילו די טויטע, וואָס מען האָט דערהרגעט!

גאָלדשמיד איז געווען רויִקער. ער האָט געגלייבט אין גע־רעכטיקייט. ער האָט, ווי שטענדיק, געגלויבט אין די בעסערע רוסישע מענטשן, אַז זיי וועלן נישט שווייגן אַזאַ אומרעכט ווי פּאָגראָמען אויף אומשולדיקע מענטשן, און ער האָט בארויִקט דעם יונגן אויפ־געקאָכטן סאלאמאנען, וועלכער האָט נישט אויפגעהערט זיין גאַנצן כעס אויסגיסן אויף רוסלאַנד.

— זאָלסט נישט מיינען, סאלאמאן, — האָט ער צו אים געזאָגט,— אַז מען וועט די פּאָגראָמשטשיקעס לאָזן לאַנג קאָמאַנדעווען. אין רוסלאַנד זענען, געלויבט גאָט, דאָ געזעצן... אָט שרייבט מען, אַז מען שיקט אַראָפּ צו אונדז אַ באַאַמטן, אַ הויכן באַאַמטן, ער זאָל נאָכפאָרשן די סיבות פון פּאָגראָם. אין די הויכע פענסטער וויל מען אויך צו־זאַמענשטעלן אַ קאָמיסיע, וואָס זאָל אויסגעפינען, ווער איז שולדיק אין די אומגליקן. ווייל איצט זאָגט יעדער, אַז אין דעם ליגט אַן עקאָנאָמישע פראַגע. דאָס פאָלק איז אָרעם און הונגעריק, דעריבער ווערט עס ווילד, ווי אַ וואָלף און וואַרפט זיך אויף די רייכע און פאַרמעגלעכע, און יידן האַלט מען שטענדיק פאַר די רייכערע... אַנ־דערע זאָגן ווידער, אַז אין דעם שטעקט אַ רעליגיעזע שנאה. ווידער אַנדערע מיינען, אַז יידן עקספּלואַטירן די אַרבעט פון דעם רוסישן פויער; דאָס אַלץ זאָגט מען אין די הויכע פענסטער, מוז מען גוט אויספאָרשן, אויפדעקן די שולדיקע און זיי שטרענג באַשטראָפן, ווי זיי האָבן פאַרדינט לויטן געזעץ.

סאלאמאן האָט זיך, אַ פאַרביטערטער, צעלאַכט:

— ביז איצט האָב איך געמיינט, אַז אַלע געלערנטע זענען קלוג, איצט זע איך, אַז צווישן גאַנץ גרויסע געלערנטע געפינען זיך אויך

גרויסע נאַראָנים. באַרעכן נאָר, וואָס עס טוט זיך פאַר אַ טאַראַראַם: מען וויל שיקן באַאַמטע, מאַכן גאַנצע קאָמיסיעס. דער זאָגט, אַז דער אומגליק קומט פון דער עקאָנאָמישער לאַגע, דער פון רעליגיעזע סיבות, דער פון יידישע קרעמערס מיט שענקערס, און מען וויל אויסטראַכטן גאַנצע בבא-מעשיות! — וואָס איז? מען וויל וויסן די סיבות פון די פאָגראָמען! און איך זאָג, אַז מען דאַרף גאָרנישט האָבן קיין מיניסטער-קעפּ און אפילו נישט זיין קיין געלערנטער, מען זאָל דאָס אָן אַלע קאָמיסיעס גוט פאַרשטיין. אויף אַזאַ זאַך, ווי צוויי מאָל צוויי איז פיר, דאַרף מען גאָרנישט קיין הויכע באַאַמטע מיט קאָמיסיעס, וואָס זאָלן יאָרנלאַנג פאָרשן די סיבות פון די היינטיקע פאָגראָמען.

— ווער ווייסט דען נישט פונוואַנען דאָס גאַנצע אומגליק קומט אַרויס? — האָט סאלאמאן זיך ווייטער געקאָכט. — דער, וואָס לייענט די יידנפיינטלעכע גאַזעטן, וואָס האָבן זיך איצט פאַרמערט ווי קראָפּעווע, דער, וואָס לעבט אין תהום און האָט די געלעגנהייט צו זען, ווי די באַקאַנטע וואָדאָפּיאַנאָווס רייסן די כּויערים אָפּ אַלע טאָג, אַלע מינוט פון זייערע שטענדיקע אַרבעטן און העצן זיי קעגן יידן, טראַכטן אויס אין דעם נאָמען פון דער רעגירונג, אַז מען מעג יידן אַלץ טאָן און אַז עס איז אַ מצווה זיי צו ראַבעווען און צו הרגענען, דער ווייסט זייער גוט די סיבות פון די פאָגראָמען. אָן פאָרשונגען און אָן קאָמיסיעס. די ליידיקגייערס, די שיכּורים זענען שטענדיק צעפרידן מיט אַזוינע וואָדאָפּיאַנאָווס, וואָס הייסן גיין אָפּן און פריי ראַבירן. דאָס איז בעסער ווי צו גיין ראַבעווען ביינאַכט, מיט דער געפאַר, אַז מען וועט כאַפּן און איבערגעבן אין געריכט, און לויט ווי די וואָדאָפּיאַנאָווס דרשענען, מעג מען ראַבעווען אינמיטן העלן טאָג, און די געוויסע יידנפרעסערישע צייטונגען וועלן זיי נאָך גלעטן ביי די קלעך, ווייל די „זשידעס" האָבן עס פאַרדינט. ווער ווייסט דען נישט, אַז דער הויפּט-אינטריגאַנט, וואָס האָט אָנגעמאַכט די פאָגראָמען אין יאָר 1881, איז געווען אַן אדעסער צייטונג, וועלכע האָט נביאות געזאָגט, אַז אין דער קריסטלעכער „פּאַסכאַ" וועט מען שלאָגן יידן, און האָט געראַטן, ווי אַ פּראַקטישער מערדער, מען זאָל יידן שלאָגן מיט „דריקעס"—דאַכט זיך, אַז דאָס אַלץ איז גענוג קלאָר, און אפילו אַ קליין קינד פאַרשטייט, אַז ווען מען זאָל אין די הויכע פענסטער נישט וועלן קיין פאָגראָמען, וואָלטן זיי נישט געווען. נאָר זיי ווילן

עס און נאָר זיי האָבן דאָס אומגליק געבראַכט אויף רוסלאַנד. מען וויל, אַז דער ייד זאָל זיין דאָס כפרה־הינדל פאַר פרעמדע זינד — מאַכט מען פּאָגראָמען! אָט דאָס איז נאָר!

און אַזוי רעדנדיק, האָט סאָלאָמאָן זיך געווענדט צום אַלטן שפּיצבוימען:

— זאָגט מיר, ליבער שפּיצבוים, מען מאַכט קאָמיסיעס מיט קאָנצעליאַריעס, אויף וואָס? פאַרשטייט איר אויף וואָס? — איך פאַרשטיי יאָ, מען שפּילט פאַר עמעצן קאָמעדיעס... ווייסט מען דען נישט אָן פאָרשונגען, ווער די שולדיקע זענען אין דעם אומשולדיקן יידיש בלוט?

שפּיצבוים האָט צוגעהערט, ווי דער יונגערמאַן האָט זיך צעהיצט, נאָר עס איז אים שווער געווען צו ענטפערן. די אַלטע טענות זענען אים שוין לאַנג באַקאַנט געווען. וויפיל מאָל האָבן שוין דאָסזעלבע געשריבן די געציילטע יידנפריינטלעכע צייטונגען, נאָר וואָס האָט געהאָלפן? אונדזערע שונאים זענען שטענדיק געבליבן גערעכט. ווער ענטפערט איבערהויפּט אויף יידישע טענות? ווער הערט זיך צו צום יידישן וואָרט? די שונאים שרייען צו יידן: איר זענט פרעמדע, גייט אייך אַהין פונוואַנען איר זענט געקומען! און וויבאַלד מען לאָזט זיי אַזוי פריי רעדן, איז אַ סימן, אַז מען וויל אונדז גאָרנישט הערן.

שפּיצבוים וואָלט געקענט ענטפערן סאָלאָמאָנען: זעכט דען נישט, אַז מען וויל אונדז נישט האָבן אין לאַנד? מיר מעגן זיין גוט און פרום. נאָר ווי קען מען אונדז זאָגן: גיי צוועק פון דיין שטוב, פון דיין ערד, וואָס דו האָסט ליב, אויף וועלכער דו ביזט אויפגעצויגן געוואָרן? שפּיצבוים האָט נישט געהאַט דאָס האַרץ צו געבן אַזאַ ענטפער דעם יונגן סאָלאָמאָנען.

פלוצלונג האָט זיך אָנגערופן אַ יונגערמאַן, אַ סטודענטל פון ערשטן קורס, וואָס איז געקומען אויף די „וואַקאַנסן" צו זיינע עלטערן, קיין געזווינק, און וועלכער האָט צוזאַמען מיט זיינע עלטערן אויך געליטן פון דעם פּאָגראָם. דער יונגערמאַן איז געווען אַ הייסער רוסישער פּאַטריאָט; ער האָט זיך אַמאָל גענומען מיט זיין גאַנצער יונגער ענערגיע צו שטודירן דאָס רוסישע פאָלק. בעת דעם טערקישן קריג האָט ער זיך געוואָלט פאַרשרייבן אין דער רוסישער אַרמיי צו פאַרגיסן זיין בלוט פאַר דעם פאָטערלאַנד. פון יידן האָט ער גאָרנישט

געוואָלט וויסן: „מיר זענען רוסן מאָיסייעווא זאַקאָנאַ“, פלעגט ער שטענדיק זאָגן. קיין יידיש וואָרט האָט ער קיינמאָל נישט געוואָלט רעדן. „רוסיש איז אונדזער מוטערשפּראַך“, פלעגט ער זאָגן. יידישקייט האָט ער שוין לאַנג פאַרגעסן, און איצט האָט מען אים מיט זיינע עלטערן געשלאָגן, געהרגעט דערפאַר, וואָס ער איז אַ ייד!! עס האָט אים גאָרנישט געפאָסט, ווען ער האָט געהערט, ווי סאלאמאָן האָט אויסגעגאָסן זיין כּעס אויף רוסלאַנד, און עס האָט זיך ביי אים אָנגעצונדן זיין רוסישער פּאַטריאָטיזם:

— פאַרוואָס, פרעגט איר?—האָט דער סטודענט אים געענטפערט.— וועמ איז דען שולדיק אין דעם אַלעם, ווען נישט אונדזערע יידעלעך אַליין? זיי לעבן נאָר פון ווינט, זיי פאַרנעמען זיך נאָר מיט שענקען, מיט פּראָצענט.

— פונוואַנען ווייסט איר, ווי אַזוי און פון וואָס יידן לעבן, וועמ יידן זענען, אַז פון קינדווייז אָן ווינט איר אין קיעוו, און קומט זיך נאָר אויף מיט קריסטן און אייערע ברידער מיידט איר אויס? נישט אַנדערש, אַז איר קענט די יידן פון וואָדאָפּיאַנאָווס דרשות. ווען איר זאָלט אָבער געוועזן לעבן צווישן דעם רוסישן פּראָסטן פאָלק און אויך צווישן יידן, וואָלט איר געוווסט, אַז דאָס רוסישע .פאָלק איז גאָרנישט אַזוי גרינג אָפּצונאַרן. דער רוסישער מוזשיק גיט נישט אַרויס פון דער האַנט קיין בינטל שטרוי ביז דער ייד טראָגט אים נישט אַנטקעגן מזומן געלט. זעט איר, דווקא דער ייד דער שענקער מיט דעם קרעמער פאַלן אָפּט אַריין מיט זייער גאַנץ פאַרמעגן אין די גוייִשע הענט. אַ ייד איז געוווינט צו געטרויען און צו באָרגן, און ווער עס וויל נאָר, גיט אים נישט אָפּ און זידלט אים נאָך דער־פאַר און טרייבט אים אַרויס מיט שטעקנס פון דער שטוב, ווען ער קומט אים מאָנען, און דער ייד בלייבט ביי גאָרנישט. און אַז אַ ייד בלייבט אָן געלט, מעג ער זיך באַלד וואַרפן אין טייך אַריין. אים וועט די רעגירונג נישט געבן קיין ערד אויף אויסצוצאָלן, ער זאָל האָבן אַ שטיקל ברויט. פאַר יידן זאָרגט קיינער נישט, ער מעג אפילו אויסגיין פון הונגער. און, ווידער, מיט וואָס זאָל זיך אַ ייד באַשעפ־טיקן, ווען נישט מיט אַ שענק אָדער מיט אַ קראָם, לאָזט מען אים דען זיך באַשעפטיקן מיט עפּעס אַנדערש? אונדזערע אינטעליגענטע יידן, וואָס שטעלן זיך אַרויס פאַר די פאָלקס-פאַרזאָרגער און מיט זיי אויך די שונאי-ישראל, שרייען, אַז יידן זאָלן נישט לעבן פון דעם

זינט, זיי זאָלן אַרבעטן מיט די הענט, גלייך מיט דעם רוסישן מוזשיק, וועט מען זיי ליב האָבן און קיינער וועט אויף זיי נישט רעדן קיין שלעכט וואָרט. גוט, לאָז מען זיי דערלויבן צו קויפן ערד און אַרבעטן, וועט מען זען, אויב עס וועלן נישט זיין קיין פעיקע יידישע מו- זשיקעס. דער, וואָס קען דעם יידן, ווייסט זייער גוט, אַז די אַלע יידישע פרנסות זעגען אים נמאס. נאָר וואָס זאָל דער ייד טאָן, אַז זיין ווייב און קינדער שרייען: ברויט! דאָס אומגליק איז, וואָס די אַלע, וואָס רעדן וועגן יידן און זאָרגן וועגן זיי אַזויפיל, אַפילו דאָס רוב פריינט, קענען די יידן נאָר פון געוויסע מינים ביכער און צייַ- טונגען. זייער ווייניק פון זיי האָבן זיך מי געגעבן צו קענען מער דאָס יידישע לעבן. פון זיצנדיק אין די גרויסע שטעט, ווו יידן טאָרן דאָס רוב נישט וווינען, איז שווער צו קענען דאָס יידישע לעבן, וואָס איז פול מיט די גרעסטע ליידן, נאָר מיט אַ סך שיינקייט און גרויסקייט.

דער סטודענט, וואָס האָט דאָס ערשטע מאָל געוווינט אין אַ פאָלאַטקע און צום ערשטן מאָל גערעדט וועגן יידן, האָט אויפגעעפנט מויל און אויערן. פאַר אים איז דאָס אַלץ געווען אַ נייס. ער האָט נישט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן. עס איז געווען עטלעכע מינוט שטיל, צום סוף האָט זיך גאָלדשמיד אָנגערופן:

— דאָס, וואָס דו רעדסט איצט, סאָלאָמאָן, און פאַרענטפערסט יידן, האָבן מיר שוין לאַנג געהערט, עס איז שוין נמאס געוואָרן... עס איז גלייך, ווי מען רעדט צו דער וואַנט. עס האָט נאָך אַ געדאַנק געהאַט צו פאָלעמיזירן פריער, ווען יידן זענען געזעסן רויק. די יידנ- פרעסער האָבן געזאָגט אַזוי און דו יידנפריינט אַנדערש. מען האָט געשריבן אין צייטונגען, און אין דער פרייער צייט האָט מען גע- לייענט, געזאָגט מיינונגען איבער דער אָדער יענער פראַגע. דאָס איז געווען אַ צעשטרייונג, אַ מיטל צום אַפעטיט אָדער צום שלאָף! אָבער איצט, ווען מען רעדט שוין נישט מיט שרייבפעדערן, נאָר מיט „דריקעס", ווען מען ראַבעוועט אונדז אינמיטן העלן טאָג, איז נישט מער קיין צייט זיך צו פאַרענטפערן...

— וואָס-זשע זאָלן מיר אויך נעמען דריקעס?

— ניין, מיר קענען דאָס נישט! אַ ייד קען קיין האַנט נישט אויפהייבן אַפילו אויף זיין גרעסטן שונא, ובפרט נאָך בלוט פאַרגיסן.

— וואָס-זשע דען זאָל מען טאָן?

— דאָס קען איך אייך איצט נישט זאָגן, איך ווייס אַליין נישט וואָס, נאָר דאָס פיל איך, אַז מען וועט מוזן עפּעס טאָן. אַזוי ווייטער לעבן, ווי די יידן האָבן ביז איצט געלעבט, איז נישט מעגלעך. אַ סך פאַרענדערונגען וועלן מוזן פאָרקומען אין אונדזער לעבן. דאָס זעט און פילט יעדער ייד?

— ווונדערלעך! — האָט זיך איינער אָנגערופן. — די אַלע אָרעמע, דערשלאָגענע יידן האָבן נאָכן פּאָגראָם פון טאָג אויף טאָג געלעבט מיט דער האָפענונג, אַז מיט יידן וועט עפּעס געשען, כאָטש קיינער האָט נישט געוווּסט וואָס?

נאָר סאַלאָמאָן האָט געלעבט אָן אַ שום האָפענונג. ער איז אינגאַנצן געווען, ווי דערשלאָגן!

— וואָס האָב איך צו האָפן? — פלעגט ער טראַכטן זיצנדיק אין אַ ווינקל אין דער פּאַלאַטקע און וויינען — אויף וואָס קען איך האָפן, אַז רחל איז נישטאָ?.. איך בין גאָר איצט פאַרווונדעט, איך פיל זיך זייער קראַנק. דער דאָקטאָר לאָזט מיך נישט אַרויסגיין פון דער פּאַלאַטקע. נאָר אַז איך זאָל שוין גאַנץ געזונט ווערן און זאָל קענען אַרויסגיין אויף דער גאַס, וואָלט איך דען אַ סך אויפגעטאָן? וואָס האָב איך און וואָס קען איך טאָן, אַז רחל איז נישטאָ? וואָס דאַרף איך גאָר לעבן אויף דער וועלט, אַז איך האָב געזען, ווי מען האָט פאַר מיינע אויגן מיין מוטער און מיין טייערע באָבע געהרגעט. רחלען האָבן די מערדער געוויס ערגעץ אַוועקגעפירט, אָדער זי איז פון זיי אַנטלאָפן און איז ערגעץ אומגליקלעך... ווער ווייסט, צי זי לעבט נאָך גאָר! פאַרוואָס קומט עס מיר? פאַרוואָס האָב איך מיט מיינע אויגן באַדאַרפט זען אַזוינע אומגליקן? וואָס האָט מען געהאַט צו דעם אַלטן שפּיצבוימען, צו גאָלדשמידן, צו דעם אָרעמען יידל שדכן, צו גאָלדשמידס ערלעכע ברידער, וואָס האָבן ערלעך פאַרדינט זייער ברויט מיטן שווייס אין זייער קוזניצע? וואָס האָט מען געהאַט צו אַלע יידן? ביי וואָס זענען זיי געבליבן? יעדער האָט אויף זיין ביסל אָרעמקייט געאַרבעט דאָס גאַנצע לעבן, און אין איין טאָג איז פון אַלץ געוואָרן אַ תּל!.. אַש... וויפל יאָרן, מיט וויפל מי האָבן מיין זיידע מיט מיין פאָטער און איך אַליין געאַרבעט אויף אונדזער ערד, וויפל מענטשן האָבן דערפון געלעבט! וויפל גויים און יידן האָבן געאַרבעט צוזאַמען מיט מיר אויף מיינע פעלדער, און האָבן געהאַט ברויט... איצט, וואָס וועלן די אומגליקלעכע ערדאַרבעטער טאָן?

וואָדאָפּיאַנאָוו מיט פּאַן קאַרלען האָבן דאָס גאַנצע דאָרף אויפגעהעצט קעגן מיר. מען האָט זיי אָנגעשיכורט, האָבן זיי נישט געוווּסט, וואָס זיי טוען און האָבן מיך — זיך אַליין אומגליקלעך געמאַכט. אויפן דריטן טאָג, ווען זיי האָבן זיך אויסגעניכטערט, זענען זיי געקומען צו מיר העלפן וויינען אויף מיינע צרות און האָבן אַליין געיאָמערט: „ווו וועלן מיר איצט נעמען אַרבעט און ברויט?" זיי האָבן זיך אַליין געראַבירט און יענעם און זיך אומגליקלעך געמאַכט. גוט איז נאָך, וואָס מיין פאַרמעגן באַשטייט אין ערד, וואָס מען קען מיט דריקעס נישט איינגאַנצן אַ תּל מאַכן, אָבער וואָס וועט זיין מיט די איבעריקע יידן? איך בין נאָך פון די געציילטע „גליקלעכע" יידן, ביי וועלכע עס איז עפּעס געבליבן. איך וואָלט איצט אַ סך אַ סך, געקענט טאָן, נאָר וואָס טויג מיר דאָס אַלץ, אַז מיין טייערער חבר, מיין רחל איז נישטאָ?

אַזוי פלעגט סאַלאמאַן רעדן טאָג און נאַכט און אָפט אויך רעדן נישט צו דער זאַך, אַז די דאָקטוירים פלעגן זיך שרעקן, ער זאָל נישט אַראָפּ פון זינען.

— איך מוז זיין געזונט! — האָט ער געשריען. — איך מוז וויסן, ווו רחל איז אַהינגעקומען!...

סאַלאמאַן איז געבליבן אין נעזווינק, ווייל ער האָט געהאָפט צו געפינען אַ שפּור פון רחלען, ווען פּאַן קאַרל וועט געזונט ווערן. נאָר אַז פּאַן קאַרל איז צו זיך געקומען און מען האָט אים געפרעגט, ווער עס האָט אים אַזוי שטאַרק פאַרוווּנדעט, אַז ער האָט פאַרלוירן אַן אויג, האָט ער געזאָגט, אַז ער געדענקט נישט. וועגן רחלען האָט ער געענטפערט, אַז ער האָט זי גאָרנישט געזען.

ווען סאַלאמאַן האָט די לעצטע האָפענונג אויך אָנגעוואָרן, האָט ער באַשלאָסן אַרויסצופאָרן פון נעזווינק און אַרומפאָרן זוכן רחלען. ער האָט ביי קיינעם נישט געפרעגט קיין עצה און האָט זיין גאַנצע ערד אָפּגעגעבן אַ קריסטלעכן גוטבאַזיצער אויף צוויי יאָר און גענומען האַלב געלט פאָרויס. עטלעכע דעסיאַטינעס ערד האָט ער פאַרזעצט אין דער באַנק. פאַרזאָרגט רחלס פאָטער מיט לעבנסמיטלען טאַקע אין סטעפּ-קיוווקע, אָפּגעמאַכט מיט דעם גוטבאַזיצער, ער זאָל אויף דעם אָרט, ווו לעמלס קרעטשמע איז געשטאַנען, אויפבויען אַ נייע דירה, צוגע-נומען אַ מענטשן, ער זאָל אים באַדינען, און באַשטימט, אַז פון דעם אַרענדע-געלט זאָל מען אים אַרויסצאָלן חודשווייז אויף צו לעבן.

סאלאמאן האָט זיך געזעגנט, מיט אַלע זיינע גוטע פריינט און איז אַוועקגעפאָרן.

דער ייד אין א צרה.

יידן זענען געלאָפן, געפאָרן פון איין שטאָט אין דער אנדערער, אין אָט דער שרעקלעכער טרויעריקער צייט. דער האָט נישט געוווּסט וווּ זיין קינד איז אַהינגעקומען, דער האָט געזוכט זיין מוטער, דער זיין ווייב און דער זיין כלה — זייער גאַנצע האָפענונג, זייער גאַנץ לעבן האָבן זיי געזוכט! עס איז זיך נישט געזעסן אויף איין אָרט, מען איז געפאָרן הערן און זען וואָס עס טוט זיך, וואָס מען זאָגט, וואָס עס וועט ווייטער זיין. אינדערהיים איז נישט מער מעגלעך געווען צו בלייבן. דאָס האָט יעדער פאַרשטאַנען. נאָר עפּעס אויסצוטראַכטן, אויף צו פאַרבעסערן די לאַגע, האָט קיינער נישט געוווּסט.

די פּאָגראָמען זענען דערוויילע אַלעמאָל שטאַרקער געוואָרן. אַלע טאָג האָט מען געהערט, אַז מען ראַבירט אַ נייע שטאָט, אַ שטעטל, אַ דאָרף, אַ קרעטשמע. דער שרעק איז ווייטער געוואָרן גרעסער. די, וואָס האָבן נאָך נישט געליטן פון דעם פּאָגראָם, האָבן זיך געריכט, אַז היינט-מאָרגן וועט מען צו זיי אויך קומען... מען האָט דערווייל פאַרקויפט וואָס מען האָט נאָר געהאַט און פאַר וויפל מען האָט נאָר געגעבן, און גאָרנישט געטראַכט וואָס דערנאָך וועט זיין. נאָר מיט איינעם האָט מען זיך געטרייסט: „די צרה איז נישט אויף מיר אַליין, זי איז אויף אַלע יידן. וואָס עס וועט זיין מיט אַלע יידן, וועט זיין מיט מיר אויך!“

קיין שום היזק, קיין שום גוט וואָרט האָט מען פון קיינעם נישט געהערט. פאַרקערט — דערפאַר, וואָס מען האָט יידן געראַבירט, בדיל הדל געשטעלט, געהרגעט, געשלאָגן, האָט מען אין די צייטונגען אָנגעהייבן שרייען: „גייט אייך אויף אַלע פיר זייטן, אַבי אַוועק פון

אונדז!" די ווערטער האָט מען אַפילו עפּנטלעך אין די גריכטן געזאָגט, בשעת מען האָט געמשפּט די פּאָגראָמשטשיקעס. אַנשטאָט צו באַשולדיקן זיי, האָבן זיך געפונען פאַרטיידיקער, זיי האָבן אויף די פּאָגראָמשטשיקעס געפונען אַ זכות און געזאָגט זיי אין די אויגן, אַז מען דאַרף אין רוסלאַנד קיין יידן נישט.

פּלוצלונג האָט זיך באַוויזן אין די צייטונגען אַ ידיעה, אַז שפּאַניע וויל תשובה טאָן און בעט יידן צוריק צו זיך. דערפון איז אַרויסגעקומען דער ערשטער געדאַנק פון אַ יידישער עמיגראַציע.

מען האָט אָנגעהייבן קלערן, צי זאָל מען פאָרן קיין שפּאַניע, ווו עס איז נישטאָ קיין שטיקל ערד, וואָס איז נישט באַגאָסן מיט יידיש בלוט. „איידער קיין שפּאַניע, — האָט מען געזאָגט, — איז גלייכער אין אַן אַנדער לאַנד". — ווו מען טוט אָבער אַ קוק, האָט מען דאָס יידישע פאָלק גערודפט, געראַבירט, געקוילעט! דער אומגליקלעכער ייד האָט געזען, אַז זיין טרויעריקע געשיכטע פון צרות און פאַרפאָלגונגען האָט נאָך נישט אויפגעהערט! נישט איינמאָל האָט ער אויפגעהייבן זיינע שטענדיק אַראָפּגעלאָזטע אויגן צום הימל, גלייך ווי ער וויל זען, צי ער קען נישט אַנטלויפן אינדערהויך, אינדערלופטן... דאָרטן וווינען, טאָמער וועט מען אים דאָרטן לאָזן רויק... דער, וואָס טרינקט זיך, כאַפּט זיך אָן אין אַ שטרוי, כאָטש ער פאַרשטייט, אַז עס וועט אים נישט העלפן! אייניקע האָבן געקוקט אויף דער ערד, נעזוכט אונטער דער ערד, אפשר קען מען דאָרט געפינען אַ שטיקל ערד, ווו מען זאָל קענען רויקער לעבן.

אַזוי איז מען געפאַלן אויף אַמעריקע! — איין אָרט, ווו יידיש בלוט איז נאָך נישט פאַרגאָסן געוואָרן, — אַ נייע וועלט!

אָן אַמעריקע האָבן זיך אַ סך אָנגעכאַפּט, און עס האָבן זיך געבילדעט גאַנצע חברות אונטערן נאָמען „אַמעריקאַנצעס", און מען האָט אָנגעהייבן אויסוואַנדערן. פון דער אַנדערער זייט זענען אַרויסגעשפּרונגען נייע חברות, וואָס האָבן צוגעזאָגט נייע גליקן פאַר יידן. איינע פון די נייע חברות האָט געטראָגן דעם נאָמען „נאָווי איזראַעל".

אייניקע האָבן געשריען, אַז מען דאַרף זיך גאָר אויסשמדן, און אייניקע, אַז מען דאַרף זיך נישט שמדן, נאָר מען דאַרף זיך אויסמישן צווישן די קריסטן, מען זאָל נישט מער דערקענען די יידן, וועט מען פאַרשפּאָרן צו אַנטלויפן און אויסוואַנדערן. יעדער וועט קענען בלייבן רויק אויף זיין אָרט.

די פּאָגראָמען האָבן דערווייל נישט אויפגעהערט. מען האָט גע-שלאָגן, געהרגעט, גערױבירט, און מען האָט דעם יידן נישט געלאָזט כאַפּן דעם אָטעם.

און עס איז געשען אַ וואונדער:

אין דער צייט פון די אומגליקן האָבן זיך געפונען געצײלטע יידן, יונגע און שטאַרקע, וואָס זענען פּלוצלונג ביי זיך גרויס גע-וואָרן, און פול מיט מוט און גלויבן אין זיך, האָבן זיי זיך זעלבסט געפרעגט: וואָס זענען מיר, ציגיינער, וואָס מיר דאַרפן זיך אייביק אַנוואַרפן אויף יענעם? וואָס דאַרפן מיר זוכן נייע לענדער, ווו מען דאַרף ווידער אָנהייבן צו פירן אַ נײ לעבן... טאָמער האָט מען אונדז נאָך דאָרטן נישט געשלאָגן און אונדז געגעבן אָנצוהערן, אַז מיר זענען פרעמדע... האָבן מיר דען נישט קיין אייגענע היים? נייע קלעפּ מיט פרישע צרות דאַרפן מיר נישט פאָרן זוכן!

מען קען זיך פאָרשטעלן, ווי פרעמד און נאַריש די ווערטער „אייגענע היים” האָבן געקלונגען אין די אויערן פון אונדזערע אַסי-מיליאַטאָרן און אַנדערע אַזעלכע יידן, וואָס האָבן אין דער לעצטער צייט נאָכמער זיך דערווייטערט פון יידן. זיי האָבן אַלע געלאַכט פון די יונגעלייט, אין וועלכע עס האָבן זיך מיט אַ העליש פייער אָנגע-צונדן זייערע יידישע הערצער, מיט אַ הייס בענקעניש נאָך דער אַל-טער היים פון זייערע עלטערן.

די יונגעלייט האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט אויף דעם געלעכ-טער פון די אַסימיליאַטאָרן און אויף די וואָרעניש פון עלטערע יידן.

— וואָהין פאָרט איר, משוגעים? וואָס פאַר אַ היים האָט איר זיך איינגערעדט? דאָרטן איז אַ שטאַרקע רעגירונג, און ווער ווייסט צי מען וועט אייך אַריינלאָזן.

די יונגעלייט האָבן זיך אפילו נישט אומגעקוקט אויף זייער געשריי. אַ באַזונדער קראַפט האָט זיי געצויגן אין לאַנד פון זייערע עלטערן.

נאָך די פּאָגראָמען האָט דאָקטאָר פרידמאַן זיך פּלוצלונג אָנ-געהויבן באַשעפטיקן מיט דער יידישער פראַגע. נאָר ווי אַלע היינט-מאָדישע יידן, האָט ער אַליין נישט געוווסט, וואָס אייגנטלעך ער וויל? דאָ איז ער געווען אַן אַסימיליאַטאָר, באַלד איז ער געוואָרן אַן אַמעריקאַניעץ. נאָר איינס איז געווען זיכער, ער האָט נישט גע-האַלטן פון עמיגראַציע קיין פּאַלעסטינע, און האָט באַטראַכט פאַר

משוגענע אַלע. וואָס זענען געפּאָרן אָדער נאָר גערעדט וועגן עמי־גרירן קיין פּאַלעסטינע. מען קען דעריבער זיך פאָרשטעלן, ווי אויפ־געבראַכט ער איז געוואָרן, ווען זיין פריינט גאָלדשמיד האָט זיך באַ־שלאָסן מיט זיינע ברידער כייקל און בערל און מיט נאָך יונגעלייט צו פאָרן קיין פּאַלעסטינע, און איז זיך געקומען געזעגענען צו פריד־מאַנען. ער האָט זיך פּשוט צעשריען אויף אים מיט זיינע ברידער און אויף זייערע חברים:

— ווהין פאָרט איר, משוגעים? וואָס האָט איר זיך אריינגע־שלאָגן אין קאָפּ אריין פּאַלעסטינע? איר וועט נאָך דעם טערק מיט קיין דונער נישט דערהרגענען. מילא, אויף וועמען — אָבער אויף אייך, גאָלדשמיד, האָב איך זיך נישט גערעכט, איר זאָלט זיך אריינלאָזן אין אַזוינע נאַרישקייטן? ווו זענט איר באַוואָרנט, אַז דאָרטן וועט מען אויף אייך נישט מאַכן דיזעלבע פּאָגראָמען?

— איך פאָר איצט אַוועק, גאָט ווייס, צי מיר וועלן זיך נאָכאַמאָל זען, — האָט גאָלדשמיד געענטפערט.—נישט איצטער איז די צייט, איך זאָל מיט אייך גיין, מיין ליבער דאָקטאָר, וויכוחים האָבן. איר וועט זאָגן, אַז איר האָט רעכט, וואָס איר זענט אַן אסימיליאַטאָר און איך — אַ נאַרישער חובב ציון. איר וועט דערויף זאָגן גלייכע ווערטלעך מיט וויצן. פון דעם אַלעמען איז גוט צו רעדן נאָך אַ גוטן מיטאָג, אָדער זיצנדיק ביי אַ גלאָז טיי, אָבער נישט איצטער, אין אַזאַ צייט, ווען עטלעכע יונגעלייט זענען זיך צונויפגעקומען און פאָרן זוכן אַן ערלעך שטיקל ברויט אין אונדזער לאַנד, ווייל דאָ קענען זיי עס מער נישט האָבן, ווייל דאָ צאַפּט מען אונדז דאָס בלוט, אפילו ווען יעדער ביסן איז מיט ביטערן שווייס פאַרהאָרעוועט. נאָר איצט וויל איך מיט אייך נישט רעדן וועגן דעם. ערשטנס, וויל איך זיך געזע־גענען מיט אייך — מיט מיינעם אַ בעסטן פריינט, און, צווייטנס, איך ווייס נאָך אַליין נישט וואָס איצטער אייך צו ענטפערן. איך פיל נאָר מיט אַלע מיינע חושים, אַז אַלע יידן דאַרפן איצטער פילן דאָס־זעלבע, וואָס איך מיט מיינע חברים. אַי, איר מיינט, אַז דאָרטן קענען אויך פאָרקומען די אייגענע פּאָגראָמען, — עס איז טאַקע מעגלעך, נאָר עס וועט אונדז ליבער זיין, מען זאָל פאַרגיסן אונדזער בלוט אויף דער ערד, וואָס איז מיט אונדזערע עלטערנס בלוט אָנגעזאַפּט, אַבי נישט דאָ אין חזיר־לאַנד... עס וואָלט מיך גאָרנישט געאַרט, איר זאָלט לאַכן וויפל איר ווילט, נאָר אייערע ווערטלעך: „דער טערק איז

נאָך נישט געשטאָרבן, מען וועט אים נאָך מיט קיין דונער נישט דערהרגענען״ — פאַרדריסט מיך אין צווייען... ווארים איינס פון די ביידע: אָדער איר האַלט מיך טאַקע פאַר אַזאַ נאַריש יינגל, וואָס לאָזט זיך פאַרפירן דורך זיין נאַרישער פאַנטאַזיע, אָדער איר, דאָקטאָר, וואָס איר זענט אויך אַ ייד, לאַכט און זאָגט ווערטלעך אין אַזאַ צייט קעגן די יידן, וואָס יעדער נידעריקער שיכור באָדט זיך איצטער אין זייער בלוט... איר מאַכט חוזק פון דעם אומגליקלעכן יידן, וואָס זוכט אַן אָרט אַ ביסל ווייטער פון די שיכורים, טאָמער וועט אים דאָרט זיין אַ ביסל בעסער, אַ ביסל רויִקער. דער געדאַנק צו פאָרן קיין ארץ ישראל, האָט נאָך ביי קיין אמתן יידן קיינמאָל נישט אויפגעהערט די גאַנצע צוויטויזנט יאָר, וואָס מען האָט אונדז פון דאָרט פאַרטריבן. דער חילוק איז נאָר — אַז ביז איצט זענען יידן געפאָרן קיין ארץ־ישראל שטאַרבן, לעבן זייערע לעצטע יאָרן פון גרייט געלט אָדער פון נדבות, און איצט פאָרט מען לעבן פון אַרבעט, זיין באַלעבאַטים אויף דער ערד, ווו קיינער וועט קיין רעכט נישט האָבן אויף אים צו זאָגן, אַז ער איז אַ פרעמדער... און וועגן דעם, וואָס איר דענקט, אַז פּאָגראָמען קענען דאָרט אויך זיין, איז איצט נישט די צייט צו רעדן. לאָמיר זיך בעסער געזעגענען, ווי גוטע פריינט, ווי מיר זענען געווען ביז איצט, און דערנאָך, אַז איך וועל קומען אויפן אָרט און וועל וויסן וואָס און ווען, וועל איך אייך שרייבן. איך האָף, אַז איר וועט מיר אויף מיינע בריוו ענטפערן. דעמאָלט, זיכער, דיק יעדער אויף זיין אָרט, ביי זיין אַרבעט, וועלן מיר זיך קענען אויספירלעך אויסרעדן. איצט לאָזט מיך פאָרן און ווינטשט מיר און מיין קאָמפּאַניע אַ גליקלעכן וועג.

— און דער אַלטער שפּיצבוים פאָרט אויך מיט אייך?

— ניין, ער בלייבט אינדערהיים.

— קען דאָס זיין? ער פלעגט דאָך נאָך פאַר די פּאָגראָמען שטענדיק קלאַפּן מיט ארץ־ישראל, פאַנטאַזירן פון דער וואַנט, וואָס איז איבערגעבליבן פונם בית־המקדש מיט די בערגלעך און טאָלן, וואָס נעמען אַרום די מערת־המכפּלה... נאָר דעמאָלט האָט אים קיינער נישט געהערט. אַלטע ווייבער און אַלטע יידן זענען אַהין געפאָרן שטאַרבן, אָבער איצט?.. און אין אַזאַ צייט בלייבט ער דאָ?

גאָלדשמיד האָט אים איבערגעשלאָגן די רייד און אויסגעשריגן:

— איך דערלויב אייך נישט זיך ווערטלען וועגן שפּיצבוימען!

רעדן מיט אייך אויספירלעך פון דעם טייערן יידן פון דעם מערק־ווירדיקן מענטשן שפּיצבוים, איז איצט אויך נישט די צייט. מיט אים אַליין האָב איך גענוג דערפון גערעדט, און ווען איר וועט זיין ביי אים, וועט איר זיין מייבונג קענען הערן...

— איר האָט אייך שוין מיט שפּיצבוימען גזעגנט?

— ניין, איר ווייסט, מען זאָגט: אחרון אחרון חביב...

— אויב אַזוי, וויל איך מיך צוזאַמען מיט שפּיצבוימען געזעגענען מיט אייך און מיט דער גאַנצער קאָמפּאַניע עמיגראַנטן, און תעל יעדן ווינטשן אַ גליקלעכן וועג.

•

אין איינע פון די שמאָלע גאַסן פון דער שטאָט נעזווינק זענען נאָך פון נעכטן אָן געשטאַנען עטלעכע וועגן מיט איינגעפּאַקטע קעסטלעך, קאַסטנס און קלימעקלעך. מיט די וועגן האָבן היינט באַדאַרפט די יידישע עמיגראַנטן צופירן זייער באַגאַזש צום באַן.

— באַגאַזש, אומשטיינס געזאָגט! וואָס פאַר אַ באַזאַזש איז איבערגעבליבן די אומגליקלעכע יידן נאָכדעם, וואָס די פּאָגראָמשטשי־קעס זענען געוואָרן די באַלעבאַטים ביי זיי אין שטוב אויף עטלעכע טעג! — האָט גאָלדשמיד באַמערקט.

— נאָר וואָס ליגט אין די קלומקעלעך? דאָס איז די פראַגע — האָט דער דאָקטאָר געפרעגט.

— פּרוווט, פרעגט דעם אָרעמאַן, וואָס שלעפּט איר זיך מיט אייערע אַלטע שמאַטעס, וואָס זענען איינגאַנצן נישט ווערט קיין צוויי בראָשן? איז דען כדאַי מיט דעם זיך צו שלעפּן?

דאָ וועט אייך דער אָרעמאַן מיט פאַרווונדערונג ענטפערן:

— דאָס איז מיין ביסל אָרעמקייט, דאָס איז מיין גאַנץ פאַרמעגן.

אַרום די אַלע וועגן מיט די קעסטעלעך און קלומקעס האָבן זיך איצט געדרייט די נעזווינקער עמיגראַנטן. יעדער איז געשטאַנען ביי זיין ביסל אָרעמקייט. אַלע האָבן זיך געאיילט צו פאָרן, נאָר

צוויי מענטשן זענען דאָ געשטאַנען גאַנץ רויִק. אַזוי, אַז מען האָט געקאָנט פאַרשטיין, אַז זיי פאָרן גאָרנישט—דאָס איז געווען שפּיצבוים מיט דעם דר. פרידמאַן, וואָס זענען געקומען באַגלייטן גאָלדשמידן מיט די אַנדערע עמיגראַנטן.

די צייט צום פאָרן איז אַלעמאָל נענטער געוואָרן. די בעלי־עגלות האָבן שוין פון אונטער די וועגן פאַרנומען די לעצטע ביסלעך היי און די פערד פאַרצוימט. די יונגע קינדער האָט מען שוין אָנגע־הייבן אויפזעצן אויף די וועגן. הייסע טרערן האָבן בײַ יעדן אָנגעהייבן פאַלן פון די אויגן. דאָ האָט זיך אײנער צע־וויינט און צעכליפּעט ווי אַ קליין קינד. אין דער לופט האָט מען געהערט זיך קושן און האַלדזן: „זיי געזונט, טאַטע, זײַ געזונט, מאַמע, זיידע, ברידער, שוועסטער, טײַערע פרײַנט, זײַט געזונט, זײַט געזונט! גאָט ווייסט, אויב מיר וועלן זיך נאָך אַמאָל זען! לאָמיר הערן גוטע בשורות פון ווייטנס! שרײַבט אָפט בריוו!"

צווישן דעם קושן, וויינען און גליקוווּנטשן האָט מען פּלוצלונג געהערט דאָס קנאַקן פון די בעל־עגלות־בײַטשן. עס איז געוואָרן שטיל. דער ערשטער וואָגן האָט זיך גערירט און נאָך אים די אַנדערע. פיל מענטשן זענען נאָכגעגאַנגען, אייניקע האָבן זיך איבער־געשריִען מיט די עמיגראַנטן און ווידער געווינטשן. נאָר וואָס נענטער צו דער בריק, איז דער עולם וויניקער געוואָרן און דער שטח צווישן די עמיגראַנטן און די פוסגייער איז אַלעמאָל ווייטער און ווייטער געוואָרן.

אַ האַלבן וויאָרסט אונטער דער שטאָט האָט מען שוין מער נישט געזען קיין פורן און קיין עולם. נאָר צוויי מענטשן, שפּיצ־בוים, און אים צוליב דער דאָקטאָר פרידמאַן, האָבן נאָך געשפּאַצירט צווישן די וועג־ביימער און צווישן די געפּאַרבטע סלופּעס, וואָס ווײַזן אָן די וויאָרסטן לעבן די פאַראַקערטע, צעגראָבענע פעלדער.

— נאָך דעם רעש, נאָך דעם געזעגענען, — האָט זיך אָנגערופן שפּיצבוים, — נאָך דעם אַלץ, וואָס איך האָב איצט געזען און איבער־געפילט, קען איך מיך אַזוי גיך נישט אומקערן צוריק אין שטאָט אַרײַן. מיר וועלן זיך דאָ אַ ביסל אָפּרוען, ה' דאָקטאָר.

זיי האָבן זיך ביידע געזעצט לעבן אַן אַלטן דעמב־בוים, וועל־כער האָט מיט זײַנע ארויסגעוואַקסענע וואָרצלען געמאַכט אַ פּלאַץ צום זיצן.

עטלעכע מינוט זענען זיי ביידע געזעסן שטיל. זיי האָבן זיך אָפּגערוט.

— וואָס מיר, יידן, האָבן דערלעבט! — האָט זיך אָנגערופן שפּיצבוים. — ווער האָט עס גאָר געקענט דערוואַרטן, אַז פאַר יידן זאָל פּלוצלונג — אינגאַנצן אין איין יאָר — קומען אַזאַ צייט! יידן זאָלן דאַרפן עמיגרירן פון די ערטער, וווּ זיי זענען געבוירן און האָבן זייערע עלטערן און זיידעס מקבר געווען! גיי ריכט זיך, אַז צום סוף פונם נייַנצעטן יאָרהונדערט זאָל מיט יידן אַזוינס פאָרקומען! ווער האָט דאָס גאָר געקענט גלויבן, אַז דער ייד, וואָס האָט אַזוי ליב זיין שטיבל, זיין ווינקל, זאָל זיין אומשטאַנד אויסצוּוואַנדערן. איר האָט געזען, ה' דאָקטאָר, איר האָט געפילט די איבערלעבונגען פון די יידן, וואָס זענען איצט אַוועקגעפאָרן? אויב איר זענט אַ ייד, האָט איר עס באַדאַרפט פילן! איך האָב געפילט מיט אַלע מיינע אברים!

עס איז זייער שווער אַוועקצופאָרן פון דער שטאָט, פון דעם לאַנד, וואָס מען האָט אַזוי לאַנג באַטראַכט פאַר אַן אייגענע היים.

— געוויס! נאָר נישט דאָס מיין איך אָבער. טאַקע אין דעם זעט מען, ווי דער ייד איז נאָך גרויס און שטאַרק, ווי דער ייד וועט אייביק לעבן, ווי פעיק ער איז איבערצוטראָגן פייער און וואַסער. די שונאים אויף צופּוקעניש בלייבט ער ביי דעם שטאָלץ פון זיין יחוס. באַרעכנט נאָר גוט — אין דער צייט, וואָס ווער עס וויל נאָר, צאַפּט זיין בלוט אומזיסט, אין דער צייט, וואָס מען ראַבעוועט אים ביז צום העמד — אין דער צייט פאָרן יידן אָפּזוכן זייער אַלטע היים. אַ ייד וואַרפט זיך נישט פאַר צרות אין וואַסער אַריין און שרייט נישט: „איך וויל נישט לעבן", ווי אַנדערע טוען. ער פאַלט פון די אַלע צרות אַפילו ביי זיך נישט אַראָפּ. פון די אַלע איבערגעבליבענע צרות איז דער ייד גאָר פּלוצלונג שטאַרק ביי זיך געוואָרן, ער האָט באַקומען פרישע האָפענונגען. איר האָט געזען און געפילט, ווי אויף יעדן עמיגראַנטס פּנים איז געווען אָנגעשריבן די „גוטע האָפענונג", אַז „זיין גאָט איז נאָך נישט אונטערגעגאַנגען!" איר האָט אָנגעקוקט די אַלע יידישע יונגעלייט, וואָס זענען ביי אונדז אויפגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן אויף ווייסע שבתדיקע קוילִיטשן און צו שלאָפן אויף ווייכן בעטגעוואַנט מיט אַ ספר אין דער האַנט... דאַכט זיך, די ווייסע הענטלעך, די בלאַסע פּנימער, קענען אַפילו קיין האַנט אין

קאַלט וואַסער נישט אַריינטאָן? אָבער עס איז אַ טעות! זיי קענען פיל טאָן, זיי קענען אַרבעטן און איבערלייַדן צרות, הונגער, קעלט און קומען צו דעם צוועק, אויף וועלכן מען האָפֿט.

— אמת, ווער וואָלט עס געגלויבט, אַז די יידישע יונגעלייט מיט די איידעלע ווייסע הענטלעך זאָלן זיך אַזוי פעסט באַשליסן שווער צו אַרבעטן, אָוועקצוואַרפן זייערע פריערדיקע באַשעפטיקונגען: מסחר, שענקען, פּראָצענט!

— נאָר פאַרוואָס פאָרן זיי נישט קיין אַמעריקע? — האָט דער דאָקטאָר געפרעגט. — דאָרטן איז דאָ געלט גענוג, דאָרטן האָבן יידן אַלע רעכט, דאָרטן...

— דאַכט זיך, ה' דאָקטאָר, אַז די לעצטע צייט האָבן די פּאָג־ראָמען, וואָס די יידנפרעסער האָבן אַרויסגערופן, באַוויזן, אַז מען וועט אונדז, יידן, אומעטום פאַרפאָלגן. עס איז אַלצאיינס: דאָ פריער און דאָרט שפעטער! אין די פריערדיקע, פינסטערע צייטן, ווען אויף יידן זענען געקומען צרות, האָבן זיי געקענט האָפן, אַז די וועלט וועט אייביק נישט זיין פינסטער, אַז עס וועט קומען אַמאָל די ליכטיקע צייט, ווען אַלע מענטשן וועלן זיין גלייך, ווייל גאָט האָט זיי אַלע באַשאַפן גלייך. די האַפענונג האָט זיי אַזוי געפירט ביז צום ליכ־טיקן, אויפגעקלערטן נייַנצעטן יאָרהונדערט. איך פרעג אייך, ה' דאָק־טאָר, איז עס מעגלעך, אַז אין אַ צייט פון טעלעגראַפן, דאַמפּמאַ־שינען, לופטבאַלאָנען זאָל מען נאָך נישט פאַרשטיין, אַז יידן זענען אויך מענטשן גלייך מיט אַלע!

— אין אייניקע לענדער האָט מען שוין יידן געגעבן אַפילו גלייכע פּאָליטישע רעכט, פאַרפאָלגט מען דען זיי נישט? — האָט דער אַלטער שפּיצבוים נישט אויפגעהערט צו רעדן.—אומזיסט דערוואַרטן מיר ישועות פון דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. מען וועט אפשר אין דער צייט מאַכן נייע מערקווירדיקע דערפינדונגען, מען וועט געפינען אַ מיטל צו פאָרן זיכער אינדערלופטן און אפשר גאָר צו פאָרן צו דער לבנה — אָבער יידן וועט מען ווייטער פייַנט האָבן און פאַר־פאָלגן. פאַרשטייען דען אונדזערע שונאים איצט נישט, אַז יידן זענען אויך מענטשן, וואָס דאַרפן לעבן, און פונדעסטוועגן וואָס זעען מיר?

— אַלץ איז זייער גוט, אָבער וואָס וועט דאָרטן זיין? — האָט דאָקטאָר פרידמאַן געפרעגט.

— וואָס ווילט איר זאָל זיין? דאָס איז שוין זייער פיל, אַז ביי אונדזער יוגנט האָט זיך באַוויזן דער גרויסער חשק צו באַאַרבעטן די ערד אין אונדזער אַמאָליקן אייגענעם לאַנד! דאָס וועט אונדז געוויס צו גוטן פירן. איך זאָג גאָרנישט, אַז מען וועט מאַכן גליקן אין פּאַלעסטינע. עס איז מעגלעך, אַז מען וועט דאָרט פֿאַרשוואַרצט ווערן גלייך ווי אין דער פרעמד, נאָר איר ווייסט דען נישט, אַז קראַנק זיין, צרות האָבן — איז פּאָרט בעסער אינדערהיים? מען מוז מיט אַלץ מיטהעלפן די יידן, וואָס פאָרן קיין ארץ ישראל: זייער שטאַרקער ווילן צו זיין פּראָסטע אַרבעטער מוז צו גוטן פירן. עס איז מעגלעך, אַז דער ערשטער דור פון די, וואָס פאָרן איצט און אפשר נאָך דער צווייטער, וועלן פֿאַרלוירן ווערן, אָדער זיי וועלן צו גאָרנישט קומען, נאָר די שפּעטערדיקע דורות וועלן שוין געוויס באַשטיין פון אמתע פעיקע אַרבעטער. פון זיי וועט זיך אויסבילדן אַ פאָלק פון ערדאַרבעטער און אין דעם ליגט אונדזער גאַנצע האָפענונג, אונדזער גאַנץ גליק! כּל זמן מיר יידן וועלן נישט זיין קיין אַרבעטס-לייט, וואָס ברענגען אַהיים די מיטלען צום לעבן דורך פיזישער אַרבעט, וועלן מיר פֿאַרשוואַרצט ווערן, אַזוי ווי מיר זענען שוין פֿאַרשוואַרצט געוואָרן באַלד צוויי טויזנט יאָר! עס וועט טאַקע לאַנג געדויערן ביז מיר וועלן דאָס דערגרייכן, נאָר אָן דעם האָבן יידן נישט קיין צוקונפט אויף דער וועלט. דאָ קען מען דאָס נישט דער-וואַרטן דורך פֿאַרשידענע סיבות, אָבער דאָרט איז גאָר עפּעס אַנדערש. דער גייסט פון באַאַרבעטן ארץ-ישראל-ערד וועט די יידן געבן אַן אַנדער כּוח צו דער אַרבעט. דאָרט וועלן זיי אויף יעדן שריט ערד געפינען אַ בלאַט פון אונדזער אַלטער געשיכטע. די מאָראַלישע קראַפט וועט זיי פֿאַרשאַפן מוט איבערצוטראָגן אַ סך צרות, לייד און הונגער, ביז זיי וועלן גאָר אַנדערע מענטשן ווערן!

— ה׳ שפּיצבוים, — האָט זיך אָנגערופן דער דאָקטאָר, — איך האָב פֿאַרגעסן אייך צו פרעגן, ווי זשע קומט עס, איר זאָלט דאָ בלייבן, אַז איר האָט אַזוי ליב פּאַלעסטינע? אָדער אפשר וועט איר אויך פאָרן?

— אָ, ניין! איך האָב ליב ארץ-ישראל, נאָר אויף דאָרט צו לעבן און אַרבעטן, אָבער נישט אויף צו שטאַרבן... איך קען שוין גאָרנישט טאָן, איך בין שוין אַלט און קראַנק, וואָס-זשע וועל איך דאָרט טאָן? ניין, נישט אַזוינע ווי איך דאַרפן פאָרן! מיר האָבן שוין

אונדזער וועלט אָפּגעלעבט און דאַרפן דאָ בלייבן און נישט מאַכן דאָרטן ענג די, וואָס קענען עפּעס יאָ טאָן. געננג פון מיינעטוועגן, אַז איך האָב מיין גאָלדשמידן, וועלכער איז ביי מיר פאַררעכנט. ווי אַן אייגן קינד, אַזוי דערצויגן, אַז ווען עס איז אויף יידן געקומען אַ צרה, האָט זיך אין אים דערוועקט דאָס יידישע האַרץ און זיינע אויגן האָבן זיך געווענדט צו אונדזער אַלטער היים.

שפּיצבוים איז ווי מיד געוואָרן רעדנדיק. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דעם בוים און זיך אַ ביסל אָפּגערוט. דער דאָקטאָר האָט פון אים קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט. ער האָט זיך נאָר געוווּנדערט, ווי דער אַלטער שפּיצבוים האָט גערעדט מיט דער גרעסטער ליבע וועגן ארץ ישראל אָבער נישט מיט אַזויפיל פאַנטאַזיעס ווי די יונגע, נאָר קלאָר און ניכטער. ער האָט אים. נאָך געוואָלט אַ סך פרעגן, נאָר ער האָט געשוינט דעם אַלטנס רו.

— גאָלדשמיד האָט מיר צוגעזאָגט פון דאָרטן צו שרייבן, דעמאָלט וועל איך קענען מער פרעגן און וויסן, — האָט דער דאָקטאָר געטראַכט.

זיי האָבן זיך געלאָזט גיין צוריק אין שטאָט אריין. פרידמאַן האָט געזען, ווי שפּיצבוים איז זייער פאַרזאָרגט און ווערט טרויעריק. ער האָט אים געפרעגט די סיבה דערפון.

— פון די אַלע שוואַרצע פאַרבן, פון די פּאָגראָמען, פון די צרות אין אומגליקן, געפין איך מיר אין יעדער זאַך אַ טרייסט... נאָר צו איין זאַך קען איך קיין טרייסט נישט געפינען, ווען איך דערמאָן מיך אָן דער אומשולדיקער רחל, וואָס איז פאַרפאַלן געוואָרן, ווי אין וואַסער אריין, און דער אומגליקלעכער סאַלאמאַן!..

שפּיצבוים האָט נישט געקאָנט ווייטער רעדן. די טרערן האָבן אים געשטיקט.

— אַ חוץ וואָס דאָס איז זייער טרויעריק,—האָט געזאָגט פרידמאַן,— איז עס אַ רעטעניש אויך. איך האָב אייך, ה' שפּיצבוים, נאָך נישט דערציילט וועגן פאַן קאַרלען, ווייל איך האָב אייך נישט געוואָלט טרויעריק מאַכן און אייך דערמאָנען אין רחלען און אין סאַלאמאַנען.

— וואָס איז? וואָס איז דען? — האָט זיך שפּיצבוים אַ כאַפּ געטאָן, ווי אַן אָפּגעבריטער.—איר ווייסט עפּעס פון רחלען? עס איז דאָ עפּעס אַ שפּור? דערציילט מיר גיכער, פּלאָגט מיך נישט!..

— לאָזט מיך רעדן.

— איך וועל הערן.

— איך האָב אייך נישט געוואָלט דערציילן, ווייל אַלס דאָקטאָר ווייס איך זייער גוט, ווי יעדע טרויעריקע זאַך, בפרט נאָך אַזוינע, ווירקט אויף אייער געזונט און נאָך ביי אייערע אַלטע יאָרן... נאָר איך האָב געפונען פאַר נייטיק אייך פאָרט צו דערציילן, וואָס איך ווייס, ווארים דאָס „נישט וויסן" איז נאָך ערגער פאַר אייך.

— איך בעט אייך, פייניקט מיך נישט! — האָט דער אַלטער שפיצבוים כמעט אויסגעשריען און דער דאָקטאָר האָט אָנגעהייבן דערציילן:

— איר געדענקט געוויס דעם ווונדערלעכן צופאַל מיט פאַן קאַרלען, בשעת דעם סטעפּקיווקער פּאָגראָם, ווי ער איז שטאַרק פאַר־ווונדעט געוואָרן און מען ווייסט עד היום נישט פון וועמען? אין אָנהייב, ווען מען האָט מיך גערופן, איז אים געוואָרן גרינגער, אַזוי, אַז מען האָט כאָטש געקענט מיט אים רעדן... נאָר צייט עטלעכע וואָכן איז ער ווידער זייער קראַנק און עס איז גאָר קיין שום האָפענונג נישטאָ, ער זאָל לעבן. ער ליגט אין גרויס היץ און רעדט נאָר פון רחלען. פאַר אַ פּאָר וואָכן בין איך געזעסן ביי זיין בעט און ער האָט צו מיר נישט אויפגעהערט רעדן וועגן רחלען... איך האָב פון זיינע ווערטער פאַרשטאַנען, אַז ער איז שטאַרק פאַרליבט אין רחלען, און וועדליק עס ווייזט אויס, נישט פון נעכטן, נאָר שוין פון אַ לאַנגער צייט. פון זיינע רייד האָב איך אַרויסגעקריגן, אַז פאַרווונ־דעט האָט אים רחל...

— ווער, רחל? — ווי אַזוי? פאַרוואָס זי!? — איז שפּיצבוים אויפ־געשפּרונגען אויסער זיך.

— יאָ, רחל... עס איז נישט מעגלעך איבערצוגעבן אַלץ, וואָס ער האָט גערעדט, ווייל פיל האָט ער געפלוידערט, אָנגעהייבן רעדן פון איין זאַך און איבערגעשפּרונגען אויף אַן אַנדערער, אַזוי, אַז פרעמדע מענטשן וואָלטן דערפון גאָרנישט געקענט פאַרשטיין. נאָר אַזויווי איך בין אָפט ביי אים געווען בשעת דער קראַנקהייט, האָב איך פון די אַלע ווערטער, וואָס איך האָב געהערט, געקענט צוזאַ־מענשטעלן אַ געדאַנק, און איך בין איבערצייגט, אַז מיין מיינונג איז ריכטיק, אַז פאַן קאַרל איז פאַרווונדעט געוואָרן פון רחלען. דער גאַנ־צער צוועק פון זיין געפונען זיך צווישן די פּאָגראָמשטשיקעס, ווייזט אויס, איז געווען רחל. זי האָט זיך גאַנץ געוויס מיט אַלע קרעפטן

געווערט און געראַנגלט זיך און האָט איר פאַרוואונדעט מיט אַ שווערן קיילעכיקן אינסטרומענט. דאָס איז זיכער, ווי צוויי מאָל צוויי איז פיר. איצט בלייבט נאָר די פראַגע, ווו איז רחל אַהינגעקומען? נע-מען מיר אָן, אַז זי איז אין אָנהייב באַלד אַנטלאָפן, ווייל זי האָט געוווּסט, אַז זי האָט פאַרוואונדעט אַ מענטשן און אפשר האָט זי גע-מיינט, אַז זי האָט אים אויף טויט דערהרגעט. נאָר וווּהין האָט זי געקענט אַנטלויפן? און ווידער, עמעצן פון אונדז וואָלט זי געוויס געשריבן פון דעם אָרט, ווו זי געפינט זיך. זי פאַרשטייט זייער גוט, אַז דאָס געריכט קען זי נישט משפטן, ווי אַ מערדערין. זי האָט זיך אין אַ נויט פון אַן אָנפאַל פאַרטיידיקט, אין דעם געפינט דאָס גע-ריכט אַ זכות און וואָלט זי באַפרייט.

דער אַלטער שפּיצבוים איז אויפגעשפּרונגען:

— ניין, ניין, רחל איז נישט אַזאַ מענטש זיך צו באַהאַלטן פאַר אַזוינע זאַכן. יעדער אָרנטלעכער מענטש, ווען ער באַגייט אַמאָל אין אַ נויט אַ פאַרברעכן, זוכט ער דערנאָך אַליין זיין שטראָף. עס לאָזט אים נישט לעבן, ביז ער שטייט נישט פאַרן געריכט און וואַשט אָפּ זיינע זינד, בפרט נאָך, אַזאַ אומשולדיק קינד, ווי רחל איז. הלוואי זאָל עס זיין, ווי איר זאָגט, ה׳ פרידמאַן, אַבי זי זאָל לעבן און גע-זונט זיין, נאָר איך טראַכט איבער, איך ווייס אַליין נישט וואָס...

— איר זענט גערעכט, ה׳ שפּיצבוים, מען ווייסט גאָרנישט וואָס צו טראַכטן. מען מוז האָפן אויף דער צייט. דאָס בלייבט דערווייל די איינציקע טרייסט. איך האָב געוואָלט וויסן, וואָס שרייבט אייך סאָלאָמאָן? ווו איז ער איצט? איך האָב אויך בריוו פון אים, נאָר זייער קורצע.

— ווער ווייסט, ווו ער געפינט זיך איצט. היינט איז ער דאָ, מאָרגן דאָרט. ער שרייבט מיר, אַז ער האָט זיך באַשלאָסן גאָרנישט צו טאָן און פון קיין שום זאַך נישט צו טראַכטן, ביז ער וועט נישט וויסן, ווו רחל איז אַהינגעקומען. עפּעס שרייבט ער, אַז ער האָט אַ חשד, נאָר ער זאָגט נישט אַרויס דייטלעך, וואָס און ווען. ער זאָגט, אַז ער וועט די טעג מער שרייבן.

— דאָס אייגענע שרייבט ער מיר אויך. מען דאַרף וואַרטן, האָבן געדולט, אפשר וועט גאָט העלפן,—האָט דער דאָקטאָר געטרייסט דעם אַלטן שפּיצבוימען.

זיי זענען ווייטער געגאַנגען. שווייגנדיק האָבן זיי זיך דערנענ-

טערט צו דער שטאָט און מער קיין איינער צום צווייטן נישט אויסגערעדט.

ערשט ווען זיי זענען אריבערגעגאנגען די הילצערנע בריק איבערן טייכל, האָט שפּיצבוים געבעטן דעם דאָקטאָר, ער זאָל גיין צו אים אַהיים, ווייל ער פילט זיך נישט אַזוי גוט אין געזונט.

דאָס ביסעלע ייִדן.

ווען שפּיצבוים איז מיטן דאָקטאָר געקומען פונם באַגלייטן די עמיגראַנטן צוריק צו זיך אין הויז, האָט ער זיך ביי דער טיר באַגעגנט מיט יידל שדכן.

— אַ גאַסט ביי אונדז, ר׳ יידל, קומט אַריין אין שטוב וועלן מיר אַ ביסל זיצן, — האָט שפּיצבוים געזאָגט און זיי זענען אריינגעגאַנגען אין שטוב.

— איך בין שוין ביי אייך געזעסן און האָב געוואַרט אויף אייך, ר׳ יעקב, פאַרשטייט איר מיך... — האָט יידל געענטפערט, ווי איינער, וואָס האָט קיין צייט נישט.—זייער גוט, וואָס דער דאָקטאָר איז אויך דאָ, זיי וועלן אויך זאָגן, אַז עס איז גלייך, פאַרשטייט איר מיך... וויאַזוי איך האָב קיין צייט נישט, בין איך אריינגעלאָפן צו אייך, וואָרים אויך די אייגענע מעשה, די עמיגראַנטן האָב איך געמוזט גיין באַגלייטן און דאָ וועלן נאָך עטלעכע אַוועקפאָרן, און מען זאָגט, אַז ווען מען האָט נישט קיין ווייב, לאָזט מען דאָרט נישט אַריין... צו וועמען קומט מען אָן, אַז נישט צו יידל שדכן, פאַרשטייט איר מיך... כ׳לעבן ר׳ יעקב, ווען איך זאָל שוין אויספירן די עטלעכע שידוכים, וואָס איך האָב אָנגעהייבן, וואָלט איך שוין דערנאָך אויך אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל, פאַרשטייט איר מיך... וואָרים וואָס? מען איז דאָך אַ ייד גלייך מיט אַלע. יידן בלייבן טאָקע יידן... איך פלעג שטענדיק דען נישט זאָגן, אַז אַ ייד דאַרף נאָר פאָרן קיין ארץ־

ישראל? די הייַנטוועלטיקע פלעגן גאָר לאַכן פון מיר. הייַנט האָבן זיי זיך מייַשב געווען און טוען נאָך די ערלעכע ייִדן. זייער גלייַך, יעדער ערלעכער ייִד דאַרף שטאַרבן אין ארץ-ישראל...

— אוי, ר׳ יידל, נישט איר און נישט איך, אַזוינע אַלטע ייִדן דאַרפן נישט פאָרן קיין ארץ-ישראל

— איר פאַרשטייט מיך נישט, פאַרשטייט איר מיך... ר׳ יעקב, טאַקע נאָר אויף דער עלטער דאַרף יעדער ייִד פאָרן קיין ארץ-ישראל.

— וואָס קענען טאָן אַזוינע אַלטע שמאַטעס, ווי מיר, אין ארץ-ישראל?

— וואָס הייסט, וואָס האָט אַ ייִד צו טאָן אין ארד-ישראל? איך פאַרשטיי אייַך נישט, ר׳ יעקב? זאָל זאָגן דער דאָקטאָר, כאָטש זיי זענען אַן הייַנטוועלטיקער, ווער ווייסט עס דען נישט? אָט לאָז מיר נאָר גאָט העלפן, איך זאָל אויספירן די עטלעכע שידוכים, איך זאָל האָבן אויף הוצאות און עטלעכע רובל אין קעשענע, וועל איך פאָרן אויף דער עלטער זיך אָפּרוען — כאָטש אויף דער עלטער נישט זינדיקן ווי דאָ... צוליב דער פרנסה צונויפפאָרן אַ וואָנט מיט אַ וואַנט, אַבי אַ קערבל... נאָר וואָס דען זאָל מען טאָן? מען דאַרף דאָך פאָרט לעבן, ווי זאָגט איר, ה׳ דאָקטאָר? כאָטש אויף דער עלטער, אַבי נישט פאַרגעסן אָן דעם, וואָס לעבט אייביק, פאַרשטייט איר מיך... מיט אַ פרק משניות און אַ קאַפּיטל תהלים, וואָס דען איז אַ ייִד, פאַרשטייט איר מיך...

— אַי, ר׳ יידל, דאַכט זיך אַ קלוגער און רעדט אָפּט נישט צו דער זאַך. ביז וואַנען וועט איר אין זינען האָבן אַזוינע זאַכן? אין דער צייט, ווען מען טרייבט און מען שלאָגט ייִדן, ווען מען דאַרף עפּעס רעכטס און וויכטיקס אין זינען האָבן, האָט איר נישט מער אין קאָפּ, ווי אייער משניות מיט די קאַפּיטלעך תהלים, און מיינט, אַז איר מאַכט דערמיט גאָט אַ מענטליק און גליקלעך כל ישראל? גלויבט מיר, אַז גאָט נייטיקט זיך איצט נישט אין אייער משניות לערנען און תהלים זאָגן.

— איך פאַרשטיי אייַך נישט, פאַרשטייט איר מיך, ר׳ יעקב? כאָטש איר זענט אויך פון דער הייַנטיקער וועלט, נאָר מיר קענען אייַך פאַר אַן איידעלן ייִדן, אַ ייִדן פון לערנען, ווי-זשע קומט דאָס,

אַז איר זאָלט גאָר אַזוינס זאָגן? וואָס איז? מיר יידן זענען עפּעס גוים?

— אמת, אָבער אין אַזאַ צייט אין זינען האָבן נאַרישקייטן?

— ר׳ יעקב, איך האָב זיך אויף אייך נישט געריכט! וואָס הייסט עס פּאָר אַ נאַרישקייטן? משניות און תהלים זאָגן איז ביי אייך נאַרישקייטן? אַ ייד איז אַ ייד און וועט בלייבן אַ ייד.

— יאָ, נאָר ווער האָט אין זינען זיך זעצן לערנען און זאָגן תהלים אין אַזאַ צייט!..

— וואָס-זשע איז פּאָר אַ צייט? מען שלאָגט יידן, מען האָט פיינט יידן. ווען-זשע האָט מען אונדז נישט געשלאָגן? ווען האָט מען אונדז נישט פיינט געהאַט? אויף דעם זענען מיר דאָך יידן, און כּל זמן מיר וועלן זיין יידן, וועט מען אונדז פיינט האָבן, און אַז ווען מיר זאָלן נישט זיין קיין יידן—וועט דאָס קיינער נישט דערלעבן!

— אָט דאָס איז טאַקע אונדזער אומגליק, איבער אַזוינע יידן ווי מיר, וואָס רעדן זיך איין, אַז אייביק מוז מען אונדז פיינט האָבן, ווייל מיר זענען יידן, אַז אונדזער גאַנצע וועלט באַשטייט נאָר אין תהלים זאָגן און אויף דער עלטער אַוועקפאָרן קיין ארץ ישראל שטאַרבן, איבער אַזוינע יידן, זאָג איך, קען די לאַגע פון דעם כּלל ישראל נישט פאַרבעסערט ווערן.

— ר׳ יעקב, איר האָט שוין אָנגעהייבן אַריינגיין מיט מיר אין צו ווייטע דרכים? דאָ פאַרשטיי איך שוין גאָרנישט. איך בין אַ פּראָסטער ייד, פאַרשטייט איר מיך?..

נאָר שפּיצבוים האָט אים נישט געהערט און האָט נישט אויפ-געהערט צו רעדן, ווענדנדיק זיך אַלעמאָל צום דאָקטאָר:

— גלויבט מיר, ה׳ פרידמאַן, נאָך דעם פּאָגראָם, ווען פּאָר יידן איז קיין שום האָפענונג נישט געבליבן, פלעג איך זיך נאָר טרייסטן דערמיט, וואָס איך האָב געזען, אַז ביי יידישע יונגעלייט האָט זיך באַוויזן דער געדאַנק פון דער עמיגראַציע קיין פּאַלעסטינע. איך באַ-טראַכט אָפט און געפין, אַז נאָר אין דעם קענען יידן זייער גליק און רו געפינען. נאָר אַז איך הייב מיך אָן דערמאַנען אָן אַזעלכע יידן, ווי יידל, לאָזן זיך ביי מיר אַראָפּ הענט און פיס. איר זאָלט מיך אָבער בעסער פאַרשטיין, מוז איך זאָגן, אַז מען קען גאָרנישט דערוואַרטן קיין גוטס, ביז מען וועט נישט פאַרשטיין אונדזער לאַגע. ווען דער רוב פון אונדזערע יידן זאָל פאַרשטיין די איצטיקע לאַגע

און קומען צו דער איבערצייגונג, אַז מען מוז זוכן אַן אָרט, וווּ מען זאָל נישט דאַרפן מער הענגען אין דער לופט. און אַז דאָס בעסטע אָרט דערצו איז טאַקע פּאַלעסטינע — וואָלטן מיר מיט דער צייט טאַקע געקומען צו אַ צוועק און גובר געווען אַלע שטערונגען, וואָס ליגן אויף דעם שווערן וועג. נאָר ווען אונדזערע יידן דאָס פאַרשטיין? וואָס קען אַליין אויפטאָן דאָס ביסעלע יידן, וואָס מיר האָבן הייַנט באַגלייט אין זייער וויטן שווערן וועג? זיי אַליין וועלן געוויס זייער פיל צרות איבערטראָגן ביז זיי וועלן קומען האַלבוועגס צו עפּעס אַ שטאַנד: עס איז קיין צווייפל, אַז מיט דער צייט וועלן זיי קומען צו זייער צוועק, און קיינער וועט אויף זיי נישט קענען שרייען, אַז זיי זענען פרעמדע, נאָר עס פרעגט זיך: צי מיט דעם ביסעלע יידן, וואָס וועלן ווערן ערדאַרבעטער און וועלן זיין גליקלעך — וועט ווערן פאַרבעסערט די לאַגע פון כל ישראל? איך וואָלט זייער געוואָלט וויסן די מיינונג פון אייך, ה׳ דאָקטאָר?

דער אַלטער שפּיצבוים און דאָקטאָר פרידמאַן האָבן נישט אויפגעהערט צו פירן זייער שמועס:

— נאָך מיין מיינונג, וועט געוויס ווערן בעסער פאַר אַלע, עס וועט ווערן גרוימער...

— איך ווייס שוין. איך ווייס שוין וואָס איר ווילט זאָגן. איך האָב שוין די מיינונג געהערט פון אַ סך, נאָר איר האָט אין דעם אַ גרויסן טעות, אַ פאַלשן חשבון. עס איז אַלצאיינס. מיט פינף, צי מיט צען טויזנט וועט נישט גרינגער ווערן די אַנדערע מיליאָנען יידן, און איידער מען קוקט זיך אַרום, וואַקסן אָן נייע צוואַנציק טויזנט! עס איז אַקוראַט ווי מען זאָל זאָגן, אַז ווען מען נעמט אָן עמער וואַסער אַרויס פון טייך, וועט דאָרט ווערן ווייניקער וואַסער! ניין, נישט דערפון וועט בעסער ווערן די לאַגע פון כלל ישראל. בעסער וועט ווערן טאַקע נאָר דעם ביסעלע יידן אַליין! דער כלל וועט אָבער בלייבן אין דער גרויסער בלאָטע, אין וועלכער ער שטעקט אַצינד! ניין, איך מוז עס אַרויסזאָגן. כל זמן אונדזערע יידן וועלן דענקען און פאַרשטיין דאָס לעבן ווי אַצינד, וועט קיין שום זאַך נישט העלפן.

— ניין, ה׳ דאָקטאָר, לאָז קומען משיח אַליין, וועל איך אים זאָגן, אַז ער זאָל די יידן לאָזן צורו, ווארים ער וועט פון זיי גאָרנישט מאַכן. די לעצטע האָפענונג פאַר דעם יידנטום, די איינציקע

רעטונג איז דאָס ביסל יידן, וואָס באַשטייען פון געזונטע יונגעלייט, ווי באַלדשמיד און זיינע חברים, וואָס זענען געפאָרן קיין ארץ ישראל. אָבער די יידן וואָס ווילן נישט פאָרן און בלייבן אויף זייערע ערטער, זאָלן זיי זיך אָפּלעבן זייערע יאָרן, ווי זיי ווילן.

די יידישע ערדאַרבעטער מעגן דאָ אויך בלייבן, עס וועט זיי דאָ אויך גוט זיין, נאָך וואָס דאַרפן זיי פאָרן קיין פּאַלעסטינע?—האָט פרידמאַן באַמערקט.

— ניין, ה׳ דאָקטאָר, מיר האָבן דערלעבט אַזוינע צייטן, אַז אַן אַרבעטער און אַ שענקער, אויב זיי זענען נאָר יידן, זענען אין אונדזערע שונאימס אויגן גלייך און זיי וועלן זיי קיין רו נישט געבן. וואָס דאַרפן מיר דאָ וויט גיין? האָבן מיר דען נישט געזען מיט אונדזערע אויגן, ווי מען האָט אין סטעפּקיווקע דעם יידישן מוזשיק מיט אַלע יידישע ערדאַרבעטער, וואָס האָבן געאַרבעט אויף די פעלדער, גלייך געשלאָגן, געהרגעט און געראַבעוועט, ווי דעם שענקער. וואָס הערן מיר פון די יידישע ערדאַרבעטער אין נאַוואַראַסיע און די דאָרטיקע יידישע קאָלאָניעס? ראַבעוועט מען זיי דאָרט נישט? צע-טרעט מען נישט זייערע תבואות? צעטרייבט מען נישט זייערע בהמות און שאָף? פאַר יידן איז איצט איין וועג — עמיגראַציע. אין אַנדערע לענדער דאַרפן זיי זוכן אַ נייַ פאַטערלאַנד: דאָרט מוזן זיי איינגאַנצן זיך איבערצודערציען, ווערן פרייע און נוצלעכע מענטשן. עס מעג זיין, אַז זיי וועלן דאָרט אויך ליידן צרות און נויט, אָבער די צייט וועט זיי אָדער זייערע קינדער מאַכן גליקלעכער. אונדזער אויפגאַבע איז — דאָ פאַרצוברייטן פעיקע ערד און פאַבריק-אַרבעטער און זיי אונטערשטיצן, ווען זיי וועלן עמיגרירן אין אַנדערע לענדער.

* * *

אין דער צייט, וואָס שפּיצבוים מיט דעם דאָקטאָר האָבן גע-רעדט, איז יידל שדכן געזעסן און האָט פון זיי קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט; ער האָט זיך צוגעהערט צו יעדן וואָרט, וואָס די

„דייטשן" — „די היינטוועלטיקע" רעדן, כאָטש ער האָט אַ סך פון זייערע רייד ניט פאַרשטאַנען.

— אַ וווּנדער, כלעבן, — האָט ער זיך געטראַכט. — זיי רעדן, דאַכט זיך, יידיש און איך פאַרשטיי נישט איין וואָרט... אַזוי איז תּמיד מיט אַ „דייטש", כּל זמן ער קומט זיך צונויף מיט אַ יידן אַ חסיד, רעדט ער, דאַכט זיך, ווי אַ ייד גלייך מיט אַלע יידן וועגן יידישקייט אַזוי, אַז ווען ער זאָל נישט טראָגן קיין קאַפּעליוש מיט קורצע קליידער, וואָלט מען געמיינט, אַז דאָס רעדט אַ חסיד. נאָר קוים קומט ער צוזאַמען מיט זיינע לייט, איז נישט מעגלעך אַ וואָרט צו פאַרשטיין. מען זעט נאָר, ווי זיי קריגן זיך. דער זאָגט אַזוי און דער אַנדערש, היינט דערגיי אַ טאָלק! איך האָב אַזוי קיין צייט נישט און זיי האָבן זיך אַזוי לאַנג פאַרשמועסט.

שפּיצבוים האָט באַמערקט, אַז ר' יידל זיצט, ווי אויף שפּילקעס, האָט ער אים געזאָגט:

— איר, ר' יידל, האָט דאָך קיינמאָל קיין צייט נישט צו קומען צו גאַסט. אַז איר זענט יאָ געקומען, האָט איר מסתמא געבראַכט אַ סך נייס.

— יאָ, איך בין טאַקע וועגן דעם צו אייך געקומען, נאָר איר ווייסט, אַז איך האָב פיינט יענעמס אַריינצופאַלן אין די רייד, פאַרשטייט איר מיך... איר האָט גערעדט מיט דעם דאָקטאָר, האָב איך געהערט און נישט געוואָלט איבעררייסן אייער שמועס.. נאָר וואָס האָב איך אייך געוואָלט זאָגן? יאָ, איך בין צו אייך געקומען, פאַרשטייט איר מיך... איך בין דאָך עפּעס יידל שדכן!

— אָט דאָס האָט איר אונדז געוואָלט דערציילן, אַז איר זענט יידל שדכן? מיר ווייסן דאָס שוין פון לאַנג!

— ניין, נישט דאָס האָב איך געוואָלט זאָגן, פאַרשטייט איר מיך... איך בין געקומען צו אייך — אויף וואָס קומט יידל שדכן, ווען נישט וועגן אַ שידוך?

— ר' יידל, מיר זענט איר געקומען רעדן אַ שידוך? — האָט זיך שפּיצבוים צעלאַכט.

— ניין, ר' יעקב, איר זאָלט מיר געזונט זיין, יידל שדכן ווייסט, וואָס ער רעדט, פאַרשטייט איר מיך... איך רעד אַ שידוך דעם אַרענדאַר לעמלען פון סטעפּקיווקע.

שפּיצבוים מיט דעם דאָקטאָר האָבן מער נישט געקאָנט אויס-האַלטן, און איינער פון זיי האָט זיך אָנגערופן:

— מען מעג אייך מקנא זיין, ר׳ יידל, אַז אויף דער עלטער גלוסט זיך אייך נאָך זאָגן ווערטלעך און חוזק מאַכן פון יענעם.

איך פאַרשטיי אייך נישט, איר זאָלט מיר זיין געזונט, פאַרשטייט איר מיך...

— וואָס דען זאָל איך זאָגן אויף אייך, אַז אייך גלוסט זיך רעדן אַ שידוך לעמלען!

— וואָס איז? קיין עלטערע אַלמנס האָבן דען נישט חתונה? וואָס איז פאַר אַ תּכלית, אַז לעמל ווײנט אַליין אָן קינדער, אָן אַ ווייב? אַזוי לעבט נישט קיין ייד!

— יאָ, עס איז אַוודאי נישט קיין תּכלית פאַר לעמלען אַזוי צו לעבן. פאַר אים וואָלט געווען גלייכער, ער זאָל האָבן אַ ווייב, נאָר וואָס פאַר אַ משוגענע וועט מיט אים לעבן? איז ער דען אַ מענטש?

— איר זאָלט מיר קיין פאַריבל נישט האָבן, ר׳ יעקב, און טאַקע איר אויך, ליבער דאָקטאָר, פאַרשטייט איר מיך... איר זענט טאַקע געלערנטע און דייטשע יידן מיט גרויסע קעפּ, נאָר גאָטס וווּנדער פאַרשטייט איר מיך... כאָטש איר, ר׳ יעקב, זענט שוין אַן אַלטער ייד, נאָר איך בין עלטער פון אייך, און וואָס מער איך לעב, זע איך מער גאָטס וווּנדער. טוט דען גאָט מיט מיר נישט קיין וווּנדער אויף דער עלטער? איך האָב שוין אָפּגעלעבט אַלע יאָרן, איך בין שוין אַריבער די „זיבעציק" און גאָט האָט נאָך ביי מיר נישט צוגענומען דעם שכל ווי אַזוי צוצופּאַסן אַ גלייכן שידוך, פאַרשטייט איר מיך...

— נו לאָמיר הערן, ר׳ יידל, אפשר איז טאַקע גלייך ווי איר זאָגט...

— וואָס דען? יידל זאָגט שטענדיק גלייך, פאַרשטייט איר מיך... אָט וועל איך אייך ווייזן: כּל זמן לעמל האָט געהאַט אַ טאָכטער, האָב איך גאָרנישט געטראַכט אים צו רעדן אַ שידוך. איך האָב מיר געטראַכט — לעמל איז טאַקע אַן אַלמן, נאָר נישט קיין געראָטענער, וואָס טויג אים גאָר חתונה האָבן? אַזוי לאַנג ווי ער האָט ביי זיך גע-האַט זיין טאָכטער רחל, וועלכע קען זיין אַ באַלעבאָסטע און דערגאָך, וועט זי וועט חתונה האָבן, וועט ער זיין ביי דער טאָכטער. אָבער איצט, אַז רחל איז פאַרפאַלן געוואָרן, און לעמל איז געבליבן אַליין מיט אַ קרעטשמע און ארענדע און האָט נאָך חודש-געלט אויך,

מיט וואָס סאַלאמאן האָט אים פאַרזאָרגט, היינט וואָס פאַר אַ לעבן וועט ער פירן אָן אַ ווייב און אָן אַ קינד? איצט מוז לעמל חתונה האָבן, פאַרשטייט איר מיך...

— יאָ, אָבער פאַר וועמען? ווער וועט וועלן פאַר אים חתונה האָבן?

— וואָס הייסט, ר׳ יעקב, איך פאַרשטיי אייך נישט? פאַרוואָס זאָל מען פאַר אים נישט חתונה האָבן? ער קען נאָך בפירוש קומען צו אַ פיינעם שידוך. קיין חתנים וואַלגערן זיך היינטיקע יאָרן נישט. בפרט, ווען יונגעלייט האָבן אָנגעהייבן איצט אַוועקפאָרן קיין ארץ ישראל און קיין אַמעריקע, אַ, לעמל איז נישט אַזוי יונג און נישט מיט אַלע מעלות, וואָס-זשע איז?ביידע אינאיינעם איז נישטאָ ביי קיינעם, פאַרשטייט איר מיך. אַן אַלטער גביר פון פינפאונזעכציק יאָר, וואָס האָט אַ האַלבן מיליאָן קערבלעך און איז משוגע פאַר אַ מיליאָן, נאָך פיל מער, ווי לעמל, פונדעסטוועגן האָט ער חתונה געהאַט פאַר אַ יונג מיידל... קיינער האָט זיך גאָרנישט געוווּנדערט און נעפרעגט, ווי עס קומט, אַ יונג שיין מיידל זאָל זיך באַשליסן חתונה האָבן פאַר אַזאַ אַלטן קאַליקע, נאָר אויף לעמלען, וואָס האָט נישט קיין האַלבן מיליאָן, וווּנדערט איר זיך, ווי וועט זיך גאָר געפינען איינע, וואָס זאָל אים וועלן נעמען!

— גלויבט מיר, ר׳ יעקב, — האָט יידל שדכן ווייטער גערעדט,— איך בין געגוג קלאָר אין הלכות שידוכים. ווען דער אייגענער לעמל זאָל האָבן כאָטש נאָר פופציק טויזנט קערבלעך, וואָלט ער גאָרנישט געהייסן קיין דערשלאָגענער, קיין משוגענער. יעדער וואָלט געזאָגט, אַז ער איז אַ „משוגענער גביר" און פאַר אַ גביר פּאַסט צו זיין משוגע... און ווען דער גביר לעמל זאָל וועלן חתונה האָבן אויף דער עלטער און וועלן נעמען אַ בתולה, וואָלטן זיך אַלע מיידלעך איבער אים געשלאָגן. איצט וווּנדערט איר זיך און פרעגט, ווער עס וועט אים נעמען? אמת, קיין סך שידוכים שלאָגן זיך איבער אים נישט, נאָר איינעם זייער אַ גלייכן שידוך האָב איך געפונען און וועגן דעם בין איך געקומען צו אייך פרעגן, צי עס איז גלייך? ווייל ווערליק איך האָב געהערט, האָט ר׳ חיימס זון, איידער ער איז אַוועקגעפאָרן, אייך איבערגעגעבן, איר זאָלט אָפּט אַריבערפאָרן קיין סטעפּקיווקע אַכטונג געבן, וויאַזוי לעמל לעבט, צי גיט מען אים זיין חודש-געלט, צי איז

ער צעפרידן, מיט איין וואָרט, עס איז אין אייך געוועגדט צי דער שידוך זאָל ווערן למזל אַ שידוך, אָדער ניין.

— פלאָגט אונדז נישט, ר׳ יידל! — האָט דער דאָקטאָר זיך שוין נישט געקענט איינהאַלטן, ווייל ער איז זייער נייגעריק געווען צו וויסן, מיט וועמען קען מען לעמלען רעדן אַ שידוך.

— איך וועל אייך זאָגן, פאַרוואָס נישט? דאָס איז נישט קיין שידוך פון אַ יינגעלע מיט אַ מיידעלע, וואָס מען זאָל דאַרפן רעדן צווישן פיר אויגן און עס באַהאַלטן אין אַ פושקעלע... איך בין דאָך טאַקע וועגן דעם געקומען צו אייך, פאַרשטייט איר מיך...

— אוי, ר׳ יידל, אייער „פאַרשטייט איר מיך" ליגט מיר שוין אין גאָרגל. זאָגט מיר, ענדלעך, ווער און וואָס? — האָט דער דאָקטאָר געפרעגט מיט דער גרעסטער גייגעריקייט.

— או׳, ליבער דאָקטאָר, איר קענט נאָך אַפּנים יידל שדכן נישט. וואַרט אויס, אייערע קינדערלעך וועלן נאָך אונטערוואַקסן, זיי זאָלן אייך געזונט און שטאַרק זיין, וועט איר מוזן אָנקומען צו יידל שדכן, פאַרשטייט איר מיך, כאָטש ביי אייערע „דייטשן" ווייל מען חתונה האָבן אָן אַ שדכן... נאָר אָן יידל שדכן קען מען, פאַר־שטייט איר מיך, זיך פאָרט נישט אויסדרייען. אָט גאָלדשמיד איז אויך אַ דייטש...

דער דאָקטאָר האָט געזען, אַז ער קען מיט אים גאָרנישט מאַכן, האָט ער זיך צעלאַכט, נאָר ווען ער האָט דערזען, אַז יידל שדכן וויל אָנהייבן דערציילן אַ נייע מעשה פון גאָלדשמידן, האָט ער אים איבערגעשלאָגן און נישט געלאָזט ווייטער רעדן.

— מיר ווייסן, מיר ווייסן, ר׳ יידל, מיר רעדן דאָך איצט פון לעמלס שידוך.

שפּיצבוים, וואָס האָט מער געקענט יידל שדכן, האָט שטענדיק געהאַט גרויס פאַרגעניגן פון זיינע רייד. ער איז געזעסן רויק און האָט צוגעהערט מיט געדולט.

— יאָ, — האָט געזאָגט יידל, — איר זענט גערעכט, ליבער דאָק־טאָר, מיר רעדן איצט פון לעמלס שידוך. איר געדענקט אוודאי דעם אַמאָליקן גביר ר׳ יואל רידערסקי. ער איז געווען אַ גרויסער גביר און אַ גרויסער מיוחס ביי אונדזער רבין, זאָל לעבן. ער פלעגט זאָגן אויף אים...

— אָן מעשיות, ר׳ יידל, דערציילט ווייטער!..

— זינט ער איז געשטאָרבן, איז פון אַלץ, נישט פאַר קיינעם באַדאַכט, געוואָרן אַ תּל. נאָר נאָך אומגליקלעך פון אַלע איז גע־בליבן, נעבעך, זיין טאָכטער ציפּע מיט צוויי קינדער...

— נו, רעדט איר זי לעמלען? — האָט שפּיצבוים מיטן דאָקטאָר אויסגעשריען. — וואָס זאָגט איר, ר' יידל? איר זענט, דאַכט זיך, אַ קלוגער ייד, איז דאָס גליך? ווי קען דאָס זיין?

— איר זאָלט מיר אַלע לעבן און געזונט זיין, וואָס וווּנדערט איר זיך? מסתּמא ווייסט גאָט אַזוי, געוויס איז דאָס אַ זיווּוג פון גאָט. יידל שדכן טוט נישט אָן דעם רבונו של עולם קיין שידוך. דער רבונו של עולם הייסט און יידל שדכן איז זיין שליח. אפשר האָט דער אויבערשטער געפירט אַזוי, אַז ר' יואל רידערסקי זאָל צו־ליב דעם זיווּוג שטאַרבן אָן אָרעמאַן, כּדי דער שידוך זאָל ווערן צווישן זיין טאָכטער ציפּע מיט לעמלען. אפשר צוליב דעם האָט ציפּען גאָט צוגעשיקט אַ מאַן אַ שאַרלאַטאַן, טייטלשוואָמען, וואָס זאָל זי באַראַבעווען און זי נאָך לאָזן מיט צוויי קינדער און נאָך מיט נענוג צרות אַ גט ביי אים אַרויסקריגן. אפשר איז דאָס אַלץ, כּדי דער זיווּוג מיט לעמלען זאָל ווערן. וואָרים, ווי ציפּע זאָל זיין אומ־גליקלעך — ווען זי זאָל נישט האָבן די צוויי קינדער, וואָס זענען שטענדיק הונגעריק און זי האָט נישט פון וואָס זיי מפרנס צו זיין, וואָלט זי בעסער געגאַנגען דינען און וואָלט נישט חתונה געהאַט פאַר לעמלען... אפשר האָט דאָס גאָט אַזוי געפירט, ווייל עס איז אַ זיווּוג מן השמים? אפשר זענען צוליב דעם די פּאָגראָמען געווען און לעמלס טאָכטער, רחל, איז פאַרפאַלן געוואָרן, כּדי זיי זאָלן חתונה האָבן, ווער ווייסט?..

— ציפּעס אייגציקער פאַרמעגלעכער קרוב סאָלאָמאָן, וואָס וואָלט איר אפשר געקענט מיט עפּעס העלפן, זי זאָל נישט שטאַרבן פון הונגער, איז אָוועקגעפאָרן זוכן רחלען, מיט וועלכע ער וויל חתונה האָבן און מען הערט נישט און מען זעט נישט. דערוויל איז ציפּען זייער נישט גוט און קיין אַנדער כּלה איז פאַר איר נישטאָ, זי מוז חתונה האָבן. און צו אייך בין איך געקומען, איר זאָלט זיך אויך אַריינלייגן אין דעם שידוך, כּדי ער זאָל למזל ווערן ווי צום גיכסטן...

שפּיצבוים האָט געזען, אַז יידל האָט רעכט.

— נאָר, ר' יידל, ווי' ציפּע דען דעם שידוך? איז דאָס מעגלעך?

— איך האָב שוין מיט איר גערעדט, פאַרשטייט איר מיך, זי באַשטייט...

— אָבער קען דאָס זיין אַ גליקלעכער שידוך פאַרביידע?

— זייער אַ גליקלעכער פאַר ביידע! ציפּע איז נישט קיין נאַריש ווייבל. זי איז שוין נישט אַזוי נאַריש, ווי זי איז געווען מיידלווייז. זי פאַרשטייט גאַנץ גוט, אַז ביי היינטיקער צייט וואַלגערן זיך נישט קיין חתנים... ווו האָט איר היינט יונגעליים? ציפּע איז נישט קיין יונג ווייבל, זי איז אַ מאַמע פון צוויי קינדער, ווער וועט זי נעמען אָן אַ גראָשן נדן? לעמל האָט אָן אייגענע קרעטשמע מיט חודש-געלט. אַליין האָט ער קיין קינדער נישט... אַי, ער איז נישט מיט אַלע מעלות, פאַרשטייט זי אויך זייער גוט, אַז איינער מיט מעלות וועט זי נישט נעמען. מיט איין וואָרט פאַר ציפּען איז דאָס אַ גליק...

— זאָל זיין אַזוי, אָבער איז דאָס גוט פאַר לעמלען?

— זייער גוט... איר דאַרפט וויסן, אַז ציפּע איז נישט מער דאָס, וואָס זי איז אַמאָל געווען. צרות און נויט האָבן זי צוגעווינט צו אַלץ. זי איז איצט אַן ערלעכע יידישע טאָכטער גלייך מיט אַלע, און דענקט נאָר מפרנס צו זיין אירע צוויי קינדער. זי וועט געוויס אָפּהיטן איר מאַן, ווען זי וועט געפינען אַהיים פאַר זיך און פאַר אירע קינדער.

יידל האָט באַמערקט, אַז זיי וווּנדערן זיך און גלויבן נאָך נישט, האָט ער זיך ווידער אָנגערופן:

— גלויבט מיר, ר' יעקב, אויף גאָטס וועלטל קענען זיך אַלץ טרעפן און אומעטום זענען דאָ ווונדער, פאַרשטייט איר מיך... ווער וואָלט עס געגלויבט, אַז דעם יידישן מוזשיק מלמדס זון, דער תמעוואַטע לעמל, זאָל גאָר אַמאָל חתונה האָבן און האָבן אַזאַ שיין קינד, ווי רחל איז, און ר' שלומס אייניקל, וואָס איז רייך, זאָל אַלץ אָוועקוואַרפן און אַרומפאָרן זי זוכן. וואָס איז? — ער וויל קיין אַנדערן שידוך נישט, ווי לעמלס טאָכטער. איך וואָלט אים דען נישט געקענט געבן אַ לייטישערן שידוך? זעט איר דאָך, אַז אויף גאָטס וועלטל קען זיך אַלץ טרעפן! און מיר, מענטשן, דאַרפן זיך גאָרנישט ווונדערן, ווייל מיר האָבן גאָר קיין שום דעות נישט אין

זיין וועלט. איך זאָג אייך, אַז צווישן לעמלען מיט ציפּען איז אַ זיוווג מן השמים און מיר האָבן זיך נישט צו וווּנדערן אויף גאָטס מעשים. דערפאַר מוזט איר מיט מיר פאָרן קיין סטעפּקיווקע צו לעמלען און זיך אַריינבלייגן אין דעם שידוך, כּדי ער זאָל ווערן למזל, ווי צום גיכסטן. און איך האָף, אַז פון מיין שדכנות וועט איר נישט וועלן קיין חלק — ווי זאָגט איר, ה׳ דאָקטאָר? סאָלאָמאָן וועט געוויס אויך צופרידן זיין און וועט געוויס נאָך פון חתנס צד געבן שדכנות, פאַרשטייט איר מיך...

נאָר שפּיצבוים מיטן דאָקטאָר האָבן נישט געהערט זיינע לעצטע ווערטער, זיי האָבן זיך ווידער פאַררעדט וועגן עפּעס אַן ענין.

יידל שדכן האָט צוגעהערט, ווי די דייטשן האָבן זיך ווייטער פאַרשמועסט, ער האָט אָבער נישט געוואָלט אָפּטרעטן, ביז שפּיצבוים האָט אים בּצמוזט צוזאָגן מאָרגן צו פאָרן צו לעמלען זיך אַריינלייגן אינם שידוך. עס פאַרשטייט זיך, אַז יידל איז נישט אַוועקגעגאַנגען, ביז ער האָט נישט אויסגעטרונקען עטלעכע לחיימס און האָט געווונטשן, אַז עס זאָלן קומען ישועות ונחמות אויף יידן, אַז די אַלע עמיגראַנטן, וואָס זענען היינט אַוועקגעפאָרן, זאָלן אָנקומען בשלום קיין ארץ-ישראל.

— און מיר זאָל גאָט העלפן, — האָט יידל ווייטער געווונטשן — אַז מיינע ביינער זאָלן זוכה זיין צו ליגן אין ארץ-ישראל אינאיי עם מיט ר׳ יעקב שפּיצבוים און אַלע יידן...

— עט, וואָס זענען מיר? — האָט שפּיצבוים געענטפערט.—אונדז איז אַלצאיינס, אונדזערע קינדער...

— נו, נו, לחיים... אונדזערע קינדער... אַלצאיינס, אַבי יידן זאָלן זיין אין ארץ-ישראל! — לחיים, לחיים! אויף דעם בעטן מ׳ר אַזוי פיל יאָרן אַלע טאָג ביים דאַווענען, זאָלן מיר דען גאָרנישט פועלן ביי אונדזער רבונו-של-עולם? אַי, טאָמער האָט ער גאָר אין אונדז פאַרגעסן, ווי אַנדערע זאָגן, נאָר איך זאָג אייך, אַז ער האָט אין אונדז נישט פאַרגעסן, און ווען ער איז אַ ביסל איינגעשפּאַרט, דאַרפן מיר, יידן, זיך אויך איינשפּאַרן, פאַרשטייט איר מיך... וועט ער אונדז מוזן צוליב טאָן, אַ ברירה וועט ער האָבן? ער וועט מוזן! וואָס דען זאָל ער טאָן מיט זיינע יידעלעך?.. נו, לחיים, לחיים, לשנה הבאה בירושלים!

און ר׳ יידל האָט אויסגעטרונקען דאָס קעלישעקל ביזן דנאָ.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז למזל געווען די חתונה ביי־ דעמלען מיט ציפּען. זי איז מיט אירע קינדער אַרויסגעפאָרן קיין סטעפּקיווקע און איז געוואָרן אין דער קרעטשמע אַ באַלעבאָסטע. דעם מענטשן, וואָס מען האָט פריער געהאַלטן, ער זאָל אָפּהיטן לעמ־ לען, האָט מען אָפּגעזאָגט. ציפּע האָט באַלד נאָך דער חתונה גע־ קויפט אַ קו, אין שטוב איז שטענדיק געווען מילכיקס, און וואָס עס איז געבליבן, פלעגט זי פאַרקויפן. זי האָט זיך אויך אויסגעלערנט פאַראַקערן דעם גאָרטן, פאַרזייען קאַרטאָפל, קרויט און אַנדערע גרינ־ וואַרג, ווי די פאַרפאַלענע רחל פלעגט טאָן.

אויף קבר־אבות.

אין דער שטאָט נעזווינק געפינט זיך אַן אַלטער בית־עולם מיט קברים פון צדיקים און קדושים, וואָס זענען אומגעקומען אין כמעל־ ניצקיס און אין גאָנטעס צייטן און פון נאָך אַלערליי היידעמאַקעס, וואָס זענען עטלעכע מאָל אָנגעפאַלן אויף דער אוקראַינישער שטאָט נעזווינק, ווו זיי האָבן אויסגעקוילעט און פאַרברענט יידן מיט ווייבער און קינדער אין די הונדערטערווייז.

מען האָט זיך באַהאַלטן אין די שולן און אין די בתי־מדרשים, וועלכע די היידעמאַקעס האָבן אונטערגעצונדן און די יידן מיט די תפילות אויף די ליפּן האָבן אין פייער אויסגעהויכט זייערע הייליקע נשמות.

אַלטע פרומע יידן פון גאַנץ אוקראַינע און פּאָדאָליע פאָרן פון לאַנגע יאָרן אָן, ראש חודש אלול, אויף קבר אבות קיין נעזווינק צו די צדיקים און קדושים.

די אַלטע יידן קענען דאָ יעדן קבר, די גאַנצע אלול־טעג גייען זיי דאָ אַרום אויף דעם בית־עולם, שטעלן זיך אָפּ ביי יעדן קבר, לייענען איבער די אַלטע און אַפילו די נייע מצבות און דערציילן

וועגן יעדן יידנס גרויסקייט, ווי זיי האָבן לעבן ביים געוווסט, ווי אַזוי גאָט צו דינען, ווי זיי האָבן זיין נאָמען גרויס געמאַכט און וואָס פאַר אַ גוטע מעשים זיי האָבן געטאָן אויף דער זינדיקער ערד.

עס גייען צווישן די קברים צוויי אַלטיטשקע יידן, איינגעהויקערט פון אַלטקייט, מיט שטעקנס אין די הענט, אויף וועלכע זיי שפאַרן זיך אַלעמאָל אָן. זיי רעדן צווישן זיך און זייערע ווייסע בערד שאָקלען זיך.

זיי האָבן אין זייער לעבן פיל געזען, אַ סך איבערגעלעבט און האָבן אַ סך, זייער אַ סך צו דערציילן.

אָט שטעלן זיי זיך אָפּ ביי אַ קבר און לייענען איבער אויף אַ שטיינערנער מצבה: ר׳ יואל רידערסקי.

זיי שאָקלען מיט די קעפּ, און זיפצנדיק, דערציילט איינער דעם צווייטן:

— געווען זיין גאַנץ לעבן דער גרעסטער גביר אין נעזווינק, זיך געחעכנט ביים רבין זכרונו לברכה פאַר דעם גרעסטן חסיד, פיל צדקה געטיילט און איז געשטאָרבן אַן אָרעמאַן. אַפילו אויף אייגענע תכריכים נישט געהאַט... און אָט נישט ווייט איז נאָך דאָ אַ קבר פון זיין טאָכטער ציפּע... געפאָרן אַמאָל אין קאָרעטן, אויף דער עלטער איז זי אַרומגעגאַנגען אין שמאַטעס און אָנגעקומען צו נדבות, געשטאָרבן אין פרעמדע תכריכים.

— געהערט, געהערט וועגן ר׳ יואל רידערסקי! אָבער ווי קומט זיין טאָכטער צו אַזאַ טרויעריקן סוף?—האָט דער צווייטער געפרעגט.— די האָט דאָך חתונה געהאַט פאַר לעמלען פון דאָרף סטעפּקיוזקע?

— יאָ, חתונה געהאַט, איז אָבער דאָרטן פאָרגעקומען אַ צווייטער פאָגראָם אויף די עטלעכע יידן, וואָס האָבן דאָרטן געוווינט... לעמלען האָבן די פאָגראָמשטשיקעס דערהרגעט און שפּעטער האָט מען אין „וואָלאָסט" געמאַכט אַ „פּריגאָוואָר", מען זאָל די איבערגעבליבענע יידן אַרויסשיקן פון דאָרף און לעמלס ווייב ציפּע האָט מען אויך אַרויסגעשיקט, און דאָ אין שטאָט האָט זי זיך אַזוי לאַנג געפּלאָגט, ביז זי איז פון נויט געשטאָרבן.

די צוויי אַלטע זענען ווייטער געגאַנגען צווישן די קברים. איינער פון זיי האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ באַקאַנטן קבר, ווו ער האָט איבערגעלייענט אויף דער מצבה דעם נאָמען יעקב שפּיצבוים.

— ווייסטו ווער דאָ ליגט? — האָט איינער געפרעגט און אַליין

געגנטפערט, — דאָ ליגט אַ גרויסער אַפּיקורס, ער זאָל מיר מוחל זיין, נאָר ער האָט געקענט אַ סך לערנען... ער וואָלט באַדאַרפט זיין אַ ביסל פרומער, נאָר איין זאַך האָט ער געטאָן אַ גוטע אין זיין לעבן, ער האָט דערצויגן אַ פרעמד קינד מיט דעם נאָמען גאָלדשמיד, געמאַכט פון אים אַ גרויסן געלערנטן מענטשן און באַלד נאָך די ערשטע פאָגראָמען האָט ער אים געהייסן פאָרן אין אונדזער לאַנד ארץ ישראל. ער איז געפאָרן נישט אַליין, נאָר מיט אַ סך יונגעלייט, הלוואי מיר זאָלן נאָך זוכה זיין אויף אונדזערע עלטערע יאָרן צו פאָרן קיין ארץ ישראל.

— וואָס וועלן די יונגעלייט דאָרטן טאָן? — האָט דער צווייטער אַלטיטשקער מיט פאַרוווּנדערונג געפרעגט.

— די יונגעלייט האָבן געזאָגט, אַז זיי וועלן דאָרטן באַאַרבעטן אונדזער הייליקע ערד, זיי וועלן זיין ערדאַרבעטער אין אונדזער הייליק לאַנד.

— גאָטס וווּנדער! און גרויס זענען זיינע מעשים! — האָט דער צווייטער געזאָגט פון גרויס פאַרוווּנדערונג, אויפהייבנדיק די הענט צום הימל.

— נאָר ווייסטו וועמען איך בין מקנא? — האָט דער ערשטער צוגעגעבן, — יאַכצי די מלמדקע בין איך מקנא, ווייל איר איידעם גאָלדשמיד האָט נישט געהאַט אויף וועמען זי איבערצולאָזן אין נעזווינק, האָט ער זי מיטגענומען קיין ארץ ישראל.

און ביידע אַלטיטשקע האָבן אַ זיפץ געטאָן און מיט קנאה געזאָגט:

— נישט יעדער איז זוכה צו שטאַרבן אין ארץ ישראל און יאַכצי האָט זוכה געווען, אַן ערלעכע יידענע געווען.

די צוויי אַלטע יידן האָבן זיך שוין געלאָזט אַוועקגיין פון בית-עולם, האָבן זיי זיך אָנגעשטאָגן אָן אַ הויכער שטיינערנער מצבה.

— ווער ליגט דאָ אונטער דעם גרויסן שטיין? — האָט איינער ביים צווייטן געפרעגט.

זיי האָבן זיך ביידע אָנגעבויגן און איבערגעלייענט: ר' שלום דוויטמאַן.

— יאָ, דאָ ליגט דער יידישער מוזשיק פון דאָרף סטעפּקיווקע,— האָט איינער געזאָגט.

— ווער איז ער געווען?

— עס איז אַ גאַנצע מעשה צו דערציילן. איך בין נאָך יונג געווען, האָט מיר מיין טאַטע, ער זאָל זיין אַ גוטער מליץ, דערציילט, אַז דערדאָזיקער ר׳ שלום איז פריער געווען אַן ערלעכער ייד, אַ ייד פון לערנען, נאָר פלוצלונג האָט ער זיך איבערגעקערט...

— וואָס, זיך געשמדט? — האָט דער צווייטער אַ דערשראָקענער אים איבערגעשלאָגן די רייד. — ווי־זשע קומט ער דאָ אויף דעם יידישן בית־עולם?

— חס ושלום, ווער זאָגט געשמדט! ער איז ביז זיין טויט גע־בליבן אַ ייד. נאָר פלוצלונג פון דער העלער הויט האָט ער פאַרקויפט זיין קראָם, זיין שטוב מיט דער גאַנצער באַלעבאַטישקייט און אַרויס־געפאָרן אין דאָרף סטעפּקיווקע, געקויפט עטלעכע דעסיאַטין ערד און געוואָרן אַ פּראָסטער מוזשיק... און ער מיט זיין ווייב און קינדער האָבן געאַרבעט אויף די פעלדער גלייך מיט אַלע מוזשיקעס.

— און יידישקייט האָט ער אָפּגעהיט? — האָט דער צווייטער געפרעגט.

— אוודאי, ער איז אויך געווען אַ גרויסער בעל־צדקה. ווען מען איז פון שטאָט געקומען צו אים נאָך אַ נדבה, האָט ער קיינעם נישט אָפּגעזאָגט.

— זענען געבליבן פון אים קינדער?

— נאָר איין אייניקל, וועלכער הייסט טאַקע נאָך אים שלום, נאָך די פּאָגראָמען, וואָס זענען געווען אין סטעפּקיווקע און אין נעזווינק, האָט ער פאַרקויפט זיין ערד אין דאָרף מיט זיין גאַנצער באַלעבאַטישקייט און מען זאָגט, אַז ער האָט זיך געלאָזט אויף דער וועלט זוכן זיינע אַ כלה, לעמלס אַ טאָכטער, וועלכע איז אין פּאָ־גראָם ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן. מען זאָגט, אַז ער האָט זי געפונען, און אויך, ווי אַלע אַנדערע יונגעלייט, איז ער מיט איר אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל. נאָר צי עס איז אמת, ווייס איך נישט. זאָל אים גאָט העלפן! ער איז אַ ווילדער יונגערמאַן, כאָטש ער איז אַ „דייטש״ און האָט ליב צו געבן אַ שיינע נדבה.

— איז קיינער דאָ נישט געבליבן פון דעם יידישן מוזשיקס קינדער?

— קיינער נישט...

— און קיינער קומט נישט צו אים אויף קבר־אבות?

— קיינער נישט.

— אויב אַזוי,—האָט זיך דער צווייטער אַלטער ייד אָנגערופן,— וועל איך ביי דעם עלנטן קבר מאַכן אַן „אל מלא רחמים".

דער אַלטער האָט מיט אַ הייזעריקער נאָר ציטעריקער און האַרצרייסנדיקער טרויעריקער שטימע אָנגעהייבן צו זאָגן „אל מלא רחמים!" און פון זיין שטימע זענען עטלעכע פייגעלעך איבערגעשפרונגען פון איין קבר אויף דעם צווייטן.

נאָך דעם אל מלא רחמים האָבןביידע אַלטיטשקע יידן אָנגעהייבן מיט שלעפּעדיקע טריט אַרויסגיין פון בית-עולם, נישט אויפהערנדיק אַלעמאָל צו זיפצן און קרעכצן.

— הבל הבלים, הכל הבל... — האָט איינער געזאָגט.

— פון אַלץ לאָזט זיך אויס גאָרנישט!.. — האָט דער צווייטער געענטפערט.

און ביידע אַלטע יידן האָבן ווידער געזיפצט.

פאַרלאַג „אחיספר“, וואַרשע.

אַלע ווערק פון יעקב דינעזאָן

פון דאָסניי אַרויסגעגעבן מיט דערקלערונגען און איינלייטונגען.

שוין דערשינען:

I באַנד **הנאהבים והנעימים** אָדער דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק
ראָמאַן אין פיר טייל. 356 זייטן.

II באַנד **אבן נגף** אָדער אַ שטיין אין וועג
ראָמאַן אין פיר טייל. 500 זייטן.

III באַנד **הערשעלע** / **יאָסעלע**

IV באַנד **פאַליק און זיין הויז** / **קריזיס**

V באַנד **וועלטגעשיכטע**
פיר טייל. 640 זייטן.

עס דרוקן זיך און וועלן דערשיינען דעם ווינטער:

VI ב. **אַרטיקלען** און **זכרונות** וועגן **יעקב דינעזאָן**

VII ב. **אַלטער** (ראָמאַן). **VIII** ב. **קינדערשע נשמות**

IX באַנד **יאָסל אלגעברניק**

X באַנד **אם הבנים** אָדער **די שיינע רחעלע** (ראָמאַן)

XI באַנד **מעשיות בכל יום** (ראָמאַן)

אויסשליסליכער פאַרקויף: קאָאָפּעראַטיוו „ביכער“ וואַרשע, נאַלעווקי 2a

פאַרלאַג „אחיספר”, וואַרשע

ש. ל. ציטראָן, נייע ביכער:

שְׁתַּדְלָנִים

אינטערעסאַנטע יידישע טיפּן פון נאָענטן עבר

פּרייז   זל.

די געשיכטע פון דער יודישער פּרעסע

פון 1863 ביז 1884 יאָר.

פּרייז   זל.

דריי ליטעראַרישע דורות

כאַראַקטעריסטיקעס און זכרונות וועגן ייד. שריפטשטעלער

פערטע טייל.   פּרייז

מְשׁוּמָדִים

טיפּן און סילועטן פון נאָענטן עבר.

דריטע און פערטע טייל.   פּרייז

אויסשליסליכער פאַרקויף: קאָפּעראַטיוו „ביכער” וואַרשע, נאַלעווקי 2a

270

1486 6-3